STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01201

DER KEYSER IN GETO

Rachmil Bryks

*Permanent preservation of this book was made possible
by David E. Gold
in memory of
Bella (Letchinger) & Samuel "Sol" Slutzky of Chicago, Illinois*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ירחמיאל בריקס

די פּאַפּירענע קרוין

נאָוועלע

צווייטער טייל

דער „קייסער" אין געטאָ

מיט אַ הקדמה

פון פּראָפ. נחמן בלומענטאַל

מיין קרעדאָ

עסיי

אַרויסגעגעבן פון „ירחמיאל בריקס בוך קאָמיטעט", ניו יאָרק, נ. י.
מיט דער מיטהילף פון „יידישן פּ.ע.נ. קלוב", ניו יאָרק, נ. י.

ניו יאָרק 1969 תל אביב

The Paper Crown

Novel

by

Rachmil Bryks

Second Part of

THE "KING" OF THE GHETTO

With a Foreword by

PROF. NACHMAN BLUMENTAL

My Credo

Essay

Copyright 1969 *by*

RACHMIL BRYKS

240 W. 102nd Street
New York, N. Y. 10025
Tel. 663-3436

Printed in the United States of America

ווערק פון ירחמיאל בריקס:

יידיש:

1. „יונג־גרין־מאַי״, לירישע לידער, לאָדזש, פוילן, יוני, 1939.
2. „אויף קידוש השם״, „אַ קאַץ אין געטאָ״, „בערעלע אין געטאָ״, נאָוועלן, ניו יאָרק, 1952; 2־טע אויפלאַגע, ניו יאָרק, 1953; 3־טע אויפלאַגע, ניו יאָרק, 1954; 4־טע אויפלאַגע, ניו יאָרק, 1956.
3. דער „קייסער״ אין געטאָ, ראָמאַן, ניו יאָרק, 1961; 2־טע אויפלאַגע, ניו יאָרק, 1963.
4. „געטאָ פאַבריק 76״, פּאָעמע (געשאַפן אין לאָדזשער געטאָ אין יאָר 1943), מוזיק, קאַנטאטע, פון וויליאַם גונטאַר, צייכענונגען פון ראַפאַעל סאָיער. ניו יאָרק, 1967.
5. „די פּאַפּירענע קרוין״, ראָמאַן, ניו יאָרק, 1968.

העברעאיש:

5. „חתול בגטו״, מאת ירחמיאל בריקס, תרגום מאידית, אלחנן אינדלמן, הוצאת „הדואר״ ניו יורק, תשכ״ו, 1966.

גרייט צום דרוק:

6. „אַנטלויפערס״, ביאָגראַפישער ראָמאַן.
7. "THE PAPER CROWN", Novel.
8. „על קידוש השם״, סיפור.
"DIE KATZE IN GHETTO", (Der Schatz).

איבערזעצונגען:

העברעאיש, ענגליש, שוועדיש, פויליש, שפּאַניש, איטאַליעניש, דייטש, טשעכיש און רוסיש.

דערשינען אין ענגליש:

1. "A CAT IN THE GHETTO" Four Novellas by *Rachmil Bryks*. Translated from Yiddish by *Professor Morris Engel*. With a letter by *Eleanor Roosevelt*. Bloch Publishing Company, New York, N. Y. 1959.
2. A CUPBOARD IN THE GHETTO.
3. SANCTIFICATION OF GOD'S NAME.
4. BERELE IN GHETTO. Introduction by *Prof. Sol Liptzin*. Preface by *Prof. Irving Howe*.
5. DRAMA "THE WINDOWS OF HEAVEN" (Tragicomedy) by *Shimon Wincelberg*. Based on "A CAT IN THE GHETTO" by *Rachmil Bryks*. GAMBIT An International Drama Quarterly — Number 3, London, England, 1963.
6. "GHETTO FACTORY 76" Poem. Translated from Yiddish by *Theodor Primack* and *Prof. Dr. Eugen Kullmann* with a Foreword by *Isaac Bashevis Singer*.

לזכר עולם

דאָס ספר לזכרון: מיין ברודער שמחה אלעזר און זיין כלה סאָניע מילשטיין, וואָס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אין דער נאַכט פון 14־טן אויפן 15־טן מאַי 1946, דורך פוילישע נאַציאָנאַליסטן אין אונדזער שטעטל סקאַרזשיסקאָ, פוילן. דריי טעג שפּעטער ל״ג בעומר האָט געזאָלט פאָרקומען זייער חתונה. שמחה איז דעמאָלט געווען דער סעקרעטאַר פון דער „יידישער רעליגיעזער פאַראייניקונג״ אין סקאַרזשיסקאָ. ביידע האָבן דורכגעלעבט דעם נאַציזם. שמחה איז געווען אַ קעמפער פאַר אַ יושרדיקער וועלט. אין יאָר 1939 האָט ער געקעמפט אין דער פוילישער אַרמיי קעגן די נאַצים אַלס אונטער אָפיציר; דער חתן איז אַלט געווען 25 יאָר און די כלה 20 יאָר. השם ינקום דמם!

דער מחבר

געשיכטע אין אַ קינסטלערישער פאָרם

איך וויל וואָגן זאָגן אין דער הקדמה צום נייעם ספר, „די פּאַפּירענע קרוין", פון ירחמיאל בריקס, וואָס איך האָב שוין פריער געשריבן אין אַ רעצענזיע וועגן אַן אַנדער זיין ספר, אַז: דער מחבר איז נישט סתם אַ דער־ציילער, וואָס זוכט טעמעס און באַמיט זיך זיי צו באַאַרבעטן לויט געוויסע אָנגענומענע כללים.

זיין טעמע איז פון אָנהויב אָן אַ באַשטימטע: דאָס איז דאָס אינערלעכע לעבן אין דער לאָדזשער געטאָ, וואָס קען באַטראַכט ווערן, אין אַ געוויסער מאָס, ווי אַ סימבאָל פון אַלע געטאָס, אין מזרח־איראָפּע בימי היטלער. דאָס איז שוין דעם מחבר׳ס פערטע בוך — אין דער ריי — אויף דער טעמע. און מיר פילן ביים לייענען, אַז דער מחבר לעבט מיט דער געטאָ, ער איז נאָך אַלץ דאָרטן; פון דעם אופן שרייבן און פון וואָס עס איז אונדז באַקאַנט פון זיין פּריוואַטן לעבן, איז נישט אָנצונעמען, אַז ער וועט אַמאָל אַוועק פון זיין טעמע. דאָס איז אַ הויכע מעלה סיי פון היסטאָרישן און סיי פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט;

אויב מיר האָבן שוין מער וויניקער גענויע מאָנאָגראַפיעס וועגן דער אַלגעמיינער געשיכטע פון די יידן אין לאָדזש אין יענער צייט, האָט אונדז געפעלט אַ גענויע אָפּשפּיגלונג פון זייער טאָג־טעגלעכן און אינערלעך יידישן לעבן: וועגן וואָס האָבן די יידן צווישן זיך גערעדט, וועגן וואָס האָבן זיי געטראַכט, ווי אַזוי האָבן זיי געפילט, זייער פּסיכאָלאָגיע, זייער פאָלקלאָר, וואָס איז געווען זייער אני מאמין, ווי אַזוי האָבן זיי אויסגעזען, וואָסאָרא מלבושים האָבן זיי געטראָגן: ווי אַזוי איז געגאַנגען אָנגעטאָן די פּאָליציי און אַנדערע באַאַמטע, וואָס פאַראַ היטלען און וואָס פאַרא עפּאָלעטן, וואָס פאַר אַן אָפּצייכנס, וואָס פאַרא בענדער, וואָס פאַרא שיך. וואָס פאַרא מאכלים האָבן זיי געגעסן, ווי אַזוי האָבן זיי געוואוינט, ווי אַזוי האָבן זיי זיך פאַרשאַפן דאָס ביסעלע בידנע שפּייז, מיט וואָס האָבן זיי פאַרבראַכט דעם טאָג, זייער לשון אאַ"וו. דאָס אַלץ מאָלט אונדז ירחמיאל בריקס אויף זיין אייגנאַרטיקן און לעבעדיקן אופן; ער גיט אונדז אַ מוזעאום.

אמת, אויך היסטאָריקער באַרירן די טעמע, אָבער זיי טוען דאָס אגב אורחה, אויפן סמך פון דאָקומענטן און וואָס מענטשן גיבן איבער; ביי ירחמיאל בריקסן דאָקעגן האָבן מיר — ווי דער לייענער האָט דאָס געפיל — דאָס לעבן גופא, די ווירקלעכקייט אַליין. אויף ווי ווייט עס איז נאָר מעגלעך צו פאַרפיקסירן אין ווערטער;

לויט מיין מיינונג איז בריקס, דער מחבר, אַליין איינער פון די פערזאָנען, וואָס ער שילדערט ווי אַ שרייבער, אויפן סמך פון זיין פענאָמענאַלן זכרון, וואָס געדענקט יעדן פרט פון דער צייט וואָס ער איז געווען אַ תושב

אין לאָדזשער געטאָ און מיטגעמאַכט דאָס זעלבע, וואָס זיינע חברים, מיט־מענטשן, סיי אין געטאָ, סיי שפּעטער אין טויט־לאַגער אוישוויץ אא״וו. אויך זיי די מיטמענטשן, קומען פאַר אין די שילדערונגען אונטער זייער אייגענעם, צי פרעמדן נאָמען. אויך זיי מאָלט נישט דער מחבר Ex Post עקס פּאָסט (לאחר המעשה), נאָר ווי זיינע מיטצייטלער, מיט וועלכע ער האָט נאָר וואָס דורכגעפירט אַ שמועס. די אָפּגעלאָפענע עטלעכע און צוואַנציק יאָר פילט מען נישט; דאָס איז די צווייטע מעלה. און ווי די טעמע אַזוי אויך די שפּראַך: ער רעדט אַצינד מיט יענעם לשון, וואָס ער אַליין האָט דעמאָלט גערעדט און ווי אַנדערע, וואָס זייערע רייד האָט ער דעמאָלט געהערט; דאָס איז די דריטע מעלה פון בוך.

זעלטן אַ מחבר פון אַ ליטעראַרישער באַאַרבעטונג, אַ סטיליזאַציע, שעדיקט במזיד זיין ווערק און זיין היסטאָרישער מיסיע, פון איבערגעבן די „געשיכטע״, געטריי ווי זי איז געווען. דאָס הייסט נישט אָבער אַז אַלץ וואָס דער מחבר זאָגט איז היסטאָרישער אמת, אַז אַזוי איז פּינקטלעך געווען; דאָס הייסט, אַז אַזוי האָט דער געטאָ־ייד, אויפגעכאַפּט די דעמאָלטיקע ווירקלעכקייט, אַזוי האָט זיך פאַר אים פאַרגעשטעלט די וועלט, אַזוי האָט ער זי באַנומען און אַזוי רעאַגירט אויף געשעענישן, אַזוי ווי עס איז פאַרגעשטעלט אין בוך;

בריקס שרייבט מיט דעם לשון, מיט וועלכן די יידן אין לאָדזשער געטאָ האָבן גערעדט: מיט נייע ווערטער און נייע ווערטלעך און מיט לידלעך, וואָס די גאַס האָט געזונגען, ווי אַ רעאַקציע אויף יעדער נייער געשעעניש; און אויב דער מחבר זאָגט עפּעס פון זיך, איז עס אַזוי צוגעפּאַסט צום כלל, אַז ס׳איז שווער צו אונטערשיידן, צי דאָס זיינען זיינע אייגענע ווערטער און אויסדרוקן, צי ער האָט זיי גענומען פון פאָלק; למשל: „אַז מען באַצאָלט נישט דעם מאָגן שטריקן די אויגן, שטרייקט דער קאָפּ״. אָדער: „מאַן און ווייב אַ גייענדיקע קראַם״. זיי גייען אין דער גאַס באַהאָנגען מיט זאַכן צום פאַרקויפן. גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס איז דעם מחברס אייגנטום — אַ פראַגע, וואָס לאָזט זיך נישט היינט צו טאָג פאַרענטפערן;

די דערציילונג „די פּאַפּירענע קרוין״, איז אַזוי געבויט, אַז מיר זעען און הערן כסדר איין־האַנדלדיקע פערזאָן אָדער מער פערזאָנען. און טיילמאָל מאַסן־סצענעס. זייער לעבעדיקער דיאַלאָג — איז דער קערן פון דער מעשה. דאָס וואָס דער מחבר איז מוסיף פון זיך גיט בלויז צו פּרטים צו דער דעקאָראַציע פון אָרט (איינגעפאַלן הייזל, פאַבריק זאַל אא״וו), פּרטים צום אויסזען פון פערזאָן (איינגעפאַלענע באַקן, אַ מוזלמאַן איינגעוויקלט אין אַ קאָץ אא״וו). די פערזאָנען סימבאָליזירן די מאַסן.

די דערציילונג „די פּאַפּירענע קרוין״, לאָזט זיך לייכט פאַרוואַנדלען אין אַ דראַמע: די פאַבולע, לעבעדיקער־דיאַלאָג, דראַמאַטישע אַקציע איז דאָ. און די באַמערקונגען פון מחבר וועגן אָרט און פערזאָנען, זיינען געטריע און וויכטיקע אָנווייזונגען פאַר דעם רעזשיסאָר. ער באַקומט אַ פאַר־טיקע סצענע, גרייטע מלבושים פאַר אַ פערסאָנאַזש, אויך זייערע מאַסקעס (געשוואָלן פון הונגער אָדער להיפוך איינגעדאַרט אַזוי ווי אַ צווייגל וכדומה).

דער מחבר באַנוצט זיך מיט רעדנסאַרטן, וואָס זיינען שייך צו דראַמעס. למשל, אין דער דערציילונג „טיערצוכט" — מאַכט דער מחבר אַזאַ באַמערקונג: „אַלע לאַכן מיט אַ מאָל". נאָך אַ ווײַלע ווען עמעץ דערציילט עפּעס. ביים לייענען ווירקט דאָס ווייניקער, אָבער אין אַ פאָרשטעלונג איז עס אַ וויכטיקע באַמערקונג פאַר אַ רעזשיסאָר.

אויף אַן אַנדער אָרט אין דער דערציילונג „מאַרק אין געטאָ", געפינען מיר אַזעלכע באַמערקונגען: „אַלע קרעכצן מיט", „אַלע שוידערן אויף", „אַלע זיינען שטום געבליבן זיצן". סצעניש לאָזן זיך אַזעלכע אָנווייזונגען, זייער איינדרוקספול אויסנוצן. און נאָך אַ שלל אַזעלכע באַמערקונגען און דראַמאַ־טישע בילדער. אויך דאָס וואָס די דערציילונג האָט — ווי געזאָגט — אַ סצענישן כאַראַקטער — איז אַ סימן מובהק פון איר פאָלקס־כאַראַקטער; די דערציילונג פאַרמאָגט אויך הומאָר — פאָלקס־הומאָר.

די דערציילונג „די פּאַפּירענע קרוין", געהערט צו דער קאַטעגאָריע — ווי מען האָט אַמאָל גערופן — „בלעטלעך פון לעבן" און דערמיט איז איר באַדייט פאַר דער געשיכטע־פאָרשונג פון יענער תקופה אומשאַצבאַר; דאָס איז געשיכטע אין אַ קינסטלערישער פאָרם.

ניו יאָרק־ירושלים, יאַנואַר 1968

פּראָפעסאָר נחמן בלומענטאַל*

---

* פּראָפעסאָר נחמן בלומענטאַל איז אַ היסטאָריקער. איז געווען דירעקטאָר פון דער „יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע" אין פּוילן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. היינט פּראָמינענטער מיטאַרבעטער פון „יד ושם", אין ירושלים, פאָרשער פון חורבן, ספּעץ אויף דער לאָדזשער געטאָ.



ירחמיאל בריקס

„כעמישע אָפּפאַל־פּערוועדטונג"

וואָס איז דאָס געווען די „כעמישע אָפּפאַל־פּערוועדטונג"? אין לאָדזשער געטאָ האָט זיך צווישן פיל אַנדערע אינזשיניערן געפונען אַ כעמיע־אינזשיניערל, וואָס האָט קורץ פאַר דער מלחמה באַקומען דעם דיפּלאָם. קיינער האָט זיך נישט געוואָלט אויף אים אומקוקן. ער האָט נישט געהאַט קיין פּראַקטיק. און ער האָט געהערט צו דער „גאָלדענער יוגנט". פּערסט איז געווען זיין נאָמען. ער איז געקומען פון אַ האַלב־אַסימילירטער היים און ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ טאָכטער פון אַ גאַנץ־אַסימילירטער היים: אין אַ בלאָנדער, הויכער, פעטער מויד, וואָס איר נאָמען איז געווען מאַרישאַ. ער איז געווען להיפוך צו איר: קליין, דאַר. האָט מען זיי גערופן: „אַ שפּראָטל מיט אַ פּיטלינג". מאַרישאַ, האָט אים אַ נאָמען געגעבן „יעזשי". מאַרישאַ איז געווען אַ געליבטע פאַר אַ סך... פּערסטס עלטערן האָבן דערפאַר נישט צוגעלאָזט צו דעם שידוך. אָבער סוף כל סוף האָבן זיי חתונה געהאַט.

אַזוי ווי אין געטאָ זיינען מאַרישאַס געליבטע געוואָרן גאַנצע „שישקעס" ביי רומקאָווסקין, האָט זי אַדאַנק איר „פּלייצע" אויסגעפועלט, אַז מען זאָל איר מאַן יעזשין דערלויבן צו שאַפן אַ „רעסאָרט" (פאַבריק). אָבער אַזוי ווי דייטשן האָבן נישט אַריינגעשיקט קיין רוי־מאַטעריאַלן און לעבן האָט מען געוואָלט, האָבן יידן געמוזט ווערן דערפינדער, איז יעזשין איינגעפאַלן אויסצואַרבעטן פון אָפּפאַל פאַרשידענע כעמישע שטאָפן. פון דעם טאָקע דער נאָמען: „כעמישע אָפּפאַל־פּערוועדטונג".

אויף מרדכי גבאיס גאַס האָבן זיך געפונען ליידיקע לאָקאַלן פון אַ פאַבריק, וואָס האָט געהערט צו אַ ייד. יעזשי, האָט באַקומען די ליידיקע לאָקאַלן און צוגעטרעטן שאַפן אַ כעמישע פאַבריק. דאָס איז שוין געווען לויט דער ריי דער 76טער „רעסאָרט" אין געטאָ. האָט די פאַבריק אויך געהאַט דעם נאָמען „בעטריב 76".

דער רעסאָרט האָט אַריינבאַקומען קאַרטאָפל־שאָלן פון די קיכן. האָט מען פון דעם ביסעלע קאַרטאָפל, לעבן הייטל, געמאַכט קאַרטאָפל־מעל, וואָס האָט געהאַט אַ טונקל־גרויען קאָליר און פון דעם הייטל גופא מיטן קאַרטאָפל־מעל האָט מען אויסגעקנעטן בריקעטלעך צום ברענען (אַנשטאָט קוילן — ווייל קיין ברען־מאַטעריאַל האָבן די דייטשן נישט אַריינגעשיקט). אָבער דאָס האָט נאָר געטליעט, נישט געפלאַמט, האָט עס באַדאַרפט נוצן ברענגען אין די לאַבאָראַטאָריעס.

דער רעסאָרט האָט אויך אַריינבאַקומען „זאַמיאַטקעס" (פון פוילישן וואָרט „זאַמיאַטאַטש" — אויסקערן; אין דעם פאַל — דאָס מעל וואָס ווערט אויסגעקערט אין די בעקערייען). פון דעם האָט מען אויסגעאַרבעט פּאַפּ (קלייסטער) צו קלעפּן טאַפּעטן אויף די ווענט פאַר די דייטשן און אויך צו קלעפּן די זוילן פון די שטעק־לאַטשן, — וואָס יידן האָבן אויסגעאַרבעט פון

די אַריינגעוואָרפענע מלבושים פון די אויסגעקוילעטע יידן — פאַר די דייטשן און פאַר דעם געטאָ.

אין אַן אויסגערויבטן — פון די דייטשן — יידישן פאַרבן־מאַגאַזין האָט זיך אָפּגעפונען בלויער, גרינער און רויטער אַנילין; האָט מען דאָס געברענגט אין דעם רעסאָרט און אַ טינט־מאַכער האָט פון דעם אויסגעאַרבעט טינט. ער איז געווען אַ חסידישער ייד, האָט ער נישט געוואָלט עסן די זופּ — כאָטש אַ פּאַרעווע — פון דער אַלגעמיינער קיך. ער האָט זיך דערנערט נאָר פון טרוקענעם שטיקל קינסטלעך ברויט. איז ער אָוועקגעפאַלן ביי דער אַרבעט. נאָך זיין טויט, האָט דער קעראָוניק פערסט אַריינגענומען צו דער אַרבעט דעם יידס זון און טאָכטער.ביידע זיינען געווען יוגנטלעכע און זיי האָבן ממשיך געווען זייער טאַטנס מלאכה.

צווישן די אַריינגעשיקטע יידן זיינען אויך געווען כעמיקער. זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז עס איז דאָ אַ כעמישער רעסאָרט, זיינען זיי געקומען צולויפן און דער קעראָוניק פערסט האָט צוגענומען די ספּעציאַליסטן און די, וואָס האָבן אים געגעבן ווערטפולע מתנות. די ספּעציאַליסטן זיינען אויך געווען דערפינדער, וואָס האָבן פון גאָרנישט אויסגעאַרבעט אין דעם רעסאָרט ווערטפולע זאַכן.

אויסער די אינזשיניערן האָבן דאָ אויך געאַרבעט שוואַרץ־אַרבעטער: מענער און פרויען און יונגע לייט, וואָס מען האָט זיי גערופן „באַלעגאַלעס", אָבער זיי זיינען אַליין געווען די פערד, ווייל זיי האָבן אַליין געמוזט שלעפּן די וועגענער.

שמחה בלושטיין איז דאָ אַריינגעשיקט געוואָרן אַלס פאַרטיער. נאָענט צו דער פאַרטיערניע, וואו בלושטיין איז געזעסן, האָט זיך געפונען אין לאַבאָראַטאָריע, וואו די אינזשיניערן האָבן געמאַכט פאַרשידענע עקספּערימענטן כדי אויסצוגעפינען עפּעס, וואָס זאָל ברענגען נוצן פאַר דעם געטאָ. ביי די פּרימיטיווע כלים האָבן די כעמישע שטאָפן זיי אויפגעפרעסן די אויגן און די לונגען. עטלעכע אינזשיניערן זיינען בעת אַן עקספּערימענט שיער אין גאַנצן בלינד געוואָרן; זיי האָבן זיך אָפּגעבריט די אויגן און האָבן נאָך דעם געמוזט טראָגן שוואַרצע ברילן. פון דער לאַבאָראַטאָריע האָבן זיך תמיד געטראָגן גיפטיקע גאַזן פון דעם אָפּפאַל: פאַרשטונקענער קעז, פאַרשטונקענע גאַרבעריי־פלאַקעס, „זאַמיאַטקעס", פאַרשטונקענע ביינער און נאָך אַנדער אָפּפאַל.

דער באַוואוסטער פראָפעסאָר אָפּנער פון פראַג, וואָס האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן ביי כעמישע דערפינדונגען, האָט זיך פאַרמאַכט אין זיין לאַבאָראַטאָריע, איז געזעסן אַ געשוואָלענער פון הונגער און געהאַלטן אין איין עקספּערימענטירן אויף דעם מיסט. ער האָט געוואָלט שאַפן וויטאַמינען און קאַלאָריעס פאַר די געטאָ־יידן, זיי ראַטעווען פון הונגער־טויט. דער קעראָוניק פערסט האָט אים נישט מקרב געווען, ער האָט מורא געהאַט פאַר אים, ווייל ער האָט געפילט, אַז ער איז קעגן אים אַ גאָרנישט. בעת דער „שפּערע" (אַן אַקציע, וועלכע האָט געדויערט זיבן מעת־לעת און בעת וועלכער די דייטשן האָבן „אויסגעזידלט" צום טויט 22 טויזנט יידן) האָט ער אים נישט געוואָלט

העלפן. מינדערוויכטיקע האָט ער יאָ געהאָלפן און די דייטשן האָבן אים אַרויסגעשיקט אויפן טויט.

אינזשיניער ווינטער, פון הינטער פראַג, אַ הויכער, אַ בלאָנדער, מיט בלאָנדע וואָנצעלעך, האָט דערפונדן, ווי אַזוי צו מאַכן שפּירט פון קאַרטאָפל־שאָלן: אַזוי ווי אונטערן הייטל געפינט זיך צוקער האָט ער אויף אַ כעמישן אופן, אַרויסגעצויגן דעם צוקער און פון דעם געמאַכט שפּירט. דערנאָך האָט ער אויך פון „זאַמיאַטקעס" געמאַכט שפּירט.

אינזשיניער ווינטער האָט פאָרגעשלאָגן, מען זאָל דאָ אַריינגעבן די צוקער־זעק אויסצואוואַשן. ער האָט אויפגעבויט אַ קעסל, מען האָט 10־15 זעק אויפגעהאָנגען אויף הוקס, אַרויפגעצויגן מיט אַ שטריק און אַריינגעלאָזט אין קעסל — און דאָרטן האָט די פּאַרע אַרויסגעצויגן דעם צוקער, וואָס האָט זיך געהאַט איינגעפרעסן אין די זעק. שפּעטער האָט מען דאָס אַריינגעלאָזט אין פעסער, מען האָט אַריינגעטאָן הייוון, געלאָזט שטיין עטלעכע טעג אין אַ לאַבאָראַטאָריע אין אַ וואַרעמער טעמפּעראַטור. דאָס האָט פערמענטירט און ער האָט פון דעם אַרויסגעצויגן שפּירט.

יעדע דערפינדונג פון די אינזשיניערן האָט פּערסט פאַרשריבן אויף זיין חשבון.

אינזשיניער ווינטער, איז געווען אַ מענטש מיט כאַראַקטער. ער האָט געוואָלט, מען זאָל וויסן, אַז דאָס זיינען זיינע דערפינדונגען, האָט ער אויף דער טיר פון זיין לאַבאָראַטאָריע אויפגעקלעפּט אַ צעטעלע מיט זיין נאָמען: „דר. ווינטער". אויף דער נאַכט, ווען פּערסט האָט דאָס דערזען, האָט זיך אין אים אָנגעצונדן די קנאה און ער האָט דעם נאָמען מיט כעס אַראָפּגעריסן. צומאָרגנס און איבערמאָרגנס האָט זיך דאָס זעלבע איבערגעחזרט. נאָר אַצינד האָט שוין דער קרעמאַטאָריום צעריסן דאָס צעטעלע אויף פּיץ־פּיצעלעך.

פּערסט האָט אַ דאַנק דעם שפּירט באַקומען לויבונגען און כל־טוב: דער קאָמיסאַר פון דער פליייש־צענטראַלע האָט אים אַריינגעשיקט גאַנצע ברוסטן און גאַנצע וואָורשטן. ער האָט ביי פּערסטן אין דער לאַבאָראַטאָריע געשיכורט ביז האַלבער נאַכט. פון דעם „טאַבאַק־קאָמיסאַר" האָט ער פאַר שפּירט באַקומען שאַכטלען צו הונדערט פּאַפּיראָסן, אין דער צייט ווען אַ פּאַפּיראָס איז געווען אַ חלום אין געטאָ. פאַר דעם שפּירט האָט ער פון די קרעמאָוניקעס: פון שיך־רעסאָרט און פון שניידער־רעסאָרט פון באַשטעלטער אַרבעט באַקומען זעקס נייע אָנציגער פון טייערן ענגלישן שטאָף, עטלעכע פאָר שיך, עטלעכע פאָר לאַטשן — שוואַרצע, ברוינע, לאַקירטע — און אַ פאָר אָפיצערסקע שטיוול.

ער האָט באַקומען וועש און צירונג און קליידער און שוכוואַרג פאַר זיין פרוי, די פּאַני מאַרישאַ.

די קרעמאָווניקעס האָבן צווישן זיך געמאַכט אַ טויש. האָבן יידן געשאַפן אַ ווערטל: „אַ הייטל פאַר אַ קאַפּעלוש". און דער שפּירט האָט אַלע קרעמאָוו־ניקעס געבראַנגט צו פּערסטן און ער האָט געוואָלט, אַז אַלע זאָלן וויסן אַז דאָס איז זיין „אייגענע" דערפינדונג.

אַזוי ווי אינזשיניער ווינטער האָט אָבער אַלץ ווידער אויפגעקלעפּט זיין נאָמען אויף דער טיר פון זיין לאַבאָראַטאָריע, האָט ער אים געלאָזט צו זיך אַריינרופן און ער האָט אים אָנגעזאָגט קאַטעגאָריש, ער זאָל דאָס אַראָפּ־נעמען.

אינזשיניער ווינטער האָט אים געענטפערט, אַז אַזוי איז דער סדר אויף דער וועלט, אַז אויב דאָס איז זיין לאַבאָראַטאָריע, דאַרף העגנגען זיין נאָמען, פונקט ווי אויף דער טיר, וואו איר זיצט, שרייבט זיך: אינזשיניער פּערסט.

פּערסט האָט אים געזאָגט גאַנץ קורץ און שאַרף: „איך בין אייער קעראָווניק און איר דאַרפט מיך פאָלגן. אויב נישט, וועל איך אייך אַרויס־וואַרפן פון מיין רעסאָרט!"

אינזשיניער ווינטער האָט זיך פאַר אים נישט געוואָלט בויגן. ער האָט געוואוסט, אַז פּערסט איז קעגן אים אַ גול, כאָטש ער האָט די מאַכט. האָט ער געענטפערט: „דאָס, וואָס אייער רעסאָרט האַלט זיך אויף און דאָס כל טוב וואָס איר האָט, איז אַלץ אַ דאַנק מיין דערפינדונג — און איך מיט מיין ווייב הונגערן".

אין פּערסטן האָט דאָס בלוט אויפגעקאָכט. ער האָט שוין אויך געוואוסט דעם סוד, ווי אַזוי צו מאַכן דעם שפּירט, האָט ער אים געזאָגט: „איר וועט ביי מיר מער נישט אַרבעטן! פאַרלאָזט מיין רעסאָרט!"

אינזשיניער ווינטער האָט אים גאָרנישט געענטפערט. ער איז אַריין אין זיין לאַבאָראַטאָריע. ער האָט זיך איבערגעטאָן און איז אַהיימגעגאַנגען.

דעם שפּירט האָט מען ווייטער געצויגן און אַ צווייטער אינזשיניער — אַרענשטיין, איז געווען זיין נאָמען, אויך פון פּראַג, — האָט אויסגעאַרבעט ליקער.

פּערסט האָט אַצינד, פאַר דעם שפּירט און ליקער, באַקומען פון קעראָוו־ניק פון טאָפּעציר־רעסאָרט אַ טייערן טאַפּעטשאַן אין זיין לאַבאָראַטאָריע אַריין. און יעדן פאַרנאַכט, ווען די אַרבעטער האָבן פאַרלאָזט די פאַבריק, האָט ער ביי זיך אין לאַבאָראַטאָריע אויפגענומען אַ צווייטע געליבטע.

זיין ווייב, די פאַני מאַרישע, האָט געפירט אַן אָפענעם ראָמאַן מיט אַ קעראָווניק פון שטרוי־רעסאָרט.

די באַלעגאָלעס האָבן באַקומען אַ פאַראָרדענונג: זיי זאָלן צונויפקלייבן ביינער פון די פעלדער. נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומזוכן האָבן זיי קוים צונויפ־געקליבן אַ האַלבע פור. די ביינער האָבן זיך שוין לאַנגע יאָרן אַרומ־געוואַלגערט אויפן מיסט. דער האַלב־בלינדער אינזשיניער פידעלשטיין האָט זיי אויסגעקאָכט און אויף אַ כעמישן אופן אַרויסגעצויגן מאַרך און פון דעם אויסגעאַרבעט מאַרך־פּודער. די ביינער גופא האָט ער פאַרוואַנדלט אין סאַדזעס און געוואָלט מאַכן אַ רפואה קעגן שילשול. ער האָט אָבער ניט געהאַט מיט וואָס צו פאַסטעריזירן די סאַדזעס. דעם קעראָווניק האָבן אָבער קיין רפואות נישט אינטערעסירט: וואָס דאַרף ער האָבן געשעפטן מיטן „געזונטהייטס־

אַמט״; דאָקעגן דער מאָרד־פּודער האָט אים שוין גאָר שטאַרק אינטערעסירט, ווייל ער האָט מיט דעם געמאַכט די זעלבע עסקים ווי מיטן שפּירט.

מען האָט דאָ אויך אַריינגעשיקט „פלאַקעס״: אָפּפאַל פון פעל אין דער גאַרבעריי — לאַפּקעס, אויערן, ווידלען. דאָס איז פריער געווייקט געוואָרן אין קאַלך און אין וויטריאָל, כדי די האָר זאָלן אויסקריכן. דאָ, אין „בעטריב 76״, האָט מען דאָס גלייך פון וואָגן אַריינגעוואָרפן אין קאַלך־גרוב, כדי עס זאָל צעפוילט ווערן. אַזוי ווי דער הונגער איז געווען נישט איבערצוהאַלטן האָבן די אַרבעטער געגנבעט די „פלאַקעס״, פון דעם געמאַכט „גולאַזש״ און געגעסן.

די אַרבעטער האָבן אויך געגנבעט די „זאַמיאַטקעס״. פון דעם האָבן זיי געבאַקן מצהלעך אויף דער בלעך פון דער קיך. די מצהלעך האָבן אויס־געזען ווי שוואַרצע קוילן. זיי האָבן אויך פון די „זאַמיאַטקעס״ געקאָכט „קלייאַוווקעס״ — אַ קראַכמאַל זופּ, וואָס האָט אויסגעזען ווי שוואַרצער טינט. דער זאַמד און דער שטויב האָט געקנאַקט אונטער די ציין. עס האָט פאַרפּעס־טעט דעם מאָגן. אָבער עס האָט זיי דאָך אַ ביסעלע געשטילט דעם הונגער.

פון די „פלאַקעס״ האָט מען אויסגעאַרבעט טישלער־לאַם, האָט מען דאָס אַרויסגעגנבעט און געמאַכט כלומרשט „גאַלער״ (געפּרוירענער פוס). יידן האָבן געקויפט צו שטיקלעך „גאַלער״ אין די רעסטאָראַנען און געגעסן מיט אַפּעטיט און הנאה.

בלושטיין האָט דאָ געאַרבעט פון צוויי נאָכמיטאָג ביז צען אָוונט. די פאַרטיערן האָבן געאַרבעט אין דריי שיכטן, צו אַכט שעה. דאָ האָט זיך אויך געפונען די פאַרבעריי, וואָס האָט דאָ געהאַט זיצן אַ רעווידענטקע און פאַרנט ביי דער ביוראָ אַ פאַרטיער, וואָס איז געווען בלושטיינס אַ גוטער חבר. זיי אַלע דריי האָבן באַדאַרפט רעווידירן די אַרבעטער. אָבער זיי האָבן זיך געמאַכט נישט זען, כדי די אַרבעטער זאָלן נישט אַריינפאַלן.

אויף אַ „שמעלץ״־פּלאַץ (פּלאַץ פון אַלט אייזן) האָט דער קעראָווניק פּערסט צוזאַמענגעקליבן טיילן פון מאַשינען און ער האָט אין דער „בעמישער־אָפּפאַל־פערוווערטונג״ איינגעשטעלט עטלעכע „וועלף״ (מאַשינען מיט שאַרפע ציין, וואָס צערייסן און צעמאָלן). מען האָט דאָ אָנגעהויבן די אַריינגעשיקטע קאַרטאָפל־שאָלן — פון די קיכן — אַנידערגעשיט אויף דער שטיינערנער פאַדלאָגע. פרויען האָבן זיך אַנידערגעלייגט און אַרויסגעקליבן שטיינדלעך און גלאָז, כדי די „וועלף״ זאָלן זיך נישט צעברעכן די ציין.

די וואָס האָבן געאַרבעט ביי די „וועלף״, האָבן כמעט גאָרנישט געטאָן, ווייל די מאַשינען האָבן געאַרבעט. זיי האָבן נאָר יעדע האַלבע שעה, אַריינ־געשיט קאַרטאָפל שאָלן. אַלע האָבן זיי מקנא געווען.

נאָך דעם צעמאָלן האָט מען די „מאַסע״ אַריינגעלייגט אין זיפּן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף פעסער און מיט אַ שלאַוך געוואַשן. דאָס הייטל איז געבליבן אין דער זיפּ און איבער נאַכט האָט זיך אין די פעסער אָפּגעשטעלט טונקל־גרויער קאַרטאָפל־מעל.

דער גאַנצער בעטריב איז נאַס געווען: דאָס וואַסער אויף דעם שטיי־

נערנעם דיל איז געגאַנגען ביז איבער די קנעכלען און דער גאַנצער בעטריב איז געווען איינגעהילט אין אַ געדיכטן שטיקנד־שטינקעדיקן דאַמף. איינער דעם צווייטן האָט קוים געזען. פון די קעסלען, פון סופיט, פון די ווענט זיינען געפאַלן טרערן. דער סם האָט זיך איינגעפרעסן אין יעדן אבר. די אויגן זיינען שנעל קאַליע געוואָרן.

און דאָ האָט זיך געמאַכט אַ מעשה. אַזוי ווי די דייטשן האָבן זיך געגוויטיקט אין פראָדוקציע, האָט דער „קייסער" רומקאָווסקי איינגעשטעלט ספּעציעלע טאַלאָנען פאַר די שווער־אַרבעטער. דער אַלטער האָט זיך אויף קיינעם נישט געוואָלט פאַרלאָזן — ער אַליין האָט צוגעטיילט די טאַלאָנען, איז ער געפאָרן אויף זיין „שיינער" קאַטש פון פאַבריק צו פאַבריק און איז אויך געקומען אין „בעטריב 76". אַלע אַרבעטער האָבן אים דערוואַרט מיט אומגעדולד. יעדער האָט געטראַכט: ער וועט אים דערציילן וועגן זיין שווערער אַרבעט און הונגער.

ווען דער „קייסער" איז אָנגעקומען און ער האָט דערהערט דאָס רוישן פון די מאַשינען, איז ער גלייך אַריין אין בעטריב. ער האָט פון דער וויטנס אָפּגעציילט די „וועלף", וויל ער האָט מורא געהאַט צוצוגיין נאָענט צו אַ מאַשין און ער האָט אויסגעשריבן אַזוי פיל טאַלאָנען וויפל עס האָבן זיך געפונען „וועלף". אין די לאַבאָראַטאָריעס האָט ער אַפילו נישט אַריינגעשמעקט.

אויף די אַרבעטער וואָס זיינען געשטאַנען אין וואַסער און אויף די האַלב־בלינד־געוואָרענע אינזשיניערן מיט די צעפרעסענע לונגען און אויף די פרויען מיט די געשוואָלענע הענט און פיס, וואָס זיינען געלעגן אין צען געצוויגן אויפן נאַסן שטיינערנעם דיל האָט ער זיך אַפילו נישט אומגעקוקט און ער איז גלייך אַרויס צו זיין „שיינער" קאַטש.

נאָך זיין אָוועקפאָרן האָט עפּעס דער עולם געלאַכט מיט יאַשטשערקעס. מען האָט ערשט אויפסניי באַשטעטיקט, אַז דער „קייסער" איז משוגע. בלור־שטיין, דער פאַרטיער, האָט צוגעגעבן איבערחזרנדיק זיין פּיזמון: „אַז גאָט וויל וועמען שטראָפן נעמט ער אים צו דעם שכל און אַז ער האָט געוואָלט שטראָפן די לאָדזשער יידן האָט ער זיי געגעבן אַ „קייסער", וואָס ער האָט אים צוגענומען דעם שכל".

און דער חבר זיידע האָט נאָך צוגעגעבן: נישקשה, די דייטשן האָבן גאַנץ גוט געוואוסט, אַז זיי קענען זיך פאַרלאָזן אויף דעם „קייסער".

אין דער „פאַרטיערניע" פון „רעסאָרט 76"

די „פאַרטיערניע" איז אַן אַלטע הילצערנע בודע, וואו עס רעגנט אַריין. אויף אַ בענקל זיצט די פרוי הערשקאָוויטש, וואָס איר מאַן האָט פאַר דער מלחמה געהאַט אַ טעקסטיל־פאַבריק, היינט איז זי אַן אלמנה. איר מאַן האָבן די דייטשן דערשאָסן ביים אַריינטרייבן אין געטאָ אַריין; זי האָט צו

שפּייזן פיר יתומים. איר אַרבעט איז דאָ צו רעווידירן די פּרויען ווען זיי גייען אַרויס פון רעסאָרט (פאַבריק).

פרוי הערשקאָוויטש איז פון מיטעלן וואוקס, אַ ברונעטע, מיט אַן איינגעפאַלן פאַרגרינט פּנים. אַ פאַרקרענקטע, קוים וואָס זי ברענגט אַרויס אַ וואָרט. אָפט קריגט זי אַטאַקן אויף גאַל־שטיינער. די יסורים לאָזן זי זעלטן אָפּ; זיצט זי כסדר מיט אַ פלעשל וואַרעם וואַסער צוגעלייגט צו דער לינקער זייט. זי האַלט אין איין דערציילן פון איר רייך הויז און די געשמאַקע מאכלים וואָס מען האָט ביי איר געגעסן און וואָס און וויפל מען האָט ביי איר אָפּ־געקאָכט און אָפּגעבאַקן ספּעציעל פאַר קראַנקע אַרעמעלייט. ווען זי וואָלט היינט געהאַט פון דעם כאָטש איין־צענטל, וואָלט זי מיט די קינדער געקאָנט די מלחמה איבערלעבן. און וואָס פאַראַ פיינע און געטרייע משרתים זי האָט געהאַט און ווי גוט און איידל זי האָט זיי באַהאַנדלט. און וואָס פאַראַ מתנות זי האָט זיי געגעבן. און היינט איז זי אַליין, אַ גאָרנישט, קיינער ווייסט נישט ווער זי איז און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף איר; אוי דער הונגער! דער הונגער! — שרייט זי אויס — ווען נישט דער גרויסער הונגער וואָלט מען שוין יאָקאָש געקאָנט אויסהאַלטן די צרות!"

אויף דער וואַנט קעגנאיבער דער איינגאַנג־טיר, הענגט דעם "קייסערס" בילד — מרדכי חיים רומקאָווסקי. אונטערן "קייסערס" בילד הענגט אַ לוח אויך מיטן "קייסערס" בילד.

אין אַ ווינקל שטייט אַ פּעסל וואַסער: דערנעבן צוויי עמערס מיט אַ פלומפּל, אַ שלאַוך (קישקע) און אַ קאַסטן זאַמד. איבער דעם הענגט אַן אויפשריפט: "לופטשוץ־וואַכע".

אונטער דעם "קייסערס" בילד ביי אַ קליין טישל זיצט דער בוכ־האַלטער, דער קרוב פופציק יאָריקער פּטאַקול. ער חשבונט אין אַ גרויס בוכהאַלטעריע בוך. ער איז קורצזיכטיק, טראָגט דיקע גלעזער, אין אַ דינער, ווייסער מעטאַלענער ראַם. ער איז נידעריק מיט קורצע הענט און פיס, מיט אַ קיילעכדיק פּנים. אַ ברייטע נאָז און אַ פליך. איבער זיינע איינגעהויקערטע פּלייצעס הענגט אַ רונדיקער זייגער צו וועלכן די אַרבעטער קומען כסדר זען ווי שפּעט ס'איז.

פּטאַקול האָט הנאה צו דערציילן וועגן דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905, וועגן "בונד", וועגן מעדעמען. וועגן ישראל ליכטענשטיינען רעדט ער מיט גרויס פּיעטעט: וואָסאַרער פיינער מענטש און ערלעכער סאָציאַליסט ער איז געווען!

בלושטיין זיצט ביי אַ טישל, ביים פענצטער, וואָס גייט אַרויס צו דער פאַבריק. איבערן פענצטער אויף אַ ברעטל מיט טשוועקעס הענגען די שליסלען פון די מאַגאַזינען און באַטריבן (פאַבריקס־אָפּטיילונגען). יעדע פּאָר מינוט מוז בלושטיין נעמען דעם שליסל און אַרויסלויפן עפענען און צומאַכן דאָס גרויסע און שווערע טויער, אַריינלאָזן אָדער אַרויסלאָזן אַ וועגעלע וואָס ווערט געשלעפּט פון צוויי־פיסיקע "פערד". אָדער אַ פערד און וואָגן, וואָס האָט עפּעס געבראַנגט פון שטאָט.

בלושטיין פילט אויך אויס די ליסטעס וויפל שעה דער אַרבעטער האָט געאַרבעט די לעצטע וואָך. ווער עס קומט צו דער אַרבעט און ווער עס גייט אַרויס שרייבט זיך אונטער אין אַ בוך, וואו עס ווערט פאַרצייכנט אין וועלכער שעה און מינוט דאָס איז געווען. בלושטיין האָט כסדר מורא, אַז דורך זיין האַנט זאָל חלילה עמעצער נישט באַשטראָפט ווערן. ווען מען עס וועט צופעלן אַפילו עטלעכע מינוט פון די פולע שעהן פון דער אַרבעטס־וואָך קאָן דער „קערלאָווניק״ אים צונעמען די זופּ; ער קאָן אים אויך פאַר דעם אַרויסשיקן פון געטאָ צום טויט. האַלט בלושטיין אין איין איינשטעלן זיין לעבן: ער שרייבט צו מינוטן און אַפילו שעהן, אַז קיינער זאָל חלילה נישט באַעוולט ווערן.

פּטאָקול קאָנטראָלירט וואָס ער האָט אויסגעחשבונט און ער רעדט צו זיך: „צוויי און צוויי? איז פיר! צוויי און פינף? איז זיבן! קאַרטאָפל־שאָלן איז גוט, ווייל אונטערן הייטל געפינט זיך סטריכינין־צוקער און דאָס איז געזונט צו די ביינער... קאַלאָריען. יאָ, צוועלף און אַכט? האָט מען צוואַנציק און נאָך זיבן האָט מען?... הייבט צו זיין אַ בוכהאַלטער איז ס׳ערגסטע! צוועלף און צוועלף און ווידער צוועלף? פון איין ציפער שפרינגען אַרויס פיר, פינף ציפערן. נו, יאָ, אַז מען באַצאָלט נישט דעם מאָגן שטרייקן די אויגן, שטרייקט דער קאָפּ!״

ער שרייבט עפּעס אַריין און רעדט ווייטער צו זיך: „קלאַיען איז געזונט — קלאַיען האָט מער וויטאַמינען ווי דאָס בעסטע מעל. און גראָז איז געזונט: עס פאַרמאָגט אַלע בעסטע זאַפטן. טאָקע דערפאַר זיינען בהמות אַזוי געזונט און קרעפטיק, ווייל זיי עסן גראָז, שאָלן און קלאַיען״ — ער ציט אויס די האַנט, לייגט אַוועק די פעדער — די האַנט שטייט אָפּ, נישטאָ קיין כוח. „אָ, פּאַניע בלושטיין זיפצט ער אָפּ — זאָל זיך נאָר ענדיקן די מלחמה וועל איך שוין אַצינד קלוגער און פּראַקטישער זיין: איך וועל מיר עסן גראָז, קאַרטאָפל־שאָלן, קלאַיען און כ׳וועל זיין געזונט און קרעפטיק אַזוי ווי אַ בהמה, ווי אַן אָקס! ווער דאַרף אָנקומען צו דער בהמה נאָך די שמאַנצעס: מילך, קעז, פּוטער, פלייש? איך האָב נעכטן געגעסן אַ זופּ פון גראָז איז עס ווער מיר שוין גוטס גינט״. האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ טאָן, ווי ער וואָלט געגעסן אַ טייער געבראָטנס.

— פּאַניע פּטאָקול, פון וואַנען האָט איר געהאָט גראָז? פרעגט די רעווידענטקע נייגעריק.

— איך, פּרוי הערשקאָוויטש, בין געווען אויפן „קייסערס״ פעלד, האָב איך מיר אָפּגעריסן אַביסל גראָז — דערציילט ער באַרימעריש. — עס קומען דאָרטן אַ סך מענטשן, זיי ליגן אויף דער לאָנקע און פּאַקן גראָז אין מויל אַריין. די צרה איז די, וואָס דעם „קייסערס״ קי און ציגן פּאַשן זיך דאָרטן און דער פּאַסטוך טרייבט אַראָפּ: „איך בין פאַראַנטוואָרטלעך — שרייט ער — אַז די בהמות זאָלן האָבן וואָס צו פרעסן!״

— פּאַניע פּטאָקול, איר ווייסט, אַז אויף קאַרטאָפל־שאָלן דאַרף מען היינט האָבן אַ רעצעפּט־טאַלאָן פון אַ דאָקטאָר? כדי דאָס צו קריגן מוז מען

זיין אַזוי געשוואָלן, אַז מען זאָל זיך שוין נישט קאָנען רירן און דערצו מוז מען אויך האָבן פּראַקטיקע ביים „קעראָוואניק" אין דער קיכן־אָפּטיילונג.

— ערגער ווי אין אַ תפיסה! — צאָרנט בלושטיין. — אין אַ תפיסה קריגט מען כאָטש יעדן טאָג אַ שטיקל ברויט מיט צוויי זופּן. ס'איז דאָ אַ רעגולאַמין: דו האָסט אַ בעט מיט אַ קלאָר ליילעך, האָסט אַ שטיקל זייף. נעם די פאַבריק — ווייזט ער מיט דער האַנט — ס'הייסט אַ פאַרבעריי? די דייטשן קולעגן אויס די יידן, וואַרפן דאָ אַריין די פאַרבלוטיקטע וועש און קליידער, דאָס פאַרבט מען איבער און פון דעם מוזן יידן וועבן דיוואַנען פאַר די דייטשן. גלויבט מיר, ווען איך זע דאָ אַריינוואַרפן פאַרבלוטיקטע מלבושים דאַכט זיך מיר, אַז דאָס זיינען די מלבושים פון מיינע קרובים. — ער ווישט זיך די אויגן, די ווערטער בלייבן אים שטיין אין האַלדז.

אויך די רעווידענטקע ווישט זיך די אויגן און לויפט אַרויס, ווייל זי האָט מורא, אַז זי וועט אַרויספּלאַצן אין אַ געוויין.

פטאַקול גייט צו צו בלושטיינען נעמט אים אַרום פאָטערלעך. „נעמט אייך נישט איבער חבר בלושטיין — טרייסט ער אים — די מלחמה ענדיקט זיך שוין. ס'וועט זיך אַלץ אויסהיילן און מיר וועלן זיך נאָך טרעפן מיט אונזערע קרובים"...

— איר חבר פטאַקול זענט אַ גלויביקער מענטש, — רייסט אים בלושטיין איבער, — ווי זאָגט דער פּרק? ווער איז אַן עושר? — דער וואָס פרייט זיך מיט זיין חלק. ווער איז אַ גיבור? דער וואָס קען איינהאַלטן דעם יצר הרע. איר פאַניע פטאַקול לאָזט זיך באַגניגן מיט דעם וואָס איר האָט.

— וואָס וועט עס מיר העלפן אַז כ'וועל נישט זיין צופרידן און כ'וועל פאַרלירן דעם בטחון? אין די סאָציאַליסטישע רייען האָב איך געלערנט די יידישע פילאָזאָפיע נישט צו פאַרלירן דעם בטחון. די מלחמה וועט זיך באַלד ענדיקן און עס וועט נעמען אַ סוף צום פאַשיזם, צום נאַציזם און צו רומקאָווסקיס מלוכהלע, וואָס האַלט זיך מיטן כוח פון די נאַצים און עס וועט קומען אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג.

פון דער פאַבריק איז אַריינגעלאָפן ר' שמעון מיט אַ ייִנגל: ביידע טראָגן שווערע טרעפּעס זיי גייען אָנגעטאָן אין שפּענצערס, די הענט און פנימער זענען באַשפּריצט מיט פאַרבן.

— פאַניע בלושטיין, איר האָט געהערט די לעצטע נייעס? — פרעגט דאָס ייִנגל מיט אַ טאָן ווי מען פרעגט וועמען וועגן אַ גוטע בשורה, — ענגלאַנד האָט אָפּגעגעבן די יידן ארץ ישראל?

— יאָ, יאָ, מזל טוב! עס קומט אונדז מזל טוב, זאָגט ר' שמעון אַן אויפגעהייטערטער, מען דאַרף טרינקען לחיים!

— פון וואַנען האָט איר די ידיעה? — פרעגט אים בלושטיין.

— דאָס איז, פאַניע בלושטיין אַ ראַדיאָ ידיעה, פון לאָנדאָנער ראַדיאָ!

— און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ „ייוואָ־ידיעה: יידן ווילן אַזוי...

— וואָס יידן ווילן וועט זיין! פאַניע בלושטיין. — האָט אים ר' שמעון איבערגעריסן.

— איר ווייסט חבר בלושטיין — האָט זיך אָפּגערופן פּטאָקול — זיי זענען אַראָפּ פון גלייכן וועג; איך גלויב נישט אין די אַלע שמאָנצעס, און אַז מיר וועלן שוין האָבן פּאַלעסטינע וועט שוין דאָס יידישע פאָלק געהאָלפן ווערן? וואָס קאָן זי אונדז העלפן אין אונדזער אומגליק?...

— איך בין נישט קיין בונדיסט און נישט קיין ציוניסט נאָר אַ פּשוטער ייד. אָבער עס וואָלט געווען גאָר עפּעס אַנדערש פאַר דעם יידישן פאָלק און אונדז וואָלט געווען אַ ביסל פרייליכער אויף דער נשמה, ווען דאָס איז אמת... אָבער וואו? וואָס? ווען? ווי וועט ענגלאַנד אָפּגעבן יידן ארץ ישראל? דערצו נאָך היינט, ווען זי נייטיקט זיך אין די אַראַבער. אַ לאַנד גיט מען נישט — אַ לאַנד מוז מען אויסקעמפן! איר פאַרשטייט?...

פּטאָקול וויל אים ענטפערן, אָבער עס הערט זיך אַ געוויין פון אַ פרוי.ביידע דערשרעקן זיך. אסתר עסטרייך, אַ מיידל אין די צוואַנציקער יאָרן, וואָס איז דאָ אַריינגעשיקט געוואָרן פון זדונסקע־וואָלע, פאַלט אַריין מיט אַ יאָמערלעך געוויין האַלטנדיק אַ פאַרבלוטיקט קלייד און אַ פאָטאָגראַפיע.

— זעט מיין אומגליק — שרייט זי היסטעריש — דאָס דאָזיקע קלייד האָט מיין מאַמעשי געטראָגן ווען מען האָט זי אַרויסגעשיקט פון געטאָ. זעט, זעט ווי פאַרבלוטיקט — מיין מאַמעשיס בלוט! אוי ווי איז מיר! ווינד איז מיר! געוואָלד! — שלאָגט זי זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ אַריין און רייסט זיך די האָר, — מיין טייערע מאַמעשי!

— נאָט זעט קוקט אָן די פאָטאָגראַפיע. איך געפון מיך אויך דאָ! ווייזט זי מיטן פינגער אויפן בילדל.

בלושטיין נעמט די פאָטאָגראַפיע, באַקוקט זי און בלייבט זיצן אַ פאַרשטומטער. אויך פּטאָקול באַקוקט דאָס בילדל און פרעגט:

— ווען האָט איר זיך אַראָפּגענומען?

— מיר האָבן זיך פאָטאָגראַפירט עטלעכע וואָכן פאַר דער מלחמה. ווען מען האָט די מאַמעשי אַרויסגעשיקט פון געטאָ האָט זי מיטגענומען די פאָטאָגראַפיע פאַר אַן אָנדענק. אָט אין דער קעשענע פון איר קלייד האָב איך זי געפונען. זי האָט זיך ווידער צעהעשעט און איז אַרויס אין פאַבריק אַריין.

פּטאָקול און בלושטיין זענען געבליבן זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. אסתר עסטרייכס געוויין האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן איבער דער פאַבריק. ענדלעך האָט עס פון בלושטיינען אַרויסגעשריגן: „איך פרעג אייך וואו איז גאָט"!?

* * *

פון דער גאַס האָט זיך געהערט אויסזינגען: „סאַכאַרין! סאַכאַרין, אָריגינעלער סאַכאַרין!"

בלושטיין און פּטאָקול האָבן זיך אויפגעוועקט:

— אַהאַ, יאַבלאָנקע דער „סוחר", משטיינסגעזאָגט! — האָט זיך בלושטיין אָנגערופן, — אַלץ אויף מיינע פּלייצעס!

עס האָט זיך געעפנט די טיר פון דער גאַס און עס איז אַריינגעקומען יאַבלאָנקע מיט צוויי גרויסע טעפּ זופּ אין די הענט און אַ דריטער טאָפּ האָט

ביי אים געהאָנגען אויף אַ שטריק איבערן האַלדז. זיין פּנים איז רויט און באַוואַקסן מיט געלע האָר, די אַרבל זענען אויפגעטרענט און עס שפּאַרן אַרויס נאַקעטע עלנבויגנס. די קויטיקע, צעפּליקטע מאַרינאַרקע, וואָס איז באַפּלעקט און שטייף פון זופּן איז אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק. אַז ער גייט הייבן זיך די פּאָלעס אַזוי ווי פליגל. די הויזן זענען אים צו שמאָל און צו קורץ, צעקנאָדערט און אונטן אויפגעפּרעסן פון דער בלאָטע. פון די גרינע שווערע „טרעפּעס״ („האַלץ שיך״) קוקן אים אַרויס די פינגער. פון דער רעכטער פּלייצע און דער לינקער ברוסט ווייזן אַראָפּ געלע לאַטעס, אינעם פאָרם פון אַ מגן דוד. ער שטעלט אַוועק די טעפּ.

— גלייבט מיר, פּאַניע בלושטיין — האָט ער אויסגעשריגן און זיך געקלאַפּט אין דער ברוסט אַריין — די גאַנצע וועלט מעג שוין קריגן אַ פּאַפּלעקציע! סאַכאַרין צו פּאַרקויפן קומט מיר שוין אויך אָן מיטן טויט! גיי שטעל דיר איין ס׳לעבן. אַז ס׳איז אין דרערד מיטן קאָפּ! — ער האָט צוריק גענומען די טעפּ אין די הענט אַריין.

— „אוי יאַבלאָנקע, יאַבלאָנקע, צוליב דיר וועל איך נאָך גיין אין דרערד מיטן קאָפּ! — זאָגט אים בלושטיין מיט פאָרוואורף — אַז איך לאָז דיך אַרויס פון דער פאַבריק שטעל איך דאָך איין מיין לעבן, יאָ? האָסט געזאָגט, אַז דו גייסט נאָר אין קיך אַריין אָפּנעמען די זופּ, קומט מען שנעל צוריק שטילערהייט און שאַ, אָבער דו? „סאַכאַרין! סאַכאַרין!״ — קרומט ער אים נאָך — ווען אַ פּאָליציאַנט לעגיטימירט דיך חלילה, און ער זעט דיין אַרבעטס־קאַרטע, אַז אַצינד איז דיין אַרבעטס־צייט, ווערן מיר דאָך ביידע אַרויסגעשיקט פון געטאָ אויפן טויט!״

יאַבלאָנקע, וואָס איז געשטאַנען מיט ביידע טעפּ זופּ אין די הענט האָט זיך פאַרענטפערט און זיין קול איז געווען האַרצרייסנדיק געוויין: „וואָס זאָל איך טאָן? פּגרן ווי אַ הונט וויל איך נישט, ס׳איז אַ געטאָ! מוז איך מיר צופאַרדינען אַ זופּ! זיי האָבן מיר אַרויסגעריסן מיין ווייב און קינדער, כ׳בין עלנט, ווי אַ שטיין, איך וויל איבערלעבן די מלחמה און זיין צוזאַמען מיט זיי, איז וואָס קאָן איך מיר העלפן? אַ שטיקל ברויט, אַ זופּ! נאַט, זעט, קוקט! איר זעט? — שטופּט ער בלושטיינען ביידע זופּן אין די אויגן אַריין — איר זעט זופּן?! דאָס האָב איך אָפּגענומען אין דער דאָקטוירים קיך! געדיכט ווי אַ לעבער! — ער שטעלט אַוועק די טעפּ אויפן טיש, נעמט אַרויס דעם לעפל פון בוזעם־טאַש און גיט אים אַ זעץ אַריין, אין טאָפּ אַריין — איר זעט? דער לעפל שטייט! מ׳קען שניידן מיט מעסערס! וואָס דען, ווי ביי אונדז? פאַר די דאָקטוירים מוזן זיי קאָכן די געפּרוירענע קאַרטאָפל צעריבן אויף אַ ריבייזן, פאַר אונדז קאָכן זיי... יאָ, אַ חזר וואָלט דאָס נישט געוואָלט פרעסן״!...

בלושטיין רייסט אים איבער: „אַ מענטש איז נישט קיין חזר — ער עסט אַלץ״!

— אונזערס אַ זופּ — רעדט ווייטער יאַבלאָנקע, — קען מען אָפּנעמען אין אַ פלאַש, מ׳קען אין איר מאַכן אַ נורעק און אַז כ׳געפין אַמאָל אַ פּיצל קאַרטאָפל איז עס ווי אַ גומענע פּאָדעשווע אָדער ווי גלאָז!

— אַזוי איז עס! — האָט בלושטיין צוגעבאָמקעט.

— איך, פּאַניע בלושטיין, קאָן איך קויפן אַ טאַלאַן אין משוגענעם־ברוך־פּראַשקערס קיך. דאָרט זיינען אויך דאָ זופּן געדיכטע ווי אַ לעבער, דער לעפל שטייט! מ׳קען שניידן מיט אַ מעסער! אָבער אַצינד וויל איך פון איך אַ טובה: כ׳וויל איר זאָלט אַזוי גוט זיין און מיר דערלויבן אַרונטערשטעלן די זופּן דאָ אונטער אייער טיש, אַז זיי וועלן קאַלט ווערן וועלן זיי ווערן אַ גאַלער!

— אָבער חזר מיר נישט איין די הויזן! — שרייט אויף אים בלושטיין.

— חס וחלילה! — שרייט נאָך העכער יאַבלאָנקע, — מיינע טעפּעלעך זיינען ריין ווי גאָלד, ווי ברילִיאַנטן! זאָל איך קרענקען, זאָל איך שטאַרבן! צי אַ צווייטן וואָלט איך היינט געטרויט אַ זופּ! כ׳האָב אַ גומלט איבעגעלאָזט אַ זופּ ביים צווייטן פּאַרטיער, האָט ער מיט די הענט אַרויסגעפּרעסן די פּאָר פּיצלעך קאַרטאָפל, דער „יעקע״ נאַר! עך, וואָס דער הונגער מאַכט פון מענטש! אונזערע, די פּוילישע יידן, האַלטן זיך נאָך יאַקאָש. אָבער זיי די „יעקעס״ די אַסימילאַטאָרן, זיי זענען אינגאַנצן געוואָרן אויס מענטשן!

— נו, יאָ, נעמט רוביטשעקן פון בערלין, וואָס די דייטשן האָבן אים דאָ אַריינגעשיקט. מיר ווילט זיך לאַכן און וויינען ווען ער דערציילט אַז ער האָט נישט געוואָלט דערציילן זיין קינד, אַז ער איז אַ ייד און דאָס מיידל האָט געהערט צו דער היטלער־יוגנט; וויפל האָס צום ייד האָט מען אין איר דאָרט איינגעפּלאַנצט און פלוצלונג האָט מען זי אַרויסגעוואָרפן פון דער היטלער־יוגנט, אַנטוענדיק איר אַ געלע לאַטע, מיט געשרייען און זידלערייען: „יודע פערעקע! יודע! יודע!״ זי האָט געשריגן: „איך בין קיין יודע!״ אין דער היים האָט זי געוויינט: „איך האָב ליב דעם פירער היטלער״. סוף כל סוף האָט ער איר געמוזט דערציילן, אַז ער און איר מוטער זיינען יידן פון דור דורות״. איז היות זי, איז געווען איבערצייגט, אַז אַ ייד איז דאָס ערגסטע און שמוציקסטע באַשעפעניש, האָט זי זיך דאָס לעבן גענומען. און זיין ברודער, אַ זקן, האָט זיך דאָ אויך ס׳לעבן גענומען. געווען אַ געלערנטער, געוואוסט פון דער גאַנצער וועלט נאָר אַבסאָלוט גאָרנישט פון יידן און יידישקייט. ווען מען האָט אים אַרויסגעשיקט פון דייטשלאַנד האָט ער דאָ בשום אופן נישט געקענט זיך איינלעבן. ער האָט מיר אַ מאָל געזאָגט: „הערן בלושטיין, עס איז שווער צו זיין אַ ייד, עס איז אָבער נאָך שווערער צו ווערן אויס ייד. פון איך פּוילישע יידן האָט מען צוגענומען די פּוילישע קולטור, זענט איר אָבער געבליבן ביי אייער אייגענער יידישער קולטור. מיך אָבער האָבן די דייטשן אינגאַנצן באַרויבט — קיין דייטש לאָזט מען מיך נישט זיין, אַ דייטש שעם איך מיך היינט צו זיין און קיין ייד קען איך נישט זיין. איר האָט זיך פאַרפּאַנצערט מיט אייער אייגענער יידישער קולטור וואָס איך לידער פאַרמאָג דאָס נישט, דאָס איז די שולד פון מיינע עלטערן״. האָט ער פאַרענדיקט מיט אַזאַ טרויעריקן טאָן אַז עס האָט מיר געריסן דאָס האַרץ. און אין דער זעלבער נאַכט האָט ער זיך ס׳לעבן גענומען. און דער ברודער דער „יעקע״ נאַר, חלומט נאָך אים

אַרויסצוגעמען פון קבר און אַוועקפירן אין דער „היימאַט", אין בערלין, און באַערדיקן אין „פאַמיליען גראַבען".

און אַצינד איז ער געוואָרן אַ מסור, ער טראַגט אַלצדינג צו צום „קעראָוו־ניק" און גנבעט און רוצחט ביי יעדן איינעם ס׳שטיקל ברויט, אָדער דאָס שטיקל קאַרטאָפל פון דער זופּ אַרויס. אויס מענטש נעבעך געוואָרן...

אַזוי ווי בלושטיין האָט גערעדט האָט דערווייל יאַבלאָנקע אַרויסגעגראַבלט פון בוזעם אַ פּלעשעלע סאַכאַרין און ער האָט אים איבערגעריסן:

— איר זעט פּאַניע בלושטיין — ווייזט ער אים דאָס פּלעשעלע — איך גיב אייך גאַנצע פינף סאַכאַרינקעס פאַר איין „רומקע". (אַ מאַרק מיט רומקאָווסקיס אונטערשריפט).

בלושטיין גיט אים אַ „רומקע" און יאַבלאָנקע עפנט אויף דאָס פּלעשעלע און מיט אַ פּיטשינקע לעפעלע ציילט ער אים אַריין אין אַ קליינטשיק שטיקעלע פּאַפּיר: איינס, צוויי, דריי.

בלושטיין קוקט זיי אָן און זאָגט: גזלן, גיט מיר גאַנצע נישט דריי פּערטלדיקע.

— ווי, וואָס, ווען?

— דרייט זיי איבער. איר זעט, אַז אויף דער אַנדערער זייט פעלן שטיקלעך.

— נאָט, דאָ האָט איר, איך גיב אייך צו צוויי פערטלעך, איז שוין גוט?

— גוט, גוט! מיט אַ גאַנצער סאַכאַרינקע איז דער טאָפּ קאַווע זיס ווי האָניק. — ער וויקלט איין דעם סאַכאַרין אין עטלעכע שטיקלעך פּאַפּיר און ער באַהאַלט דאָס ווי אַן אוצר.

— פון וואַנען האָט איר אַזויפיל פּאַפּיר, פּאַניע בלושטיין? גיט מיר אויך אַ עטלעכע — בעט ער אים.

— נאַדיר, פּאַפּיר זאָל איך אים גאָר געבן, איך אַליין האָב מיר דאָס קוים מיט צרות געשאַפן. איר דערציילט מיר בעסער עפּעס נייעס, איר קומט דאָך פון דער גאַס, וואָס הערט מען?

— ס׳איז גוט! — ענטפערט יאַבלאָנקע מיט פרייד — איר הערט דאָך שיסן? דאָס מישן זיך אויס אַלטע ביקעס מיט יונגע קעלבלעך...

בלושטיין קוקט אויף אים צעטומלט און פּטאַקול, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשריבן אין בוד, האָט זיך אויך אָנגערופן:

— וואָס הייסט דאָס?

— פאַרוואָס פאַרשטייט איר נישט? — ענטפערט יאַבלאָנקע — זיי האָבן שוין מאָביליזירט איבער זעכציק יאָריקע זיידעס און אונטער זעכצן יאָריקע יונגלעך — אַלטע ביקעס מיט יונגע קעלבער: זיי מאַכן „טשוויטשעניעס" (איבונגען) אין מאַני־וואַלד און אין לאַגיעווניקער־וואַלד. דאָס איז שוין דעם „מאַלאַזשס" (היטלער) לעצטע מאָביליזאַציע, מער האָט ער שוין נישט! נאָך דעם האָט ער שוין נישט מיט וואָס צו פייפן... זעט נאָר דורכן פענצטער צי דער אינזשיניער גייט נישט. איר זאָלט מיר איינשרייבן די פולע שעהען. מען האָט אים אין דרערד דעם „קייסער" רומקאָווסקין מיט זיי אינאיינעם"!

בלושטיין קוקט אַרויס דורכן פענצטער: — קענסט גיין ס׳איז קיינער

נישטאָ אויפן הויף, נאָר טאָמער זעט ער דיך, זאָלסטו זאָגן, אַז דו ביסט אַריינגעקומען זען ווי שפּעט ס׳איז, דו ווייסט דאָך... — יאַבלאָנקע איז אַרויס אין פאַבריק אַריין.

עס איז שטיל אין דער פּאַרטיערניע, עס הערט זיך דער ריטמישער טיק־טאַק, פונעם וואַנט־זייגער. בלושטיין שרייבט ווייטער די ליסטע און ער רעדט צו זיך: „ווי לאַנג נאָך וועל איך מוזן אָפּנאַרן דעם אינזשיניער און רומקאָווסקיס־„מלוכה״?״ דאָס האָט געמיינט איינצושרייבן יעדן איינעם די פולע שעהען, אַרויסלאָזן די אַרבעטער אין מיטן דער אַרבעט אָפּצונעמען די זופּ אָדער די „ראַציע״. סוף כּל סוף קען ער דאָך אַריינפאַלן — שוין עטלעכע יאָר ווי עס ציט זיך די מלחמה און מען זעט נישט קיין סוף!...

פּטאַקול רוקט אַוועק דאָס בוך און מאַכט עס צו נערוועז מיט אַ שאָס, ער לייגט אויך אַוועק די פעדער — אַ דו אַלטע כאַלערע! — זאָגט ער צום זייגער אויף דער וואַנט — דו דעצידירסט ווען איך זאָל עסן ס׳ביסל זופּ; דער קאָפּ דרייט זיך מיר ווי אַ קאַרוזעלע, און דער מאָגן ציט מיך אין דרערד אַריין. אויף היינט האָב איך גענוג פּאַניע בלושטיין!

פּטאַקול איז אַרויסגעגאַנגען און בלושטיין האָט אויפגעמישט אַ יידיש בוך און געלייענט. און פון קער פאַרבעריי און פון דעם „רעסאָרט 76״ האָט זיך געהערט דער גערויש און סאָפּעריי פון די מאַשינען.

די „גנבה"

דער חבר זיידע מיט די אַנדערע „צוויי פּיסיקע פערד״, האָבן געברענגט מיטן וואָגן עטלעכע זעק „זאַמיאַטקעס״. ער האָט איבערגעגעבן, אַז מען האָט אים געזאָגט: „שוין! דאָס איז ס׳לעצטע מאָל! „רעסאָרט 76״ וועט מער קיין „זאַמיאַטקעס״ נישט באַקומען״.

איז געוואָרן אַן אומרואיקע שושקעריי צווישן די אַרבעטער, וואָס זענען באַשטאַנען פון מענער, פרויען און קינדער:

— מיט וואָס וועלן מיר אַ צינד איינשטילן דעם הונגער?

— איך וואָלט אַצינד איינגעשלינגען אַ פולן טאָפּ „קלעיק״ (קראָכמאַל־זופּ) פון זאַמיאַטקעס.

— איך וואָלט מיר אַצינד ס׳לעבן דערהאַלטן מיט אַ „באַבקע״ פון קאַרטאָפל־שאָלן.

— איך גיב אייך אַוועק אַלע קלעיקס און אַלע באַבקעס פאַר איין „גוליאַזש״ פון „פליאַקעס״.

— אָבער שלמה פיין ברויך נישט די „מעדני מלאכים״.

— הם, שלמה פיין? דער גראָבער בויך? ער טראָגט „אים״ (דעם קעראָווניק) אונטער מסירהלעך, ער טראָגט אים אָהיים די גנבהלעך, ער טראָגט אפילו פון אים דעם נאַכט־טאָפּ! פאַר דעם מסור האָט ער אַלץ, דער „שמייסער״! (קעראָווניק): זופּן־טאַלאָנען, קאַלאַציעס...

— פיין מיינט נאָך אַלץ, אַז ער וועט איבערלעבן די מלחמה און אַז די פאַבריק וועט צוריק געהערן צו אים.

— איך שלאָג פאָר, אַז מען זאָל נעמען די „זאַמיאַטקעס" אין טעפּ, אָבער דער עיקר זיך היטן פאַר דעם מנובל פיין, דעם שפּיצעל!

— יאָ, ער איז גערעכט, אין טעפּ, — האָבן טייל אונטערגעהאַלטן.

— ס'איז דען אַן אונטערשיד אין וואָס מען נעמט? סיי ווי ווערט מען דאָך ביים אַרויסגיין רעווידירט.

„מיר — האָט זיך אָנגערופן חבר זיידע — זיינען דאָך סיי ווי פאַר'משפט אויף טויט דורך הונגער און שווערע אַרבעט. וועלן מיר נישט באַצייטנס איינשטעלן ס'לעבן וועלן מיר זיכער נישט איבערלעבן".

איז דעם ישיבה־בחור זילבערבערג איינגעפאַלן אַזאַ פּלאַן:

„הערט יידן — האָט ער געזאָגט סודותדיק — דער קעסל, וואו מען קאָכט די „זאַמיאַטקעס" אויף שפּירט איז הויך, טיף און ברייט, יאָ? ווען מיר אין קעסל אַריינהענגען אַ טאָרבע און אָנשטאָט צו שיטן אין קעסל וועלן מיר אויך שיטן אין דער טאָרבע און מיר ווען זיך איינטיילן גלייך אויף גלייך".

דער פּלאַן איז אַלעמען געפעלן געוואָרן. געזאָגט און געטאָן. שאָפל נאָך שאָפל האָבן זיך איינגעגעסן אין די זעק ווי ציין; איין שאָפל אַרויס דער צווייטער אַריין און פולע עמערס „זאַמיאַטקעס" זיינען איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. זילבערבערג איז געשטאַנען אויף דער לייטער ביים קעסל, וואו ער האָט אַריינגעהאַנגען אַ טאָרבע. ער האָט איבערגענומען די פולע עמערס און זיי אַריינגעשיט סיי אין קעסל און סיי אין דער טאָרבע אַריין.

אין אַ ווינקל איז געשטאַנען באַהאַלטן דער קעראָוניק, אינזשיניער יעזשי פערסט, און שפּיאָנירט צי מען אַרבעט פלייסיק, צי מען גנבעט נישט און ער האָט פעסטגעשטעלט: ניין, מען „ביגלט" (גנבעט) נישט. ס'גייט נאָרמאַל, אַלץ גייט אין קעסל אַריין.

די קעסלען קאָכן, זידן, סאָפּען, בלאָזן זיך, דער באַטריב (פאַבריק) איז אָנגעפילט מיט אַ וואָלקן שטיקנדיק־גיפטיקן דאַמף.

דער ישיבה־בחור, זילבערבערג, רייבט זיך די הענט פון פרייד: „יידן, ס'איז גוט! ס'גייט גוט ברוך השם, ווי געשמירט, ס'איז שוין פול, אַז מען קאָן שוין מאַכן הבדלה! איר שטייט אויף „צונג" און מיר האָבן עס כהרף עין".

צווי אַרבעטער האָבן געקוקט צו דער טיר און האָבן צחאָמען אַ זאָג געטאָן: „דאָבזשע! גוט".

זילבערבערג האָט אַרויסגעצויגן פון קעסל אַ ווייסע טאָרבע. צוויי פּאָר הענט האָבן זי אונטערגעכאַפּט, שנעל אַריינגעלייגט אין אַ פאַס און צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצער שמאַטע.

אין אויגנבליק איז אָבער אויסגעוואַקסן דער קעראָווניק:

„וואָס האָט איר דאָ פאַרשטעקט?!" האָט ער געצאַרנט.

אַלע זענען געבליבן ווי אָפּגענומענע. יעדער האָט געוואָלט, אַז די ערד זאָל אים איינשלינגען. פאַר זייערע אויגן האָט אַ שוועב־געטאָן: פּאָליציי,

תפיסה, „טשאַרניעצקיעגאָ״, מערדערישע קלעפּ, שלעפּן פּעסער פּעקאַליע (צואה) און אַרויסגעשיקט ווערן פון געטאָ. וואו? וואוהין?

„אַלזאָ! וואָס האָט איר דאָ באַהאַלטן!!״

קיינער האָט נישט געקאָנט די אויגן אויפהייבן.

דער קעראַוווניק איז צוגעלאָפן צום פאַס, אַרויסגענומען די שמאַטע:

„זאַמיאַטקעס?! גנבים! ביגלער! ביי מיר ווער איר אַלע פאַרפוילט ווערן אין תפיסה! איך וועל אייך אַלע אַרויסשיקן פון געטאָ!״

אַלע זענען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. סעקונדן האָבן זיך געצויגן ווי יאָרן.

פלוצלינג האָט ער באַפוילן: „אַלבערסקי! זאַיאַנץ! נעמט אַרויס די טאָרבע פון פאַס און שיט אַריין די „זאַמיאַטקעס״ אין קעסל אַריין! גאָר שנעלער!״

די צוויי אַרבעטער האָבן מיט ציטערנדיקע הענט און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן גיך אויסגעפירט זיין באַפעל.

* * *

נאָך עטלעכע טעג נישט באַקומען די צוגאָב־זופּן, האָבן די „צוויי פּיסיקע פערד״, זיך באַראָטן צי זיי זאָלן אַריינגיין צום קעראַוווניק אים בעטן.

איינער האָט געזאָגט: „איך פיל, אַז פון הונגער וועל איך אָוועקפאַלן אין מיטן שלעפּן דעם וואָגן״.

דער חבר זיידע האָט זיך אַריינגעמישט: „אַן אַרבעטער מוז האָבן האָנער, ער טאָר זיך נישט בייגן פאַר דעם קעראַוווניק? הונגערן און אויסהאַלטן!״...

דער רויט־געלער יאַבלאָנקע, איז אים אַריינגעפאַלן אין די רייד: „זיידע וויל מיר זאָלן אָוועקפאַלן ווי די הינט! וואָס הייסט היינט האָנער?! — האָט ער זיך צעשריגן — ס'איז אַ געטאָ! האָנער הייסט אַלצדינג צו טאָן, אַז מען זאָל קאָנען די מלחמה איבערלעבן! און דערנאָך נקמה נעמען אין דעם הורן־זון!״

בקיצור: זיי האָבן באַשלאָסן יאָ אַריינצוגיין אים בעטן ער זאָל זיי צוריקגעבן דעם „צוזאַץ״ (צוגאָב־זופּ), נאָר דער חבר זיידע זאָל מיטגיין און ער זאָל ריידן.

* * *

פאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט האָט דער קעראַוווניק זיך פאַרשלאָסן אין זיין קאַבינעט; זיך אָפּראַזירט, איינגעשפּריצט מיט קאָלאָנסקי, אָנגעפּודערט, מיט אַ האַנט־שפּיגל, באַטראַכט זיין נאַרוואָס באַנייטן אָנצוג. „מיר איז היינט וואוילער, ווי אַ קייסער — האָט ער זיך געטראַכט — וואָס פעלט מיר דען? אַלץ גיט מען מיר: די בעסטע וועש, די בעסטע מלבושים, די בעסטע אַלערליי שיך, פון שטיוול ביז שטעק־לאַטשן, אַלערליי פליישן. אַלע קעראַווניקעס מוזן צו מיר אָנקומען נאָך שפּירט. און די שענסטע נקבהלעך! די מיידלעך ווילן נישט שטאַרבן פון הונגער״.

ער האָט אַ בליק געגעבן אויפן האַנט־זייגערל: „יאָ, זי קומט באַלד״. ער האָט געהאַלטן אין איין קוקן צו דער ניי־אויסגעהאַקטער הינטער־טיר, וואָס האָט געפירט אין אַ צווייטן הויף אַריין און האָט געטראַכט: „אַצינד וועלן מיינע

אַרבעטער נישט אַזוי לייכט קאָנען זען מײַנע גנבהלעך און מײַנע נקבהלעך".
ער האָט פאַררויכערט. „ווער איז נאָך זוכה אין געטאָ דאָס צו האָבן? „פּאַפּיראָסן זענען טײַערער ווי ברילִיאַנטן"; פּלוצלינג האָט אין זײַן מוח אַ בליץ־אויף געטאָן זײַן ווײַב, די בלאָנדע מאַרישע. „קאָן זי אַמאָל נישט אונטערקומען? אַ, ניין! זי ליבט זיך אָצינד מיט איר קעראָווניק פון שטרוי־רעסאָרט. דער דאָזיקער הער פאַרבער, האָט זיך נאָך איר געיאָגט נאָך פאַר דער מלחמה, ווי אַ הונט נאָך אַ סוקע! ער איז דער אמתער הורן־זון! איך מוז מײַן מאַרישען ווײַזן, אַז איך האָב מער נקבות, ווי זי מענער. ניין, מיך וועט זי נישט אַריבער־יאָגן!" ער האָט צוגערוקט ס'טישל צום טאַפּטשאַן און אַרויפגעשטעלט ליקער און שפּירט און עטלעכע טעלער. „יאָ, זי קומט באַלד, די פרײַלין אײַגער, זי איז אַ וואונדערלעכע שײנהייט, זי איז נאָך זיכער אַ בתולה. אָך, צו וואָס דער הונגער דערפירט. דאָס איז דער ווילן צו לעבן". ער שפּאַצירט איבערן קאַבינעט הין און צוריק און פילאָזאָפירט: „איך ווייס נישט, וואָס דער מאַרגן קאָן ברענגען, אויסנוצן מוז מען דאָס ביסעלע לעבן. „דאָס לעבן איז אַזוי ווי אַ קינדער־העמדל — קורץ און באַשיסן" — זאָגט געטהע. ער האָט געהערט אַ דעליקאַט קלאַפּן אין דער נײַ־אויסגעהאַקטער הינטער־טיר. ער האָט אויפגעצאַפּלט פון תאווה און פרייד: ער האָט אַרויסגענומען דעם שליסל פון דער קעשענע און מיט אַ שמייכל פון צופרידנקייט געעפנט די טיר.

* * *

אויף די פענצטער אַראָפּגעלאָזט שוואַרצע פאַרטונקלונגען. אין קאַבינעט איז פינצטער. אין ווינקל לעבן דעם לוקסוס־ברייטן טאַפּטשאַן (וואָס דער קעראָווניק פון טאַפּעצירער־רעסאָרט האָט אים צוגעשטעלט פאַר שפּירט), שטייט אַ טישל און אויף אים אַ פּראָזשעקטאָר, וואָס באַלײַכט: אַ ווייס טישטוך, אַ טעלערל מאַרך־פּולווער, אַ טעלערל פליטשלעך פערד־וואורשט, אַ טעלערל ברוי־נער צוקער און אַ מענערישע האַנט, וואָס גיסט ליקער אין צוויי גלעזעלעך אַרײַן.

— „פּי דזשיוווקאָ! טרינק, מיידל! נאַ זדראָוויע! צום געזונט!"

— „צום געזונט!" — ענטפערט אַן אידעלע פרויען־שטימע.

ביידע געפינען זיך אויפן טאַפּטשאַן.

— „פאַרבײַס מיט אַ לעפעלע מאַרך־פּולווער. דאָס וועט דיר אַזויפיל געבן ווי אַ פערטל פונט געגנדזן־שמאַלץ אָדער חזיר־שמאַלץ. אין דעם געפינען זיך קאַלאָריען. קאַלאָריען האַלטן אויף דעם קערפּער. דער מאַרך־פּולווער איז „מײַנס" אַ דערפינדונג. און ליקער קרעפּטיקט! דער ליקער איז אויך „מײַן" דערפינדונג. עס און טרינק, וועסטו גוט אויסזען".

„איך דערכאַפּ מיר טאַקע ס'האַרץ, שוין יאָרן ווי איך האָב נישט פאַרזוכט אַזעלכע מאכלים. זינט איך בין אין געטאָ, הונגער איך, מײַן שפּייז איז נאָר וואַסערדיקע זופּ".

ער גלעט זי איבער דעם קאָפּ, קושט זי און זי זאָגט צו אים צערטלעך:

„יעזשי, איך וויל דו זאָלסט מיר געבן „בעקערײַ", אָדער „קאָלאַציעס".

„בעקערײַ", איז געוועזן: פיר וואָכן כלמורשט צו אַרבעטן אין אַ בעקערײַ, כדי יעדן טאָג צו באַקומען אַ האַלבן קילאָ ברויט און יעדע וואָך אַ

ברויט פון צווי קילאָ, „קאָלאַציעס”, האָט באַטייט: פיר וואָכן מיטאָקער אין אַ ספּעציעלער קיך: אַ זופּ געקאָכט אויף פערד־ביינער, אַ שטיקל געמאָלן פערד־פליש און אַ „יאַזשינקע” (צימעס פון גרינצייג). די דאָזיקע פּרעמיעס זענען געשאַפן געוואָרן פאַר די שווער אַרבעטנדיקע, זיי זאָלן קאָנען אַרויסגעבן די פּראָדוקציע. אָבער די קראַנקע זיך אויסגעטיילט ווען זיי האָבן געוואָלט. לויטן געזעץ איז דאָס נישט דערלויבט געווען.

— „בעקערייי” אָדער „קאָלאַציעס” גייט נישט אַזוי לייכט”, האָט ער איר געענטפערט.

זי ענטפערט אים מיט זינגען דאָס באַרימטע געטאָ־לידל:

„אַז דער קראָוואָניק וויל איז אַ קליינקייט,
אַ קליינקייט,
אַלץ גייט מיט דעם קראָוואָניקס כוח,
אַז דער קראָוואָניק וויל — שיסט אַ בעזים אויך!”

דאָס האָט אים הנאה געטאָן. האָט ער געזאָגט באַרימעריש: „אַזוי איז עס, מיין ליבע, אַז דער קראָוואָניק וויל שיסט אַ בעזים אויך! כאַ־כאַ־כאַ”. ער נעמט זי אַרום און גיט איר אַ קוש אין פּנים.

זי קלאַפּט אים מיטן צייג־פינגער אין דער גאָמבע און מיט אַ פּיעשטשנ־דיקער שטימע זאָגט זי: „מיין יינגל! יינגל, בינגל, צינגל! — זי דריקט־צו איר פּנים צו זיין פּנים — אַ, ווי אַן אַנגענעמענער ריח! פון וואַנען האָסטו היינט אַזאַ גוטן פּודער און אַזאַ גוטן פּערפום?”

„הם, אויף דעם בין איך דאָך עפּעס אַ קראָוואָניק. פאַר „מיינע” דערפינ־דונגען, צו מאַכן פון אַפּפעל שפּירט, ליקער און מאַרך־פּולווער באַקום איך אַלעס!” „איך וועל דיר געבן „בעקערייי”, איך וועל מאַכן, אַז דו זאָלסט האָבן פיר וואָכן צו עסן ברויט צו דער זעט, אָבער דו מוזט צו מיר אויך זיין אַ גוטע”.

„איך בין דאָך אַ גוטע”.

ער פאַלט אין אירע אָרעמס און זי טראַכט דערביי: „כ'וועל פיר וואָכן קאָנען ברענגען מיין קראַנקער מאַמען אַ שטיקל ברויט יעדן טאָג”. ער קושט זי אין פּנים און האַלדזט זי. זי ווערט אָנמעכטיק און פאַלט אַנידער אויפן טאַפּטשאַן. ער פאַרלעשט דעם פּראַזשעקטאָר. עס ווערט פינצטער, חושך.

„אַ, ניין! טו דאָס נישט!” — האָט זי אויסגעשריגן אין שרעק. און זי האָט צוריק אָנגעצונדן. — „אַלץ יאָ, אָבער אַזוי ווייט נישט” — האָט זי גערעדט מיט ציטער און מיט געבעט אים געגלעט איבערן קאָפּ — „איך בין נאָך אַ מיידל, איך האָב ליב אַ יינגל. דאָס איז מיין ערשטע ליבע. די דייטשן האָבן אים ערגעץ פאַרשיקט אויף אַרבעט, איך וויל בלייבן אַ ריינע, פאַר אים, פאַר מיין לייבלען”.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז לייבל לעבט שוין נישט, אָבער ער האָט זי נישט געוואָלט אַריינברענגען אין טרויער כדי צו קענען אין איר דערוועקן די תאווה האָט ער איר געענטפערט:

„זיי נישט קיין נאַר, לייבל וואַרט דאָרטן אויך נישט אויף דיר, ער האָט דאָרטן גענוג אַנדערע מיידלעך”.

ער האָט אָנגעגאָסן נאָך צוויי גלעזעלעך שפּירט און איר דערלאַנגט: „טרינק! שפּירט דערהרגעט אַלע מיקראָבן". זיי האָבן געטרונקען. און ער האָט זי געפרעגט: „נאָך וואָס אייגנטלעך ביסטו געקומען?"

טרערן זענען געבליבן שטיין אין אירע אויגן און זי האָט גערעדט מיט וויטיק: „מיין פאָטער איז געשטאָרבן פון הונגער. מיר זענען געווען זעקס קינדער; זענען פינף קראַנק געוואָרן. איך איינע מיט מיין מאַמען זענען געבליבן, וויל איך איר העלפן; איך וויל מיר זאָלן איבערלעבן. זאָל כאָטש בלייבן אַ זכר פון אונדזער משפּחה..."

„דו וועסט איבערלעבן, איך וועל שוין זען, אַז דו זאָלסט איבערלעבן, דו זיי נאָר צו מיר אַ גוטע. דאָס וואָס דו האָסט ביי מיר אויפגעגעסן און אויסגעטרונקען איז היינט ווערט אַן אוצר, פאַר קיין געלט קאָן מען דאָס נישט קויפן. פאַר דעם דאַרף מען באַצאָלן..." ער כאַפּט זי אַרום מיט שיכורער תאווה און זי זאָגט צו אים מיט געבעט: „קוש מיך, האַלדז מיך — אָבער נישט דאָס!... ניין! ניין! איך וועל בלייבן אַ ריינע פאַר מיין מאַן, פאַר מיין לייבלען"...

„זיי נישט קיין נאַר" — איז ער אַריינגעפאַלן אין די רייד און האָט פון איר אָנגעהויבן אַראָפּצורייסן די מלבושים. זי האָט זיך מיט אים געאַמפּערט...

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ שטאַרק קלאַפּן אין דער פאַרנטדיקער טיר. ביידע האָבן זיך דערשראָקן. זי איז אויפגעשפּרונגען און זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל. איר גאַנצער קערפּער האָט געציטערט פון שרעק.

ווען די באַלעגאַלעס זענען צוגעקומען צו דער טיר פון קעראָווניקס קאַבינעט און האָבן געזען, אַז זי איז נישט פאַרשלאָסן פאַרנט אויפן פרענט, נאָר אינעווייניק פאַרלייגט אויפן קיטל, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז ער איז אינעווייניק. זיי האָבן זיך דערפרייט, וואָס ער איז דאָ, וועלן זיי מיט אים קאָנען רעדן וועגן די צוגענומענע זופּן. האָבן זיי געקלאַפּט אין דער טיר.

ווען קיינער האָט נישט געענטפערט, האָט חבר זיידע אַ זאָג־געטאָן: „אַזוי ווי אַ הונט! שוין ווידער אַ נייער קרבן! אַן אמתע חיה"! נעמט איך דאָס גוט אין זין אַריין — דער טאָג פון באַפרייאונג וועט אויך זיין דער טאָג פון נקמה! קומט, לאָמיר גיין!"

זיין זענען צוריקגעגאַנגען שוויגנדיק, נאָר דער תמיד פריילעכער רויט־געלער יאַבלאָנקע, האָט זיך אויף זיין שטייגער אונטערגעברומט דאָס געטאָ־לידל:

„ווער עס האָט „פּלייצעס" שטאַרקע
דער האָט אויף זיך אַ מאַרקע,
האָט אַ פּאָסטן דעם גרעסטן
צו פרעסן פון שענסטן און בעסטן
האָט נקבהלעך אַן אַ שיער
וואו ער גיט זיך נאָר אַ ריר".

קיינער האָט זיך צו זיין זינגען נישט צוגעהערט. יעדער איז אַהיימגעגאַנגען פאַרדאגהט אין זיין הונגעריקער שטוב, וואו עס האָט זיך נישט געפונען קיין קרישקעלע שפּייז.

אויפן מאַרק אין געטאָ

אַ פוסטער מאַרק. פון אַלע זייטן הייזער. פון איין זייט ציט זיך אַ לאַנגע גאַס און פון די אַנדערע זייטן שניידן זיך געסלעך.

פאַר דער מלחמה האָבן דאָ צעוואַקסענע טאָפּאָל־ביימער באַצירט די גאַסן. איידער די געטאָ איז געשלאָסן געוואָרן און אַרומגענומען מיט שטעכ־דיקע דראָט, האָבן די דייטשן געלאָזט אויסהאַקן דיביימער, כדי יידן זאָלן נישט אַמאָל הנאה האָבן פון אַ גרין בלעטל.

דער ברוק איז צעריסן. עס שטייען בלאָטעס אין וועלכע עס שפּיגלען זיך די שטראַלן פון דער זון.

אין מיטן מאַרק שטייען טויט די געמויערטע האַלעס, וואָס וואַרפן אַן אַ מורא און שאַפן אַ בענקשאַפט נאָך דעם ערשט געוועזענעם „אַמאָל", וואָס זעט שוין אויס ווי אַ פאַנטאַזיע. פאַר דער מלחמה איז דאָ געווען פול מיט יידישע קראָמען פון אַלערליי סחורות אין דער וועלט. מען האָט דאָ געקאָנט טויב ווערן פון די געשרייען, מיט וועלכע די סוחרים האָבן געריטמט זייער סחורה און פון דער מוזיק פון פאַטעפאָנען און פון די קאַטאַרינקעס און קונצן־מאַכער און פונעם געזאַנג פון די בעטלערס — דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעמישט מיט קללות און ניבול־פה פון שיכורים.

אַצינד, דער מאַרק איז פוסט, טויט. ער וואַרפט אַן אַן אימה. לעבן דעם טויטן פלומפּ שטייען די היינטיקע „סוחרים", זיי האַלטן זיך אין איין אומ־קוקן, אויס מורא צי עס קומט נישט אונטער רומקאָווסקיס פּאָליציי.

דער גרעסטער טייל „סוחרים" זיינען קינדער. עס זיינען דאָ אויך מענער און פרויען. די קינדער גייען באָרוועס, די דערוואַקסענע גייען אין טרעפּעס (האָלץ־שיך), יעדער איז באַהאַנגען מיט אַ טאָפּ און פון יעדנס לינקער ברוסט פלעקן אַראָפּ געלע לאַטעס, אין אַ פאָרעם פון אַ מגן־דוד.

אַן אויסגעדאַרט, אויסגעבלייכט ייִנגעלע, האַלט אַ פלעשעלע סאַכאַרין אין זיין סקעלעטן הענטעלע און זינגט אויס מיט זיין שוואַך שטימעלע, מיט אַ טרויעריקן ניגון אַ ליד, וואָס ער אַליין האָט געשאַפן:

„סאַכאַרין, סאַכאַרין,
אָריגינעלער סאַכאַרין,
סאַכאַרין, סאַכאַרין,
פינף פאַר איין מאַרק סאַכאַרין !..."

„נו, ווער מען געבן ? ווער קויפט ? קויפט, קויפט !"

אַן אַכט־יאָריק ייִנגעלע אין צעריסענע הויזן און אין אַ צעפליקט העמד, מיט אַ ווילד באַוואַקסענעם קאָפּ, שטייט אָנגעלענט אויף אַ שטעקן, ווי אַ קראַנקער זקן. ער האַלט אַ פעקעלע געלע לאַטעס און קרעכצט אויס: „לאַטעס ! לאַטעס ! ביליק ! די שיינע לאַטעס ! גאָלדענע לאַטעס ! נאָר דרייסיק פעניק אַ פּאָר ! קויפט ! קויפט ! ביליק ! ביליק !"

אַן אויסגעבלייכט מיידעלע, מיט אַ פּנים פון אַ לאַלקע, מיט לעבעדיקע

שוואַרצע אויגן, די באַרוועסע פיסלעך דין ווי צינדהעלצלעך, טראָגט אַ הילצערן קעסטעלע פון פאָרנט, אָנגעהאָנגען מיט אַ שטריק איבערן האַלדז און זינגט אויס מיט אירס אַ טרויעריקן ניגון: „איריסן, איריסן — ווייזט זי אויפן קעסטעלע — איריסן! גרויסע קלעצער! גאַנצע בעלקעס! זיי ליגן אַ שעה אין מויל!... דאָס איז אַ רפואה די מלחמה איבערצולעבן! נו, ווער קויפט?״

אַ מיטליאָריקער ייד אין אַ שוואַרצער לאַנגער געהאַקטער קאַפּאָטע, אָן אַ באָרד (די דייטשן האָבן געצוואונגען די יידן אָפּצושערן די בערד), און אין אַ מאַטשעיאָווקע, האַלט עטלעכע בלעכלעך אין איין האַנט און עטלעכע קנויט־לעך אין דער צווייטער און רופט אויס מיט אַ תהילים־ניגון: „די שטוב צו באַלייכטן, אָן אַ שרעק! ביליק! ביליק! נאָר אַ פּאָר פּעניק!״ דאָס איז זיינס אַן אייגענע דערפינדונג. די ווערטער — „די שטוב צו באַלייכטן אָן אַ שרעק״ חזרט ער אַ סך מאָל איבער אַקצענטירנדיק, מחמת פאַר אַרויסשלאָגן אַ פּאַסיקל ליכט האָבן די דייטשן נישט איין ייד געשיקט צום טויט.

מאַן און ווייב — אַ גייענדיקע קראָם. ביידע זיינען באַהאָנגען מיט מלבושים, וועש, שיך און געפּעס. דרייען זיך הין און צוריק. דער מאַן רופט אויס: „מלבושים, וועש, שיך און הויז־חפצים אויף אויסצוצאָלן אויף ראַטעס!״

„אויף אויסצוצאָלן מיט פינף דעקאָ ברויט אַ וואָך!״ — פאַרענדיקט ס'ווייב — „נו, ווער קויפט?״

די דורכגייער איילן שנעל אַדורך, קוקן זיך נישט אום אויף די סוחרים. רופט זיך אָן דער דערפינדער פון די לעמפּעלעך אָן אַ שרעק: „ס'ווייזט אויס אַז מיר זיינען הייליקע מענטשן, יעדער פון אונדז איז אַ רואה ואינו נראה — מיר זעען זיי, מיר רופן אויס אונדזער סחורה און זיי זעען אונדז נישט. אוי! — גיט ער אַ שווערן זיפץ — אַז גאָט האָט געוואָלט שטראָפן די לאָדזשער יידן, האָט ער זיי געגעבן אַ מלך, אַלץ איז זיינס: „מיינע רעסאָרטן, מיין געטאָ, מיין פּאָליציי, מיינע באַאַמטע, מיינע אַרבעטער, מיינע קאָאָפּעראַטיוון, מיינע פייערלעשער, מיין שפּייז, מיינע יידן!״ שפּעט ער נאָך רומקאָווסקין ווי ער רעדט אויף זיין ליטווישן לשון און ער אַקצענטירט מיין און מיינע. „אַלץ איז זיין! מיין ווייב איז אויך נישט מיין — נאָר זיין! ווי האָט געזאָגט דער משוגענער? — אין מיין געטאָ גיבט ניט קיין פּריוואַט־איגנטום — אַלץ איז מיין!״

„אין קליינינקייט״ — איראָניזירט דער מלבושים־סוחר — „אַ „קייסער״! מיט אייגן געלט, מיט זיין אונטערשריפט, אַן אייגענע פּאָסט, מיט זיין בילד אויף די פּאָסט־מאַרקן. זיין בילד הענגט אין אַלע אַמטן. אייגענע מיניסטאָרן — אינערלעכע און אויסערלעכע, אַ גאַנצע „מלוכה״! שוין צוויי טויזנט יאָר ווי יידן האָבן נישט געהאַט די זכיה דאָס צו האָבן. כאַ, כאַ, כאַ״. — צעלאַכט ער זיך און אַלע לאַכן מיט.

„נו, יאָ — וואַרפט איינער צו — ער טראָגט נעבעך אַ פּאַפּירענע קרוין, דער משוגענער!״

„יאָ, יאָ!״ חזרן אַלע איבער.

„אַזאַ יאָר אויף מיר — מישט זיך אַריין דאָס יינגעלע מיטן סאַכאַרין

— ווי עס זיינען געווען גערעכט די יידן, וואָס זיינען דעם ערשטן זומער צוגעגאַנגען צו די דראָטן מיט גרויסע אויפשריפטן: „מיר ווילן נישט קיין יידישע רעגירונג! מיר ווילן, אַז די דייטשן זאָלן איבערנעמען די מאַכט אין געטאָ!..." אַט ביי די דייטשן וואָלטן מיר כאָטש באַקומען דאָס, וואָס זיי שיקן אַריין און רומקאָווסקיס גנבים גנבענען אַראָפּ די סמעטענע מיט די מילך און אונדז גיבן זיי ס'וואַסער! וויפל וואָכן האָט שוין רומקאָווסקי נישט אַרויסגעגעבן קיין ראַציע?!..." (שפּייז־צוטייל).

„אַז דער משוגענער רעדט צו די אַרבעטער — איראָניזירט ווידער דער סוחר פון מלבושים — זאָגט ער: „איך האָב געגנוג צו עסן און גענוג אַרבעט!" ער האָט גענוג צו פרעסן און מיר האָבן גענוג אַרבעט".

„און אַז דער משוגענער וועט שוין אַרויסגעבן אַ ראַציע, איז דען דאָ ביי וואָס אָפּצוקאָכן?" — מישט זיך אַריין זיין ווייב.

„איר האָט זיך באַדאַרפט פאַרזאָרגן מיט אַ פּאַרטיי, פּאַרטיי־מענטשן זיינען יאָקאָש פאַרזאָרגט... זיי הונגערן נישט אַזוי..." — מישט זיך אַריין דאָס ייִנגעלע מיטן סאַכאַרין.

„אַלטער קאָפּ! — ענטפערט זי אים מיט כלומרשטן כעס — די אייער זיינען היינט קליגער פון די הינער!"

פּלוצלונג איז אָנגעקומען אַ יונגערמאַן מיט פּלאַקאַטן און אַן עמער קלייסטער, מיט אַ באַרשט און ער האָט אויפגעקלעפּט אַ פּלאַקאַט אויף דער וואַנט. אַלע האָבן אים אַרומגערינגלט.

— אַ ראַציע! מזל־טוב! מען טיילט ראַציעס! — שרייט מען אויס מיט פרייד.

יעדער ציט אַרויס אַ בלייפעדער מיט אַ שטיקל פּאַפּיר כדי אָפּצושרייבן פון פּלאַקאַט. אַרום פּלאַקאַט שטייט אַ גאַנצע קופּע. מען שטופּט זיך, מען שטויסט זיך, איינער קריכט אויף דעם צווייטן צו זען דאָס גליק. די הערצער זיינען דערפרייט גלייך, ווי די ישועה וואָלט געקומען. עס איז אוממעגלעך זיך צוצוקריגן. עס קומט צעלויפן אַ יידענע שרייענדיק מיט אַ קול פון פרייד און האָפענונג: „אַ ראַציע?! לאָזט מיך אויך צו! איך וויל אויך אָפּשרייבן! פון ווען אָן קען מען אָפּנעמען דאָס ביסעלע לעבן?"

אַ צווייטע פרוי פרעגט: „גיט ער כאָטש צוקער? אויל? קאַרטאָפל?"

מען שטופּט זיך, מען אַמפּערט זיך.

„איר ווייסט וואָס? — רופט זיך אָפּ דאָס ייִנגעלע וואָס האַנדלט מיט סאַכאַרין — וואָס דאַרפט איר אַלע זיך שטופּן און סיי ווי נישט זען? נעמט מיך אַרויף אויף אַן אַקסל וועל איך פאַרלייענען און איר אַלע וועט אָפּשרייבן!"

„ריכטיק! ריכטיק!" שרייען אַלע.

„אַ געזונט אויף דיין קעפּעלע!"

דער חבר זיידע האָט אים אַרויפגענומען אויפן אַקסל און ווען ער איז שוין געווען זיכער, אַז ער וועט נישט אַראָפּפאַלן האָט ער געזאָגט אַ צופרידענער: „נו, שיס, יאַטל!"

„איך גיב אַרויס אַ ראַציע אויף פּופּצן טעג — לייענט דאָס יינגעלע — אויף דעם נומער דרייסיק פון דער לעבנסמיטלקאַרט. שרייבט!" — שרייט ער באַפעלעריש.

„פינף הונדערט גראַם קאַלך־זאַלץ. אַ האַלבן ליטער עסיק. פופציק גראַם ציטרין־זויערע. אַ האַלבן קילאָ וואַש־סאָדע. אַ האַלבן קילאָ קאַווע־מיסטונג" (מישונג).

„זאָל ער נישט לייענען אַזוי גיך! — בעט זיך אַ פרוי — לייען יינגעלע אביסעלע פּאַמעלעכער. לייען:"

„אַ האַלבן קילאָ ציבעלע־שאָלעכץ־פּולווער, הונדערט גראַם פאַבריקע ערזאַץ".

„אוי! „ער" גיט דאָך אונדז נאָר זויערס און ביטערס! — פאַרברעכט די הענט אַ יידענע מיט אַ תחינה־ניגון — סם, צו פאַרברענען די געדערים מיט די קישקעס! „ער" האָט דאָך אונדז צוגעזאָגט קאַרטאָפל, פלייש, צוקער, קוילן און פּוטער! וואו איז עס?!"

— האָבן זי געדולד, דאָס וועלן זי אויך באַקומען.

— „יאָ? ווען?" — פרעגט זי נייגעריק.

— „נאָך דער מלחמה" — זאָגט בלושטיין.

„כאַ, כאַ, כאַ" — צעלאַכן זיך אַלע.

„אָבער היינט האָבן זיך שוין מיט דעם רומקאָווסקיס מענטשן איינגע־טיילט!" — שרייט אויס מיט צאָרן דער חבר זיידע.

„טאָמער קענט איר שטום ווערן?! — שרייט אַ צווייטער — לאָמיר ווייטער הערן! לייען יאַטעלע, לייען!"

דאָס יינגעלע וואָס איז שטיל געוואָרן פון די געשרייען לייענט ווייטער:

„דריי דעקאָ קאָנסערווירטע קאַלריבן און צען דעקאָ קאָרן־מעל.

די „ראַציע" קען יעדער אָפּנעמען אין מיינע קאָאָפּעראַטיוון פון מאָרגן אָן. — דער עלטעסטער, דער יודען, מרדכי חיים רומקאָווסקי".

דאָס יינגעלע קריכט אַראָפּ.

„דאָס איז אַ צוטיילונג נישט צו לעבן נאָר צו שטאַרבן" — שרייט אויס דער חבר זיידע.

„דאָך בעסער ווי גאָרנישט! און אַז „ער" גיט גאָרנישט איז בעסער? דאַנקט גאָט פאַר דעם".

„דאָס איז אַ וויסנשאַפטלעך אויסגערעכנטע ראַציע, אַז מיר זאָלן גע־שוואָלן ווערן און די אברים זאָלן אויסרינען אין מאַטעריע, און מיר זאָלן אָפּגעבן די ברויט־קאַרטע!..." — שרייט אויס דער חבר זיידע.

עס קומט אָן אַ געשוואָלענער עלטערער ייד אָנגעלענט אויף אַ שטעקן און פאַלט אַנידער. אַלע לויפן צו און פּראָווון אים אויפהייבן.

„הייבט מיך נישט אויף — קרעכצט ער — דאָ וויל איך שטאַרבן. כ'האָב נישט קיין היים".

„פון וואַנען זענט איר ר' ייד?" — פרעגט אים אַ פרוי.

„פון פּיאָנטקע".

„אָ, אַ שטעטעלע נישט ווייט פון לאָדזש — איז ווי אַזוי קומט איר אין לאָדזשער געטאָ אַריין?"

„ס'איז אַ לאַנגע מעשה, אָבער אַ טרויעריקע. ווען די דייטשן האָבן באָמבאַרדירט דאָס לאַנד, האָבן זיי באַוואָרפן מיין שטעטל מיט צינד־באָמבעס. אַ סך יידן האָבן זיך באַהאַלטן אויף די פעלדער און אין וואַלד און אַ סך האָבן געזוכט שוץ אין בית־המדרש. אויך מיין ווייב איז געווען דאָרט. זי איז געווען אַ צדקית. די דייטשן האָבן געוואָרפן אַ באָמבע אויפן בית־המדרש. כהרף עין איז פון בית־המדרש מיט די יידן געוואָרן פלאַמען פייער. איך בין געשטאַנען נאָענט צו דער טיר, האָב איך מיך געראַטעוועט, בין אָפּגעקומען מיט אַ פּאָר בראַנד וואונדן, אָבער מיין ווייב, זי האָט זיך געקלאַמערט אָן ארון קודש — איז פון איר ווי פון אַ סך יידן געבליבן אַביסל פּאַרסמאַליעטע ביינער. קוים מיט צרות כ'האָב מיך אַהערגעשלעפּט קיין לאָדזש. אַצינד בין איך קראַנק, אין שפּיטאָל וויל מען מיך נישט אַריינ־נעמען, וויל איך דאָ ליגן און אויסגיין.

„ווען דער משוגענער רומקאָווסקי הייסט — רופט זיך אָפּ אַ פרוי — וואָלט מען אים גלייך גענומען אין שפּיטאָל אַריין!"

„שיין געזאָגט! — חוזקט פון איר אַ ייד — ער איז דאָך אַ „קייסער", ס'איז דאָך זיין „מלוכה". ער זאָגט: אין פיר יאָר אַרום וועט מיין געטאָ גיין ווי אַ זייגערל..."

„איר הערט? — שפּרינגט אויף מיט היץ אַ צווייטער ייד — פיר יאָר וויל ער נאָך קיניגן אויף אונדזערע צרות!"

„מען דערציילט, — קרעכצט דער זקן — אַז רומקאָווסקי האָט געזאָגט, אַז היטלער וועט איינגעמען די גאַנצע וועלט, וועט ער אָפּגעבן די יידן ארץ־ישראל און אים, רומקאָווסקין, וועט ער מאַכן פאַר אַ מלך..."

„טפו, טפו! ימח שמו זאָל ער ווערן!" — שרייען אַלע אין איין קול.

„ער" וועט איינגעמען די וועלט? אַ מיתה משונה וועט „ער" איינ־נעמען!" דונערט דער חבר זיידע.

„רומקאָווסקי האַלט זיך פאַר דעם צווייטן שלמה המלך..." — קרעכצט דער זקן.

„וואָס שלמה המלך? ער איז „גרעסער", ער איז דער צווייטער משה רבינו. משה האָט די יידן אַריינגעפירט אין דער מדבר און נישט דערלעבט אַריינצופירן קיין ארץ־ישראל און רומקאָווסקי האָט די יידן אַריינגעפירט אין געטאָ און ער וועט אויך נישט דערלעבן זיי אַרויסצופירן פון געטאָ" — זאָגט בלושטיין.

אַלע צעלאַכן זיך.

„טאַטע, דו לאַכסט, ווייל איז צו דיין געלעכטער", זאָגט דער זקן און קרעכצט פון יסורים.

„וואָס איז אייך, ר' ייד? זאָגט" — בעט אים אַ פרוי.

„וואָס זאָל מיר זיין? איך בין קיין עין הרע אַ „גרויסער גביר", אַן „עושר": כ'האָב אַ פאַרמעגן, וואָס כ'קען איינטיילן די דייטשן. כ'פאַרמאָג

קאַלך אין די ביינער; האַרמאַטן (רעוומאַטיזם) אין די פיס; זאַמד — גאַנצע קאַפּאַלניעס, אין די נירן; און שטיינער אין די גאַל; אוי, און איך האָב אויך אַ הויכן בלוט־דרוק און אַצינד זעט איר דאָך ווי איך האָב מיך, קיין עין הרע, „אויסגעפּאַשעט" (געשוואָלן) פון די רעטעך־בלעטער. אַז דאָס געשוויר־לעכץ וועט מיר מירצעשעם צוגיין צום האַרץ, וועל איך אָפּגעבן די ברויט־קאַרט... אוי!" פאַרענדיקט ער מיט אַ האַרצרייסנדיקן קרעכץ.

אַלע קרעכצן מיט.

דער זקן ציט זיך אויס אויף דער ערד, אַלע לויפן צו אים צו.

„יידן בני רחמנים, דערבאַרעמט אייך, נעמט אַהיים אַ קראַנקן ייד!" — האָט זיך בלושטיין געבעטן.

„נעמט אים צו מיר אַהיים" — האָט זיך אַ פרוי אָנגערופן — „נו, ווער נעמט אים, קומט!"

„ניין! איך וויל נישט גיין צו קיינעם! טראָגט מיך צו צום שפּיטאָל און לייגט מיך אַנידער ביי דער טיר. איך וועל דאָרט אַזוי לאַנג ליגן ביז זיי וועלן מיך אַריינגעמען!"

„ער איז גערעכט!" האָבן עטלעכע אויסגעשריגן.

עטלעכע מענער הייבן אויף דעם אַלטן, גייען מיט אים און מיט דער פרוי אַוועק.

(ווען רומקאָווסקי איז אַדורכגעפאָרן אויף זיין „שיינער" דראָשקע דורכן שפּיטאָל און האָט דערזען דעם קראַנקן זקן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אים אויסגעפרעגט און ער האָט אים אַריינגעגעבן אין שפּיטאָל. מען האָט אים דאָרטן אַזוי לאַנג געהאַלטן ביז ער איז געשטאָרבן).

פון דער צווייטער זייט קומט אָן אַ ייִנגל און שרייט: „יידן, גוואַלד, ס'הונגערט מיך! דערבאַרעמט אייך, גיט מיר עפּעס צו עסן! ס'הונגערט מיך! ס'הונגערט מיך!" ער לויפט אַריין אין אַ געסל און עס הערט זיך זיין געשריי: „יידן גוואַלד! ס'הונגערט מיך!"

אַלע שוידערן אויף.

„איר האָט געזען? אַזוי זעען מיר אויס! — זאָגט בלושטיין — דאָס ייִנגל איז שוין אַ „געהאַלפּענער". ער וועט זיך שוין לאַנג נישט פּייניקן, ער האַלט שוין ביים אָפּגעבן די ברויט קאַרט"...

אַלע זיינען שטום געבליבן און האָבן זיך פאַרטראַכט וואָס פאַראַ סוף עס דערוואַרט זיי.

עס איז אָנגעקומען דער באַוואוסטער ר' שמעון, אַ ייד אַ תלמיד חכם, וואָס איז סאַמע בטחון און ער האָט אויסגעשריען: „יידן, וואָס זייט איר אַזוי פריטשמעליעט?! געוואַלד יידן, זייט זיך נישט מייאש! יידן, ס'איז גוט! ס'איז דאָ גוטע נייעס!"

דאָ האָבן אַלע זיך אויפגעכאַפּט און אין איין קול געפרעגט: „אַזוי? נו, טאָ לאָמיר הערן? וואָס ציט איר אונדז אויס די נשמה?!"

„די לעצטע נייעס איז: ענגלאַנד האָט אָפּגעגעבן די יידן ארץ ישראל?

מען דאַרף מאַכן אַ לחיים!" זאָגט ר' שמעון האָפּערדיק. „נו, דאַרף מען האָפן צו גאָט צי נישט? זעט איר אַז ער וויל, קען ער!"

„פון וואַנען האָט איר די ידיעה?" — פרעגט אים בלושטיין.

„דאָס איז, פּאַניע, בלושטיין, אַ ראַדיאָ־ידיעה, פון לאָנדאָנער און פון מאָסקווער ראַדיאָ!"

„און מיר דאַכט זיך ר' שמעון, אַז דאָס איז אַ ייוואָ־ידיעה. ייוואָ: יידן ווילן אַזוי.

„דאָס וואָס יידן ווילן וועט זיין! — האָט אים ר' שמעון איבערגעריסן — וויל יידן זיינען אַן עם נביאים!"

„טאָ הערט אַ מעשהלע, ר' שמעון: אַ ייִנגל איז געקומען אַהיים צולויפן מיט פרייד: טאַטע, משיח איז אין גאַס!

— ווער האָט דיר דאָס געזאָגט, קינד מיינס?

— ר' חיים, טאַטעשי, ר' חיים!

איז דער טאַטע אין איין אָטעם אַרויסגעלאָפן אין גאַס און ... ער זעט נישט משיחן. איז ער אַרויפגעלאָפן צו רב חיימען און אים געפרעגט: איז אמת, אַז איר האָט געזאָגט, אַז משיח איז אין גאַס?

„איך — ענטפערט אים ר' חיים — האָב געזאָגט, אַז משיח איז אין יאַס.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז אין יאַס?

— דאָס האָט מיר דערציילט ר' מיכל שפּירע.

איז ער אַרויפגעגאַנגען צו ר' מיכל שפּירען און געפרעגט: איז דאָס אמת, אַז איר האָט געזאָגט ר' חיימען, אַז משיח איז אין יאַס?

— וואַרט נאָר... יאָ... כ'האָב אים געזאָגט, אַז ס'איז מיר אין די שיך נאַס. האָט ער פון שיך געמאַכט משיח, פון נאַס — יאַס, און פון יאַס — גאַס".

אַלע האָבן זיך צעשמייכלט, אפילו ר' שמעון אויך.

„עס וואָלט שוין טאַקע צייט געווען מיר זאָלן זיין אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער, מיט אַן אייגן לאַנד — זאָגט חבר זידע — קענט איר אייך פאָרשטעלן, אַז ענגלאַנד וועט היינט זיך מער „פוצן" צו די יידן ווי צו די אַראַבער? האַ, יידן, וואָס דענקט איר?"

אַלע האָבן זיך פאַרטראַכט. פּלוצלונג האָט זיי אויפגעוועקט אַ פריילעכער ניגון פון אַ פידל. עס איז פון אַ זייטיק געסל אָנגעקומען יאַנקעלע דער גאַסן זינגער, מיט אַ פידעלע און אַלע האָבן זיי אים אַרומגערינגלט, אויסצוהערן זיינע פריילעכע און טרויעריקע געטאָ־לידער.

יאַנקעלע דער פאָלקס־זינגער אין געטאָ

יאַנקעלע איז געווען אַ אָריגינעלער פאָלקס־זינגער. אַ נידעריק, פעסט־געבויטער מיט ברייטע פּלייצעס און אַ ברייט, רונדיק פּנים, אַ ברייטע נאָז און בלויע אויגן. פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געקומען פון שטעטעלע אָפּט קיין לאָדזש. ער איז געווען אַ טאַנדעטנער שניידער און אַ פּשוטער פאָלקס־

מענטש. זיין גאַנצע בילדונג איז געווען דער חדר, וואו ער האָט געלערנט עברי און אַביסל חומש מיט רש״י, און באַלד האָט ער געמוזט אַרבעטן, כדי צו העלפן זיך און זיין אָרימע משפחה. ער האָט אויך קיין פּויליש נישט געקענט. ער האָט נאָר געקענט שרייבן יידיש און דערצו — מיט גרייזן. די שווערע פּראַצע אויף דעם שטיקל ברויט האָט אים אויך נישט דערלויבט אַ סך צו לייענען.

די טאַנדייטערס פלעגן ציען פּרנסה פון פאָרן אויף יאַרידים אין די שכנות׳דיקע שטעטלעך. זיי פלעגן זיך שלעפּן גאַנצע נעכט אויף פורן, אָנגעפּאַקטע מיט סחורות און מיט טאַנדייטערס. יאַנקעלע פלעגט מיטפאָרן און ער האָט זיך איינגעהערט און איינגעזאַפּט זייערע פאָלקס-מעשיות און פאָלקס-לידער.

יאַנקעלע האָט געהאַט נישט קיין שלעכטע שטימע, ליב געהאַט צו זינגען פאָלקס-לידער און געזונגען מיט געפיל. פון יעדער געשעעניש אין שטעטל האָט ער געמאַכט אַ מעשה׳לע מיט גראַמען, צוגעפּאַסט אַ באַקאַנטע מעלאָדיע און באַלד האָט דאָס געזונגען דאָס שטעטל-יידן.

ווען די לאָדזשער געטאָ איז געשלאָסן געוואָרן און יאַנקעלע האָט נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן, האָט ער געוואוסט, אַז אין אַלעם איז שולדיק דער פּרעזעס מרדכי חיים רומקאָווסקי. אין דעם זיינען איבערצייגט געווען אַלע יידן אין געטאָ. יידן האָבן געזאָגט: „ווען די דייטשן האָבן געוואָלט לאָדזש מאַכן ,יודן-ריין׳, האָט זיי רומקאָווסקי צוגערעדט, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ געטאָ, ווייל ער האָט געוואָלט ווערן מלך״. האָט יאַנקעלע געשאַפן אַ ליד אויף רומקאָווסקי׳ן, דאָס איז געווען אַ שטאַרקע סאַטירע אויף דעם „מלך״ און זיין „מלוכה״. צום טעקסט האָט ער צוגעפּאַסט אַ מעלאָדיע פון אַן אַלט פאָלקס-ליד. ער האָט פאַרגעזונגען דאָס ליד פאַר זיינע פריינט, עס איז זיי שטאַרק געפעלן געוואָרן, האָבן זיי אים צוגערעדט, ער זאָל זינגען דאָס ליד איבער די גאַסן. די געטאָ-יידן האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם ליד. זיי האָבן געלאַכט מיט יאַשטשערקעס. ביי טייל שורות האָבן זיי פאַרגאָסן טרערן און גלייכצייטיק געפילט אַ זיסן טעם פון נקמה אין דעם „משוגענעם״, ווי זיי האָבן גערופן מ. ח. רומקאָווסקי׳ן. אין דעם ליד האָט יאַנקעלע אַריינגעפלאָכטן אַ שטיק לעבן פון געטאָ.

די יידן אין לאָדזשער געטאָ האָבן געגלויבט, אַז נאָר אויף די לאָדזשער יידן האָט היטלער אויסגעגאָסן זיין גאַנצן צאָרן און אַז אומעטום לעבט זיך די יידן בעסער. האָט מען געקלערט ווי אַרויסצופאָרן אין פּראָטעקטאָראַט אַריין, דאָרטן איז דאָך פּוילן; לאָדזש געהערט דאָך צום „בייעם רייך״-וואַרטיגאַו; האָט יאַנקעלע געזונגען אַ ליד. ווי שלעכט עס איז אין לאָדזשער געטאָ און ווי גוט עס לעבט זיך אין פּראָטעקטאָראַט. מיט דעם ליד האָט ער געטראָפן אין די הערצער: דאָס וואָס יעדער האָט געטראַכט — אַרויס פון לאָדזשער געטאָ. דער רעפריין איז געגאַנגען מיט פריילעכן מאַרש און די צוהערער האָבן מיטגעזונגען:

איך פאַר אין קיעלצער קאַנט,
דאָרט עסט מען רעטעכלעך מיט שמאַנט,
מיירן, בוריקעס — פאַר אַ דרייער
בחצי חינם — קריגט מען אייער.
דאָרטן ס׳לעבן איז אַ מחיה:
מען פרעסט ווייל ס׳איז דאָ וואָס צו קייען
דאָרטן איז נישטאָ קיין געלע באַנד —
רומקאָווסקים מלוכה מיט זיין פּאָליציאַנט.
סערוואוס יידן! אַדיע, געטאָ־לאַנד!

דערנאָך האָט יאַנקעלע געשאַפן אַ סאַטירע אויף דעם „קייסער" רומקאָווסקי. דעם „קייסערס" פרוי איז געשטאָרבן פאַר דער מלחמה, זיי האָבן ביידע געהאַט אַ פאַמיליע־קבר, מיט איין מאַרמאָרנע ראַם. אויף אַ האַלבער מצבה איז געווען אויסגעקריצט דער נאָמען פון דער פרוי, און די צווייטע העלפט האָט געוואַרט אויף אים. זיי האָבן נישט געהאַט קיין קינדער און ער האָט זיך פאַרנומען מיט אַ יתומים־הויז, זיך געהאַלטן פאַר אַ „טאַטע" פון יתומים.

האָט יאַנקעלע איבער די גאַסן געזונגען אַזאַ ליד:

ס׳גייט שוין חיים,
רומקאָווסקי חיים
אויפן בית־החיים
עס לויפן אים נאָך
די יתומים־קינדער,
צו הערן ווי „זייער פאַטער" דערציילט וואונדער.
מיטאַמאָל בלייבט ער שטיין ביי זיין ווייבס קבר
און שרייט אַריין אַזוי: „אוי, אוי, אוי,
לאה! לאה׳שי, שטיי אויף און זע,
ווי דיין חיים דער הייסער
איז מיט איין מאָל געוואָרן אין לאָדזשער געטאָ
אַ גאַנצער מאַכער — אַ קייסער!"

דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט זיך געוואָלט אונטער׳חנפ׳ענען דעם „קייסער", האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל: אַרעסטירן דעם בונטאָווטשיק! די פּאָליציי האָט אַרעסטירט יאַנקעלען. ער איז אָפּגעזעסן אַ גאַנצן טאָג. פאַרנאַכט איז דער „קייסער" געקומען, זיך אָנגעזעצט מיט יאַנקעלען און אים געהייסן פאַרזינגען די לידער. יאַנקעלע האָט געזונגען, ער האָט אָפּגעשוואַכט די ווערטער, וואו ער האָט אים שטאַרק אַריינגעזאָגט. רומקאָווסקי האָט אים געפרעגט: „האָסטו פּרנסה פון זינגען די לידער?" האָט ער אים געענטפערט, אַז יאָ. „אויב אַזוי — האָט ער געזאָגט — גיב איך דיר אַ דערלויבעניש צו זינגען, און גיי אַהיים". ער האָט אים געגעבן אַ מאַרק און באַפרייט.

יאַנקעלעס לידער האָבן זיך פאַרשפּרייט פון מויל צו מויל. אויך קינדער

ביים שפּילן זיך האָבן געזונגען דאָס ליד „רומקאָווסקי חיים". מאַמעס האָבן איינגעשלעפּערט די קינדער מיט דעם ליד. אַרבעטער אין די רעסאָרטן ביי דער אַרבעט האָבן געזונגען דאָס דאָזיקע ליד. דער טרויעריק־נאָגענדיקער ניגון האָט זיך צוגעפּאַסט צום געטאָ־לעבן, אויסגעדרוקט די שטימונג פון די געטאָ־יידן: אין די הויפן וואו יאַנקעלע האָט געזונגען זיינע לידער, זיינען איבערפולט געווען מיט צוהערער. פון אַלע פענסטער האָבן אַרויסגעקוקט קעפּ.

ווען יאַנקעלע האָט געזונגען אינמיטן דער גאַס, איז די גאַס איבערגעפולט געוואָרן מיט צוהערער. יאַנקעלען האָט מען באַוואָרפן מיט געלט.

יאַנקעלע איז געווען ביי אַלעמען זייער באַליבט. ער האָט אויך געשריבן לידער פאַר די פּאַרוואַלטערס פון דער אַפּראָוויזאַציע, רעסאָרטן (פאַבריקן), קאָאָפּעראַטיוון, פאַר באַלעבאָסטעס פון די קיכן. ער האָט פאַר דעם באַקומען טאַלאָנען, זופּן אָדער אַ מלבוש.

ווען יאַנקעלע האָט באַקומען אַ „חתונה־קאַרט" (אַן אויפּפאָדערונג, ער זאָל זיך צושטעלן אַרויסגעשיקט צו ווערן פון געטאָ) איז ער אַרויפגעלאָפן אין „אויסזידלונגס־אַמט". האָבן זיי זיך פאַר אים אַנטשולדיגט: זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז דאָס איז דער פאָלקס־זינגער, און זיי האָבן אים באַפרייט.

יאַנקעלע האָט אויך אויפגעשריבן אַ ליד א. ג. „טרעפּעס און שטיוול" אונטערן איינפלוס פון ר. קיפּלינג׳ס „שטיוול", אין זעלבן ריטם. ער האָט אַמאָל געהערט רעציטירן ר. קיפּלינג׳ס „שטיוול" פון דער אַקטריסע רחל האַלצער. אין דעם דאָזיקן ליד האָט יאַנקעלע געמאָלן צוויי שיכטן פון געטאָ: די אונטער־דריקטע און די אונטערדריקער. דאָס פאָלק האָט געטראָגן „טרעפּעס" (הילצערנע שיך) און די „מיוחסים" — די בלוט־זויגער, דעם „קייסערס" קליקע, האָט געטראָגן אָפּיצערישע־לוקסוסאָווע שטיוול, סיי די פרויען, סיי די מענער.

איינמאָל איז יאַנקעלע אָנגעקומען אויפן מאַרק, האָט מען אים אַרומגע־רינגלט און געבעטן, ער זאָל זינגען. יאַנקעלע האָט זיי געזאָגט: „איך וועל פאַר אייך זינגען אַ ניי ליד, „מאַרישין" הייסט עס. ביים שרייבן דאָס ליד האָב איך געוויינט מיט הייסע טרערן און כ׳בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן". ער האָט זיך אויסגעהוסט, געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט, און דער פידלער האָט אויפגעשפּילט אַ טרויעריקע מעלאָדיע. יאַנקעלע האָט אָנגעהויבן זינגען „מאַרישין", טרערן האָבן זיך געשטעלט אין זיינע בלויע אויגן. טייל שורות האָט ער אויס־געקרעכצט. די צוהערער זיינען מיטגעריסן געוואָרן. טייל האָבן מיטגעוויינט און מיטגעקרעכצט. זיי האָבן געזען אין דעם ליד די ריכטיקע מאַרישין: די פאַרשטאָט פון געטאָ. פון איין זייט דעם פאַרגרעסערטן בית־עולם, וואָס שלינגט איין טאָג־טעגלעך איבער הונדערט יידן, און פון דער אַנדערער זייט, וואו עס געפינט זיך דער פענסיאָנאַט פאַר די דאָקטוירים און פאַרוואַלטערס. און דעם „קייסערס" פּאַלאַצל — זיין זומער־רעזידענץ. ער האָט געמאָלט די שיינע הייזער, די צעבליטע גערטנער, וואו עס לעבן די אויסדערווײלטע, וואָס לעבן און לאַכן אויפן חשבון פון פאָלק.

ווען יאַנקעלע האָט געענדיקט זינגען האָט ער זיך אויסגעווישט די טרערן, אַ סך פון די צוהערער האָבן אויך אַזוי געטאָן.

בשעת ער האָט געזונגען האָט זיך געשאָפן אַ ראָד פון די צוהערער און יאַנקעלע מיט דעם פידלער זיינען געווען אינדערמיט. די צוהערער האָבן אויס־ גערופן די לידער, וואָס ער זאָל זינגען: „רומקאָווסקי חיים!"

יאַנקעלע האָט זיך אויסגעהוסט, געגעבן אַ צייכן דעם פידלער און גענומען זינגען. דער עולם האָט אונטערגעבמרומט. יאַנקעלע הויבט אָן:

מען האָט אונז, יידעלעך
געבענטשט מיט חיים:
לחיים ולא למות.
חיים פון בית־החיים,
חיים רומקאָווסקי מיטן גרויסן נס.
ער מאַכט דאָך נסים, אוי
יעדן טאָג אַזוי,
געוואָלד צו שרייען: אוי, אוי, אוי.
יעדער איינער פרעגט אַ שאלה: „אוי?"
ענטפערט חיים: „ס'איז גוט אַזוי!"

ווען עס איז געקומען צום רעפריין האָט ער אַ צייכן געגעבן, ווי אַ קאַפּעלמייסטער צו זיין קאַפּעליע: „נו אַלע!" און אַלע זינגען:

רעפריין:
רומקאָווסקי חיים,
ער גיט אונז קלאַיען,
ער גיט אונז גרויפּן,
ער גיט אונז מן.
פאַרצייטנס האָבן די יידן
אין די מדבר געגעסן מן,
היינט עסט שוין יעדעס וויב איר מאַן.
רומקאָווסקי חיים
האָט גוט געטראַכט,
געאַרבעט שווער ביי טאָג, ביי נאַכט,
ער האָט געמאַכט אַ געטאָ,
מיט אַ דיעטע,
און ער שרייט: ער איז גערעכט!

דאָ בלייבט דער עולם שטיל און יאַנקעלע אַליין זינגט ווייטער:

חיים ווייצמאַן האָט געזאָגט:
ער וויל די יידן אין פּאַלעסטינע האָבן.
ער האָט זיי געהייסן אַקערן און זייען,
מ'האָט אים נישט געפאָלגט זיינען מיר גוט באַגראָבן.
אָבער אונזער חיימל, רומקאָווסקי חיים
ער טיילט דאָך יעדן טאָג שיריים:
איינעם אַ שטיק ברויט, דעם צווייטן אַ שטיק פערד,
און מען ליגט ביי אים טיף אין דרערד!

דאָ גיט יאַנקעלע ווידער אַ מאַך מיט די הענט, ווי אַ קאַפּעלמייסטער צו זיין קאַפּעליע און דער עולם זינגט מיט דעם רעפריין. ווען עס ווערט שטיל זינגט ווייטער יאַנקעלע אַליין:

דער דריטער חיים
פון בית־החיים,
האָט מיטן מלאך־המות
אַ גוט געשעפט געמאַכט:
ער זאָל אים צושטעלן מתים וואָס מער,
ער זאָל אים צושטעלן ביטאָג, ביינאַכט.
ס׳האָט זיך דער מלאך המות
גענומען צו דער אַרבעט שנעל
און ער מאַכט פון דעם גרעסטן גיבור
איינס צוויי אַ תל.
ער מאַכט עס פלינק,
ער מאַכט עס גיך,
ער מאַכט די גאַנצע וועלט
שוואַך און מיד.

יאַנקעלע נעמט אַראָפּ זיין היטל: „נו, אידעלאַך, אַצינד לאָמיר זען פאַר מיין אַרבעט" — זאָגט ער מיט אַ שמייכל. ער גייט אַרום מיטן אויסגעשטרעקטן היטל. עס רעגנט מיט געלט. טייל יידן נעמען אַראָפּ זייערע אייגענע היטלען און העלפן אים צונויפנעמען. יאַנקעלע שרייט: וואַרפט אַראָפּ אַ דרייער, דער „פירער" (היטלער) טויג נישט!" די יידן לאַכן.

דער פידלער שפילט ווידער און יאַנקעלע זינגט:

אונזער פרעזעס חיים
איז דאָך זייער „אַ גוטער",
מען וועט נאָך ביי אים עסן
זעמעלעך מיט פוטער,
זעמעלעך מיט פוטער.

טייל פון עולם לאַכט, טייל האַלט אים אונטער. פּלוצלינג איז אויסגע־וואַקסן דעם „קייסער" רומקאָווסקי׳ס אַ פּאָליציאַנט. ער האָט אָנגעכאַפּט יאַנקעלען ביים קאָלנער: „אַצינד האָב איך דיך געפּאַקט!" — שרייט ער — וועסט דיך שוין פון מיינע הענט נישט אַרויסדרייען! דו וועסט חוזק׳ן פון אונדזער־פּרעזעס?! בונטעווען אָט די יידן?! — האָט ער אָנגעוויזן מיטן שטעקל אויף דעם עולם — שנעלער אין רעוויר אַריין!"

דער פּאָליציאַנט שלעפּט אים. יאַנקעלע אַמפּערט זיך מיט אים. פון דער מאַסע איז צוגעלאָפן דער חבר זיידע מיט די פויסטן: „לאָז אים אָפּ, הינטישער זון! — האָט ער געדונערט מיט זיין לייבן־שטים — עס וועט אַ רוח אין דייך מאַמעס פּאָליציי־סקן זון אַריין! יידן, וואָס שטייט עטץ? — האָט ער זיך געווענדעט צו דער מאַסע — מיר וועלן נישט לאָזן אַרעסטירן אונזער זינגער! אונזער יאַנקעלען!"

דער ערשטער איז צוגעלאָפן בלושטיין מיט אויסגעשטרעקטע פויסטן:
„איך לאָז אים אַרויס די קישקעס מיט די געדערים, דו אונטערוועלטניק!״
עס האָבן זיך אַ לאָז געגעבן מענער, ווייבער און אָפּגעשלאָגן יאַנקעלען. ער איז שנעל ערגעץ פאַרשוואונדן.

דער חבר זיידע האָט פון פּאָליציאַנט אַרויסגעריסן די פּאַלקע און מיט דעם צו אים אויסגעלאָזט זיין גאַנצן כעס.

— גיט אים, רומקאָווסקי׳ס משרת! זאָל ער האָבן צו געדענקען קינדס־קינדס־קינדער!

צענדליקער הענט האָבן אין אים אויסגעלאָדן זייער צאָרן. די מאַסע איז זיך צעלאָפן און דער פּאָליציאַנט איז געבליבן ליגן אַ צע׳הרג׳עטער אויפן פּוסטן מאַרק.

עלעקטריע אין געטאָ

שמחה בלושטיין האָט אויך געאַרבעט אונטערן אַדמיניסטראַטיוון דירעקטאָר וואַצעק גרינבערג. ווען גרינבערג איז געוואָרן דירעקטאָר איבער דעם „רעסאָרט 76״, האָט ער באַקומען אַן „אָקולניק״, פאַר וואָס אַ דירעקטאָר איבער אַ פאַבריק אין געטאָ איז אַלץ פאַראַנטוואָרטלעך. אָבער קיין זאַך האָט אים אַזוי נישט געאַרט ווי דער פּאַראַגראַף „דער דירעקטאָר איז פאַראַנטוואָרטלעך, עס זאָל ביי נאַכט ניט אַרויסשלאָגן קיין ליכט פון זיין גאַנצער פאַבריק־פּעריפעריע. פאַר עובר זיין אויף דעם וועט ער באַשטראָפט ווערן מיט טויט״. דער פּונקט האָט אים געפּייניקט, נישט געגעבן קיין רו נישט ביי טאָג און נישט ביי נאַכט.

גרינבערג איז געווען אַ פאַנאַטישער פאָרמאַליסט און גאָר אַן ערלעכער מענטש, אַ תמים. זיין תמימותדיקייט האָט שוין צו פיל אויסגענוצט פאַר זיין אייגענעם נוצן דער צווייטער דירעקטאָר, אינזשעניר יעזשי פּערסט.

פאַר נאַכט, נאָך דער אַרבעט, איז גרינבערג געקומען מיט זיין קליין טעקעלע פּלאָמבעס אונטערן אָרעם. בלושטיין האָט גענומען די פּלאָמבאָוניצע, מיט אַ דין שנירל און ביידע צוזאַמען זענען געגאַנגען פאַרפּלאָמבירן די טירן פון די מאַגאַזינען, לאַבאָראַטאָריעס און בעטריבן.

איידער זיי האָבן פאַרפּלאָמבירט, האָט גרינבערג קאָנטראָלירט: צי די פענצטער זיינען גוט פאַרמאַכט, צי די קראַנען זיינען גוט פאַרדרייט, צי אַלע עלעקטרישע לעמפּעלעך זענען אויסגעלאָשן, צי האָט זיך דאָ וואו נישט באַהאַלטן. גרינבערג האָט געזוכט און געניש־טערט אין יעדן ווינקל. ער האָט געהאַלטן אין איין ציען צוגעשלאָסענע שלעסער און אין איין קוקן און פאָרשן יעדעס עלעקטרישע לעמפּל באַזונדער. ער האָט געהאַלטן אָנגעשטעלט די אויגן אומבאַוועגלעך אַ מינוט צוויי אויף איין אויסגעלאָשן עלעקטריש לעמפּל צו זען, צי עס צינדט זיך חלילה אַמאָל פון זיך אַליין ניט אָן. און ביים אַרויסגיין האָט ער נאָך אַ מאָל זיך אומגעקוקט, אומגעדרייט און צוריקגעגאַנגען און ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל געפּרוּווט, געקוקט און געפּאָרשט. ווען ער האָט שוין

געזען, אַז אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג האָט ער געהייסן בלושטיינען פאַר־פּלאָמבירן די טירן. בלושטיין האָט אַריינגעצויגן דאָס שנירל, ער האָט פאַרלייגט די פּלאָמבע, נאָר פון דעם סטאַבילן הונגער איז ער אַזוי שוואַך געווען, אַז ער האָט קוים־קוים אַ ביסעלע געקענט צודריקן די פּלאָמבע. אָבער אויף דעם האָט גרינבערג ניט געלייגט קיין אַכט, ווייל ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף בלושטיינען. אַזוי ווי מע האָט די פּלאָמבע לייכט געקענט אַרויסציען האָט בלושטיין, שפּעטער נאָך גרינבערגס אַהיימגיין, געמאַכט אַ קניפּל פון די צוויי שנירעלעך.

באַלד איז גרינבערגן איינגעפאַלן, אַז ער האָט, דאַכט זיך, פאַרגעסן אין קראַן צו פּרובירן, צי ער איז גוט פאַרדרייט. האָט ער געהייסן בלושטיינען צוריק אויפמאַכן. ער האָט אים מיטגענומען און ער האָט ווידער און ווידער דורכגעפּירט דעם זעלבן קאָנטראָל ווי פריער און ער האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן: „איך בין פאַר דעם פאַראַנטוואָרטלעך. ס׳שפּילט עפּעס אַ ראָלע ביי די דייטשן אַ ייד צו דערשיסן״?

ווען די פאַרנטיקע טיר איז שוין געווען צום צווייטן מאָל פאַרפּלאָמבירט, האָט גרינבערג געזאָגט דערשראָקן: „פּאַניע בלושטיין, מיר דאַכט, אַז איין לעמפּל אין ווינקל האָב איך פאַרגעסן צו קאָנטראָלירן, עס קען אַ מאָל ביי נאַכט דורכפליען אַן עראָפּלאַן, בין איך אַ געענדיקטער. קומט פּאַניע בלושטיין, דאָ שטייט אַ לייטער לאָמיר אַרויפקריכן אויפן דאַך און מיר וועלן אַריינקוקן דורך די דאַך־פענצטערלעך״.

בלושטיין איז אַרויפגעקראָכן דער ערשטער און נאָך אים — דער דירעקטאָר. גרינבערג האָט זיך אויסגעצויגן אויפן דאַך און אַריינגעקוקט דורך יעדן דאַך־פענצטערל, דערנאָך האָט ער געהייסן בלושטיינען זיך אויסציען אויפן דאַך און אַריינקוקן אין יעדן פענצטערל: „קוקט גוט אין אַלע זייטן — אפשר לייכט טאָקע ערגעץ אַ לעמפּל״. בלושטיין האָט אַזוי געטאָן ווי מע האָט אים געהייסן: „פּאַניע גרינבערג, איר קענט גאַנץ רויק זיין. אַלע לעמפּלעך זיינען פאַרלאָשן, עס לייכט גאָרנישט, גאָרנישט״.

גרינבערג האָט אים געגלייבט און געזאָגט: „קומט פּאַניע בלושטיין״. און זיי האָבן זיך געלאָזט גיין. ווען גרינבערג איז שוין געשטאַנען מיט איין פוס אויף דעם לייטער איז ער צוריקגעגאַנגען און נאָך אַ מאָל זיך אויסגעצויגן אויפן דאַך לעבן יעדן פענצטער און אַריינגעקוקט אין אַלע זייטן. ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט ער זיך געשעמט צו קוקן בלושטיינען אין די אויגן אַריין, ער איז צוגעגאַנגען צו דעם לייטער און איז אַראָפּגעגאַנגען. בלושטיין האָט אים נאָכגעטאָן.

גרינבערג איז געווען אַ הויכער, אַ שטאַרק געבויטער, מיט אַ לענגלעך ברוין פּנים מיט אַן אויסדרוק פון אַ נאַיוו ייִנגעלע, שוואַרצע אויגן וואָס קוקן נאַיוו און דער קאָפּ איז געווען געשוירן ווי ביי אַ ייִנגעלע. ער איז געקומען פון אַ רייכער אַסימילירטער היים. צוליב דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט געהערשט אין פּוילן און אין די אוניווערסיטעטן, האָט ער אויסשטודירט

אין שווייצאַריע. גרינבערג איז געווען אַ גוטהאַרציקער. ער האָט ניט געקענט באַגיין קיין עוולות און אין זיין תמימות האָט ער נישט געזען די גנבישע און אומווירדיקע מעשים פון אינזשעניר יעזשי פערסט. דערפאַר האָט פערסט פון אים געחוזקט אונטער זיינע פּלייצעס.

ווען זיי זענען צוגעקומען פאַרפּלאָמבירן דעם מאַגאַזין, וואו עס זענען געלעגן די קאַרטאָפל־שאָלן און געפוילט, אַז עס האָט זיך פון דעם געטראָגן אַ געסרחה פון ווי ווייט, האָט זיך גרינבערג דערמאָנט, אַז ער האָט עפּעס וויכטיקס איבערצורעדן מיט אינזשעניר פערסט. האָט ער זיך שנעל געלאָזן גיין צו דער לאַבאָראַטאָריע און ער האָט מיטגערופן בלושטיינען. ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער טיר איז זי געווען פאַרמאַכט נישט אין דרויסן אויפן הענגשלאָס, נאָר אינעווייניק, אויפן ריגל. האָט ער פאַרשטאַנען אַז פערסט געפינט זיך נאָך אינעווייניק. האָט ער געקלאַפּט אין דער טיר אַריין און אַז קיינער האָט אים ניט געענטפערט, האָט ער געקלאַפּט שטאַרקער און שטאַרקער, ער האָט זי געריסן און געוואָלט אויפרייסן. אָבער פערסט האָט זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט, ווייל ער האָט אַצינד, ווי יעדן אָוונט ביי זיך געהאַט אַ פרישע נקבהלע. דאָס פלעגט זיך אָפט איבערחזרן. פערסט איז דערנאָך געפאַלן אויף אַ פּלאַן: ער האָט געלאָזט אויסהאַקן אַ טיר פון זיין קאַבינעט אין אַ צווייטן הויף אַריין און דורך דאָרטן האָט ער געפירט זיינע טונקעלע עסקים: אַרויסגעגנבעט ספּירט און ליקער און אַריינגעפירט נקבות.

גרינבערג האָט פאַר דעם פּאָסטן ניט געטויגט, אָבער זיין שוואָגער, וואָס איז געווען דער איינערן מיניסטער פון געטאָ, „דער משוגענער ברוך", דעם „קייסער" רומקאָווסקיס אַ פּאַרטיי־חבר, ער האָט אים געגעבן דעם פּאָסטן.

ווען בלושטיין איז נאָך דעם פּלאָמבירן צוריקגעקומען אין דער פּאַר־טיערניע אַריין, האָט ער אויף זיין טיש געטראָפן אַ גאַנץ ברויט פון צוויי קילאָ, וואָס דער „קייסער" האָט צוגעטיילט אויף אַ קאָפּ אויף גאַנצע אַכט טעג. ער גיט אַ קוק און זעט, אַז ביידע טירן זענען נישט צוגעשלאָסן, סיי וואָס פירט צו דער גאָס סיי אין פאַבריק אַריין. ס'איז אים שיער נישט־גוט געוואָרן: „עס האָט דאָך ווער געקענט צוגנבענען דאָס ברויט. עס פעלן הונגעריקע? ברויט איז היינט טייערער ווי בריליאַנטן און מע וואָלט מיך בחינם באַשולדיקט אָדער חושד געווען — האָט ער געטראַכט — אָבער ווער האָט דאָ געקענט איבערלאָזן אַ ברויט? מסתם איינער פון די קעסל־הייצער". ער האָט צוגעשלאָסן ביידע טירן און אַריינגעלאָפן אין דער „קאָטלאַרניע" אַריין. דער אויוון האָט געברענט, פון קעסל האָט געזועצט אַ פּאַרע און דער קעסל־הייצער, וואָס האָט געאַרבעט אין דער פרי איז געשטאַנען אָנגעטאָן אין מאַנטל, פאַרטיפט אין אַ דיסקוסיע: צי לויט דער יידישער עטיק מעג מען נקמה נעמען אין די דייטשן און זייערע מיטהעלפער פאַר דעם פייניקן און מאָרדן דאָס יידישע פאָלק. איינער האָט געהאַלטן אַז יאָ און דער צווייטער אַז ניט.

„די בעסטע זאַך וועט זיין: אַז מיר וועלן זיי אָפּצאָלן מיט גוטס, וועלן זיי זיך פאַרשעמען!!!

„אָ, נײן, אַ מערדער שעמט זיך ניט. מערדער מוז מען אויסראָטן, ווייל זיי זענען געפערלעך פאַר דעם כלל״!

זיי האָבן געבערענגט פאַרשידענע ראיות פון דער גמרא צו פאַרטיידיקן זייער שטאַנדפּונקט. זיי האָבן נישט באַמערקט ווי בלושטיין האָט געעפנט די טיר און ווי ער איז אַרײנגעקומען: „יאָסל, איר האָט דאָס ביי מיר איבערגעלאָזט אַ ברויט״! — האָט זיך בלושטיין צעשריגן מיט אַזאַ תנועה, ווי ער וואָלט אים אָפּגעשאָכטן.

„נו, איז וואָס? איך האָב עס דאָך איבערגעלאָזט ביי אייך״, האָט ער אים געענטפערט מיט אַזאַ תנועה ווי ער וואָלט געזאָגט: איך האָב עס פאַרשלאָסן אין אַן אייזערנער קאַסע.

„און אַז ביי מיר, איז וואָס? איך בין נישט קיין בשר־ודם? איך קען עס נישט אויפעסן? איך הונגער נישט?

„פאַר אייך האָב איך נישט מורא״.

„ביידע טירן שטייען אָפן און איך בין נישטאָ! ס׳פעלן הונגעריקע? און שלמה פיין?!

יאָסל איז שנעל געלאָפן צו דער פאַרטיערניע און בלושטיין האָט אים געגעבן דאָס ברויט. ער האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן תמימותדיק: „פאַר אייך, פאַניע בלושטיין, האָב איך נישט קיין מורא, איך האָב צו אייך דעם פולסטן צוטרוי״. ער איז צוריק אַרײַן אין דער קאַטלאַרניע ווייטער פירן די דיסקוסיע, און בלושטיין האָט זיך אַנידערגעזעצט פאַרשרייבן אין זיין טאָגבוך די וויכטיקסטע געשעענישן פון דעם היינטיקן טאָג אין געטאָ.

שפּעט אין אָוונט ווען בלושטיין איז געזעסן פאַרטיפט אין שרייבן, האָט זיך פּלוצלינג געעפנט די טיר פון דער גאַס, און גרינבערג איז אַרײַנגעפאַלן אַ צעטראָגענער. ער האָט געהעשעט, נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם, נישט געקענט אַרויסרעדן אַ וואָרט, נאָר האָט געהאַלטן דאָס קליינע טעקעלע אונטערן אָרעם, און געציטערט. בלושטיין האָט זיך שטאַרק דערשראָקן: ווער ווייסט וואָס פאַר אַן אומגליק? האָט ער געקלערט — און ער האָט אים געפרעגט אַ דערציטערטער: „וואָס איז געשען, פאַניע אינזשעניעזשע״?

קוקנדיק איינער אויפן צווייטן זענען זיי נאָך מער דערשראָקן געוואָרן.

„פּאַ... פאַניע בלושטיין... איך בין שוין געלעגן אין בעט... עס האָט מיך אונטערגעהויבן... איך האָב מורא, אַז לעבן באַטיך (הילצערנער־פּאַס) אין ווינקל האָב איך פאַרגעסן אויסצולעשן דאָס עלעקטרישע לעמפּל. קומט מיט מיר שנעלער, עס קען נאָך חלילה אַדורכפליען אַן עראָפּלאַן. שנעלער!״ — האָט ער כמעט וויינענדיק זיך געבעטן. בלושטיין האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון לאַכן און האָט רחמנות באַקומען אויף אים.

„אוי, אַן אומגליק, אַן אומגליק! פאַניע בלושטיין״.

„באַרואיקט אייך, פאַניע גרינבערג! וואָס רעדט איר? מיר ביידע האָבן דאָך צוזאַמען אַלע לעמפּעלעך פאַרלאָשן און געגעבן אַלצדינג קאָנטראָלירט, דורכגענישטערט יעדעס ווינקל, יעדן לאָך. אפילו אַרײַנגעקוקט אין יעדן פענצטער, אין יעדער שפּאַרע פון די טירן״.

גרינבערג איז צוגעגאַנגען צו דעם לייטער, געוואָלט אַרויפקריכן אויפן דאַך, האָט ער מורא געקראָגן ער זאָל נישט אַראָפפאַלן. צוריקגייענדיק צו דער פּאַרטיערניע, האָט ער זיך כסדר אומגעדרייט און געקוקט אין די פענצטער, כאָטש ער האָט געזען אַז עס לייכט אין ערגעץ נישט. פּלוצלינג האָט ער באַמערקט עפּעס אַ גלאַנצענדיק ליכט אין אַן אייבערשט פענצטערל פון בעטריב. גרינבערג האָט געפילט, אַז ממש די האָר שטעלן זיך אים אויף. ער איז געלאָפן און אויפגעריסן די טיר פון דער פּאַרטיערניע: „זעט איר ס'לייכט זיך! שנעלער, נעמט די שליסלען! קומט!!"

בלושטיין איז מיטגעריסן געוואָרן. ער האָט געכאַפּט די שליסלען און זיי זענען אַרויס.

גרינבערג האָט אים געוויזן דאָס פענצטערל, עס האָט יאָ געלויכטן און נישט געלויכטן, עס האָט עפּעס געגלאַנצט ווי אַ שפּיגל.

„איר ווייסט, פּאַניע גרינבערג, וואָס דאָס איז? דער אָפּשיין פון דער לבנה. איר זעט ניט, ווי זי שיינט אין מיטן הימל?" האָט ער אים געוויזן.

„וואָס רעדט איר פאַר אַ נאַרישקייטן?! דאָרטן לייכט אַ לעמפּל! אויב נישט — איז עס אַ שריפה! עס האָט זיך דאָרטן ווער באַהאַלטן! שנעלער, עפנט אויף דעם בעטריב! שנעלער!"

דאָס האָט ער געזאָגט מיט אַזאַ שרעק און גלויבן, אַז בלושטיין האָט מאָמענטאַל אויפגעשלאָסן, אַראָפּגעריסן די פּלאָמבע און אויפגעעפנט.ביידע זענען אַריינגעגאַנגען און זיי האָבן געזען, אַז ס'איז שטאָק פינצטער. זיי האָבן קאָנטראָלירט און אומעטום איז געווען פינצטער. גרינבערג האָט געהייסן צומאַכן און ער איז אַרויסגעגאַנגען אַ באַרויקטער. זיי זיינען אַריין אין דער פּאַרטיערניע. גרינבערג האָט געזאָגט „אַ גוטע נאַכט" און איז אַרויס.

בלושטיין האָט גענומען די פּעדער אין דער האַנט אַריין, אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן פּאַפּיר, האָט זיך געעפנט די טיר און גרינבערג איז ווידער אַריינגעקומען אַ דערציטערטער: „פּאַניע בלושטיין, פון די ווענט פון דער פּאַרטיערניע שלאָגט אַרויס ליכט! מיר זיינען אין די הענט פון די דייטשן! אַן אומגליק, אַן אומגליק! קומט אַרויס, שנעלער, וועט איר זען!!"

בלושטיין איז אַרויסגעגאַנגען. ער קוקט אויף די ווענט און זעט נישט קיין סימן פון ליכט. אָבער גרינבערג האָט אים אָנגעפירט עטלעכע צענדליק טריט און ער האָט דערזען, אַז עס שלאָגן אַרויס פינטעלעך ליכט, גרויס ווי שפּילקע־קעפּלעך. גרינבערג האָט געזאָגט: „איר וועט נעמען קלייסטער און אַרויפקלעפּן פּאַסיקלעך פּאַפּיר אויף די ערטער". די מעשה איז געווען די: אַזוי ווי די פּאַרטיערניע איז געווען צוזאַמענגעקלאַפּט פון ברעטער, האָבן זיי זיך אויסגעטריקנט. האָבן זיך געמאַכט שפּאַרעס. האָט מען אַרויפגעקלעפּט פּאַפּיר, וואָס איז אַ מאָל ערגעץ געווען צוגעקלאַפּט מיט טשוועקלעך, ווייל וואו נעמט מען אין געטאָ ניי פּאַפּיר? האָט מען פון דער ווייטנס געזען ליכט דורך די לעכעלעך. בלושטיין האָט אַרויפגעקלעפּט פּאַסיקלעך וויס פּאַפּיר (דאָס האָט ער געהאַט), זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען קאָנטראָלירן און עס האָט ווידער אַרויס־געשלאָגן. האָט ער נאָך אַ מאָל אַרויפגעקלעפּט און עס האָט ווידער אַרויסגעשלאָגן.

אַזוי עטלעכע מאָל און יעדעס מאָל איז גרינבערג אַריינגעקומען מיט דער בשורה: „פּאַניע בלושטיין, ס׳שלאָגט אַרויס ליכט!״ און ער האָט זיך שיער ניט צעוויינט פון שרעק. בלושטיין איז שוין געווען פּאַרפּייניקט, איז ער געפאַלן אויף אַ המצאה: נאָך דעם אַרויפקלעפּן די פּאַסיקלעך פּאַפּיר, ווען גרינבערג איז אַרויסגעגאַנגען קאָנטראָלירן, האָט ער אויסגעלאָשן די עלעקטרע. ווען ער האָט אים געהערט צוריקגייענדיק, אַז ער איז שוין ביי דער טיר, האָט ער צוריק אָנגעצונדן. ווען ער איז אַריינגעקומען, האָט ער געזאָגט אַ צופרידענער: „גוט! אַ גוטע נאַכט!״ און ער איז אַהיימגעגאַנגען.

באַלד האָט בלושטיין אויסגעלאָשן די ליכט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט ווידער קאָנטראָלירן. ווען ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז שוין ווייט־ווייט פון דער פאַבריק, האָט ער צוריק אָנגעצונדן און ער האָט אַ ביסל פרייער אָפּגעאָטעמט. אַ ביסל שפּעטער האָט ער זיך פאַרטיפט אין שרייבן.

אין אַ שעה אַרום איז גרינבערג ווידער געלאָפן צו בלושטיינען געטריבן פון שרעק. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט ניט גוט קאָנטראָלירט, צי עס לייכט טאַקע נישט אַרויס דורך די לעכעלעך פון די ווענט פון דער פאַרטיערניע. ער איז געלאָפן אָן אַן אָטעם.

„שפּערע״ *

יידן אין לאָדזשער געטאָ האָבן זיך דערציילט, ווי עפּעס אויף אַ געלעכ־טער, אַז: מען וועט נישט טאָרן אַרויסגיין זיבן מעת־לעת פון די שטיבן, און אַז די קיכן און די קאָאָפּעראַטיוון וועלן זיין געשלאָסן דורך דער צייט; יידן האָבן גאַנץ לייכט גענומען די קלאַנגען. דאָס איז געווען פאַר ראש־השנה, און רומקאָווסקיס „פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום״ האָט מודיע געווען, אַז דער הערן פּרעזעס וועט ריידן וועגן זייער אַ וויכטיקער זאַך אויפן פייערלעשער־פּלאַץ, און אַז אַלע יידן זאָלן קומען הערן.

דער „קייסער״ רומקאָווסקי איז פון אַ שטול אַרויפגעקראָכן אויף אַ טיש; טויזנטער יידן האָבן אים אַרומגערינגלט און ער האָט געזאָגט:

„מיינע ליבע שוועסטער און ברידער! אַלס „עלטסטער דער יודען״ ווענד איך מיך צו אייך און איר זאָלט מיך פאָלגן: איר ווייסט, אַז איך בין אַ טאַטע פון יתומים; איר ווייסט, אַז די זקנים און קינדער זיינען מיין גאַנץ לעבן! אַצינד איז אָבער געקומען די צייט, וואָס איך מוז אַוועקגעבן דאָש וואָש ס׳איזש מיר אַמטייערסטן: אַלע מיינע קינדער און אַלע מיינע זקנים! [רומקאָווסקי האָט שטאַרק געגלויבט, אַז אַלץ איז זיין אייגנטום, אפילו מענטשן אויך — האָט ער אויף אַלצדינג געזאָגט: מיין און מיינע]. דעריבער ווענד איך מיך צו אייך, איר זאָלט מיט אייער גוטן ווילן אַוועקגעבן די קינדער

---

* פון דייטש געשפּערט, געשלאָסן.

און די טאַטעס מיט די מאַמעס, ווייל אַזשוי וויל דאָס מלכות, און מען טאָר ניט גיין קעגן מלכות!״

די טויזנטער צוהערער זיינען אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און האָבן אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעך געוויין. דער „קייסער״ האָט אויך געוויינט.

די אומגליקלעכע זיינען זיך צעלאָפן, האָבן זיך געבראָכן די קעפּ, וואו און ווי אַזוי אויסצובאַהאַלטן זייערע קינדער און זייערע עלטערן.

אָנגעהויבן האָט עס זיך אַזוי: ערב ראש־השנה, 1942, האָט די „געטאָ־פאַרוואַלטונג״ דורך פּלאַקאַטן מודיע געווען, אַז זיבן טעג און זיבן נעכט טאָרן יידן נישט פאַרלאָזן זייערע שטיבן — עס איז „שפּערע״. אונטערגעשריבן איז געווען דער שעף פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג, האַנס ביבאָוו ימ״ש, דער אַמטסלייטער.

די „געסטאַפּאָ״ האָט כלומרשט אָנגעפרעגט ביי רומקאָווסקין, וואָס ער וויל: „צי זאָלן זיי דורכפירן די „אַקציע״, אָדער ער, רומקאָווסקי אַליין, וויל דורכפירן די „אַקציע״?״

רומקאָווסקי האָט געוואָלט אויסמיידן בלוט־פאַרגיסונג, האָט ער אַליין אונטערגענומען דורכצופירן די „אַקציע״.

צוויי טעג זיינען יידישע פּאָליציי מיט יידישע דאָקטוירים געגאַנגען איבער די שטיבן. דער הויז־וועכטער האָט געבראַכט דאָס הויז־בוך, וואו אַלע איינוואוינער זיינען געווען איינגעמאָלדן; דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט קאָנטראָלירט, צי אַלע איינוואוינער זיינען דאָ. קינדער אונטער צוועלף יאָר און זקנים פון זעכציק און עלטער האָבן זיי גלייך צוגענומען. די רעשט האָט דער דאָקטאָר אונטערזוכט, און ער האָט פעסטגעשטעלט, צי זיי זיינען נאָך פייאיק צו דער אַרבעט. איז דער דאָקטאָר געווען אַ דייטשישער ייד, דערצויגן אין דייטשלאַנד, האָט ער, אין די מערסטע פאַלן, געטריי אויסגעפילט די דייטשע פאַראָרדענונג. דאַקעגן, די דאָקטוירים, וואָס זיינען נישט געקומען פון דייטשלאַנד, האָבן „געקוקט דורך די פינגער״...

אויפן דריטן טאָג האָבן די דייטשן אַליין איבערגענומען די „אַקציע״, אונטער דער אָנפירונג פונעם „געסטאַפּאָ״־אָפיצער גינטער פוקס (ימ״ש!).

שוין עטלעכע מעת־לעת, ווי די יידן קענען נישט שלאָפן. אַלטע לייט בעטן גאָט: ער זאָל זיי צונעמען זייערע נשמות אין דער געטאָ, כדי זיי זאָלן קאָנען קומען צו קבר־ישראל; איבער דער גאַנצער געטאָ הערט זיך אַן איבעררייס אַ מאָוימדיק געוויין: מאַמעס לויפן איבער די גאַסן, צודריקנדיק די קינדער צו זייערע הערצער, שרייענדיק מיט געוויין: „וואו באַהאַלט איך דיך?! מיין אוצר! מיין לעבן!״ אַ סך מאַמעס זיינען אַראָפּ פון זינען, און זיינען מיט די קינדער אין די הענט געשפּרונגען פון די הויכע שטאָקן.

כדי אָנצוּוואַרפן נאָך מער מורא, האָבן די דייטשן אינמיטן מאַרק (אויפן באַזאַר) אויפגעהאָנגען צען יידן אויף איין תליה. די קדושים זיינען געהאָנגען דריי מעת־לעת.

מען האָט געזאָגט: „ווער עס וועט באַהאַלטן אַלטע לייט און קינדער, דעם וועט מען אויפהענגען״.

אינזשיניער אָרענשטיין האָט געוואוינט אין פאַרנטדיקן הויף, וואָס האָט אַריינגעפירט אין רעסאָרט (פאַבריק) „כעמישע אַפּפאַל־פּערוּוערטונג". ער האָט זיך באַמיט ביים קעראַוניק פון דעם רעסאָרט, ער זאָל אויספּועלן, אַז זיין איין־און־איינציק קינד זאָל אויך פיגורירן אויף דער ליסטע פון די עלטערן, וואָס זיינען אָנגעגעבן געוואָרן, אַז זיי זיינען נויטיק פאַר דער פּראָדוקציע אין געטאָ און קיינער קאָן זיי נישט פאַרטרעטן. פאַר אַ שיינער מתנה האָט אים דער קעראַוניק, יעזשי פּערסט, צוגעזאָגט דאָס צו דערליידיקן ביי דער געסטאַפּאָ. אָבער ער האָט נישט געהאַט דעם דאָקומענט. די וואָס האָבן באַדאַרפט היטן די פאַבריקן, האָבן אויך געקראָגן אַ באַשייניקונג, אַז זיי אַרבעטן אין די דאָזיקע טעג.

די אַרבעטער פון דער פאַבריק האָבן געהאַט צו בלושטיינען דעם פּולן צוטרוי, ווייל ער האָט זיי געדינט מיט זיין גוט האַרץ.

נאָך דעם פאַרפלאָמבירן די לאַבאָראַטאָריעס, מאַגאַזינען און בעטריבן, ווען אַלע זיינען שוין געהאַט אַהיים געגאַנגען, איז אינזשיניער אָרענשטיין געקומען צו בלושטיינען מיט אַ בקשה, וואָס ער האָט אים איינגערוימט אין אויער: „הערען בלושטיין! זי מוזען רעטען מיין איינציק קינד. רייסען זי אָפּ די פּלאָמבע פון דער לאַבאָראַטאָריע און באַהאַלטן זי מיך דאָרטן מיט מיין יינגל". בלושטיין האָט געהערט וועגן ראַטעווען אַ לעבן, האָט ער גאָרנישט איבערגעטראַכט, נאָר ער האָט אים גלייך צוגעזאָגט דאָס צו טאָן. בלושטיין האָט זיך באַלד געזען מיטן גאַספּאַדאַזש, שלמה פיין. ער האָט אים אויפגע־קלערט אָרנשטיינס בקשה וועגן ראַטעווען זיין איין־און־איינציק קינד. פיין האָט אויך באַלד מסכים געווען. בלושטיין האָט אַראָפּגעריסן די פּלאָמבע. זיי האָבן אַריינגעלאָזט דעם פאָטער מיטן יינגל און בלושטיין האָט צוריק אויף אַ קונציקן אופן צוגעבונדן די פּלאָמבע. ווייט פאַרן אויג איז עס נישט שלעכט געווען, אָבער ווען מען וואָלט געוועז געגוי נאָכגעקוקט, וואָלט מען באַלד דערקענט דעם „פאַרברעכן".

אין דער לאַבאָראַטאָריע איז געווען פינצטער. אָנצינדן אַ ליכט האָט מען נישט געטאָרט. ראַצן זיינען אַרומגעשפּרונגען איבער די קאַסטנס און זעק „זאַמיאַקעס". די כעמישע שטאָפן האָבן געריסן אין די אויגן, האַלדז און נאָז. טאַטע און קינד זיינען געשטאַנען צונויפגעדריקט אין איין שרעק. עטלעכע מאָל אין דער נאַכט האָבן זיי געהערט שרייען אויפן הויף: „אָרנשטיין, אָרנשטיין! פּאָליציי רופט!" זיי זיינען זיכער געווען, אַז די פּאָליציי ווייסט, וואו זיי זיינען און אַז אָט־אָט ברעכן זיי אויף די לאַבאָראַטאָריע, און אַז די מוטער האָבן זיי שוין צוגענומען. פון די כעמישע שטאָפן האָבן זיי געמוזט הוסטן און ניסן, אָבער זיי האָבן זיך קוים געקענט צוריקהאַלטן, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען. זיי האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

אינדערפרי איז שלמה פיין צוגעקומען אונטערן פענצטער און געשעפּ־טשעט: „הערן אָרנשטיין... איך... שלמה פיין!"... האָט אים דער אינ־זשיניער געבעטן: „עפענען זי מיר שנעלער, הערן פיין, ווייל מיר וועלן דאָ שטאַרבן". פיין האָט זיי אַרויסגעלאָזט, און אָרנשטיין האָט געזאָגט: „וואָס עס

האָט צו זיין, זאָל זיין; דאָ אינעווייניק צו ליגן איז אַ זיכערער טויט פון די גיפטיקע כעמיקאַליען״.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ביינאַכט האָט אים טאַקע די פּאָליציי געזוכט. זיי האָבן געהאַט אַ באַפעל פון דייטש האַנס ביבאָו (ימ״ש!) צוצופירן זיין יינגל אויף „מאַרישין״ — אויף דעם אָרט, וואו עס געפינען זיך די עלטערן פון די „אויסדערוויילטע״ און אויך זייערע קינדער. זיי זיינען געווען אומבאַרירלעך. די פּאָליציי איז נאָכאַמאָל געקומען. אַרענשטיין האָט זיי מיט־געגעבן ס׳קינד, און ער מיט זיין פרוי האָבן באַקומען אַ שריפט, אַז זיי זיינען „אומבאַרירלעך״, ווייל זיי זיינען נויטיק פאַר דער געטאָ־פּראָדוקציע.

די וואָך איז געווען די שוידערלעכסטע צייט אין לאָדזשער געטאָ, און איז אַריין אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען: „שפּערע״. געשפּערט — הייסט אויף דייטש: געשלאָסן. גאַנצע זיבן טעג און זיבן נעכט האָט קיין ייד נישט געטאָרט אַרויסגיין פון דער שטוב, וואו ער איז געווען איינגעמאָלדן. קיין שפּייז האָט קיינער נישט געהאַט אָנגעגרייט (אין געטאָ האָט מען דאָך אפילו מיטן שפּייז־צוטייל געהונגערט. אַז מען האָט געאַרבעט, האָט מען באַקומען אַ וואַסערדיקע זופּ מיט אַ שטיקל געקינצלט ברויט). די רעסאָרטן (פאַבריקן) און אַלע אַמטן זיינען געווען געשלאָסן; אויך די קאָאָפּעראַטיוון און די קיכן. די „געסטאַפּאָ״ מיט דער מיטהילף פון דער יידישער: פּאָליציי, פייערלעשער, קוימענקערער און „ווייסע גוואַרדיע״ (די טרעגער, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער אַפּראָוויזאַציע — זיי האָבן געפירט די שפּייז אין די קאָאָפּעראַטיוון, קיכן, און שפּיטאָלן, דאָס מעל אין די בעקערייען. זיי זיינען געגאַנגען איינגעשפּאַנט ביים וואָגן ווי פערד. ווייל זיי האָבן געטראָגן ווייסע אַנצוגן [פון מעל־זעק] האָט מען זיי גערופן „ווייסע גוואַרדיע״. זיי האָבן געהאַט אין די הויזן גרויסע קינצלעכע קעשענעס; אינמיטן פאָרן מיטן וואָגן, האָבן זיי אויף אַ קינצלעכן אופן געעפנט די זעק און אָנגעפילט די קעשענעס. זיי האָבן באַקומען עקסטרע שפּייז־צוטיילונגען אַלס אַפּראָוויזאַציע־אָנגעשטעל־טע און אַלס שווער־אַרבעטער. דאָס זיינען געווען פאַר׳מלחמה׳דיקע טרעגער און די אונטערוועלט. זיי זיינען געווען גוט אָרגאַניזירט. אַ „ווייסער גוואַר־דייער״ איז געווען אַ „יחסן״, ווייל ער האָט נישט געהונגערט), — אין דער „שפּערע״ האָבן אַט־די מיטהעלפער אַרויסגעריסן די קינדער פון די מאַמעס הענט און זיי איבערגעגעבן די דייטשן. זיי האָבן מיטגעאַרבעט מיט דער „אַקציע״ (ווי די דייטשן האָבן די מאָרד־אַרבעט אָנגערופן). זיי זיינען געגאַנגען פון הויף צו הויף. דער געסטאַפּאָוויעץ האָט עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן און אויסגעשריגן: „אַלע אַרונטער!״

אַלעמען האָבן באַהערשט טויט־אַנגסטן. דער גרעסטער טייל יידן איז אַליין אַראָפּגעגאַנגען מיט די פּעקלעך גלייך אין וועג אַריין, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז זיי וועלן דערשאָסן ווערן אויפן אָרט, וואו מען וועט זיי טרעפן. די „געסטאַפּאָ״־לייט מיט די יידישע משרתים מיט העק און אייזערנע דרענגער אין די הענט האָבן גענישטערט אין יעדן ווינקל און אויפגעריסן טירן, פּאָדלאָגעס, בוידעמער און קעלערן. די יידן, וואָס זיי האָבן געפונען

באַהאַלטן זיינען טאַקע דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. די „געסטאַפּאָ"־לייט האָבן כלומרשט געזאָגט די יידן, אַז זיי זוכן נאָר עלטערע מענטשן און קינדער; יענע קענען דאָך סיי־ווי נישט אַרבעטן, ווייל מען זיי שיקן אין „דערהאָלונגס־לאַגערן". אויסגעלאָזט אָבער האָט זיך אַנדערש: וועמען די „געסטאַפּאָ" האָט געוואָלט, דעם האָט זי גענומען: אַלטע לייט, קינדער, קראַנקע, שוואַכע, יוגנטלעכע, געזונטע און אפילו גאַנץ קרעפטיקע. די צוגענומענע האָבן נישט געוואוסט, וואוהין מען נעמט זיי; אָבער זיי האָבן געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז צום טויט. אַ סך דערוואַקסענע זיינען פרייוויליק מיטגעגאַנגען מיט די עלטערן.

די מערסטע קינדער פון די יתומים־הייזער האָבן נישט געוואוסט, וואָס עס קומט פאָר אין געטאָ. זיי האָבן געלעבט ווי אַ באַזונדער מלוכהלע. פריער האָבן די דייטשן „אויסגעזידלט" דאָס מושב־זקנים; דערנאָך האָבן זיי אין דעם בנין איינגעזאַמלט די קינדער פון די יתומים־הייזער. די דערוואַקסענע יתומים זיינען זיך צעלאָפן און אויסבאַהאַלטן. רומקאָווסקי האָט פאַר דעם מורא געהאַט. האָט ער באַפוילן איינצוזאַמלען אַלע יתומים אויף איין אָרט און צוגעגרייט פאַר די דייטשן אַ פעטן ביסן. אָט־די געביידעס פון די נאָר־וואָס געוועזענע יתומים־הייזער, זיינען אין דער צייט פון דער „שפּערע" גיך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דערהאָלונגס־היימען פאַר די קינדער און עלטערן פון: קעראָוניקעס, קאָמיסאַרן, „ביוראָטאָווצעס" און סתם פּריווילעגירטע און די קראַנקן־שוועסטערס פון די נאָר־וואָס ליקווידירטע שפּיטאָלן האָבן זיי באַדינט.

צו עסן איז דאָרטן געווען פון כל־טוב: אפילו מילך, פירות, פלייש, פוטער און קעז. גענוג ברויט. פון דעם האָט מען אַפילו נישט געקאָנט חלומען אין געטאָ.

דער אָמטס־לייטער, האַנס ביבאָוו (ימח שמו!) האָט די דאָזיקע קינדער און עלטערן אַרויסגעגעבן ספּעציעלע שריפטן, אַז זיי זיינען „אומבאַרירלעך" און ער האָט זיי אַריינגעגעבן אין די דערהאָלונגס־היימען, כדי מען זאָל זיך חלילה נישט טועה זיין און זיי מיטנעמען. דאָס האָט אַרויסגערופן קנאה און שנאה, און די יידן האָבן די דאָזיקע אויסדערוויילטע גערופן: „ביבאָווס קינדער". אינזשיניער אַרנשטיינס קינד האָט אויך זוכה־געווען דאָרטן צו זיין.

די יתומים־הייזער האָבן זיך געפונען אויף מאַרישין (אַ פאַרשטאָט אין געטאָ), וואָס יידן האָבן גערופן „שישקאָוויצע", ווייל דאָרטן האָבן געוואוינט די „שישקעס", ווי די יידן האָבן זיי גערופן, דעם „קייסערס" מענטשן. שישקעס וואַקסן אויף די קרוינען פון די טענענבוימער.

אין זיין זומער־רעזידענץ האָט דער קייסער רומקאָווסקי כסדר אַרויס־געגעבן באַפעלן, וואָס די דייטשן האָבן אים געהייסן, און ער האָט אַלץ פאַרמעל אויסגעפירט: ער האָט געהייסן צונויפזאַמלען אַלע דערוואַקסענע קינדער פון דער „בורסע" (יתומים־הייזער פאַר דערוואַקסענע) — אַן ערך צוויי טויזנט. די קינדער האָבן געאַרבעט. ער האָט געזאָגט צו די דערציער, אַז עס וועט זיי קיין שלעכטס נישט געשען. די קינדער זיינען געשטאַנען

אויף א פלאַץ אין מאַרישין אַ לענגערע צייט. כדי עס זאָל זיי נישט לאַנג־ווייליק זיין, האָבן זיי געזונגען יידישע און העברייאישע לידער.

דערנאָך איז אָנגעקומען דער שעף פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג, האַנס ביבאָוו, ימח שמו! די קינדער האָבן אים שיין באַגריסט: „גוטען טאָג, הערען ביבאָוו!" ער האָט זיי צוריק געגריסט גאַנץ העפלעך: „גוטען טאָג, גוטען טאָג!" דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען אַ פייפל און האָט געגעבן אַ לאַנגן פייף. אין עטלעכע סעקונדן זיינען געקומען צו לויפן רומקאָווסקיס פאָליציי און אַרומגערינגלט די קינדער און זיי געפירט צו די וואַגאָנען. די קינדער האָבן שרעקלעך געוויינט, געשריגן און ספּאַזמירט.

און דער „קייסער" פון געטאָ, מרדכי חיים רומקאָווסקי? ער איז אַריינ־געפאַלן אין עצבות. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די יידן זיינען געשיקט געוואָרן צום טויט, ווייל די געטאָס אַרום לאָדזש האָט דער שעף פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג אויף אַ בלוטיקן אופן ליקווידירט, און געציילטע יידן האָט ער אַריינגעשיקט אין לאָדזשער געטאָ אַריין. איין ייד האָט אַריינגעשמוגלט אַ בריוו, געשריבן פון בזשעזשינער רב צו רומקאָווסקין, וואו ער האָט דער־ציילט: „אַלע יידן, וואָס מען שיקט אַרויס פון לאָדזשער געטאָ, ווערן אומ־געבראַכט אויף שוידערלעכע אופנים. אַ גרויסער טייל ווערן פאַרגאַזט". ער האָט אים אין דעם בריוו געוואָרנט: „אויב ער האָט דאָס ביז אַצינד נישט געוואוסט, זאָל ער זיך גוט נעמען אין זיינען אַריין, וואָס ער שרייבט אים".

רומקאָווסקי האָט פון דעם געמאַכט אַ סוד. ער האָט מורא געהאַט, אַז די דייטשן זאָלן נישט ליקווידירן די גאַנצע געטאָ מיט אים צוזאַמען. דער „קייסער" האָט פאַר זיך געהאַלטן אין איין איבער'חזר'ן: „פאַרפאַלן! איך האָב נישט קיין עצה! די שיף טרינקט זיך און איך בין דער קאַפּיטאַן, מוזש איך כסדר וואַרפן קרבנות אין וואַשער אַריין. אפשר וועל איך באַוויזשן צוצושווימען צום ברעג מיט מיינע מענטשן". ער האָט זיך פאַרטראַכט. זיין פנים האָט אויסגעדריקט שרעק, חרטה און מורא. דער הויכער שטערן האָט זיך געקנייטשט און עס האָט פון אים אַרויסגערעדט אַ קול מיט טרויער און ווייטיק: „אָבער די קרבנות, וואָס איך גיב, זיינען דאָך אויך מיינע שוועסטער און ברידער! אוי, רבונו־של־עולם! ווי לאַנג נאָך וועסטו אַזוי פּייניקן דיין פאָלק ישראל?!" — ער האָט זיך צעוויינט. — „נייך, איך האָב שוין מער נישט קיין כוח!" — האָט עס פון אים אַרויסגעשריגן און ער האָט שווער געזיפצט: — „איך בין פאַר דער ,שפּערע' נישט פאַראַנטוואָרטלעך! איך האָב עס געוואָלט מאַכן אויף אַן אַנדער אופן. ביזש איך וואָלט אויסגעקליבן צוויי־און־צוואַנציק טויזנט קינדער, זקנים, קראַנקע און שוואַכע מיט דער הילף פון מיינע דאָקטוירים און מיין פאָליציי, וואָלט זיך אפשר די מלחמה פריער געענדיקט. איך בין אַ באַאַמטער ביי די דייטשן, וואָס מוזש אויספירן אַלע זשייערע באַפעלן! איך פיר גאַנץ גוט מיין געטאָ. איך האָב אַריינגעפירט מיינע יידן אין מיין געטאָ!" — האָט ער זיך פלוצלונג צעשמייכלט — און איך וועל אַרויספירן מיינע יידן פון מיין געטאָ". — און ער איז אַריין אין אַ צווייט צימער געפינען באַרואיקונג... ביי איינער פון זיינע געליבטע.

דאָס איז געווען אין זיין זומער־רעזידענץ אין מאַרישין, וואָס די יידן האָבן גערופן „שישקאָוויצע".

איבער דעם גן־עדן „שישקאָוויצע" (מאַרישין) איז אין דער צייט פון דער „שפּערע" געווען פּאָליציי־קאָמיסאַר דער עטלעכע־און־דרייסיק־יאָריקער יוטקע, אַ זון פון אַ געוועזענעם טעקסטיל־פאַבריקאַנט. ער האָט געהאַט אַ פּנים בלוט און מילך, שוואַרצע פייערדיקע אויגן. זיין פּנים האָט דערציילט, אַז ערליידט חלילה נישט קיין הונגער.

יוטקע איז פאַר דער מלחמה געווען דער לייטנאַנט איבער דעם יידישן לעגיאָן, אונטערן נאָמען „בערעק יאָסעלעוויטש". דאָס איז געווען אַ צווייג פון פּוילישן מיליטער. יוטקע האָט אויף מאַרישין פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דעם טרויעריק־באַרימטן קאָמיסאַר, שלום הערצבערג. און באַלעבאָס איבער „שישקאָוויצע" איז געווען אַ פאַר׳מלחמה׳דיקער טרעגער־יונג, אייזנמאַן איז געווען זיין נאָמען. אין געטאָ איז ער געווען דעם „קייסערס" ערשטער דראָשקאַזש. ער האָט דאָס געפירט דעם „קייסער" אויף דער „שיינער" קאַטש מיט דעם „שיינעם" פערד. מיט זיין חניפה האָט ער אַזוי גושא־חן געווען ביים „קייסער", אַז ער האָט אים געמאַכט פאַר באַלעבאָס איבער מאַרישין. אייזנמאַן האָט געטראָגן אויפן לינקן אָרעם אַ געל־ווייסע באַנד מיט אַ גראַנאַטענעם מגן־דוד און אַ מעטאַלענעם נומער, און אַ פּאָליצייאיש היטל, מיט אַ גאָלדענער קראַפּקע פון פאַרנט, מעשה קאָמיסאַר. ער איז געווען אַ הויכער, ברייט־פּלייציק און פעטט־געבויט. אייזנמאַן איז געווען אַ פולשטענדיקער אַנאַלפאַבעט, ער האָט זיך נישט געקענט אונטערשרייבן. ער האָט אפילו נישט געקענט דאַווענען. געקומען איז ער פון אַ קליינעם שטעטל פּיאַנטקע, פאַר דער מלחמה. ער האָט געוואוינט אין אַ פינצטערן נאַסן קעלער, ערגעץ אין באַלוט, און ער מיט זיין ווייב און קינדער זיינען צען מאָל אין טאָג געשטאָרבן פון הונגער.

ביי רומקאָווסקין איז ער עולה לגדולה געוואָרן. ער האָט פאַרנומען אין „שישקאָוויצע" אַ גאַנץ הויז און אַ גאָרטן, און ער האָט געהאַט כל־טוב. ווען אייזנמאַן האָט געטראָפן אַ ייִנגל אויסרייסן עפּעס פון די פעלדער פון „שישקאָוויצע", אַ מערל, אָדער אַ רעטעכל, האָט ער דאָס הונגעריקע קינד באַשטראָפט אויפן אָרט פאַר דעם „פאַרברעכן". ער האָט אים אַראָפּגעצויגן די הויזן און אויפן הוילן לייב אים געגעבן פינף־און־צוואַנציק שמיץ. אייזנמאַן און יוטקע האָבן געהיטן, אַז עס זאָל זיין אָרדענונג אין „שישקאָוויצע" בעת דער „שפּערע".

שמחה בלושטיין איז בעת דער „שפּערע" אַזוי שוואַך געווען, אַז ער האָט קוים געשטעלט טריט. ער האָט נאָכגעטאָן די פּרויען: ער האָט זיך איינגעפאַרבט די באַקן מיט רויטע ביבולע, כדי ער זאָל אויסזען געזונטער, לעבעדיקער. דאָס וואָלט אים אויך נישט געווען געהאָלפן, נאָר ער האָט געהאַט מזל: עס איז אים געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן. ער איז נישט געשטאַנען אויף דער „סעלעקציע".

אויפן זיבעטן טאָג, פּינקטלעך צוועלף אַזייגער, מיטאָג, האָט זיך פאַר־

ענדיקט די „אַקציע". באַלד האָבן פּלאַקאַטן אַראָפּגעשריגן פון די ווענט מיט אַ צביעותדיק לשון: „אויפגעהויבן די שפּערע! איך פאָדער־אויף אַלע יודען זאָלן מאָנטיק גיין נאָרמאַל צו דער אַרבעט, נאָכצויאָגן די פּראָדוקציע פון די טעג, וואָס זיי האָבן נישט געאַרבעט!" אונטערגעשריבן איז געווען: „אַמטס־לייטער, האַנס ביבאָוו".

די יידן האָבן אָפּגעאָטעמט ווי נאָך אַן ערד־ציטערניש.

גאַנצע משפּחות זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן. גאַנצע הייזער זיינען געבליבן פּוסט און וויסט. עס איז נישט געווען קיין איין משפּחה, וואָס האָט נישט געליטן פון דער „שפּערע", אויסער דער „ביירעט" (אַ ראַט ביי דער געטאָ־פאַרוואַלטונג אָדער „יודען־ראַט"), קאָמיסאַרן, קעראָווניקעס און די, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט: מיט דער „קריפּאָ"*, געסטאַפּאָ, און די וואָס האָבן מיט־געאַרבעט מיט דער „אַקציע" אין דער „שפּערע": פּאָליציי, פייערלעשער, קוימענקערער און די „ווייסע גוואַרדיע", און אויך סתם פּריווילעגירטע.

דאָך האָט יעדער זיך געשטאַרקט און ווייטער געאַרבעט. דאָס האָט געשאַפן דער ווילן צו לעבן. אין דער „שפּערע" זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן איבער צוויי־און־צוואַנציק טויזנט נפשות, פון זקנים ביז זויג־קינדער. מאַמעס האָבן ביז צו דער ליקווידאַציע פון געטאָ געהאַלטן אין איין ציילן, וויפל טעג און שעה'ן עס זיינען שוין אַוועק, ווי מען האָט פון זיי אַוועקגעריסן די קינדער, און זיי האָבן געקוקט מיט קנאה און שנאה אויף „ביבאָווס־קינדער". די דייטשע צייטונגען האָבן געבראַכט פּראָפּאַגאַנדע־אילוסטראַציעס, ווי יידישע מאַמעס „וואַרפן" אַוועק זייערע קינדער, און די דייטשע „עס־עס"־מענער „דערבאַרעמען" זיך איבער די קינדער; זיי הויבן זיי אויף.

די דייטשן האָבן געלאָזט פאַרשפּרייטן ידיעות דורך דער „זאָנדער" (אַן עקסטרע יידישע פּאָליציי, וואָס האָט מיטגעאַרבעט מיט דער געסטאַפּאָ), אַז די קינדער, וואָס זיינען צוגענומען געוואָרן אין דער „שפּערע", אַרבעטן אין די גערטנער, אויף די פעלדער; זיי קלויבן יאַגדעס און שוואָמען אין די וועלדער און טוען אַנדערע פאַרשידענע אַרבעטן. טייל „זאָנדער" האָבן אין דעם אויך געגלויבט.

פון צייט־צו־צייט איז געקומען אַ „זאָנדער" צו זיינס אַ פריינט, און ער האָט אים איבערגעגעבן אַ „סוד" אויפן אויער, וואָס עס האָט אים „דערציילט" אַ פּאָלאַק אויפן „באַלוטער רינג" (דער נייטראַלער פּלאַץ צווישן געטאָ און שטאָט — דאָרטן האָבן זיך געפונען די „געטאָ־פאַרוואַלטונג" און אַלע ביוראָען פון די דייטשן, ביז דאָרטן האָט מען צוגעשטעלט אַלץ פאַר דער געטאָ דורך דייטשע אָדער פּוילישע באַלעגאָלעס, און יידישע באַלעגאָלעס האָבן איבערגענומען די פורן און אַריינגעפירט די סחורה אין געטאָ, מחמת פּאָליאַקן אָדער דייטשן איז נישט דערלויבט געווען אַריינצוקומען אין געטאָ אַריין אויסער פאַר יחידים אין אַן אויסנאַם־פאַל), וואָס האָט געבראַכט קאַרטאָפל פאַר דער געטאָ: אַז זיין יינגל האָט פאַר אים ,מיטגעשיקט' אַ גרוס: ער ,אַרבעט' ביי דעם דאָזיקן פּויער, ער פילט זיך גוט און ער זאָל

* קרימינאַל פּאָליציי.

זיך גאַרנישט זאָרגן וועגן אים. זיי וועלן זיך באַלד זען, ווייל די מלחמה ענדיקט זיך אַ ליאַדע טאָג".

ביי אַזעלכע עלטערן זיינען געפלאָסן טרערן פון פרייד און יידן האָבן קאָמענטירט די „גוטע ידיעות":

„זיכער נויטיקט זיך היינט דער דייטש אין אַרבעטס־הענט".

„וואָס, קינדער זיינען עפּעס פאַרברעכער?"

„קינדער זיינען אומשולדיקע מלאכימלעך".

אַזוי האָבן יידן געזאָגט, און די „חכמים" האָבן צוגעגעבן: „וואָס, קינדער וועט „ער" הרגענען? די גאַנץ קליינע דערציט „ער" פאַר דייטשן, כדי „ער" זאָל האָבן אין דער צוקונפט מיליטער נאָך זיין מפּלה! האַ, האַ, די געשיכטע קען שוין אַזעלכע זאַכן".

און מאַמעס און טאַטעס האָבן זיך געקוויקט מיט די פאַנטאַזיעס, ווי מיט זיסע חלומות. אַז די דייטשן האָבן דערמאָרדעט די קינדער, האָבן דאָך די עלטערן אַליין נישט געזען, האָבן זיי בעסער געגלויבט אין די „גוטע" ידיעות. אַזוי איז שוין די נאַטור פון מענטש — ער שטעלט זיך פאַר דאָס און ער גלויבט אין דעם, וואָס ער וויל עס זאָל זיין.

בלושטיין האָט זיך צוגעהערט צו די רייד און זיין האַרץ האָט אים געשניטן.

אין די טעג פון פחד און קדושה

באַלד נאָך דער „שפּערע"*, האָבן די רעליגיעזע יידן געהאַלטן אַ דין־תורה מיטן רבונו־של־עולם. אָנגעפירט מיט דעם האָט דער רעליגיעזער דיכטער קדוש אלתר שנור, זכרונו לברכה.

שנור איז געווען פון מיטעלן וואוקס, ער האָט געהאַט אַ לענגלעך פּנים, בלויע אויגן, בלאָנדע האָר און אַ הויכן שטערן. פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער רעדאַקטירט די וואָכן־צייטונג פון דער „פּועלי אגודת ישראל" אין לאָדזש. ער איז געבוירן געוואָרן אין בייטש, גאַליציע. אַלס קינד איז ער געוואָרן אַ קיילעכדיקער יתום און ער איז דערצויגן געוואָרן ביי זיין זיידן, אַ גרויסער תלמיד חכם און הייסער חסיד. דער זיידע פלעגט אים אויפוועקן פון טיפן שלאָף, כדי צוזאַמען אָפּצוריכטן חצות. זיי פלעגן גיין אין די ווינטערדיקע פאַרטאָגן אין בית־המדרש אריין.

ער האָט געענדיקט דעם לערער־סעמינאַר אין קראָקע. דאָרטן האָט ער זיך באַקענט מיט דער שוואַרץ־חנ'עוודיקער שילערין זלאַטע. זיי האָבן

---

* „שפּערע", פון דייטש געשפּערט — געשלאָסן. זיבן מעת לעת האָבן יידן ניט געטאָרט פאַרלאָזן זייערע הייזער. די דייטשן האָבן געמאַכט סעלעקציעס אין דער צייט און אַרויסגעשיקט 22 טויזנט יידן אומצוברענגען. די „שפּערע" איז געווען די שווידערלעכסטע צייט אין לאָדזשער געטאָ.

שפעטער חתונה געהאַט און זיי האָבן זיך באַזעצט אין לאָדזש. ביידע זיינען געווען לערער אין דער „בית יעקב שולע״. זיי האָבן געפירט אַ שווער לעבן. זלאַטע האָט אים געבוירן צוויי קינדער. זיי זיינען געווען גליקלעך, כאָטש זיי האָבן געוואוינט אין איין צימער, אַרויפצוגיין אויפן פינפטן שטאָק, און וואַסער האָט מען געמוזט אַרויפשלעפּן פון פּלומפּ אויפן הויף.

אתלר שנור האָט געאַרבעט אַלס פּאַרטיער און רעווידענט אין דער פּאַרבערייַ, וואו די דייטשן האָבן אַריינגעוואָרפן די וועש און מלבושים פון די אויסגעקוילעטע יידן אויף איבערצופאַרבן, און פון דעם האָבן יידן געמוזט וועבן דיוואַנען פאַר די דייטשן.

זיין אַרבעט איז געווען: איינצושרייבן די אַלע וואָס זיינען אַריין און אַרויס און זיי רעווידירן צי זיי טראָגן ניט עפּעס אַרויס, ווי אויך עפענען און צומאַכן דעם טויער פון פאַבריק. שנור האָט געהאַט איבער זיך אַ „קיעראָווניק״ — אַ רשע, וואָס האָט אים אָנגעטאָן גרויסע צרות. געהייסן האָט ער שפּילקע, אַ געוועזענער טעקסטיל-פאַבריקאַנט. ער האָט געהאַט אַ הויקער פון הינטן און אַ הויקער פון פאָרנט. ער האָט געהאַט אַ מיאוס פּנים מיט אַ סך וואָרצלען. ער האָט ניט געהאַט קיין צורה פון אַ ייד. ער, שפּילקע, איז פריער געווען דער פאַרוואַלטער איבער דער טעקסטיל-פאַבריק ביי קיאשופ אין געטאָ. אָבער די פאַרבערייַ איז געוואָרן אַזוי וויכטיק, אַז מען האָט אים דאָ אַהער איבערגעטראָגן. שפּילקע איז געשטאַנען אלתר שנורן הינטער די פּלייצעס, בעת ער האָט רעווידירט. דאָס רעווידירן איז פאַר אלתר שנורן געווען ערגער ווי דער טויט. געהונגערט האָט ער און ער האָט געמוזט האַלטן אין איין לויפן אויפעפענען און צומאַכן דעם שווערן טויער, האָט ער דערפון באַקומען אַ שוואַך האַרץ.

אלתר שנור האָט זייער אַ סך געשריבן. אין אַלע זיינע מלבושים זיינען געלעגן זיינע לידער. ער האָט געשריבן כראָניק פון געטאָ, אין העברעאיש; לידער אין יידיש. פאַר דער מלחמה האָט ער געשריבן לידער אין העברעאיש, אָבער די ליידן אין געטאָ האָט ער נאָר געקענט אויסדריקן אין דעם לשון, אין וועלכן די קרבנות האָבן גערעדט און געטראַכט.

אלתר שנור איז געווען לויטער רוחניות. ווען ניט זיין אשת חיל זלאַטע, וואָלט ער געשטאָרבן באַלד אין די ערשטע טעג פון געטאָ. זי איז צו אים געווען ווי אַ מאַמע צו אַ שוואַך קינד. זי, די אשת חיל, האָט פאַרזאָרגט די שטוב מיט וואָס זי האָט געקענט.

אין דער „שפּערע״ האָט די געסטאַפּאָ צוגענומען ביידע קינדער ביי אלתר שנורן, צומאַרגנס האָט זיך אלתר שנור אַריינגעגנב׳עט אין זאַמל-פּונקט פון די קרבנות. דאָס איז געווען אין שפּיטאָל אויף דער פּוילישער גאַס (ער האָט געוואוינט אויף דער יידישער גאַס), וואָס די דייטשן האָבן אויף אַן אכזריותדיקן אופן ליקווידירט פאַר דער „שפּערע״. זיי האָבן די קראַנקע אויסגעשאָסן אין די בעטן און די קינדער אַרויסגעשליידערט דורך די פענצטער.

אלתר שנור איז אַריבער איבער דעם געמויערטן פּלויט, וואו עס האָבן זיך געדרייט עס-עס-מענער און יידישע פּאָליציי און קוים געפונען דאָס אָרט,

וואו די קינדערלעך זיינען געלעגן אין אַ קנויל, האַלב־פאַרפייניקטע. זיי האָבן שוין עטלעכע טעג גאָרניט געהאַט אין מויל. טייל קינדער האָבן געקרעכצט מיט שוואַכע שטימעלעך: מאַמע! טייל זיינען געלעגן באַוואוסטלאָז. ער האָט זיינע צוויי קינדער קוים דערקענט. ער האָט זיי אַרויסגעצויגן פון קנויל קינדער, אַרונטערגענומען אונטער די פּאָלעס פון דער לאַנגער קאַפּאָטע און אַרויס. ביים אַריבערקריכן דעם פּלויט האָט מען אָבער פון אים די קינדער אַרויסגעריסן. ווען ער איז אַרויס אויף דער צווייטער זייט, האָט אים אַן עס־עס־מאַן נאָכגעשאָסן. מען האָט אים גלייך אַריינגעשלעפּט צו די אַנדערע קרבנות אויף אַוועקצושיקן. דאָרט איז אָבער געווען זיינס אַ באַקאַנטער פּאָליציאַנט, האָט ער אים צוגעהאָלפן אַנטלויפן.

אלתר שנור האָט געשריבן אַ ליד וועגן דעם, ווי דער טאַטע שטייט אויפן באַלקאָן און קוקט צו, ווי די געסטאַפּאָ פירט אַוועק אומצובערענגען זיינע קינדער. זייער האַרצרייסנדיק געוויין מישט זיך אויס מיטן געוויין פון אַנדערע קינדער און אַלטע לייט.

אלתר שנור האָט מורא געהאַט, אַז עס זאָל חלילה ניט איבערגעריסן ווערן די גאָלדענע קייט — דער יידישער גייסט. קיין חדרים און שולן זיינען שוין דעמאָלט ניט געווען. וועלכע מאַמע וועט דאָס אין אַזאַ צייט אַרויסלאָזן איר קינד וואָס זי האָט מיט נסים אָפּגעראַטעוועט? איז אלתר שנור, אָן שום באַלוינונג, געקראָכן איבער די הויכע גאָרנס, לערנען מיט קינדער אלף־בית, לייענען און שרייבן יידיש און לשון קודש, אַ פּרשה חומש.

שבת פאַרנאַכט האָבן זיך ביי אלתר שנורן אין שטוב פאַרזאַמלט בחורים און מיידלעך און ער האָט פאַר זיי געזאָגט תורה. ער האָט אַפילו דעמאָלט נאָאיוו געפּרעדיקט: „מען טאָר ניט פאַרגיסן קיין בלוט. אַפילו אין די דייטשן זאָל מען ניט נקמה נעמען דורך בלוט־פאַרגיסן, נאָר דורך צוריק־צאָלן זיי מיט גוטס פאַר שלעכטס. דאָס וועט זיי ווייטאָן, וועלן זיי זיך שעמען". „זאָלסט ליב האָבן דעם צווייטן ווי זיך זעלבסט". ער איז געווען פאַר אָפּשאַפן פּריוואַט אייגנטום, עס זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן אויסנוצער און אויסגענוצטע. גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, צו אים געהערט אַלעס. די מענטשן זיינען זיינע קינדער און אַלע מוזן גלייך אויף גלייך פון אַלעם געניסן. „די הימלען זיינען פאַר גאָט, און די ערד איז געגעבן געוואָרן צו די מענטשן, זיי זאָלן זי דערהויבן צו אַ הימל, און זאָלן לעבן אומשולדיק ווי די מלאכים".

אלתר שנור האָט געשריבן קינדער־לידער און איינאַקטערס פאַר קינ־דער. זיינע לידער פאַר דערוואַקסענע זיינען געווען פילאָזאָפישע און האָבן געשפּרודלט מיט טיף־עטישע און מאָראַלישע געדאַנקען, בעת די קינדער־לידער זיינען געווען שפּילעוודיקע און פּשוטע. ער האָט אויך באַשריבן זיינע אייגענע קינדער־יאָרן, אין אַ ציקל פון איבער פופציק לידער: „מיין זיידע". צו זיין דריי־און־דרייסיקסטן געבוירן־טאָג האָט ער פאַרבעטן עטלעכע שרייבער און פאַרגעלייענט די לידער.

יום כפור, באַלד נאָך דער „שפּערע", האָבן אַלע יידן געמוזט גיין צו דער אַרבעט. אלתר שנור האָט געדאַוונט מוסף. ער האָט זיך איינגעוויקלט

אין אַ פאַרבלוטיקט ווייס העמד פון אַ קדוש און ער האָט געדאַוונט מיט אַ יאָמערלעך געוויין. אַלע מתפללים — מענער און פרויען האָבן מיטגעוויינט. אַלע האָבן געפילט אַז די נשמות פון די קדושים — זייערע קרובים געפינען זיך דאָ און וויינען אויף זייערע אַפּגעשניטענע ניט־אויסגעלעבטע יאָרן.

אין דעם שטיבל, וואו אלתר שנור האָט געדאַווענט האָבן יידן און בחורים געלערנט יומם ולילה, ביינאַכט, אונטער פאַרהאַנגענע פענצטערס, עס זאָל חלילה ניט אַרויסשלאָגן קיין פּאַסיקל ליכט. באָרד און פּיאות האָבן זיי ניט אָפּגעשוירן. אַז עס האָט ווער פון זיי געמוזט אַרויסגיין אין גאַס, האָט ער דאָס פּנים אַרומגעבונדן מיט אַ טיכל, ווי ער וואָלט געהאַט „ציין ווייטיק". דערנערט האָט מען זיך מיט דעם צוגעטיילטן שטיקל טרוקענעם ערזאַץ־ברויט, שוואַרצער אומגעצוקערטער ערזאַץ־קאַווע. עס איז ניט געווען מיט וואָס פייער צו מאַכן, האָט מען געקויפט די „קאַווע" אין אַ אַלגעמיינער קאַווע־קיך. די זופּ וואָס מען האָט באַקומען פון דער אַלגעמיינער קיך, האָבן זיי אויך ניט געגעסן, כאָטש ס'איז געווען פּאַרעווע. זיי זיינען ניט זיכער געווען צי ס'איז כשר, ביז מען האָט ניט געעפנט אַ ספּעציעלע כשר'ע קיך, אונטער דער אויפזיכט פון אַ רב. אַזעלכע יידן זיינען געווען אַ סך אין געטאָ. זיי האָט דער „קייסער" מרדכי חיים רומקאָווסקי — אַרויסגעשיקט פון די ערשטע, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט קיין פּאַרטיי וואָס זאָל זיך פאַר זיי איינשטעלן.

באַלד נאָך דער „שפּערע", האָט די חברה פונעם שולכל געהאַט אַ דין־תורה מיטן רבונו־של־עולם, נאָכן פאַסטן אַ גאַנצן טאָג און תהלים זאָגן, האָט מען אָנגעצונדן ליכט. אלתר שנור, אָנגעטאָן אין טלית און קיטל, האָט אויפגעעפנט דעם ארון קודש, און ער האָט מיט אַ געבראָכן קול אויסגערופן: „רבונו־של־עולם, דו וואָס ביסט דער פאָטער פון דיינע אויסדערוויילטע קינדער, מיר ווילן מיט דיר האָבן אַ דין־תורה! מיט וואָס האָבן מיר געזינדיקט? מיט וואָס? אויב מיר האָבן געזינדיקט — צי זיינען מיר נאָך ווייניק אָפּגעקומען פאַר אונזערע זינד? האָסט אונז שוין גענוג באַצאָלט מיט שלעכטע גזירות! טאָרסט אונז מער ניט שטראָפן! מיט וואָס האָבן געזינדיקט אונזערע עופהלעך? אין רשות פון דער עדה יידן (זיי זיינען נאָך אויך געווען אָנגעטאָן אין טליתים), וואָס היטן דיינע געבאָטן, זאָג איך דיר: אַז מער טאָרסטו אונז ניט שטראָפן! אונזערע מעשים טובים וועגן איבער אונזערע מעשים רעים! ניין, דו טאָרסט אונז ניט שטראָפן!" און קהל האָט אויסגעוויינט אויפן קול: „ניין! ניין!"

אלתר שנור מיט דער עדה האָבן פאַרענדיקט די דין־תורה מיט קדיש זאָגן.

אלתר שנור איז זיכער געווען, אַז ער האָט די דין־תורה געוואונען און עפּעס געפּועלט.

ווען דער „קייסער" מרדכי חיים רומקאָווסקי איז געוואויר געוואָרן דורך זיינע שפּיאָנען וועגן דער פאַרגעקומענער דין־תורה, האָט עס אים פאַרדראָסן, פאַרוואָס דאָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אָן זיין הסכמה.

„זאַנדערי״־פּאָליציי

דער אונטערוועלט־יונג, פּרויטשע בוצאַק, האָט פאַר דער מלחמה מיט־געאַרבעט אין דער „לאַטניאַ בריגאַדאַ״ (פלי־בריגאַדע) אין „סקאַרב״ (שטייער־אַמט). ער האָט געהאָלפן אַרויסקריגן ביי ייִדן שטייערן. פאַר „לאַפּאַוועקע״ (שוחד) האָט ער „גוט״ געמאַכט. אַזוי ווי דייטשן האָבן אָקופּירט פּוילן, האָט ער באַלד מיטגעאַרבעט מיט דער געסטאַפּאָ. ווען די געטאָס זיינען געווען געשלאָסן, האָט ער זיך געקענט באַוועגן איבער גאַנץ פּוילן: סיי אין בייעם רייך, סיי אין גענעראַל־גאָווערנאַמענט.

פאַר אַ סך געלט האָט ער איבערגעפירט ייִדן פון איין געטאָ אין צווייטער מיט דער הסכמה פון דער געסטאַפּאָ. ער האָט צוגעטראָגן די דייטשן, וועלכער ייִד עס האָט עפּעס באַהאַלטן, און די געסטאַפּאָ האָט שוין מיט אירע מערדערישע „ראַפּינירטע״ מיטלען אַרויסגעקראָגן פון דעם ייִד די ווערט־זאַכן. דערנאָך האָט ער מיטגעאַרבעט בלויז מיט דער „קריפּאָ״. ווען ער האָט באַגראָבן שלום הערצבערגן, האָט ער מיטגעאַרבעט מיטביידע — סיי מיט דער „קריפּאָ״, סיי מיט דער געסטאַפּאָ. אין דעם אַרכיוו פון דער „געהיימע שטאַטס־פּאָליציי דינסט־שטעלע״ געפינען זיך זיינע אונטערשריפטן אויף די פּראָטאָקאָלן וועגן אָפּגעגעבענע פעקלעך. און די געטאָ־ייִדן האָבן וועגן אים געזונגען:

„פּרויטשע בוצאַק איז אַ נאָמען,
גרויס איז ער פּונקט ווי המן,
ייִדן שיקט ער אויף יענער וועלט,
אויסקויפן ביי אים קאָן מען זיך נאָר פאַר אַ סך געלט״.

אָט־דער אונטערוועלט־יונג איז באַלד נאָך דער „שפּערע״ געוואָרן אַ „משיח״, ווייל ער האָט זיך באמת, אַז עס זאָל אַריינקומען מער שפּייז אין געטאָ, און דאָס וואָס עס איז אַריינגעקומען, האָט ער באַלד צעטיילט. נישט ווי דער „קייסער״ רומקאָווסקי, וואָס האָט געלאָזט דאָס ביסל שפּייז אַזוי לאַנג ליגן, ביז עס איז פאַרפוילט געוואָרן אָדער צעגנבעט געוואָרן דורך זיינע מענטשן. פּרויטשע בוצאַק האָט געאַרבעט פאַר ביידע צדדים: אי לטובת די דייטשן, אי לטובת די ייִדן. פון נאָך דער „שפּערע״ אָן, ווי לאַנג ער האָט זיך געפונען אין געטאָ, איז טאַקע אַריינגעקומען אַביסל מער שפּייז. דערפאַר האָט ער זיך אַצינד דערוואָרבן סימפּאַטיע, ווייל עס האָבן ייִדן געזען, אַז שפּייז איז דאָס געווער, וואָס וועט העלפן איבערלעבן די מלחמה.

פּרויטשע בוצאַק האָט איבערגענומען די „זאַנדער״ (אַן עקסטרע־ייִדישע פּאָליציי, וואָס איז געווען אַ צווייג פון דער געסטאַפּאָ).

געשאַפן די „זאַנדער״ האָט דער פּאָליציי־קאָמיסאַר זיגמונט ריינגאָלד, אַ פירער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין לאָדזש. ער איז געווען רומקאָווסקיס אַ פּאַרטיי־חבר. באַלד אין אָנהויב מלחמה האָט ער שוין אין געפאַנגען־לאַגער געשפּילט אַ ראָלע ביי די דייטשן, און ווען ער איז צוריקגעקומען

קיין לאָדזש, האָט אים רומקאָווסקי דער ערשטער צוגענומען אַלס זיין מיט־העלפער. ריינגאָלד האָט אויך אָרגאַניזירט די ערשטע יידישע פּאָליציי, נאָך איידער מען האָט געשאַפן די געטאָ. נאָך דער „שפּערע" איז ער געוואָרן קאָמיסאַר איבער דער אַפּראָוויזאַציע, און פּרויטשע בוצאַק האָט איבערגענומען זיין פריערדיקן אַמט און ער האָט אָרגאַניזירט אַ גרויסע „זאָנדער־קאָמאַנדע".

ער האָט גענומען יונגעלייט, וואָס האָבן מינימום געהאַט געענדיקט אַ גימנאַזיע און זין פון עלטערן, וואָס האָבן פאַרנומען גוטע פּאָסטנס אין געטאָ. ער האָט אַריינבאַקומען פון די דייטשן נייע וואָלענע סחורה — טונקעלע מאַרענגאָ — און ער האָט פאַר זיין „זאָנדער" געלאָזט מאַכן מיליטערישע מונדירן מיט גלאַנציקע קנעפּ. אויף דער קלאַפּע האָבן זיי געטראָגן דעם מעטאַלענעם נומער. אויפן לינקן אָרעם — אַ געלע און ווייסע באַנד מיט אַ רויטער ליאַמאַווקע און אַ טונקל־בלויען „מגן דוד" אינדערמיט. און געטראָגן האָבן זיי נייע אָפיצירסקע שטיוול מיט אַ פּאַלקע אין דער האַנט, מיט אַ פּאָליצייאיש היטל. זיי האָבן טאַקע אויסגעזען ווי פּאָליציי. זיי האָבן זיך טאַקע אונטערשיידט פון דער פּשוטער פּאָליציי, וואָס האָבן געטראָגן פּשוטע ציווילע קליידער. די „זאָנדער" האָט אַרויסגערופן מורא. זיי זיינען געווען עטלעכע הונדערט אין צאָל.

יעדער „זאָנדער" האָט באַקומען (אויסער דעם צוטייל פון יעדן געטאָ־ייד) אַ צוטייל, אַז ער האָט נישט באַדאַרפט הונגערן. דאָס האָט בוצאַק איינגעפירט, כדי די „זאָנדער" זאָל זיין צופרידן און געטריי דינען.

די אויפגאַבע פון די „זאָנדערס" איז געווען צו באַפאַלן גאַנצע גאַסן, דורכפירן רעוויזיעס אין אַלע שטיבער און צונעמען יעדע ווערט־זאַך. זיי האָבן אַלץ געמאַכט לויטן דייטשישן נוסח. זיי האָבן אויך אויסגעטאָן נאַקעט מענער און פרויען בעת די רעוויזיעס. עס האָבן ביי זיי אויך מיטגעאַרבעט פרויען.

די „זאָנדער" האָט אויך געהיט, אַז מען זאָל נישט שמוגלען. איין פּוילישער מאַן האָט זיך איינגעשטעלט ס'לעבן, ער האָט זיך אַ סך מאָל אַריינגעגנבעט דורך די דראָטן מיט שפּייז פאַר אַ יידישער משפּחה. ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ „געלע" לאַטע. האָט איין „זאָנדער"־יונג דערקענט, אַז דאָס איז נישט קיין ייד, האָט ער אים אַרעסטירט. דער פּאָליאַק איז געזעסן דריי טעג אין יידישן פּאָליציי־רעוויר. ער האָט קריטיקירט די יידן: „איך שטעל מיר איין מיין לעבן, כדי צו העלפן אַ יידישע משפּחה, מיינע געוועזענע שכנים; האָט מיך אַ ייד אַרעסטירט. נו, דאַרף מען אייך העלפן?" — האָט ער פאַרביטערט גערעדט צו די יידישע אַרעסטאַנטן.

די גאַנצע געטאָ איז געוואָרן אויפגעבראַכט אויף די „זאָנדער". מען האָט זיי דערמאַנט מיט אַ קללה. אַז דער זאָנדער־יונג האָט אים אַרעסטירט, האָט אים דער רעוויר געמוזט פאַרהאַלטן, פירן אַן אויספאָרשונג און מעלדן דער דייטשישער מאַכט, און דער אַרעסטירטער האָט געמוזט איבערגעגעבן ווערן דער געסטאַפּאָ.

די „זאָנדער"־לייט האָבן אויך „געהיט" די בעקערייען און האָבן

באַקומען ברויט. זיי האָבן אויך „געהיט" אין פליישׁ־צענטראַלע און אין די פליישׁ־קאָאָפּעראַטיוון און האָבן באַקומען פליישׁ, וואורשט. זיי האָבן אויך „געהיט" אין די שפּייז־קאָאָפּעראַטיוון, אויפן גרינצייג־פּלאַץ און האָבן דאָרטן באַקומען אַן עקסטרע־צוטייל. און יעדע קיך האָט געהאַט אַ „זאַנדער", און ער האָט באַקומען צו עטלעכע זופּן אַ טאָג. ביי יעדער וואָג איז געשטאַנען אַ „זאַנדער", כדי מען זאָל נישט אָפּנאַרן אָדער גנבענען. מען האָט אָצינד נישט געטאָרט אַרויסגעבן קיין שום לעבנסמיטל־צוטייל אָן דער אָנוועזנהייט פון אַ „זאַנדער".

פּרויטשע בוצאַק האָט אויך אָרגאַניזירט אַ „פּרויען־זאַנדער": ער האָט אויסגעקליבן די שענסטע מיידלעך פון די בעסער־סיטואירטע: פון די „שיש־קעס" און „מלוכה־באַאַמטע". ער האָט זיי אָנגעטאָן שיינע מיליטערישע שינעלן מיט גלאַנציקע קנעפּ, ווי די „זאַנדער" און פּאָליצייאישע היטלען. ער האָט זיי אָוועקגעשטעלט האַלטן אָרדענונג, וואו עס פלעגן קומען דייטשן, אָדער אין די גאַסן אָנפירן מיטן פאַרקער. זיי האָבן אויך געהאַלטן פּאַלקעס אין די הענט. זיי האָבן אויך געטראָגן אַ מעטאַלענעם נומער, און האָבן אויך געטראָגן די זעלבע בענדער, וואָס די פּאָליציי. זיי האָבן אויך באַקומען די זעלבע עקסטרע־שפּייז־צוטיילונגען, וואָס די „זאַנדער".

די פרויען־פּאָליציי איז נאָר געווען אַן אָנגענעמער שפּיל פאַר פּרויטשען.

די פרויען־פּאָליציי איז אין עטלעכע חדשים אַרום אויפגעלייזט געוואָרן. דאַן האָט זיי בוצאַק געשיקט, נאָך דער „שווערער" אַרבעט, אין דערהאָלונגס־היים אין מאַראַשין, אויף פיר וואָכן (מען האָט דעמאָלט געעפנט די אַפּרו־היימען פאַר די אָפּגעשוואַכטע אַרבעטער, אין וועלכע די דייטשן האָבן זיך געגוטיקט, כדי זיי זאָלן אַרויסגעבן מער פּראָדוקציע). דערנאָך האָט מען די געוועזענע פּאָליציאַנטקעס געגעבן אַמטן אין די אַפּרו־היימען און אין די קיכן, און זיי האָבן ווידער געהאַט פון כל טוב.

פּרויטשע בוצאַק האָט באַקומען פון די דייטשן אַ שיינע דראָשקע מיט אַ שיין פערד. ער האָט געהאַט אַן אייגענעם בעל־עגלה. ער האָט אָצינד נאָכגעטאָן דעם „קייסער" רומקאָווסקי פון די ערשטע צייטן: ער האָט געוואָלט געפעלן ווערן די יידן, האָט ער געטיילט פון דער דראָשקע אַראָפּ טאַלאָנען: צו פינף דעקאַ צוקער און צו פינף דעקאַ פּוטער. זיינען מענער און פרויען נאָכגעלאָפן דער פאַרנדיקער דראָשקע, און ער האָט געטיילט וועמען זיין האַרץ האָט געגלוסט. זיינע מקורבים האָט ער געגעבן גרעסערע טאַלאָנען און ער האָט געהאַט אָרגאַניזירט אַן אייגענעם פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט, וואָס האָט אים געמאַכט אַ שם, אַז ער טיילט גרויסע שפּייז־טאַלאָנען יעדן איינעם, וואָס בעט אים. און יידן האָבן שוין געבעטן גאָט, אַז בוצאַק זאָל פאַרנעמען רומקאָווסקיס אָרט. טייל האָבן אים געבענטשט, איבערהויפּט די, וואָס האָבן אונטער אים געאַרבעט, ווייל ער האָט פאַר זיי ווי ווייט מעגלעך געזאָרגט. און יידן האָבן שוין שטאַרק געשמועסט, אַז בוצאַק וועט ווערן דער „עלטעסטער דער יודען". מיט דער שפּייז, וואָס בוצאַק האָט אַריינגעבראַכט און באַלד צעטיילט, האָבן זיך טאַקע אַ סך יידן געשטעלט אויף די פיס. און מען האָט

זיך צו אים גע׳חנפ׳עט, מען זאָל פון אים באַקומען אַ טאַלאַן. מען האָט צו אים געשריבן בקשות. לידל־מאַכער האָבן פאַר אים געשריבן „לידער״.

איינער, וואָס האָט פאַר דער מלחמה געדרוקט לידער, אין צייטונגען, האָט פריער געשריבן פאַר רומקאָווסקין:

„לעבן זאָל אונזער פרעזעס רומקאָווסקי
מיט זיין שטאַרקער האַנט,
ער פירט זיין מלוכה מיט גרויס טאַלאַנט.
ער מיט זיין שיין ווייבל זיינען אַ פּאָר,
זיי זאָלן לעבן הונדערט צוואַנציק יאָר״.

דער זעלבער האָט אַצינד געשריבן פאַר בוצאַקן:

„לעבן זאָל הערן פּרויטשע בוצאַק,
וואָס האָט אַ כאַראַקטער ווי אַ בריליאַנט.
דער עיקר צו געבן צדקה
האָט ער אַ לייכטע האַנט.
פּרויטשע איז ביי יידן אַ צדיק,
ווי לאַנג ער איז מיט אונז, קענען מיר שלאָפן רואיק״.

דעם דאָזיקן „שרייבער״ האָט פריער רומקאָווסקי און אַצינד בוצאַק באַלוינט מיט שפּייז־טאַלאַנען.

בוצאַק איז פאַר דעם „קייסער״ פון געטאָ געווען אַ ביין אין האַלדז. פאַר דעם דייטש האַנס ביבאָוו — דער באַלעבאָס איבערן געטאָ — איז ער אויך נישט באַקוועם געווען. איינמאָל אינמיטן העלן טאָג, ווען בוצאַק האָט זיך געפונען אין זיין ביוראָ, אויפן „באַלוטער־פּלאַץ״ (דאָס איז געווען דער „נייטראַלער״ פּלאַץ: אַלע פאַרהאַנדלונגען פון יידן און דייטשן זיינען דאָרטן פאָרגעקומען. דאָרטן איז אויך געווען די גרענעץ: אַלע סחורות זיינען דורך דאָרטן אַריינגעקומען און אַרויסגעגאַנגען. אויך יעדער, וואָס איז אַריינגעקומען אָדער אַרויסגעגאַנגען פון געטאָ, האָט געמוזט דורכגיין דורכן באַלוטער פּלאַץ), איז צוגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל. עס זיינען אַריינגעקומען צוויי דייטשן און זיי האָבן אים העפלעך פאַרבעטן מיטצופאָרן אין שטאָט אַריין. זיי האָבן אים אַפילו נישט דערלויבט אָנצוטאָן די מאַרינאַרקע. „מיר מוזן שוין פאָרן. דו וועסט באַלד צוריקקומען!״ — האָבן זיי אים געזאָגט. און פּרויטשע בוצאַק איז דעמאָלט פאַרשוואונדן אויף אייביק פון געטאָ.

דאָס האָט ביי יידן אַרויסגערופן סיי שרעק, סיי טרויער. אָבער זיין ווערק, די „זאָנדער״, איז געבליבן אונטער דער אָנפירונג פון זיין שוואָגער מאַרעק קליגער. נאָך בוצאַקס פאַרשווינדן איז טאַקע דער הונגער ווידער גרעסער געוואָרן, און יידן האָבן זיך אַליין דערציילט לעגענדעס: „בוצאַק אַליין פלעגט אַריינפאָרן אין שטאָט אַריין אויפן גרינעם מאַרק, און ער האָט געצאָלט הויכע פּרייזן ביזן הימל אַריין, אַבי אַריינצופירן אַ פּאָר פורן קאַרטאָפל, אַ פּאָר פורן קרויט אין געטאָ אַריין. און טאַקע דערפאַר, וואָס ער האָט געאַרבעט פאַר ביידע צדדים, האָבן אים די דייטשן אַזוי באַצאָלט״...

חבר גוסטאַוו

חבר גוסטאַוו האָט אין לאָדזשער געטאָ אָנגעהויבן זיין קאַריערע מיטן שאַפן די ערשטע פּאַרטיי־קיך, אין אַ קאָאָפּעראַטיוו הויז, וואָס האָט גדלותדיק אַרויסגעשיינט פון די אַלטע, צעפוילטע הילצערנע הייזער אויף אַ באַלוטער יידיש געסל א״נ בערקאַ יאָסעלעוויטשאַ. דאָס הויז איז געווען אַ שיין געבויטס, זעקס־שטאָקיקער קאַסטן, ד״ה אַ פּראַנט מיט אַ הויף און דריי אָפּיצינעס, מיט באַלקאָנען און מיט אַ גאָרטן, וואו די זון האָט קיין מאָל נישט געקענט צוקומען. דאָס הויז איז באַוואוינט געווען פון בלויז חברים פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט עס אויפגעבויט און דער חבר גוסטאַוו האָט געהערט צום צענטראַל־קאָמיטעט.

אין דער נידער, אין געזעלשאַפטלעכן זאַל, האָט ער געשאַפן די קיך. ער האָט אויך געשאַפן נאָך אַ קיך פון דער פּאַרטיי אויף דער פליסאַצקי־גאַס. האָבן די געטאָ־יידן גערופן די ערשטע „די בערקאַ־קיך" און די צווייטע „די פליסאַצקי־קיך". אין יידע קיכן האָבן געאַרבעט נאָר חברים פון דער פּאַרטיי.

פאַר דער „גאָספּאָדיניע" (באַלעבאָסטע) איבער דער קיך האָט גוסטאַוו געמאַכט די חברטע מאַניע, פאַר דעם פּרייז וואָס זי איז געווען זיין קעפּס־וויב. די געטאָ האָט זיך געוויצלט אויף איר חשבון: „זי האָט אַ גוטע ,פּלייצע'"... די חברטע מאַניע איז געווען אַ מיידל אין די אָנהייב צוואַנ־ציקער יאָרן, פון העכערן וואוקס, אַ ברייטביינעקע, אַ לענגלעך אויסגעפּאַשעט פּנים מיט רויטע באַקן, גרויסע שוואַרצע אויגן, אַ קאָפּ שוואַרצע, געדיכטע האָר; אַ הויכע טאַליע און אַ לייביקע. די חברטע מאַניע האָט זיך געבאָדן אין מילך און האָניק. זי האָט געבליט.

אין חבר גוסטאַווס ביידע קיכן זיינען געווען איבער פופצן טויזנט קאָנסומענטן, וואָס זיינען געצוואונגען געווען אַריינצוברענגען זייערע לעבנס־מיטל־קאַרטן. ס'איז דאָך נישט געווען מיט וואָס אָפּצוקאָכן. קיין ברענ־מאַטעריאַל האָבן די דייטשן נישט אַריינגעשיקט, האָט יעדערער געמוזט גיין אין אַ קיך און די קיך האָט אָפּגענומען דאָס ביסל צוגעטיילטע שפּייז אויף די קאַרטן. עס זיינען געווען צייטן ווען יעדער „קאָפּ" האָט באַקומען אויף אַ טאָג זיבן דעקאַ קאָנסערווירטע קילעריבן, צוויי דעקאַ קאָרנמעל און אַ האַלבן דעקאַ טראַן־מאַרגאַרין. די קיך האָט געדאַרפט פאַר דעם געבן אַ ליטער זופּ. האָבן די קיכן נאָר אָפּגעקאָכט די קילעריבן, איז אויסגעקומען אויסצוטיילן אַ ליטער עסיק־וואַסער מיט פּיצלעך האָלץ, ווייל נאָכן אָפּקאָכן זיינען די קאָנסערווירטע קילעריבן געוואָרן האַרט אַזוי ווי האָלץ. דאָס איז אוממעגלעך געווען צו עסן. נאָך דעם אויסטרינקען אַזאַ ליטער עסיק־וואַסער האָט נאָך מער געצויגן ס'האַרץ. דער קאָפּ האָט זיך געדרייט; ס'האָט געשווינדלט פאַר די אויגן. צום סוף איז מען געשוואָלן געוואָרן פון הונגער.

אַ סך מאָל האָבן די קיכן אָפּגענומען אויף יעדן „קאָפּ" אַ פאַר דעקאַ

קאָנסערווירט פלייש, אַביסל צוקער, בוריקעס, מערן, קאַרטאָפל, ציבעלעס, אַביסל בוימל. פון דעם האָבן די קיכן־אָנגעשטעלטע פאַר זיך געמאַכט גולאַש, קליסקעס, טרוקענע קאַרטאָפל, באַרשט מיט צוקער. זיי האָבן פאַר זיך געפּרעגלט ציבעלעס אַנשטאָט צורייַשן די זופּ פאַר די קאָנסומענטן. וועגן די אַלע מאכלים האָט דאָס פאָלק אפילו נישט געקענט חלומען.

דעם חבר גוסטאַוו זעפּסוטי האָט נישט געפּאַסט צו עסן מיט די חברים אין דער קיך. ער איז דאָך עפּעס אַ „קעראָוויניק". האָט דער חבר מאַגאַזינער פאַר אים אַהיימגעשיקט מיט אַ חבר: מעל, פלייש, צוקער, קאַרטאָפל, ציבעלעס, מערן, בוריקעס, בוימל, מאַרגאַרין א"אַ גוטע זאַכן. ביים חבר גוסטאַוו האָט מען געפירט אַ באַלעבאַטישקייט אַזוי ווי אין אַ גבירישן הויז אין די אַלטע גוטע צייטן.

דער חבר גוסטאַוו איז געווען פון מיטעלן וואוקס, אַ ברייטבייניקער, פעסטגעבויטער, אַ פּנים ווי אַ מאָפּס; אויף דער ברייטער נאָז — ברילן מיט טונקעלע ראַמען. ער איז אַלט געווען קנאַפּע פופציק יאָר. געוואוינט האָט ער אין אַ באַקוועמער וואוינונג מיט גאַז און עלעקטרע. ער האָט געהאַט אַ ווייב און אַ טאָכטער פון פופצן יאָר. ער האָט געהאַט פון כל טוב. זיין צייט האָט ער פאַרבראַכט אין זנות מיט חברטעס און סתם מיידלעך, וואָס האָבן נישט געוואָלט ליידן הונגער.

די חברים האָבן אים גערופן „חבר גוסטאַוו". יעדעס וואָרט וואָס זיי האָבן צו אים אַרויסגערעדט איז געווען חניפה. זיי האָבן זיך אַרום אים געדרייט ווי שמשים אַרום זייער רבין. יעדער האָט אָנגעשפּיזט אַלע חושים כדי דער ערשטער צו דערהערן פון אים אַ נאַרישן, אויסגעדראָשענעם וויץ, כדי ער זאָל דער ערשטער לאַכן און אַזוי אַרום ווייזן, אַז ער האַלט אים פאַר אַ גרויסן חכם. יעדער איינער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער צו דער־הערן וואָס דער „רבי" וויל, כדי ער זאָל קענען דער ערשטער אויספירן די שליחות. ווייל אין חבר גוסטאַווס האַנט איז געלעגן דאָס לעבן פון די חברים, האָט ער געוואָלט, האָט ער געגעבן אַרבעט אין דער קיך וואו עס איז געווען עסן צו דער זעט, חוץ וואָס מען האָט געקענט אַהיים גנבענען — אין אַ צייט ווען פון הונגער וואַלגערן זיך מתים אין יעדן ווינקל. האָט ער געוואָרפן אַן אומחן אויף אַ חבר, האָט ער אים אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. פון צייט צו צייט פלעגט דער חבר גוסטאַוו — נאָך דעם מיטאָג־שלאָף אָדער פון אַ קעפּס־ווייב — זיך אַריינכאַפּן אין דער קיך אַריין. דעמאָלט זיינען שוין די חברים געווען נאָך דער אַרבעט. די נייעס, אַז דער חבר גוסטאַוו איז דאָ, האָט שנעל איינער איבערגעגעבן דעם צווייטן. באַלד האָבן זיך אַלע צוגע־שאַרט צו אים, אַזוי ווי אַ הונט צו זיין באַלעבאָס; ער טאַנצט אַרום אים, דרייט מיטן עק; שטעלט אויף אים אָן אויגן און אויערן און איז אים גרייט צו „סלוזשען". ווען אַלע האָבן אים אַרומגערינגלט האָט חבר גוסטאַוו אַ זאָג געטאָן: „איר ווילט דאָך, חברים, מסתמא הערן די נייעסטע וויצן?" — אַ הנאהדיק שמייכעלע האָט זיך צעגאָסן אויף זיין מאָפּסיש פּנים — האַ?

„וואָס פאַרא פראַגע, חבר גוסטאַוו?" ענטפערט איין חבר און די איבע־

ריקע בעטן: „דערציילט, דערציילט, חבר גוסטאַוו, איר ווייסט דאָך, אַז מיר האָבן ליב אייערע וויצן".

דער חבר גוסטאַוו נעמט אַרויס אַ פּאָרטסיגאַר מיט פּאַפּיראָסן, פּאַר־רייכערט אַ פּאַפּיראָס מיט אַ שוועבעלע (סיי אַ פּאַפּיראָס סיי אַ שוועבעלע איז אַ גרויסער לוקסוס אין געטאָ), צוליב דעם ווערט ער נאָך וויכטיקער און חברים האָבן פאַר אים נאָך מער דרך־ארץ. גוסטאַוו פּילט דאָס, שפּילט ער זיך מיטן רויך, לאָזט אַרויס רעדעלעך פון דער נאָז. אַלע באַוואונדערן די קונץ. גוסטאַוו שמייכלט פון זיין חכמה און אַלע לאַכן מיט. טייל ציען אַריין אַביסל רויך און שטילן אַביסל דעם הונגער נאָך אַ פּאַפּיראָס.

„נו, חברים, הערט: עסט הערינג — זאָגט גערינג; עס גייט שלימער — זאָגט הימלער; ס'איז גוט — זאָגט דער ייד".

אַלע פּלאַצן אַרויס מיט אַ געלעכטער. ביי די מיידלעך, אין די ווייסע שערצן און ווייסע טשופּיקלעך אויף די קעפּ, ווערן די אויסגעפּאַשעטע רויטע באַקן נאָך רויטער, זיי צעשיטן זיך פון לאַכן, ווען גוסטאַוו ציט און דריקט צו זיך צו יעדעס מאָל אַ צווייטע. ער קנייפּט איר די באַקן, קנייפּט איר אין געזעס, נעמט זי אַרום ביי דער טאַליע, און גיט אַ טאַפּ מיט די פינגער אויף דעם אָרט... וואָס מען מוז לאַכן. אַלע לאַכן מיט, גוסטאַוו אויך. די מיידלעך קאַטשען זיך אויף דער פּאַדלאָגע.

איין חבר שרייט אויס: „חברים, מע מוז שיקן נאָך אַ באַנדער — אונזערע חברטעס צעשיטן זיך!" לאַכט מען נאָך שטאַרקער.

דער חבר לייבוש „קאַטלאַזש" (קעסל־מישער) איז אַ מיטגליד אין „שטאַט־קאָמיטעט" פון דער פּאַרטיי. ער האָט נישט קיין צייט צו דעם: ער פּרעגלט פאַר זיך אַציבעלעס אויף מאַרגאַרין. מיט די אויסגעפּרעסענע רויטע פּיסקעס זיינע, זעט ער אויס אַ סך בעסער ווי פאַר דער מלחמה. זיין ליידיק־גייערישע צייט נאָך די געשמאַקע מאָלצייטן, וואָס זיינען געגנבעט פון די פּראָלעטאַריער און זייערע קינדער, פּילט ער אויס מיט שרייבן לידער וועגן הונגער אין געטאָ, וועגן פּראָלעטאַריאַט און פּיין. ער הערט זיך איין ווי דער חבר גוסטאַוו ווילט זיך מיט די חברים און חברטעס. ווען גוסטאַוו האָלט ביים אַוועקגיין, ציען זיך צענדליקער הענט אים משמש צו זיין.

„מוחל! מוחל!" זאָגט ער, „איך האָב ליב, אַז חברטעס זאָלן מיך אויס־טאָן... פּשעפּראַשאַם, כ'מיין אָנטאָן".

דאָ לאַכן אַלע פון זיין חכמה און גוסטאַוו אויך, אָבער דער חבר לייבוש „קאַטלאַזש" איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסן און ער איז מקיים די מצוה, ער טוט אָן דעם „רבי'ן" דעם מאַנטל מיט אַ גראַם: „דער חבר גוסטאַוו ווייסט דאָס ניט נאָר פון היינט, אַז איך בין זיין בעסטער פריינט. איר זעט מיין פּאָעטישן געמיט? איך האָב שוין געשאַפן וועגן אייך אַ ליד".

דער חבר גוסטאַוו געזעגנט זיך מיט אַ וויץ: „דער „קייסער" רומקאָווסקי האָט אַרויסגעגעבן אַ נייע ראַציע: פיר ברעטער, אַ האַלב שטיקל לייוונט און אַ הון..."

„וואָסאַראַ הון?" פרעגט אַ מיידל.

„אהין — אויפן בית־עולם!" ענטפערט גוסטאַוו און איינער טייטשט אויס: „אהאַ, איך פאַרשטיי שוין: די פיר ברעטער פאַר קברים, דאָס האַלבע שטיקל לייוונט פאַר תכריכים און אהין אויפן בית־עולם. אַט אַזוי לאַכן יידן מיט יאַשטשערקעס".

„סערוואוס, חברים!"

„סערוואוס, סערוואוס, חבר גוסטאַוו!"

ער איז אַרויס און זיי האָבן אים נאָכגעקוקט. אַזוי איז דאָס צוגעגאַנגען ביז דער „קייסער" רומקאָווסקי האָט פאַרפעסטיקט זיין מאַכט. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

„איך דאַרף ניט קיין גנבים אין מיין געטאָ! אַלע מיינע יידן מוזן באַקומען מיין צוטייל!" און ער האָט אַלע פּאַרטייאישע קיכן באַזעצט מיט זיינע אייגענע גנבים.

די חברים, וואָס האָבן געאַרבעט אין די קיכן האָבן נעבעך געמוזט גיין אַרבעטן אין אַ פאַבריק. דער חבר גוסטאַוו האָט געהאַט פון כל טוב און געלעבט אַ גוטן טאָג אָן אַ פּאָסטן, אָבער אַביסל שפּעטער איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג: „ווער עס וועט נישט אַרבעטן, וועט אַרויסגעשיקט ווערן פון געטאָ". נאָר מיר לאָזן דאָ דערווייל איבער, דעם חבר גוסטאַוו.

די טעפּיך־פאַבריק

נאָך אַ סך דעמאָנסטראַציעס פון די מאַסן, וואָס זיינען צוגעקומען צום געטאָ־ צוים (שטעכיקע דראָטן), ווי עס האָט זיך געדרייט די געטאָ וואַך, מיט גרויסע אויפשריפטן „מיר ווילן ניט דעם יודען־ראַט!", „מיר בעטן, אַז די דייטשן זאָלן איבערנעמען די מאַכט אין געטאָ!"

עס זיינען אויך פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס ביי דער יידישער גמינע: „זאָל דער ‚קייסער' רומקאָווסקי איינטיילן די שפּייז גלייך אויף גלייך! „זאָל ער געבן אַרבעט און ברויט!"

דער „קייסער" רומקאָווסקי האָט זיך דאַן געווענדט צו די דייטשן: זיי זאָלן אַריינשיקן שפּייז און מעדיקאַמענטן. די דייטשן האָבן געענטפערט:

„גיט אונדז אויסלענדישע וואַליוטע: דאָלאַרן, פונטן! אויך גאָלד, ברילאַנטן און פוטערוואַרג!"

„איך האָב די בעסטע וואַליוטע, — האָט זיי רומקאָווסקי געענטפערט, — הענט, קוואַליפיצירטע אַרבעטער. גיט אונדז אַרבעט, גיט אונדז מאַשינען".

„קיין שום מאַשינען, — האָבן די דייטשן געענטפערט, — קיין שום מאַטעריאַלן! שאַפט אייך אַליין! די יודען קענען זיך אַן עצה געבן!"

לעבן האָט מען געוואָלט, האָט עס דערפירט דערצו, אַז יידן זאָלן ווערן דערפינדער.

* * *

אין געטאָ איז געווען אַ חסידישער ייד, שיע קאָגען. איז אים איינגעפאַלן: אַזוי ווי אין געטאָ זיינען פאַראַן אַ סך שמאַטעס, זאָל מען פון דעם וועבן דיוואַ־

נען (טעפּיכער). נאָך שווערע באַמיאונגען האָט אים רומקאָווסקיס „מלוכה״ דערלויבט דורכצופירן זיין עקספּערימענט. קאַגען האָט אויסגע׳פּועל׳ט, מען זאָל אים געבן צוויי קליינע הייזער אויף מאַרישין (אַ פאַרשטאָט אין געטאָ). ער האָט צוגענומען עטלעכע מיידלעך. די מיידלעך האָבן קיינמאָל נישט געזען אַזאַ אַרבעט. קאַגען האָט זיי געלערנט, כאָטש ער אַליין האָט אויך ביי דעם קיינמאָל נישט געאַרבעט. ער האָט דאָס נאָר געזען ביי די פּויערים אין די דערפער.

שרהלע, בלושטיינס ווייב, האָט אויך געהאַט „דאָס גליק״ צו זיין פון די ערשטע צו אַרבעטן אין דעם „טעפּיך־רעסאָרט״ (פאַבריק). כאָטש זי האָט פאַר דער מלחמה געפירט די קאָרעספּאָנדענץ אין איינער פון די גרעסטע ביוראָען אין לאָדזש און געקענט עטלעכע שפּראַכן, האָט זי דאָך נישט באַקומען קיין אַרבעט אין אַ ביוראָ, ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין „פּלייצעס״ (פּראָטעקציע).

שרהלע האָט אָפּגעריסן פיר לייסטן פון אַ פלויט צוזאַמען מיט די טשוועקעס (אַזוי ווי אַלע מיידלעך האָבן געטאָן), און זי האָט צוזאַמענגעקלאַפּט אַ רעם. די רעם האָט זי פון דער אויבערשטער און אונטערשטער זייט באַשלאָגן מיט טשוועקעס מיט ברייטע קעפּלעך. דאָס האָט זי געבראַכט פון דער היים. שרהלעס מאַן, שמחה בלושטיין, האָט געהאַט אַ נאַטור אַלץ צו באַהאַלטן: ווען ער האָט אַריינגעבראַכט אין געטאָ אַריין אַ זאַק מיט ספרים און ידישע ביכער, האָט ער דאָרטן אַריינגעלייגט אַ שעכטל מיט טשוועקעס און נאָך קלייניקייטן. אויף די טשוועקעס האָט שרהלע אָנגעצויגן פון אויבן אַראָפּ „אָסנאָווע״. אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן אַ „קעטע״. דאַ האָט זי אַריינגעפלאָכטן פּאַסיקלעך פון די אַלטע מלבושים, וועש פון פאַרשידענע קאָלירן; פּעסט צוזאַמענגעדריקט און ס׳האָט זיך געשאַפן אַ טעפּיך. מיט דער צייט האָט זיך שרהלע קוואַליפיצירט און האָט אַרויסגעגעבן פיינע אַרבעט. אַזוי אויך אַלע אַנדערע אַרבעטער.

די טעפּיכער זיינען די דייטשע סוחרים שטאַרק געפעלן. זיי האָבן די סחורה באַקומען פאַר אַ שפּאָט־ביליקן פּרייז. ס׳איז געוואָרן אַ גוט געשעפט פאַר די דייטשן, און דער רעסאָרט איז געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע אין געטאָ. בעת די סעלעקציעס, האָט שרהלע געוויזן דעם עס־עס־מאַן די לעגיטימאַציע, אַז זי אַרבעט אין דעם רעסאָרט, האָט עס איר געהאָלפן.

קאַגען איז אַרומגעגאַנגען צווישן די רעמען און צו יעדער אַרבעטערין גערעדט אַזוי ווי אַ טאַטע צו זיין קינד: „נו? ווי גייט עס? גוט מאָרגן, מיין קינד! ס׳איז שווער, האַ? די אַרבעט איז שווער? אייל זיך נישט! די אַרבעט וועט נישט אַנטלויפן. דו מאַך נאָר אַזוי פּיל, מיין קינד, אַז דו זאָלסט קאָנען קריגן די זופּ. די „רומקעס״ (געטאָ־מאַרקן מיט רומקאָווסקיס אונטערשריפט) דאַרפסטו דאָך אויף כפרות! זאָרג נישט, מיין קינד! זייער סוף קומט אַ ליאַדע טאָג!״ דאָס האָט ער געזאָגט מיט אַזאַ גלויבן און האָפּערדיקייט, אַז ער האָט אַלע אָנגעשטעקט מיט בטחון. שרהלע האָט יעדן טאָג אויסגעקוקט נאָך זיין וואַרעמען „גוט מאָרגן!״ זי האָט אים גערופן „טאַטע״.

שפּעטער, ווען די דייטשן האָבן ליקווידירט די געטאָס אַרום לאָדזש, און נאָך די אַרויסשיקונגען פון יידן פון דער לאָדזשער געטאָ גופא, האָבן די דייטשן אַריינגעוואָרפן די פּאַרבלוטיקטע וועש און מלבושים פון די אויסגעקוילעטע יידן — דאָס וואָס ס׳האָט שוין נישט געטויגט פאַר די, וואָס האָבן דאָס דאָזיקע בלוט פאַרגאָסן. אָט פון דעם האָבן יידן געמוזט וועבן טעפּיכער פאַר די דייטשן.

שיע קאָגענס רעסאָרט (פאַבריק) האָט זיך געהאַלטן אין איין אַנטוויקלען. די, וואָס האָבן דאָרטן געאַרבעט פון די ערשטע, זיינען געוואָרן אינסטרוקטאָרקעס און אויבעראינסטרוקטאָרקעס און האָבן געלערנט די נייע אַרבעטער.

שיע קאָגען האָט צוגעקראָגן נאָך עטלעכע הייזער אויף „מאַרישין״. אין דעם רעסאָרט האָבן שוין אַצינד געאַרבעט עטלעכע טישלער, וואָס האָבן געמאַכט די רעמען. עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ גאַנצע אַדמיניסטראַציע. עס איז אָבער אַלץ געוואָרן צו־ווייניק פּלאַץ פאַר דער פאַבריק. מאַטעריאַל, פון וואָס אויסצואַרבעטן די טעפּיכער, איז וואָס אַ טאָג אַריינגעוואָרפן געוואָרן אַלץ מער און מער, ווייל די דייטשן האָבן וואָס אַ טאָג אויסגעקוילעט מער און מער יידן. די דייטשן האָבן געפאָדערט וואָס מער טעפּיכער, און דאָס איז געוואָרן אַ גאַנצע אינדוסטריע.

אין געטאָ איז געשטאַנען לײדיק אַ גרויסע פינף־שטאָקיקע פאַבריק געביידע, וואָס די דייטשן האָבן פון דאָרטן אויסגערויבט די מאַשינען. די פאַבריק האָט פריער געהערט צום חסידישן ייד, ר׳ מאירל ציטרין. האָט שיע קאָגען באַקומען די געביידע און ער האָט אַהין אַריבערגעצויגן זיין „טעפּיך רעסאָרט״.

דאָ זיינען שוין געווען באַשעפטיקט איבער טויזנט אַרבעטער. (יענע, אין וועלכע די דייטשן האָבן זיך געניטיקט, זיינען דערווייל נישט באַדראָט געווען מיטן טויט). עס האָבן דאָ געאַרבעט: קונסט־מאָלער, וואָס האָבן געצייכנט פאַרשידענע מוסטערן; הונדערטער מאַמעס פון זויגקינדער און זקנים. זיי האָבן אַהימגענומען די אַרבעט. זיי האָבן די שמאַטעס צעריסן אויף שמאָלע פאַסן און געפלאָכטן „צעפּ״ פון פאַרשידענע קאָלירן פון .די „צעפּ״ האָט מען געוועבט די דיוואַנען. אויף דעם אופן האָבן שוין די זקנים און די מאַמעס געהאַט רעכט צו זיין אין געטאָ, און זיי האָבן באַקומען די צוגעטיילטע „ראַציע״ (פאַרציע) און זופּ. עס האָבן אין דעם טעפּיך־רעסאָרט אויך געאַרבעט קינדער: מען האָט זיי איבערגעמאָלדן אויף עלטער פון צוועלף־יעריקע, ווייל יינגערע יידישע קינדער האָבן נישט געהאַט „קיין רעכט״ צו לעבן. דער טעפּיך־רעסאָרט האָט געאַרבעט אויף דער גאַנצער פאַרע און יידן האָבן געבענטשט שיע קאָגענען.

דער געוועזענער „קעראָווניק״ פון פאַרטיי־קיכן, חבר גוסטאַוו זעפּסוטי, האָט נישט געוואָלט אָננעמען גלאַט עפּעס „אַ פּשוטע אַרבעט״, נאָכדעם ווי ס׳איז אַרויס די גזירה: ווער עס וועט נישט זיין פּראָדוקטיוו, דער האָט נישט קיין רעכט צו לעבן. גוסטאַוו האָט פאַר דער מלחמה געהאַט אַ פּאָסטן אין אַ טעפּיך־פאַבריק, וואו זיין פאָטער איז געווען אַ מייסטער. אַצינד, אין געטאָ, איז זיין עלטערער ברודער געווען אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר איבער אַ רעוויר. אויסער דעם האָט ער געהאַט גוטע „פּלייצעס״ (פּראָטעקציע), ער איז געווען אויסגעקאָכט

מיט אַלע „דיגניטאַרן" פון געטאָ. האָט ער געוואָרפן אַן אויג אויף שיע קאַגענס „טעפּיך־רעסאָרט". פלוצלונג האָט שיע קאַגען באַקומען אַ בריוו פון „קייסער" מרדכי־חיים רומקאָווסקי, אַז ער איז געוואָרן אויס „קעראַווניק" (טשיף) פונעם „טעפּיך־רעסאָרט".

שיע קאַגען האָט שוין נישט געטאָרט איבערטרעטן די שוועל פון פאַבריק, וואָס ער אַליין האָט געשאַפן און אויפגעבויט. גוסטאַוו זעפּסוטי האָט איבערגענומען אַ גרייטן רעסאָרט — ער איז געוואָרן דער „קעראַווניק".

שיע קאַגען איז געצוואונגען געווען אַנצוהייבן פון דאָסניי. ער האָט אָרגאַניזירט אַ צווייטן טעפּיך־רעסאָרט.

גוסטאַוו האָט געמאַכט פאַר מייסטער זיין פאָטער איבער דעם רעסאָרט. דער אַלטער איז געווען אַ נידעריקער, אַ קיילעכדיקער, מיט אַ גרויסן בויך. מען האָט אים גערופן „פּעסל". דאָס „פּעסל" האָט פון די אַרבעטער אַרויסגעיאָגט די נשמה. ער האָט איינגעפירט נייע גזירות. ער האָט געוואָלט ווייזן, אַז ער איז טאַקע מייסטער. קודם האָט ער פאַראָרדנט, אַז מען זאָל מאַכן גרויסע דיוואַנעס.

שרהלע איז געווען אַ שוואַכע. זי האָט געליטן אויף גאַלשטיינער. זי האָט ווייטער געאַרבעט, אַזוי ווי ביי שיע קאַגענען: זי האָט איר קליין רעמל אַרויפגעשטעלט אויף אַ שטול — און געאַרבעט. אַזוי־אַרום האָט זי זיך נישט באַדאַרפט איינבויגן, און נישט אויסציען הויך די הענט. זי האָט זיך צוגעזונגען איר באַליבט לידל, וואָס איר מאַן, בלושטיין, האָט געשאַפן און דער קאָמפּאָזיטאָר דוד בייגלמאַן האָט צוגעשריבן מוזיק:

„ווער קאָן דערהערן אונזערע אַכצן?
ווער קאָן דערפילן אונזער פּיין?
דעם געשריי פון ווייטיק מיר מחן דערשטיקן.
אוי, ווי לאַנג נאָך וועלן מיר געפּייניקט זיין?!..."

דער אַלטער זעפּסוטי האָט זיך אונטערגעגנב׳עט מיט קאַצישע טריטעלעך הינטער שרהלעס פּלייצעס און האָט אַ זאָג געטאָן: „אַהאַ! אַ פיינע אַרטיסטקע! דו [ער האָט אַלעמען געדוצט] דאַרפסט שפּילן אין דער אָפּערע, אין דער פילהאַרמאָניע, נישט אַרבעטן אין אַ פאַבריק. זעט נאָר, זעט נאָר, די איידעלע הענטעלעך, די קינסטלערישע פינגערלעך. דו דאַרפסט שפּילן פּיאַנאָ, — האָט ער אויסגעצויגן יעדעס וואָרט, — אַזעלכע פינגערלעך זיינען אַפּצומאַניעקירן, גוט אויסצוקושן — נאָר פריער באַזונדער יעדן איינעם אָפּצושניידן. כאַ־כאַ־כאַ!..." — האָט ער זיך צעלאַכט מיט שפּאָט.

אין שרהלען האָט דאָס בלוט אויפגעקאָכט. די ליפּט האָט זי געבריט, ווען דער אַלטער איז אַזוי געשטאַנען. פלוצלונג האָט ער אַ געשריי־געטאָן: „ביי מיר מאַכט מען דיוואַנען, נישט קיין ראַץ־טיכלעך! ביי מיר איז נישט קיין חסידאַרניע! אויס מיט קאַגען! היינט איז זעפּסוטי דאָ!"

ער האָט מיט כעס צעבראָכן דאָס רעמל, צעטראָטן דאָס נישט־פאַרענדיקטע דיוואַנדל, און האָט שרהלען צוגעפירט צו אַ רעם, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער פאָדלאָגע ביז צום סופיט, פינף מעטער די ברייט.

„דו זעסט די לייטער?! — האָט ער צו איר אַ זאָג געטאָן, — דאָ וועסטו אַרויפקריכן און אַרבעטן, אַזוי ווי מען דאַרף אַרבעטן אין אַ פֿאַבריק!"
שרהלע האָט געמוזט אַרבעטן איבער די כּוחות: זי האָט געמוזט הויך אויסציען די הענט, שלעפּן טישן, אַרויפשטעלן אין טיש אויפן צווייטן און אַראָפּבויגן זיך ביז צו דער פּאָדלאָגע. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי שיע קאָגען פּלעגט צוקומען צו איר אַ שמייכלענדיקער מיט אַ פֿריילעכן: „גוט מאָרגן, מיין קינד? וואָס הערט מען? די אַרבעט איז שווער, האָ? איך וועל שוין זען, אַז דו זאָלסט פֿאַרדינען. זע, דו זאָלסט זיך חלילה נישט איבעראַרבעטן. דו מאַך נאָר אַזוי פֿיל, אַז דו זאָלסט קאָנען באַקומען די זופּ. זאָרג נישט, מיין קינד, די מלחמה ענדיקט זיך אַ ליאַדע טאָג". דאָס האָט איר צוגעגעבן מוט, דאָס איז פֿאַר איר געווען אַ רפֿואה איבערצולעבן די גרויליקע צייט.
נישט איינמאָל האָט שרהלע געוואָלט ריידן מיט גוסטאַוון, אָבער יענער האָט זיך קיינמאָל נישט באַוויזן אין די פֿאַבריק־לאָקאַלן. ער איז געזעסן ביי זיך אין ביוראָ, און דער פֿאַרטייער האָט צו אים נישט צוגעלאָזט קיין אַרבעטער.
גוסטאַוו האָט יעדן טאָג אָנגעטאָן אַן אַנדערן אַנצוג, האָט געטראָגן זיידענע וועש, ווייסע לאַקירטע לאַטשן. ס'האָט פֿון אים געשמעקט מיט פּודער און פּערפֿום. ער האָט טאַקע געהאַט אַ ווייב מיט אַ דערוואַקסענער טאָכטער, אָבער אין רעסאָרט האָט ער ווייטער „געפֿירט ראָמאַנען".
דעם ערשטן „ראָמאַן" האָט ער געפֿירט מיט דער שוואַרץ־חנ'עוודיקער יונגער אַלמנה סאַבאַ. זי איז געווען אַ טענצערין. ער האָט זי געמאַכט פֿאַר דער הויפּט־אינסטרוקטאָרין איבער דעם רעסאָרט.
כּדי ער זאָל האָבן אַן אָרט, וואו צו פֿירן דעם ראָמאַן, האָט ער אויס־גע'פּועל'ט ביים דירעקטאָר פֿון „וואוינונגס־אַמט" אַ באַזונדערע שטוב פֿאַר סאַבאַן. אין אַ צייט, ווען ס'איז אָפֿיציעל אויסגעמאָסטן געוואָרן בלויז צו דריי און אַ האַלבן מעטער אויף אַ פּערזאָן, און צו עטלעכע משפּחות האָבן זיך געשטיקט אין איין צימער. שרהלע האָט זיך מיט סאַבאַן גוט פֿאַרהאַלטן. סאַבאַ איז געווען שרהלעס אינסטרוקטאָרקע. שרהלע האָט געהאָלפֿן פֿאַרקויפֿן סאַבאַס טייל זאַכן פֿון דער „ראַציע" (צוטייל), וואָס זי האָט נישט געברויכט. זי האָט געוואַשן סאַבאַס וועש, געצערעוועט און פֿאַרריכט. סאַבאַ האָט שרהלען דער־ציילט אירע „גליקן": „גוסטאַוו קומט צו מיר יעדן אָוונט און ער ברענגט פֿאַר מיר ברויט, פּוטער, שינקע, סאַרדין, וויין, שאָקאָלאַד, צוקער, זיידענע שטרימפּף און נאָך גוטע זאַכן". דאָס אַלץ האָט מען נאָר געקאָנט קריגן פֿאַר ברויט, אָדער פֿאַר שווערע טויזנטער רייכסמאַרקן, נישט פֿאַר „רומקעס" (ס'געטאָ־געלט האָבן די יידן אַזוי גערופֿן, ווייל עס איז געווען מיט רומ־קאָווסקיס אונטערשריפֿט) ביי די שמוקלערס.
מיט סאַבאַן האָט גוסטאַוו געפֿירט דעם ראָמאַן נאָר עטלעכע חדשים. ער האָט דערנאָך געוואָרפֿן אַן אויג אויף אַ יונג, שיין מיידל אין דעם רעסאָרט — אַ יתומה, וואָס האָט געמוזט אויסהאַלטן אַ קראַנקע מאַמע. ער האָט זי אַצינד געמאַכט פֿאַר דער הויפּט־אינסטרוקטאָרין אויפֿן אָרט פֿון סאַבאַן.
סאַבאַ איז דעמאָלט אַרומגעגאַנגען, ווי משוגע. זי איז דאָך עפּעס „אַן

אַרטיסטקע, אַ טענצערין״, און יענע איז „עפּעס אַ מיידלטשינע״, וואָס קיינער האָט פון איר נישט געהערט, — האָט סאַבאַ אין זיך געצאַרנט. זי האָט אצינד געמוזט אַרבעטן ביי אַ רעם, ווי „אַ פּשוטע אַרבעטערין״. סאַבאַ האָט זיך געשעמט די אויגן אויפצוהויבן. זי איז ערשט דעמאָלט אַביסל געקומען צו זיך, ווען זי האָט געזען, אַז גוסטאַוו האַלט אין איין טוישן די געליבטע. זי האָט געזאָגט צו שרהלען: „איך בין איבערצייגט, אַז גוסטאַוו וועט צוריק־קומען צו מיר. אין קיינעמס אַרעמס קאָן ער זיך נישט פילן אַזוי גליקלעך, ווי אין מיינע״.

די דייטשן האָבן געפאָדערט וואָס מער פּראָדוקציע. אַזוי ווי די מענטשן זיינען געווען שוואַך, האָט דער „קייסער״ רומקאָווסקי איינגעפירט פאַר די שווער־אַרבעטער און פאַר די אָפּגעשוואַכטע אַרבעטער אַ „היים״ (דערהאָ־לונגס־אָרט) אויף פיר וואָכן, כדי זיי זאָלן ווערן קרעפטיקער. אָבער אין דעם פענסיאָנאַט אַריין האָט מען נאָר געשיקט אייגענע — די וואָס זיינען געווען קרוב למלכות, וואָס האָבן געהאַט „פּלייצעס״ (פּראָטעקציע). ווען אַט־די אַלע האָבן שוין געהאַט אויסגענוצט צו פיר וואָכן, האָט דער „קייסער״ אַרויס־געגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז מען זאָל נאָר געבן צוויי וואָכן „היים״. ערשט אצינד האָט מען געשיקט די שווער־אַרבעטער און די אָפּגעשוואַכטע אַרבעטער, וואָס האָבן געהאַט „פּלייצעס״ ביי זייערע קעראָווניקעס. דאָרטן האָט יעדער באַקומען אַ האַלבן קילאָ ברויט אַ טאָג (נאָכאַמאָל אַזוי פיל ווי אויף דער קאַרט אינדערהיים) מיט צולאָג: אַ שטיקל מאַרגאַרין אָדער מאַרמאַלאַד; אַ זופּ אויף מיטאָג מיט אַ שטיקל געמאָלן פערד־פלייש, און אויף דער נאַכט אַ זופּ מיט אַ צימעס פון מערן אָדער קילעריבן. די זופּן זיינען געווען געקאָכט אויף פערד־ביינער. נאָך דעם אָפּזיין אין „היים״ עטלעכע טעג, האָבן אייניקע אַרבעטער געקאָנט זאָט אָפּעסן. דער גרעסטער טייל האָט געהונגערט.

די „היים״ (דאָס אָפּרו־פּלאַץ) האָט זיך געפונען אין „שישקאָוויצע״. מיט דעם נאָמען האָבן די געטאָ־יידן גערופן מאַרישין (אַ פאָרשטאָט אין לאָדזשער געטאָ).

כדי יידן זאָלן נישט מוזן פירן זייערע מתים צום בית־עולם דורך אויסער דער געטאָ, האָבן די נאַצי־דייטשן צוגעגעבן צו דער געטאָ די פאָר־שטאָט מאַרישין. אַזוי אַרום איז געווען אַ דירעקטער וועג אין געטאָ צום בית־עולם.

דאָ האָבן די דייטשן געהאַט נאָך אַן אויסרעכענונג: זיי האָבן אויף מאַרישין אויסגעבויט אַ באַן־ליניע, וואָס האָט דירעקט געפירט די יידן צו די טויט־לאַגערן בעלמנע און אוישוויץ (אָשוויענטשים).

אין מאַרישין האָבן פאַר דער מלחמה געוואוינט: פּאָליאַקן, באַאַמטע און סתם בעסער־סיטואירטע. יעדער האָט געהאַט אַן אייגן הויז מיט אַ גאָרטן.

באַלד דעם ערשטן פרילינג אין געטאָ האָט די יוגנט דאָרטן געשאַפן „קיבוצים״: יינגלעך און מיידלעך האָבן באַאַרבעט די ערד, האָבן זיך טיילוויז פון דעם דערנערט, און האָבן אויך געפירט אַ קולטור־טעטיקייט. דאָרט זיינען געשאַפן געוואָרן: דער סימפאָנישער אָרקעסטער אונטערן נאָמען „סלאַנצע״ (זון),

וואָס האָט געגעבן גאָר פֿיינע קאָנצערטן, און דער כאָר. דאָרטן האָט זיך אײַן בונדישן קיבוץ אויסגעפּיקט דאָס קליין־קונסט־טעאַטער, וואָס איז טעטיק געווען עטלעכע יאָר.

באַלד דעם ערשטן האַרבסט, ווען די פֿעלדער פֿון די קיבוצים זײַנען געווען געראָטן מיט קאַרטאָפֿל, בוריקעס, מערן א. אַנד., האָט דער „קייסער״ רומקאָווסקי קאָנפֿיסקירט די פֿעלדער, צעטריבן די קיבוצים, און האָט גאַנץ מאַרישין אָפּגעגעבן פֿאַר זײַנע מענטשן, באַאַמטע א. אַנד. ער האָט געמאַכט אַ גרענעץ פֿון סלופּעס און שטעכל־דראָט, וואָס איז געווען באַוואַכט פֿון דעם „קייסערס״ פּאָליציי. אַן אַ דערלויבעניש האָט קיינער אַהין נישט געטאָרט אַרײַנגיין. פֿאַר די איבער הונדערט לוויות, וואָס פֿלעגן פֿאָרקומען טאָג־טעגלעך, האָט דער „קייסער״ געמאַכט אַ באַזונדערן וועג, און ער האָט געלאָזט אויס־האַקן אַ שטיק בית־עולם־מויער פֿאַר אַן אַרײַנפֿאָר, כּדי מען זאָל נישט אַרײַנ־פֿאָרן דורכן טויער, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דעם אָפּגעזונדערטן מאַרישין. אַזוי האָבן דעם „קייסערס״ „אויסדערוויילטע״ נישט געהאַט קיין מגע־ומשא מיט זייערע ברידער און שוועסטער — די „פּאַריער״.

מאַרישין האָט געהאַט אַן אייגענע קליניק, אַן אייגענע אַפּטייק און אַלץ אייגן. דעם ערשטן הויפּט־אויפֿזעער איבער מאַרישין האָט דער „קייסער״ געמאַכט דעם טרויעריק־באַרימטן אונטערוועלט־יונג, דעם תּפֿיסה־נאַטשאַלניק, שלום הערצבערג, ימח שמו וזכרו!

אין מאַרישין האָט דער „קייסער״ רומקאָווסקי געהאַט זײַן זומער־רעזידענץ. זײַן פּאַלאַצל איז געווען אָפּלאַקירט מיט אַ פֿאַרב פֿון יונגע באַנאַנעס. אַרום־און־אַרום זײַנען געוואַקסן רויזן און פּוילישע ווײַנטרויבן. דער גאָרטן האָט זיך געגרענעצט מיט דער בית־עולם־מויער פֿון רויטע ציגל. אינדרויסן בײַם טויער איז געשטאַנען אַ לייב־וואַך, דעם „קייסערס״ פּאָליציי. עטלעכע הײַזער ווײַטער האָט זיך געפֿונען דער פּענסיאָנאַט פֿאַר די דאָקטוירים, וואו יעדער דאָקטאָר איז יעדעס יאָר אַרויסגעקומען אויף פֿיר וואָכן. מען האָט אים געבראַכט און אַהיים געפֿירט אויף דער דראָשקע. וואָס דער פּענסיאָנאַט האָט געהאַט. די אַנדערע הײַזער מיט גערטנער זײַנען באַוואוינט געווען פֿון דעם „קייסערס״ מענטשן און זײַנע מקורבים. אויסער דער „ראַציע״ פֿאַר יעדן „קאָפּ״, האָבן זיי באַקומען אַ „בײַראַט־צוטייל״, וואָס איז באַשטאַנען פֿון פֿיר „ראַציעס״, און אַלע זייערע צוטיילונגען האָבן זיי אָפּגענומען אין „דיעטע־לאָדן״, וואָס זײַנען כּלומרשט געשאַפֿן געוואָרן פֿאַר קראַנקע. דאָ איז אַרײַנגעקומען די בעסטע שפּײַז. דאָס פֿאָלק האָט נאָר באַקומען ערזאַץ אין די קאָאָפּעראַ־טיוון. אויסער די גערטנער מיט פּרוכט־ביימער, זײַנען אין מאַרישין אויך געווען גרויסע פֿעלדער, וואָס האָבן אויך געהערט נאָר צום „קייסערס״ מענטשן — די זאַטע; די רחבֿותדיקע גערטנער און פֿעלדער האָבן געגרינט און געבליט; די זון האָט זיי פֿאַרגאָסן מיט ליכטיקייט; די לופֿט האָט געשמעקט. אָט־דעם אָפּגעזונדערטן גן־עדן האָבן די יידן גערופֿן „שישקאָוויצע״, ווײַל זיי האָבן גערופֿן די באַאַמטע מיטן נאָמען „שישקעס״. שישקעס וואַקסן אויף די

קרוינען פון די טענענביימער. יאָ, דאָ אין „שישקאָוויצע" האָט זיך געפונען די „היים", אין אַ שיין הויז און אַ גאָרטן.

דער „קייסער" רומקאָווסקי האָט אויך איינגעפירט פאַר די שווער־אַרבעטער און פאַר די אָפּגעשוואַכטע אַרבעטער „קאַלאַציעס" (אוונט־ברויט) אויף פיר וואָכן. ווען אַלע זיינע מענטשן האָבן שוין אויך דאָס אויסגענוצט, האָט ער איינגעפירט נאָר אויף צוויי וואָכן, און ערשט דעמאָלט זיינען געשיקט געוואָרן אַרבעטער, וואָס האָבן געהאַט „פּראָטעקציע". די „קאַלאַציע" איז באַשטאַנען פון אַ געדיכטער זופּ, געקאָכט אויף פערד־ביינער, אַ שטיקל געמאָלן פערד־פלייש און אַ צימעס (וואָס מען האָט גערופן „יאַזשינקע") פון מערן, אָדער קילעריבן, אָדער בוריקעס. די „קאַלאַציעס" האָט מען אַרויסגעגעבן אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט. מען האָט זיי געמוזט אויפעסן אויפן אָרט, כדי עס זאָל נאָר עסן דער, וועמען דער „קעראָווניק" האָט צוגעטיילט.

די „קאַלאַציעס" זיינען געווען אויפן חשבון פון דעם פאָלק, ווייל דורך דער גאַנצער צייט, ווען עס זיינען געווען די „קאַלאַציעס", האָט די געטאָ נישט באַקומען קיין אײן פלייש־צוטייל.

אין דעם „דאָקטוירים־פּענסיאָנאַט", אין דער „היים" און אין דער „קאַלאַציע־קיך" האָבן געאַרבעט בלויז פּריווילעגירטע, ווייל מען האָט אויף יענע פלעצער נישט געהונגערט.

דער „קייסער" האָט אויך איינגעפירט פאַר די שוואַר־אַרבעטער און פאַר די אָפּגעשוואַכטע אַרבעטער פיר וואָכן „בעקעריי" — כלומרשט צו אַרבעטן אַלס געהילף אין אַ בעקעריי, און מען זאָל באַקומען דעם זעלבן צוטייל, וואָס דער בעקער־אַרבעטער: אַ האַלבן קילאָ ברויט יעדן טאָג, און אַ גאַנץ ברויט פון צוויי קילאָ יעדע וואָך (דער צוטייל איז איינגעפירט געוואָרן, כדי די בעקער זאָלן נישט גנב׳ענען). ווען דעם „קייסערס" אַלע מענטשן האָבן שוין דאָס געהאַט אויסגענוצט, האָט ער איינגעפירט „בעקעריי" נאָר אויף צוויי וואָכן; שפּעטער נאָר אויף איין וואָך. ווען עס איז אָבער אָנגעקומען אין דער בעקעריי אַ רעסאָרט (פאַבריק)־אַרבעטער, נישט קיין באַאַמטער, האָט ער דאָרט געמוזט נאָך שווערער אַרבעטן, ווי אין רעסאָרט: ער האָט געמוזט האַקן האָלץ, טראָגן וואַסער און רייניקן די בעקעריי. אָבער מען האָט זיך פונדעסטוועגן געריסן צו יענע אַרבעטן, ווייל מען האָט דאָך באַקומען אַ שטיקל ברויט.

ווער עס זאָל גיין אין די דאָזיקע דערהאָלונגס־פלעצער, האָבן באַשטימט די „קעראָווניקעס" און די „קאָמיסאָרן". דאָס לעבן פון יעדן געטאָ־מענטש איז געלעגן אין די הענט פון זיין „קעראָווניק": וואָס ער האָט געוואָלט האָט ער געטאָן מיט זיינע אַרבעטער.

די פּאָליציי־„קאָמיסאָרן" זיינען אַריינגעזעצט געוואָרן אין די רעסאָרטן צו היטן, אַז אַלץ זאָל זיין כשורה. אָבער די אַלע קאָמיסאָרן זיינען געווען געוועזענע פאַבריקאַנטן, זיינען געווען דעם „קייסערס" מענטשן, און זיי זיינען צוזאַמען מיט די קעראָווניקעס באַגאַנגען די דאָזיקע מעשים.

דער „קעראָווניק" (דירעקטאָר) גוסטאַוו זעפּוסטי האָט, פּונקט ווי אַלע

„קעראָוניקעס״, געשיקט אין די דערהאָלונגס־פּלעצער נאָר זיינע מענטשן, זיינע גוטע פריינט, זיינע „קעבסווייבער״ און די, וואָס האָבן אים באַצאָלט מיט אויסלענדישער וואַלוטע, מיט טייערער צירונג, גאָלד, ברילויאַנטן. דאָס זעלבע האָט גוסטאַוו געטאָן מיט די טאַלאָנען פאַר די שווער־אַרבעטער און פאַר די אָפּגעשוואַכטע אַרבעטער, וואָס עס זיינען פאַר זיי געקומען יעדע צען טעג. די דאָזיקע פּרעמיעס זיינען געקומען שרהלען, אָבער גוסטאַוו האָט זיי איר קיינ־מאָל נישט צוגעטיילט.

ווען שרהלע האָט אַ לענגערע צייט געמוזט אַרבעטן אין אַ נאַכט־שיכט, האָט זי אָוועקגעחלש׳ט ביי דער רעם, און מען האָט זי געמוזט אַהיים פירן.

זי איז געלעגן אַ זייער אָפּגעשוואַכטע עטלעכע טעג. דערנאָך האָבן זיך איר געמאַכט מכות אונטערביידע אָרעמס, און אויפן גאַנצן קערפּער האָבן זיך אויסגעשיט קליינינטשקע בלאָטערלעך. זיי האָבן געפּלאַצט און ס׳איז גערונען וואַסער. דאָס זיינען געווען די ערשטע סימנים, אַז דער גוף האַלט ביים אויסרינען אין אייטער. נאָך שווערער מי איז בלושטיינען, איר מאַן, געלונגען צו ברענגען אַ דאָקטאָר.

דער געטאָ־דאָקטאָר האָט געטראָגן אַ גראַנאַטן היטל מיט אַ גרויסער דענקע, מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק, אַ ברייטע טונקל־באָרדע פּרענטע, און אַ געל־ווייסע־באַנד אויפן אָרעם, מיט אַ שטעמפּל: „געזונטהייטס־אַמט, דער על־טעסטער דער יודען אין ליצמאַנשטאַדט־געטאָ״.

אויסער דער וואַליזקע מיט די דאָקטאָרשע מכשירים, האָט ער אויך מיטגעבראַכט אַ זעקעלע מיט קליינע טאָרבעלעך — כדי אַריינצולייגן דעם לוין פאַר דער באַהאַנדלונג: אַ לעפעלע צוקער, אָדער אַ צוויי לעפעלעך מעל, אָדער קאַשע, אָדער אַ שטיקעלע ברויט. ביי בלושטיינען האָט ער גאָר־נישט געוואָלט נעמען.

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז „דאָס איז שרהלען געקומען פון הונגער און פון צופיל אַרבעט; אַז זי דאַרף ליגן אין בעט און זי מוז האָבן קאַלאָריעס און וויטאַמינען. זי מוז עסן: פלייש, פּוטער, טרוקענע קאַרטאָפל, צוקער און ברויט. דער עיקר אַ סך ברויט מיט אַ סך צוקער, און זי זאָל זען קריגן עטלעכע טאַלאָנען אין רעסאָרט — דאָס קומט איר, ווייל זי איז קראַנק געוואָרן פון דער אַרבעט, — רומקאָווסקי האָט ספּעציעל פאַר אַזעלכע מענטשן געגעבן די טאַלאָנען״.

דער דאָקטאָר האָט פאַראָרדנט: זיבן איינשפּריצונגען „אויטאָהאָמאָ״ (אייגן בלוט), ווייל זי האָט באַדאַרפט בלוט, און קיין בלוט איז דאָך נישט מעגלעך געווען צו באַקומען, האָט ער אַרויסגעצויגן זעקס צאָל בלוט פון איר האַנט און איינגעשפּריצט אין איר דיקן פלייש. נאָכדעם האָט שרהלע אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט שלאָפן. דאָס האַרץ האָט אין איר געזעצט, ווי מיט האַמערס. איר ברוסט־קאַסטן האָט זיך געהויבן אַרויף־און־אַראָפּ. שרה האָט געפילט, אַ ס׳האַרץ וועט זיך איר אָפּשטעלן. איבערן גאַנצן קערפּער האָט זי

געפּילט, ווי מוראַשקעס וואָלטן געקראָכן. שרהלע האָט זיך געוואָרפן, ווי אַ געשאָכטענער עוף. אירע קרעכצן זיינען געווען אַזוי ווי פון אַ גוסס.

בלושטיין, איר מאַן, האָט זיך שטיל צעוויינט. ער האָט גוט געוואוסט, אַז זי האָט נאָך היינט נישט געהאַט אין איר מויל קיין ביסן ברויט. זי האָט זיך נעכטן צוגעכאַפּט צום ברויט און אויך אויפגעגעסן די היינטיקע פּאָרציע. ברויט קומט זיי ערשט אָפּצונעמען אין דריי טעג אַרום. ווען מען איז אין דער היים און דער מאַגן ווייסט, אַז עס געפינט זיך אַ שטיקל ברויט, מאַכט ער אַזוי לאַנג דעם טויט, ביז מען גיט עס אים.

בלושטיין האָט אויפגעוועקט די שכנים. ווען זיי האָבן געזען שרהלעס לאַגע, האָט איינער צום צווייטן געשריגן: „יידן, בני־רחמנים, ווער פאַרמאָגט נאָך אַ שטיקל ברויט? דערבאַרמט איך, לאָמיר ראַטעווען אַ יונגן מענטשן!"

איין שכנ׳טע האָט אריינגעבראַכט אַ גאָמבקעלע ברויט מיט די ווערטער:

„דאָס איז מיין לעצטער ביסן. ס׳וועט זיין צו רפואה־שלימה!"

אינדערפרי האָט שרה געזאָגט: „איך האָב באַשלאָסן מער נישט צו נעמען קיין אויטאָהאַמאַ, ווייל איך פּיל, אַז איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן. און דו, שמחה, גיי אין מיין רעסאָרט אַריין. זאָלסט ריידן מיט דער חברטע רעגינע, אַז זי זאָל זען אויסצו׳פּועל׳ן ביי גוסטאַוון אַ טאַלאָן פאַר מיר. אויף אַ טאַלאָן באַקומט מען דאָך: צוקער, פּוטער און פליישׁ. זאָג איר, אַז דער דאָקטאָר אַליין האָט געזאָגט, אַז די טאַלאָנען זיינען טאַקע פאַר אַזעלכע קראַנקע, ווי איך בין".

די חברטע רעגינע האָט געהאַט געשאַפן אַ „קראַנקן־קאָמיטעט" אין רעסאָרט. רעגינע איז געווען אַ שלאַנקע, פון מיטעלן וואוקס, אַ שוואַרץ־חנ׳עוודיקע. אַלס קינד איז רעגינע געבליבן אַ קיילעכדיקע יתומה. זי איז דערצויגן געוואָרן אין דעם טרויעריק־באַרימטן יתומים־הויז אין העלענאָוועק, וואו עס איז געווען פּרעזידענט דער משוגענער מרדכי־חיים רומקאָווסקי, וועלכער איז היינט דער „קייסער" איבער דער געטאָ. רעגינע האָט שוין צו פערצן יאָר געמוזט פאַרדינען אויף ברויט. זי האָט געאַרבעט ביי שניידעריי; זי איז געווען פאַרביטערט אויף די מושלים (הערשער) פון דער היינטיקער וועלט. זי איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, און האָט געקעמפט פאַר יושר׳דיקער וועלט. זי איז יאָרן אָפּגעזעסן אין תפיסות. אין געטאָ איז רעגינע געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן געאַרבעט צו שאַפן די פאַראייניקטע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע פון אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען.

ביז דער מלחמה האָט די חברטע רעגינע געמיינט, אַז זי ליידט נאָר דערפאַר, ווייל זי איז אַן אַרבעטערין. איצט האָט זי געזען, אַז זי ליידט אי אַלס ייד, אי אַלס אַרבעטער. אין דער געטאָ האָט זיך ביי איר געשאַפן דער ווילן צו באַקענען זיך מיט דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, מיט דער יידישער ליטעראַטור. גאַנצע נעכט האָט זי געלערנט פון די ביכער. עס האָט איר וויי־געטאָן, וואָס זי האָט דאָס פריער נישט פאַרשטאַנען: „יאָ", האָט זי צו זיך געזאָגט, „כ׳האָב נישט געקענט מיין פאָלק".

אַצינד האָט די חברטע רעגינע איר גאַנצע פרייע צייט אָפּגעגעבן צו העלפן קראַנקע.

באַלד ווי די חברטע רעגינע האָט זיך דערוואוסט פון בלושטיינען וועגן שרהלעס לאַגע, איז זי אין נאָמען פון „קראַנקן־קאָמיטעט" אַוועק צו גוסטאַוון בעטן הילף.

גוסטאַוו זעפּסוטי איז דאַן געזעסן ביים שרייבטיש, און האָט זיך גע־שפּילט מיטן זיידענעם קראַוואַט.

פון דעם וואַנט האָט אַראָפּגעקוקט דעם „קייסער" רומקאָווסקיס בילד, וואָס זיין מאָלער האָט געמאַכט מיט אַ טענדענץ. ער האָט אים געמאָלן אַלאַ בעטהאָווען: אין אַ שוואַרצער פּעלערינע; אַ פּנים, וואָס טראָגט אין זיך די ליידן פון דער וועלט; אַ שטערן מיט קנייטשן; די אויגן קוקן מיט ווייטיק און רחמנות; אַ „פילאָזאָפישער" קאָפּ האָר, וואָס פליט שטורעמדיק. אונטערן בילד איז געהאַנגען אַ לוח, אויך מיטן „קייסערס" בילד. רעגינע האָט איבער־געלייענט אין לוח „רומקאָווסקיס" אַ שפּריך־וואָרט: „אַז מען קאָן נישט אַריבער, מוז מען אַריבער!"

חברטע רעגינע האָט זיך פאַרקרימט: זי האָט נאָך פאַר דער מלחמה געהערט נאָכזאָגן דאָס דאָזיקע ווערטל, נאָך אַ גרויסן רבין.

ביי דער וואַנט זיינען געשטאַנען אַ שאַנק מיט עטלעכע שטולן. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ גרויסער מעטאַלענער אויוון מיט אַ רער, וואָס האָט זיך אַרויפגעצויגן אויבן אין דער פאָרם פון אַ „חית", און נאָענט צום סופית, איבער דער גאַנצער לענג פון דער ביורא. יעדעס מאָל האָט דאָס פייער אויפגעקנאַקט, און עס האָבן זיך געהערט לויפן פלאַמען אין דער רער אַריין.

רעגינע האָט דערפילט אַן אַנגענעמע וואַרעמקייט. זי האָט געפילט, אַז אירע ביינער טייערן זיך אויף און עס איז אויף איר פּלוצים געפאַלן אַ זיסע מידקייט, וואָס האָט זי געצויגן איינצושלאָפן.

דער וואַנט־זייגער האָט אויסגעזונגען די צייט מיט אַ טיק־טאַק. אַ טשייניק וואַסער האָט געזאָטן אויפן אויוון. די אַטמאָספערע דאָ האָט רעגינען דערמאָנט אין אַ זעטיק הויז אין די גוטע צייטן.

גוסטאַוו זעפּסוטי האָט רעגינען געבעטן זיצן. זי האָט אים געדאַנקט, און זיך אַנידערגעזעצט. גוסטאַוו האָט פון אונטער די ברילן געקוקט מיט פייערלעך אין די אויגן אויף דעם חנ׳עוודיקן מיידל. ער האָט געטראַכט, ווי באַשיידן זי קליידט זיך: אַ פּשוט שוואַרץ קלייד, אַ פּאָר האַלץ־שיך, נישט קיין פּודער, נישט קיין שמינקע, און דאָך פאַרמאָגט זי מער חן און רייץ, ווי אַלע זיינע געליבטע. ער האָט אויף אַ דעליקאַטן אופן געפרואווט זי אַ גלעט טאָן:

„נו, פּאַלאַ נעגרי, וואָס הערט מען?"

די חברטע רעגינע איז אים פון אים אָפּגעשפּרונגען, ווי פון אַ שרץ.

רעגינע געדענקט אים פון אַמאָל. זיי פלעגן אָפּהאַלטן פירערשאַפט־זיצונגען אינאיינעם, כדי צוזאַמען העלפן די געטאָ־יידן, אָבער זינט גוסטאַוו

איז געוואָרן קעראָוניק (דירעקטאָר), און ער פּירט זיך נישט אויף ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּראָלעטאַריער, רופט זי אים: „העררן". און כדי דאָס אונטער־צושטרייכן, זאָגט זי „העררן" מיט צוויי רישן.

גוסטאַוו זעפּסוטי האָט געטראַכט, אַז די געטאָ וועט נישט איבּיק דויערן. ער האָט אויך געוואָלט נאָך דער מלחמה שפּילן די ראָלע פון אַ פּראָלעטאַ־רישן פירער.

חברטע רעגינע האָט אויף אים געקוקט פון אויבן־אַראָפּ. יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט אַרויסגערעדט, האָט אים געשטאָכן. אָבער עס האָט אים נישט געפּאַסט דאָס אַרויסצואווייזן. ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז רעגינע ווייסט אַלע זיינע מעשים. רעגינע האָט אים געזאָגט, נאָך וואָס זי איז געקומען, זי האָט פאַר אים געשילדערט שרהלעס לאַגע און דערקלערט, אַז איין אויסוועג איז דאָ זי צו ראַטעווען פון טויט — געבן טאַלאַנען און שיקן זי אין דער „היים". „איר, העררן דירעקטאָר, דאַרפט וויסן, אַז שרהלע איז פון די, וואָס האָבן געהאָלפן שאַפן דעם רעסאָרט", — האָט רעגינע גערעדט מיט האַרץ, — „זי איז אויך איינע פון די בעסטע אַרבעטערינס און זי איז קראַנק געוואָרן פון דער אַרבעט דאָ, אין דעם רעסאָרט.

גוסטאַוו האָט געמאַכט אַ רחמנות־פּנים און מיטגעקרעכצט: „אוי־ווי, שרעקלעך, שרעקלעך, עס איז אויף איר געבעך אַ גרויס רחמנות!" — האָט ער געזאָגט, — „אָבער, לײדער, צום גרויסן באַדויער, בין איך נישט בכוח איר צו העלפן. ווען כ׳וואָלט נאָר געקענט, וואָלט איך אַלצדינג געטאָן זי צו ראַטעווען. טאַלאַנען ליגן נישט אין מיינע הענט. אַלץ ער, דער פּרעזעס רומקאָווסקי. איך קאָן נישט איינשטעלן מיין לעבן — ס׳איז אַ געטאָ".

„נישט מיר קענט איר איינריידן אַזעלכע מעשיות„ — האָט רעגינע געצאַרנט, — „העררען גוסטאַוו: נישט נאָר טאַלאָנען און פּרעמיעס ליגן אין די הענט פון אייך, דירעקטאָרן, נאָר אויך אונזער לעבן!"

„אין מיין גאַנצן לעבן בין איך געגאַנגען נאָר אויף ערלעכע וועגן", האָט גוסטאַוו געזאָגט גאַנץ רואיק, אויסציענדיק יעדעס וואָרט, „און אַזוי וועל איך ווייטער גיין". ער האָט אַ קוק געגעבן אויפן האַנט־זייגערל, אַ סימן, אַז דער שמועס איז געענדיקט.

רעגינע האָט זיך שיער צעלאַכט פון זיינע צביעות׳דיקע רייד. זי האָט געוואָלט צו אים אויסשרייען, אַז „דער טאָג פון נקמה איז נאָענט!" אָבער זי האָט זיך צוריקגעהאַלטן. זי האָט געוואוסט, אַז ער קאָן זי דערפאַר אַרויסשיקן פון געטאָ אויף אַ זיכערן טויט. זי איז אַרויס אַ פאַרשעמטע און אַ פאַר־ביטערטע.

די חברטע רעגינע, האָט גענומען געלט פון „קראַנקן קאָמיטעט (ביקור חולים, אין „קראַנקן קאָמיטעט" האָט יעדער אַרבעטער איינגעצאָלט איין מאַרק אַ וואָך), זי האָט געקויפט אַ זופּ אויפן שוואַרצן מאַרק, און איין זופּ האָט זי אָפּגענומען אויף שרהלעס טאַלאָן. זי האָט גענומען אין בּיוראָ אַ „באַפריי־אונגס־שיין", און איז געגאַנגען צו שרהלען. ס׳איז געווען אַ שטאַרקער פראָסט און אַ הויכער שניי. דער וועג האָט געדויערט איבער אַ שעה. ווען דעם

„קייסערס״ אַ פּאַליצאַנט האָט זי אָפּגעשטעלט האָט זי אים געוויזן די „באַפּריי־אונגס שיין״ פון רעסאָרט.

שרהלע איז געלעגן אין בעט און עס האָט זי געשווידערט פון הונגער און קעלט. די חברטע רעגינע, האָט קודם כל געמאַכט פייער, און דעם אייזער־נעם אויוועלע, מיט דעם ביסל שמאַטעס, וואָס זי האָט ספּעציעל אויף דעם געברענגט פון רעסאָרט. די שמאַטעס, גיבן אַ פלאַם אַדורך, דורך די רערן, ווערט אַביסעלע וואַרעם. זי האָט אויפגעוואָרעמט דאָס טעפּל זופּ. שרהלע האָט זיך אָנגעוואָרעמט די הענט ביים טעפּל, און דערנאָך האָט זי אויסגעטרונקען די זופּ גלייך פון טעפּל אַרויס — אַזוי שיטער איז די זופּ געווען — אָבער זי האָט זיך אַביסל דערוואָרעמט.

דורך דער צייט, האָט רעגינע, באַטראַכט די שטוב: דאָס פענצטער איז געווען פאַרקאַוועט מיט אייז, די ווענט, דער סופיט, די פּאָדלאָגע זיינען געווען באַדעקט מיט אייז. אין יעדער כלי, וואו עס האָט זיך געפונען אַביסל וואַסער, איז געוואָרן אייז. זי האָט געזען, אַז דאָס שטיבל איז שוין אַ לענגערע צייט נישט צוגערוימט, האָט זי עס אַביסל געברענגט אין אָרדנונג: זי האָט צוגעקערט און אַלץ געשטעלט אויפן אָרט.

די חברטע רעגינע, האָט מיטגעברענגט אַ ביסל ברען שפּירט, אַ שטיקל פּאַפּירענע וואַטע, און אויסגעוואַשענע שטיקער אַלטע לייוונט (פון העמדער, וואָס די דייטשן האָבן אַריינגעוואָרפן פון די אויסגעקוילעטע יידן). זי האָט אָפּגעוואַשן שרהלען די וואונדן מיט וואַרעם וואַסער און זייף. עס איז אַרויס אַ סך מאַטעריע. דערנאָך האָט זי אָפּגעוואַשן, די וואונדן, מיט ברען שפּירט און צוגעלייגט אַ זאַלב, מיט דער פּאַפּירענע וואַטע, אַרומגעבונדן מיט דער קלאָרער לייוונט, און זי האָט איר איבערגעבעט ס׳בעט.

אַזוי איז רעגינע יעדן טאָג געקומען צו שרהלען מיט צוויי זופּן און טיילמאָל אויך: מיט אַ פּיצעלע פערד־וואורשט, אַביסעלע צוקער, אַ פּיצעלע פּוטער, וואָס די אַרבעטער אין רעסאָרט האָבן פון יעדער „ראַציע״ (שפּייז־צוטייל) אַראָפּגענומען אַ פּרייוויליקן מעשר, פאַר דעם „קראַנקן קאָמיטעט״, ביז זי האָט שרהלען געשטעלט אויף די פיס.

אַזוי ווי שרהלע איז נאָר אַראָפּ פון בעט, האָט זי זיך באַלד געשלעפּט צו דער אַרבעט: ערשטנס, אַ קראַנקער קען יעדע מינוט אַרויסגעשיקט ווערן פון געטאָ אויפן טויט. צווייטנס, אין רעסאָרט איז היימלעכער און מען פאַר־דינט זיך אַ זופּ. די חברטע רעגינע האָט שוין געזען, אַז די אַרבעטער זאָלן שרהלען אַרויסהעלפן אין דער אַרבעט, כדי זי זאָל קענען צושטעלן די אָנ־געוויזענע פּראָדוקציע.

* * *

צום דריטן יאָרטאָג ווען עס איז געשאַפן געוואָרן דער „טעפּיך רע־סאָרט״, האָבן די אַרבעטער אָרגאַניזירט אַ יובילעי: יעדער האָט אָפּגע־שפּאָרט: איין קאַרטאָפל, איין טיי־לעפעלע קאָרן־מעל, איין טיי־לעפעלע צוקער, אַביסעלע „קאַווע־מיסטונג״ און צו עטלעכע סאַכאַרינקעס. שרהלע האָט פון דעם אויסגעבאַקן „טאָרט״: זי האָט צעריבן די קאַרטאָפל אויף אַ ריבאייזן, אַריינ־

געשיט די קאָווע־מיסטונג (געברענטע פּלעוועס פון גערשטן), מיט דעם ביסעלע קאָרן־מעל, אַביסעלע צוקער און סאַכאַרינקעס. דאָס האָט זי אַריינגעלייגט אין אַ טעפּל, און אַריינגעשטעלט אין אַ גרויסן טאָפּ וואַסער און אַרויפגעשטעלט אויפן פייער. אויף דעם אופן, האָט שרהלע, אויסגעבאַקן עטלעכע „טאָרטן". די „טאָרטן" זיינען טאַקע געווען שוואַרץ ווי סמאָלע, אָבער שרהלע, האָט זיי באַשיט מיט מעל און מיט צוקער און זיי האָבן באַקומען אַ „פּנים". שרהלע האָט אויך אָפּגעקאָכט וואַסער, געפאַרבט מיט אַביסעלע צוגעברענטן צוקער; אָנגעזיסט מיט סאַכאַרין, אַריינגעגאָסן אין פלעשער און ס'איז געווען „ווייך".

* * *

די פאַבריק געביידע, האָט געהאַט פינף שטאָק און יעדער זאַל האָט פאַרנומען אַ גאַנצן שטאָק. אין איין זאַל האָט מען צוגעשטעלט די רעמען מיט די נישט פאַרענדיקטע טעפּיכער צו די ווענט, מען האָט אויסגעשטעלט די טישן, איבערגעדעקט מיט טישטוכער און שרהלע האָט די „טאָרטן" און „ווייך" אויסגעשטעלט. די אַרבעטער האָבן מיטאָג־צייט די זופּ, נישט אָפּגעגעסן, כדי ביים טיש צו האָבן אַ סעודה. יעדער האָט אוועקגעלייגט די אַרבעט צוויי נאָכמיטאָג און אָנגעטאָן זיך יום־טוב׳דיק.

דער דירעקטאָר גוסטאַוו, האָט אויף דער איינלאַדונג צוגעזאָגט צו קומען האָבן די אַרבעטער געוואַרט מיט דער פייערונג אויף אים. זיי האָבן געוואַרט אַ פּאָר שעה און ער איז אַלץ נישט געקומען. זיי האָבן נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס? ענדלעך איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצוהייבן די פייערונג.

אַלע זיינען געזעסן אַרום די טישן. פאַר יעדן איז געשטאַנען אָנגעגאָסן אַ גלעזעלע „ווייך". די חברטע רעגינע האָט געעפנט די פייערונג:

„חברים, חברטעס און פריינט — האָט זי אָנגעהויבן ערנסט — עס איז שוין שפּעט, לענגער וואַרטן קען מען שוין נישט, מיר זיינען הונגעריק, קיינער פון אונז האָט נאָך היינט די זופּ נישט געגעסן, און דער גרעסטער טייל פון אונז האָט נאָך היינט קיין פּיצל ברויט אין מויל נישט געהאַט. פאַרוואָס דער קראַאָוניק קומט נישט? קענען מיר נישט פאַרשטיין. אפשר וועט ער באַלד קומען. איך וויל נאָר זאָגן, אַז איר זאָלט וויסן: אונזער רעסאָרט האָט אַ סך געהאָלפן, אַז מיר זאָלן נישט אַרויסגעשיקט ווערן פון געטאָ. פון וואָס מיר וועבן די טעפּיכער וויסן מיר נעבעך אַלע. לאָמיר האָפן, אַז אַ דאַנק אונזער אַרבעט וועלן מיר איבערלעבן די מלחמה און קענען אויספירן די צוואה פון אונזערע טייערסטע — נקמה! היינט איז נישט קיין יום־טוב פאַר אונז. עס איז געוואָרן דריי יאָר זינט דער רעסאָרט איז געשאַפן געוואָרן, לאָמיר געדענקען און באַערן מיט אויפשטיין די אַרבעטער פון דעם רעסאָרט, וואָס זיינען אַזוי יונג אומגעקומען צוליב די שוידערלעכע באַדינגונגען, הונגער, קעלט, שמוץ א. אַ. וו."

זי האָט געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט, און אַלע זיינען אויפגעשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ אַן ערך איין מינוט. זי האָט געגעבן נאָך אַ צייכן און אַלע האָבן זיך צוריק אַנידערגעזעצט. רעגינע האָט פאַרגעזעצט: „האָט בטחון!" פאַרלירט נישט די האָפענונג! די מלחמה ענדיקט זיך באַלד! האַלט

איך ריין, וואַשט איך, טיילט איך איין דאָס שטיקל ברויט מיט דער זופּ, זאָל איינער דעם צווייטן אַרויסהעלפן ביי דער אַרבעט. דער שונא ליידט איין מפּלה נאָך די צווייטע, זיי אַנטלויפן ווי די גע׳סמ׳טע מייז. האַלט איך, ס׳וועט נישט לאַנג דויערן און מיר וועלן באַפרייט ווערן!״ — רעגינע האָט אויפגעהויבן הויך דאָס גלעזעלע „וויין״ און אַלע האָבן איר נאָכגעטאָן:

„לחיים! — האָט זי פייערלעך אויסגערופן — מיר טרינקען פאַר אונזער געזונט און פאַר אונזער פרייהייט!״

„לחיים, לחיים!״ האָבן אַלע נאָכגעזאָגט און אויפגעהויבן הויך די גלעזעלעך „וויין״.

„מיר זאָלן שוין איינמאָל פּטור ווערן פון דעם גלות!״

„מיר זאָלן קומען קיין ארץ ישראל!״

„אמן! אמן!״ ענטפערן אַ סך אין איין אָטעם.

אַלע צוזאַמען האָבן אויסגעטרונקען און צוגעביסן די שטיקלעך „טאָרט״. דער עולם האָט געלויבט דעם „טאָרט״ מיטן „וויין״.

„ריכטיקער כרמל וויין! טעם גן־עדן!״

„יין המשומר!״

„ער צעגייט אין די רמ״ח אברים!״

„און דער טאָרט? ווי טייערער האָניק־לעקעך!״

טייל האָבן זיך פריילעך געמאַכט, געטריבן לצנות:

„גיט אַכטונג, פּאַוואָליע, זעט איר זאָלט זיך חלילה נישט אָנ׳שיכור׳ן״.

„יענער האָט זיך צוגעכאַפּט צום פלאַש און ער איז שוין שיכור ווי לוט!״

„דער טאָרט איז אַזוי ווי בריקעטן (געפּרעסטער קוילן־שטויב), אַז כ׳וועל איינהייצן מיין מאָגן מיט די בריקעטן וועט מיר זיין וואַרעם״.

„לאָמיר גראַטולירן שרהלען, פאַר דער גוטער משקה מיטן צובייס!״ רופט אויס דער חבר זיידע מיט זיין לייבן־שטים.

„בראַוואָ, בראַוואָ שרהלע!״ שרייען אַלע אַפּלאָדירנדיק.

נאָכן אויפעסן דאָס ביסל אויסגעטיילטע זופּ אין די טעפּ, וואָס יעדער האָט מיט זיך געטראָגן; און ווען דער עולם האָט זיך אַביסל איינגעשטילט, האָט די חברטע רעגינע געגעבן אַ צייכן מיט אַ מעשן גלעקל. עס איז שטיל געוואָרן און יעדער האָט געקוקט אין איר זייט. זי האָט אָנגעהויבן:

„און אַצינד מיינע ליבע, וועלן מיר צוטרעטן צו אונזער פּראָגראַם״...

„לאָמיר אַלע, אַלע אינאיינעם״ — איז אַריינגעפאַלן דער חבר זיידע מיט געזאַנג — „די חברטע רעגינע מקבל פּנים זיין! די חברטע רעגינע מקבל פּנים זיין!״ „לאָמיר אַלע אינאיינעם, לאָמיר אַלע אינאיינעם טרינקען אַ גלעזעלע וויין, לאָמיר אַלע אינאיינעם טרינקען אַ גלעזעלע וויין!״ האָט דער גאַנצער עולם אונטערגעהאַלטן.

די חברטע רעגינע האָט זשעסטיקולירט מיט די הענט:

„מען דאַרף נישט, מען דאַרף נישט״. געבויגן זיך מיט אַזאַ שמייכעלע, ווי דאָס לידל וואָלט געווען עפּעס אַ הלצהלע.

„חברים און חברטעס — האָט רעגינע פאָרגעזעצט — אַצינד זאָל יעדער וויזן, וואָס ער קען: זינגען, דעקלאַמירן, אָדער עפּעס זאָגן. די ערשטע וועט פאַר אונז זינגען אַ נײַ ליד פון געטאָ, אַ מחותנתטע פון דער הײַנטיקער שמחה, אונזער אַלעמענס שרהלע!״

„בראַוואָ! בראַוואָ!״ האָבן זי אַלע אַרויסגערופן מיט שטאַרקע אַפּלאַ־דיסמענטן.

שרהלע, וואָס האָט זיך די גאַנצע צײַט אונטן געפּאָרעט, איז צוגעקומען אויבן נאָענט, צו רעגינען: „פריער וועל איך זינגען — האָט זי געזאָגט — ‚דאָס געבעט׳, פון י. ל. פּרץ, איר קענט מיטזינגען, איר קענט דאָך דאָס ליד?״ האָט זי געשמייכלט און אָנגעהויבן זינגען:

„רבונו של עולם, נאָך וויניק געליטן?
ווען וועסטו, רבונו של עולם, פאַרשיטן
דעם אָפּגרונט דעם טיפן, וואָס טיילט דײַנע קינדער
אויף שטאַרקע און שוואַכע, אויף לעמער און שינדער?
און ברייט איז דער אָפּגרונט, און טיף, ווי אַ תהום,
און זאַפּט אין זיך אײַן אונזער בלוט ווי אַ שוואָם!...
אוי, רבונו של עולם, נאָך וויניק געליטן?
וועסטו דעם שרעקלעכן אָפּגרונט פאַרשיטן?...״

שרהלען האָבן זיך ביים זינגען געשטעלט טרערן אין די אויגן. ווען זי האָט געענדיקט, האָט זי געזען, ווי די מיטזינגער און צוהערער, ווישן זיך די אויגן. זי האָט אַרויסגענומען פון פאַרטוך־קעשענע אַן איבערגעשריבן בלעטל און דערפון אַרויסגעזונגען:

געטאָ עליטע

אין ליצמאַנשטאַטער־געטאָ:
דאָס לעבן קאַכט און זידט,
דאָך עס איז נישט גלייך
אַ ייד צו אַ ייד.
די מאַסע דאָ זי לעבט
אין דחקות און אין קעלט,
נאָר די עליטע
זי לעבט זיך אָפּ אַ וועלט.
די עליטע פונעם געטאָ
מען דערקענט זי אויפן אויגן בליק:
פלייצעס ברייטע און באַקן פעטע
און דער קאַרק איז רויט פון טשוויק (חזר).

2

אין ליצמאַנשטאַטער געטאָ:
ס׳האָט יעדער זײַן ראַציע,
דאָס איז אַזאַ מין דיעטע,

פון דער אַפּראָוויזאַציע.
פאַר דעם עולם איז פאַראַן :
זאָדע, עסיק, זאַלץ.
נאָר די עליטע
קריגט : צוקער, מעל און שמאַלץ. רעפריין

3

אין געטאָ זיינען פאַראַן :
ווידזשיאַלן און רעסאָרטן,
בכדי יעדע פרוי און מאַן
אַרבעטן זאָלן דאָרטן.
אַרבעט דאָרט די מאַמע
בייטאָג און ביינאַכט,
נאָר די עליטע :
הוליעט, לעבט און לאַכט. רעפריין

ווען זי האָט געגעבן אַ צייכן דער עולם זאָל מיטזינגען דעם רעפריין, האָט זיך פּלוצלונג אויפגעפּראַלט די טיר, דער פּאַרטיער פון פאַבריק איז אַריינגעלאָפן און אויסגעשריגן : „גוסטאַוו זעפּסוטי איז אַרעסטירט !״

די ידיעה איז געקומען ווי אַ דונער. דער עולם האָט זיך ספּאָנטאַניש אויפגעריסן פון די טישן און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן : לויפן צי בלייבן. נאָר די חברטע רעגינע האָט זיך גענומען באַרואיקן דעם עולם : „חברים, פאַלט נישט אַריין אין אַ פּאַניק ! זייט רואיק !״ דער עולם האָט זיך באַ־הערשט אָבער די פייערונג איז צעשטערט געוואָרן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גוסטאַוו זעפּוסטי האָט זיך גוט צוגע־גרייט צו גיין אויף דער פייערונג : ער האָט זיך ספּעציעל אָנגעטאָן אַ סמאָקינג, אַ ווייס זיידן העמד מיט אַ שוואַרצע מושקע. ער האָט זיך געריכט אויף לויבגעזאַנגען אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ קעראָווניק (דירעקטאָר). ווי ער איז אַזוי געשטאַנען גרייט אַרויסצוגיין צו דער פייערונג, זיינען אָנגעקומען צוויי דעם „קייסערס״ פּאָליציאַנטן און אים געמאָלדן, אַז ער איז אַרעסטירט. גוסטאַוו האָט מיט זיי נישט געוואָלט מיטגיין. ער האָט טעלעפאָנירט צו זיינע פריינט, זיי זאָלן אים העלפן, אויך צו זיין ברודער דעם פּאָליציי קאָמיסאַר, אָבער קיינער האָט נישט געקענט צערייסן דעם „קייסערס״ גזירה. עס האָט געדויערט אַ פּאָר שעה, עס זיינען אָנגעקומען נאָך פּאָליציי און זיי האָבן דעם „קעניג״ אַרויסגעפירט פון זיין מלוכה.

די נייעס האָט זיך שנעל צעטראָגן איבער דער גאַנצער געטאָ.

* * *

דער „קייסער״ רומקאָווסקי, האָט געוואָלט איינשטילן דעם צאָרן פון די געטאָ יידן, האָט ער געוויזן, אַז ער „רייניקט״־אויס די קאָרופּציע, אַז ער האָט ליב ערלעכקייט, האָט ער געמאַכט פאַר אַ קרבן גוסטאַוון. ווייל ער האָט נישט געהערט צו זיין פּאַרטיי. אין אַ קורצער צייט אַרום, איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס אין יידישן געריכט אין געטאָ.

דאָס געריכט האָט דער „קייסער" געשאַפן באַלד ווי די געטאָ איז געשלאָסן געוואָרן, און ס'איז איינגעאָרדנט געוואָרן מיט אַלע „קלימפּערלעך": פּראָקוראָרן, ריכטער, בייזיצער, אַדוואָקאַטן. די ריכטער האָבן געטראָגן: שוואַרצע־טאָגעס, מיט העל־בלויע און ווייסע בענדלעך און היטעלעך פון העל בלוי און ווייס. דער ריכטער־טיש, איז געווען באַדעקט מיט אַ טישטוך פון העל בלויע און ווייסע פּאַסן און אינדערמיט אַ טונקל בלויער מגן דוד. איבער דעם ריכטערס שטול האָט געהאַנגען אַ ווייס בלויע פאָן און דעם „קייסערס" בילד. די אָפיציעלע שפּראַך פון געריכט איז געווען פּויליש. אָבער מען האָט זיך געקענט פּאַרטיידיקן אין יידיש, און דייטש.

דער „קייסער" האָט אויך איינגעפירט אַ שנעל־געריכט, פאַר די „גנבים", אין לויף פון פיר און צוואנציק שעה האָט דאָס געריכט געמוזט אַרויסטראָגן אַן אורטייל. די „גנבים" זיינען מערסטנס געווען קינדער, וואָס האָבן צוליב דעם שווידערלעכן הונגער, אַראָפּגעכאַפּט פון אַ פור: אַ מיירל, אָדער אַ פּיעטרושקע, אָדער אַ קאַרטאָפל, אָדער עפּעס אויסגעריסן פון אַ גאָרטן פון דעם „קייסערס" אַ מענטש. קינדער זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צו קריגן שמיץ און דערוואַקסענע פון דריי חדשים ביז אַ יאָר תפיסה.

אויפן פאַרלאַנג פון די דייטשן האָט דער „קייסער" אויפגעפאָדערט „זיינע" ריכטער, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבן טויט־אורטיילן, פאַר די דאָזיקע „פאַרברעכער". אָבער די ריכטער האָבן זיך קעגן געשטעלט, זיי האָבן נישט געוואָלט אַרויסגעבן קיין טויט אורטיילן איבער זייערע ברידער און שוועסטער. דערפאַר האָט דער „קייסער", די ריכטער מיט זייערע משפּחות אַרויסגעשיקט פון געטאָ אויף אומגעבראַכט צו ווערן. די דאָזיקע ריכטער האָט די גאַנצע געטאָ באַוואונדערט און באַדויערט.

דאָס געריכט האָט נאָר אַרויסגעגעבן קורץ טערמיניקע תפיסה אורטיילן. אָבער דאָס איז געווען גענוג: ווייל די וואָס האָבן נאָר געהאַט די מינדסטע שטראָף, זיינען אויפן פאַרלאַנג פון די דייטשן אַרויסגעשיקט געוואָרן, אַלס פאַרברעכער און מיט זיי זייערע משפּחות אויף אומצוברענגען.

געכאַפּט האָט מען נאָר די קליינע „גנבים" אָבער די אמתע פאַרברעכער קיינמאָל נישט. האָבן די געטאָ יידן געצאָרנט קעגן דעם האָט דער „קייסער" אַצינד מיט גוסטאַוון, געוואָלט ווייזן זיין „ערלעכקייט".

גוסטאַוו זעפּוסטיס משפּט, האָט זיך געצויגן גאַנצע פיר טעג און פיר נעכט. די טירן זיינען געווען אָפן פאַר יעדן איינעם. צענדליקער עדות זיינען אויסגעהערט געוואָרן, צווישן זיי אַ סך פון זיינע געליבטע.

גוסטאַוו, האָט זיך געהאַלטן חוצפּהדיק, ער האָט געוואוסט, אַז ער איז נישט דער איינציקער דירעקטאָר, וואָס איז באַגאַנגען די דאָזיקע פאַרברעכנס. נאָר, אַז אַלע טוען דאָס זעלבע. ער איז זיכער געווען, אַז ער וועט באַפרייט ווערן ווייל ער האָט דאָך „פּלייצעס"...

הונדערטער מיאוסע מעשים, וואָס גוסטאַוו איז באַגאַנגען לגבי זיינע ברידער און שוועסטער אין געטאָ, זיינען אויף אייביק געבליבן אַ סוד. אָבער טייל זיינע פאַרברעכנס זיינען אַרויפגעשווימען ווי אייל אויפן וואַסער: צענדליקער

טויזנטער „צוזאַצן" (צוגאָב זופּן), וואָס זיינען געווען באַשטימט פאַר די אַרבעטער האָט ער דורך דער צייט פאַרקויפט. ער האָט אויך נאָכגעמאַכט טאַלאָנען אויף זופּן. כדי דאָס עסק זאָל נישט פאַרשיט ווערן, האָט ער אויסגעפּועלט, מען זאָל אויסבויען אַ קיך ביי אים אין רעסאָרט. דער קעראָווניק איבער דער קיך איז אויך געווען זיינס אַ פּאַרטיי־חבר.

דער הויפּט סוחר פון די טאַלאָנען איז געווען זיינס אַ חבר זיי האָבן זיך אָבער צעקריגט איבער אַ חשבון אין געלט, און אָט דער שותף האָט אים פאַרשיט.

גוסטאַוו, האָט אויך געזען מען זאָל אויספּועלן ביי די דייטשן זיי זאָלן אַריינשיקן נאַפּטאַלין, איינצושיטן די טעפּיכער ער האָט אָבער די נאַפּטאַלין פאַרקויפט, פאַר שווערע טויזנטער. מען האָט די נאַפּטאַלין אַרויסגעשמוקלט פון געטאָ. נאַפּטאַלין איז געווען אין בעשלאַג, און מען האָט דאָס לחלוטין נישט געקענט קריגן. פאַר דעם געלט האָט ער געקויפט די בעסטע אַריינגע־שמוקלטע שפּייזן פאַר זיך און זיינע געליבטע.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן: אַז די „שפּייז טאַלאָנען" פאַר די שווערע אַרבעטער, און די „קראַנקן טאַלאָנען" און אַנדערע פּרעמיעס: „היים" „בעקעריי" און „קאַלאַציעס" האָט דער חבר גוסטאַוו, קיין איינמאָל נישט ערלעך אויסגעטיילט.

יעדן טאָג פון איינס ביז צוויי אַזייגער, פלעגט דער חבר גוסטאַוו פאַר־שווינדן און מען האָט נישט געוואוסט וואוהין. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ביי אים אין ביוראָ, אונטער דער שאַנק, איז געווען אַ טיר, אין אַ קליין שטיבל אַריין, וואו עס איז נאָר געשטאַנען אַ טאַפּטשאַן און דאָרט, האָט ער אין די דאָזיקע צייט פאַרברענגט מיט איינע פון זיינע געליבטע.

צוויי בייגאַכט האָבן די ריכטער אַרויסגעגעבן דעם פּסק דין: „גוסטאַוו זעפּסוטי איז שולדיק! און אַזוי ווי ער איז שעדלעך פאַר די געטאָ, מוז ער אַרויסגעשיקט ווערן". (דאָס הייסט ער דאַרף גיין צום טויט).

גוסטאַוו, האָט זיינע אייגענע אויערן נישט געגלויבט אָבער באַלד האָט ער זיך באַזינען, וואָס דער פּסק באַדייט. האָט ער זיך צעוויינט, ווי אַ ייִנגל, די צונג איז אים אָפּגענומען געוואָרן און ער האָט געציטערט מיט אַלע אברים.

באַלד האָט ער זיך געווענדעט מיט אַ בקשה צום „קייסער" רומקאָווסקי, ער זאָל אַזוי גוט זיין אים באַגנאַדיקן. דער „קייסער" האָט אָפּגעוואָרפן די בקשה.

גוסטאַוו, האָט געצאַרנט: „איך בין נישט דער איינציקער קעראָווניק, וואָס איז באַגאַנגען די מעשים, אַלע קעראָווניקעס טוען דאָס זעלבע! פאַרוואָס מוז איך זיין דער קרבן? ווייל כ'בין נישט זיינס אַ מענטש?"

* * *

פינף אַזייגער פאַרטאָגס, איז דאָס גרינע קעטשל מיט דער געסטאַפּאָ, צוגעפאָרן צום געריכט. גוסטאַוו, האָט געציטערט, עס האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. ער איז געפאַלן אין חלשות. ווען מען האָט אים אָפּגעמינטערט האָט ער געוויינט און געזאָגט: „איך בין קראַנק, כ'בעט איך גיט מיך אַריין אין שפּיטאָל אַריין, ביז כ'וועל געזונט ווערן"...

ווען די געשטאַפּאָ־לײַט, האָבן אויף אים אָנגעשטעלט זייערע מערדערישע אויגן, האָט ער זיך צונויפֿגעצויגן, ווי אַ דערשלאָגענער הונט און אונטערטעניק אויסגעפֿירט אַלע זייערע באַפֿעלן.

* * *

דאָס גרינע געסטאַפּאָ־קעטשל, איז געפֿאָרן איבער דער געטאָ. גוסטאַוו, האָט דורך די גראַטעס פֿון אָפֿענעם פֿענצטערל, געזען ווי עס שלעפּן זיך צו די רעסאָרטן (פֿאַבריקן) טויזנטער מענער, פֿרויען און קינדער, באַהאָנגענע מיט טעפּ, אויף שטריק איבער די העלזער. דאָס געקלאַפּערײַ פֿון זייערע שווערע טרעפּעס, אויף דעם שטיינערנעם ברוק, האָט פֿאַרהילכט די גאַסן. פֿון מאָל צו מאָל האָט ער דערזען אַרבעטער פֿון „זײַן" רעסאָרט, עס האָט אים אַ צופּ געגעבן אין האַרצן און האָט אָװעקגעדרייט דאָס פּנים. דאָס קעטשל איז געפֿאָרן פּאַמעלעך. גוסטאַוו האָט נאָך געוואָלט וואַרפֿן זײַנע לעצטע בליקן אויף די אַלע באַקאַנטע גאַסן.

דורך די קראַטן האָבן אַרײַנגעשלאָגן בלאַסע שטראַלן, פֿון זון־אויפֿגאַנג, און די ערבֿ־פֿרילינגדיקע לופֿט. דאָס האָט אים דערמאָנט: אָן דער פֿרילינג אָפֿענסיווע, וואָס די עלייענס־אַרמייען, גרייטן קעגן דער דײַטשער אַרמיי און באַלד קען קומען די באַפֿרייאונג. ער האָט אַצינד מקנא געווען, די אין געטאָ, די וואָס לײַדן הונגער און נויט. ער האָט באַדויערט, וואָס ער האָט געטאָן. „הייסט עס פֿון מײַן פּלאַן באַלד נאָך דער מלחמה צו אַנטלויפֿן ערגעץ קיין דרום־אַמעריקע, אָדער ערגעץ־אַנדערש, וואו קיינער קען מיך נישט און ווײַטער ווערן אַ פּירער האָט זיך אויסגעלאָזט אויף אַזאַ אומגליק". ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער יונגער אַלמנה סאַבאַ און אין אַנדערע זײַנע געליבטע. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט פֿאַרשעמט און דערנידעריקט זײַן ווײַב און איין־און־איינציקער זעכצן יאָריקער טאָכטער. ווען מײַן ווײַב האָט פֿאַר מיר געוויינט און געזאָגט: „פֿון גרויס חרפּה וועסטו מיך ברענגען יונגערהייט אין דער ערד אַרײַן", האָב איך איר געענטפֿערט מיט אַ געלעכטערל: „אַז מען באַגראָבט דאָס ערשטע ווײַב, איז אַזוי ווי מען וואָלט געגעסן כריין, עס גייען טרערן פֿון די אויגן, אָבער עס דערכאַפּט דאָס האַרץ"; און עס האָט אים באַנג געטאָן, וואָס ער האָט זיך אונטערגעגעבן דעם יצר־הרע און זיך געיאָגט צו געניסן פֿון אַלץ פֿון עולם הזה. עס איז אים אַ רחמנות געווען אויף זײַן ווײַב, קינד און אַלטן פֿאָטער. „יאָ, כ'בין אַ זינדיקער, און דאָס ווייסן שוין אַצינד אַלע". ער האָט זיך דערמאָנט וויפֿל „ליסטעס" פֿון זײַנע אַרבעטער ער האָט אונטערגעשריבן אַרויסצושיקן פֿון געטאָ אויפֿן טויט. „און אַצינד גיי איך דאָרטן וואו איך האָב זיי געשיקט. יאָ, ס'איז פֿאַראַן אַ דין וחשבון, עין תחת עין, שן תחת שן".

ווען דאָס קעטשל איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון געטאָ, האָבן שוין די יידן אין די רעסאָרטן געטריבן די פּראָדוקציע פֿאַר די דײַטשן אונטער די קאָמאַנדע־ניקעס. און דער „טעפּיך־רעסאָרט" האָט געאַרבעט, אויף דער גאַנצער פּאַרע, אונטער אַ נײַעם גוסטאַוו זעפּסוטי...

אין טירצוכט *

דער „טירצוכט״ איז באַשטאַנען פון עטלעכע שטאַלן מיט אַ שפּייכלער און מיט אַ שמאָלן הויף אויסגעשטעלט מיט הילצערנע פיר־רעדערדיקע וועגע־נער. עס האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט הינער, אַרומגעלאָפן קראַליקעס, אַרומ־געשפּרונגען ציגן, געלאָפן אַריין און אַרויס פון די שטאַלן, האָבן אַלץ באַשמעקט און געלעקט מיט די רויטע צונגען. שעפּסעלעך זיינען שטיל געלעגן אין די ווינקלען און האָבן מעלה־גרה׳ט. פון די קי און אָקסן האָט זיך דערטראָגן אַ מעטשעריי. פון די עופות און בהמות האָט דאָ געשטונקען.

אין אַ נידעריקער ווייסער אויסגעקאַלכטער שטוב מיט בעלקעס אויפן סופיט, האָבן פישעלע און משה גערייניקט אַ גרויסע הינערשטייג. ביידע האָבן געטראָגן שווערע טרעפּעס, איינגעקויטיקטע מלבושים און „טירצוכט־היטלען״: פון גרויען צייג ווי קאַשע, מיט ברייטע און הויכע דענקעס, גרינע לאַמפּאַסן אויף די פּרעגנטעס און גרויסע שוואַרצע גלאַנציקע דאַשיקעס.

פישעלע האָט געהאַט אַ געשטופּלט פּנים מיט קליינע וואַסערדיקע קאַסאָקע אייגעלעך. פאַר דער מלחמה האָט פישעלע געהאַט אין מיטן שטאָט אַן אייגענעם שטאַל מיט עטלעכע ראַסאָווע קי. ער האָט צוגעשטעלט מילכ־וואַרג אין כשרע הייזער. ער האָט אַליין אויסגעאַרבעט קעז און פּוטער, „קראַוויאַזש״ האָט מען אים גערופן.

פישעלע איז געווען אַ בעל־פּרנסה און טאַקע אויך אַ בעל־צדקה. עס איז ביי אים געווען אַן אָפענע טיר פאַר יעדן הונגעריקן און נויט־באַדערפ־טיקן און זיין ווייב האָט געפירט אַ גבירישע באַלעבאַטישקייט. באַלד אַזוי ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט לאָדזש, האָבן זיי פישעלען אַרויסגעטריבן פון זיין היים, אַזוי ווי ער איז געשטאַנען און געגאַנגען. זיין ווייב און די קינדער האָט פישעלע אַוועקגעשיקט אין פּראָטעקטאָראַט אַריין, אין זיין שטעטעלע, וואו ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן. ער אַליין האָט זיך צוריק אַריינגעשוואַרצט אין „נויעם רייך״, קיין לאָדזש, כדי ער זאָל זיי קענען שיקן אויף חיונה. אָבער פישעלע, ווי אַלע יידן אין לאָדזש איז געבליבן אין געטאָ אָפּגעשניטן פון דער וועלט און ער האָט נישט געהאַט קיין שום ידיעות פון זיין משפּחה. אַזוי ווי פישעלע האָט געהאַט „פּלייצעס״ (פּראָ־טעקציע) ביים הערן קליין — קיעראָווניק פון „טירצוכט״ האָט ער אים צוגענומען צו דער אַרבעט.

משה (נאָך אַ בחור) איז פאַר דער מלחמה געווען אַ טרעגער אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט. ער האָט זיך דאָ אַריינגעקראָגן אויך אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט געהאַט „פּלייצעס״. ער איז צופרידן, ווייל מען קאָן דאָך דאָ עפּעס כאַפּן אין מויל אַריין: אַ מערל, אַ בוריקל, אַ פאַרשימלט שטיקל

---

* „טירצוכט״ שטאַל פאַר בהמות.

ברויט. נישט אײן ייד איז די אַרבעטער פון „טירצוכט" מקנא געװען פאַר דעם; משה גייט, װי שטענדיק, דעם דאַשיק אַראָפּגערוקט איבער די אויגן, און ער קאָכט זיך: „אַ געטאָ — מעג עס פאַרברענט װערן!"... „האַ? אַ ,קייסער' מיט ,מיניסטאָרן' " — פאַלט אים פישעלע אַריין אין די רייד — „טפו זאָלן זיי װערן! זיי פילן דען, אַז ס'איז מלחמה? אַז ס'איז אַ געטאָ? קי, ציגן, שאָף, הינער װאָס גיבן זיי מילעך און אייער. כ'האָב פאַרשפּעטיקט אַביסל מיטן פאַרפּלאָמבירטן קענדעלע מילעך, האָסטו באַדאַרפט זען, װי די מאַדאַם ריינגאָלד האָט זיך דאָס צעראַצט... זי האָט אַ מיילעכל אויף שריי־פּעלעך..." „מילעך דאַרפן זיי? — פאַלט אים משה אַריין אין די רייד, — מכות אין מאָגן, געשװירן אין די געדערים, ראַקעס אין די קישקעס, װען נישט דער „בויכהאַלטער" (בוכהאַלטער) האָבן זיי ביי מיר יסורים! װען דער „בויכהאַלטער" פאַרפּלאָמבירט נישט די קענדעלעך, װאָלט איך מיין האָרץ אויך אונטערגעלעגנט מיט אַביסל מילעך — מיר קומט אויס אַדורכצוגיין נישט דורך איין ברונעם"...

„איך האָב זיי אין דר'ערד! איך קריך מיר אַרונטער אונטער אַ קו, כאַפּ אָן אַ ציץ און מעלק מיר גלייך אין מויל אַריין", װייזט פישעלע, װי אַזוי ער מאַכט עס. ער צעלאַכט זיך און משה אויך. „דאָס גרינצייג, װאָס עס קומט דאָ אַריין פאַר די בהמות, װיפל יידן װאָלט דאָס געקאָנט אָפּראַטעװען פון הונגער־טויט?"

„פאַרװאָס פאַרשטייסטו ניט, אָקס?! װען נישט פאַר די בהמות װאָלטן די ,יעקעס' דאָס נישט אַריינגעשיקט. נאָר די מילעך, פאַרשטייסטו מיך, פישע־לע, דאַרפן אונזערע מלוכה־מענער געבן פאַר קראַנקע קינדער. די ,בייראַט־ניקעס', די ,מיניסטאָרן', די קעראָװניקעס און די אַנדערע גנבים האָבן װייניק צו פרעסן? דאָס ביסל בידנע מילעך פעלט זיי גראָד צו?"

„פאַרװאָס פאַרשטייסטו נישט, שוטה? טאַקע דערפאַר: װייל זיי האָבן צו עסן צו דער זעט, פעלט זיי טאַקע דאָס ביסל מילעך. אונז — װייל מיר הונגערן — פעלט אַ שטיקל ברויט און קאַרטאָפל".

דער קעראָװניק איז אַריינגעקומען פון ביוראָ. אַ הויכער, ברונעטער, אַ לענגלעך פנים, מיט שװאַרצע װאָנצעלעך. ער האָט אויך געטראָגן אַ טיר־צוכט־היטל, נאָר מיט אַ גאָלדן געפלאָכטן בענדל פון פראָנט איבערן דאַשיק. ער האָט געטראָגן הויכע גלאַנציקע שטיװול, און געשטעלט פעסטע טריט, װאָס האָבן אָפּגעהילכט, כדי אַרויסצורופן צו זיך אויפמערק. ער האָט אָנגע־שפּיזט זיינע שװאַרצע אויגן אויף פישעלען און משה'ן. זיי האָבן דערפילט אויף זיך זיינע בליקן און האָבן אונטערגעיאָגט די אַרבעט: „נו, װיפל אייער האָבן זיי היינט געלייגט?" „צװיי און צװאַנציק", האָט פישעלע געענטפערט. „נישט מער װי צװיי און צװאַנציק?" פאַרשט זיי דער קעראָװניק און שפּיזט זיי מיט די אויגן. זיינע בליקן שטעכן זיי. „נישט מער, פּאַניע קעראָװניקו", ענטפערןביידע אין איינעם הכנעהדיק.

„אוי, גנבים, גנבים!" דראָט זיי דער קעראָװניק מיטן פינגער, און ער קרעכצט אונטער טרויעריק. „אַביסעלע גיכער אַרבעט, איר דאַרפט נאָך היינט

אויסרייניקן די שטאָלן און אָפּפּוצן די אָקסן". „מען וועט מאַכן" — האָבן בײדע צוגעשמייכלט הכנעהדיק.

„דער טאָג איז נאָך גרויס, לאַנג ווי דער יידישער גלות".

* * *

ווען פישל און משה האָבן געפּוצט די אָקסן איז דוד „קלאָפּסידרע" (אַ מודעה וועגן טויט, אין פּויליש, בעקראָלאָג) געזעסן אָנגעלענט אויף דער וואַנט און אַלע דריי האָבן געשמועסט. פישעלע האָט זיך געוויצלט אויף דוד קלאָפּסידרעס חשבון:

„דוד! וואָס זאָג איך? קלאָפּסידרע! ווי לאַנג ביסטו שוין אויס מאַנס־פּאַרשוין און ווי לאַנג איז שוין דיין ווייב אויס פרוי? האָ, קלאָפּסידרע? ביסט דאָך ערשט קוים אַלט פיר און צוואַנציק יאָר. דאָס זיינען דאָך די בליענדיקסטע יאָרן, אוי וויי!"

די ווערטער האָבן דודן נאָדלדיק געשטאָכן. ער האָט זיך געשעמט, געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט נישט געהערט. ס'האָט אים געקאַפּעט וואַסער פון דער נאָז. כאָטש ס'איז דעמאָלט געווען חודש תמוז און די זון האָט געברענט, איז דוד געזעסן אין אַ שווערן ווינטער־מאַנטל און איינגעהילט אין אַ קאָלדרע און ס'האָט אים געוואָרפן פון קעלט. דאָס איז געווען פון סטאַבילן הונגער. ער האָט נישט געהאַט קיין בלוט, נאָר וואַסער. ער איז געקראָכן אויף אַלע פיר אַזוי ווי אַ קליין קינד — ביי די ווענט אָדער אויף דער ערד.

משה האָט אים געוואָלט טרייסטן, האָט ער געזאָגט: „דוד איז דען די איין־און־איינציקע קלאָפּסידרע אין געטאָ? מע האָט דאָך אומזיסט און אומ־נישט געמאַכט אַ בילבול אויף היטלערן — אַז ער וועט אונז קאַסטרירן. זעסט דאָך, אַז ער מאַכט דאָס אויף אַ ,הומאַניטאַרן' אופן אָן אַ מעסער. ער גיט אונז גאָרנישט צו עסן און האָט שוין ס'זייניקע דערגרייכט".

„גיב אים, דודן, אַפילו ליליתן אַליין, וועט ער ביי איר נעבעך אויך זיין אַ שטיק האָלץ".

„אַזוי איז עס, פישעלע: מיר זיינען געוואָרן אויס מאַנסבילן, אויס פרויען. אוי, אַפילו דער יצר־הרע איז פון אונז אַנטלאָפן!... אָבער דער ,קייסער' רומקאָווסקי מיט זיינע מענטשן? זיי פרעסן און זויפן און טרייבן זנות!"

דוד האָט געוואָלט אָפּנייגן דעם שמועס, האָט ער זיך אָנגערופן: „אוי, אַפילו דער קוואַל פון טרערן האָט זיך ביי אונז אויסגעטריקנט: אונזערע הערצער וויינען, וואָס זאָג איך? — אַלע אונזערע אברים וויינען, אָבער טרערן? נישטאָ, ניין. עס שטאַרבט אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַ שוועסטער, אַ ברודער, עס שטאַרבט אַן אייגן קינד, מע ווערט צעפלאַצט און מע קען נישט לאָזן קיין טרער. מע האָט אַפילו נישט קיין כוח צו גיין אויף דער לויה. מע זעט נאָר, מע זאָל קענען אָפּנעמען ס'ברויט און די ראַציע אויף די קאַרטן פון געשטאָרבענעם. אויס מענטשן זיינען מיר געוואָרן. אויס, אויס. אויף דער מלינאַרסקע גאַס נומער 7 האָט אַ משפּחה אויסבאַהאַלטן אַ מת צוויי וואָכן,

איינגעבעט אין בעט, כדי זיי זאָלן קענען אָפּנעמען זיין ברויט, זיין ראַציע און זיינע זופּן, אויף זיינע קאַרטן. ווען דער „קייסער" האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, איז ער געקומען אויף זיין „שיינער" דראָשקע און האָט געפונען דעם מת, האָט ער געפּאַטשט, געקאָפּעט און געשריגן היסטעריש: „וואָס? ברויט ווילט איר עסן פון מיינע טויטע?! איך וועל אייך אָנלערנען, איר מערזאַוו־צעס!" און דער משוגענער האָט די גאַנצע משפחה אַרויסגעשיקט פון געטאָ אויפן טויט", האָט ער טרויעריק פאַרענדיקט.

„דוד, דער מלאך־המות האָט שוין אויף דיר אַרויפגעשטעלט זיין חתימה — רייצט זיך ווידער פישעלע מיט אים, — דו ביסט שוין אַ קלאַפּסידרע! אַ רחמנות נעבעך אויף דעם שטיקל ברויט וואָס דו מאַכסט קאַליע, ס'וועט פון דיר סיי ווי גאָרניט זיין".

„נאָר אַ שטיקל ברויט קען מיר נאָך העלפן", ענטפערט אים דוד מיט אַ געקינצלטן טאָן, וואָס דאַרף באַווייזן, אַז ער איז נישט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך און האָט נאָך בטחון.

„האַ, — פרעגט אים פישעלע, — דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק ימ"ש האָט אָבער געזאָגט: 'די יודען זינד געבענדיקט!' האַאַאַ?"

„יעקע נאַרס מפּלה וועט קומען אַ ליאַדע מינוט. מיר וועלן זיי איבער־לעבן!"

דאָ האָט זיך געעפנט די טיר און בלושטיין איז אַריינגעקומען. דער פאַרוואַלטער האָט אים אויפגענומען מיט אַ ברייטן: „אַ־אַ־אַ, גוט מאָרגן, פּאַניע בלושטיין! סקאַצל קומט, אַ גאַסט! וואָס הערט זיך עפּעס נייעס?"

„ס'איז גוט, יידן! ס'איז גוט!" האָט בלושטיין אויף זיין שטייגער האַפּערדיק געענטפערט. אַלע האָבן אויפגעשטעלט אויגן און אויערן, קוקנדיק בלושטיינען אין מויל אַריין. ער האָט אָבער געשוויגן. „מסתּם האָט ער די אמתע גוטע נייעס" — רופט זיך פישעלע אָן „נו, אַ סוף, שיסט שוין אַרויס!"

„נו, אַ סוף שוין! ציט אונז ניט אַרויס די נשמות!" — האָט זיך משה צעשריגן מיט געבעט.

„מע זאָגט — האָט בלושטיין דערציילט — אַז אויפן אָסט־פראָנט לויפן די דייטשן צוריק ווי געסמטע מייז און אומעטום איז די ערד אונטערגעמי־נעוועט, זיי וועלן איינגעשלונגען אַזוי ווי קורח! און אַז ענגלאַנד וואַרפט אַזעלכע באָמבעס אויף דייטשלאַנד, אַזוי ווי הענגלעך ווייַנטרויבן!"

די הערצער פון די צוהערערס ווערן אָנגעשטעקט מיט פרייד און בטחון און אויף זייערע פּנימער באַווייזט זיך אַ נחתדיק שמייכעלע.

„אָ, דער 'מאַליאַזש'* וועט גאָר אין גיכן איינעמען אַ מיתה־משונה און דער 'קייסער' רומקאָווסקי מיט אים אין איינעם!" האָט דוד אויסגע־שריגן מיט פּאַטאָס.

„אוי די יעקעס, — זאָגט דער פאַרוואַלטער מיט ווייטיק און צאָרן, — אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיי אויך גענוג צרות אָנגעטאָן: דע־

* מאַליאַזש, מאָלער, געמיינט: היטלער.

מאַלט האָט לאָדזש אויך געגעסן קאַרטאָפל־שאָלן און ברויט פון האַלצשטויב, כ׳מיין פון טראַטשינעס, אָבער היינט ווילן זיי אונז יידן, אין גאַנצן פאַרטיליקן און דורך הונגער. אונזערע הייליקע ספרים זאָגן: דער טויט פון הונגער איז ערגער ווי דער טויט פון אַ שווערד״.

„ווען נישט די דראָטן (געטאָ־צוים), וואָלט איך מיר אַן עצה געגעבן, וואָלט איך נישט געהונגערט״ — זאָגט פישעלע באַרימעריש און ער גייט איבער אין אַ חוזק־טאָן: „דוד, קלאָפּסידרע! קענט איר מיר אפשר זאָגן, ווי אַזוי עס זעט אויס אַן איי? איר געדענקט נאָך? וויס צי שוואַרץ? פיר־עקעדיק צי זעקסעקעדיק?״ אַלע לאַכן.

„פּאַניע בלושטיין, — זאָגט ווייטער פישעלע, — קענט איר מיר זאָגן: ווי אַזוי עס זעט אויס אַן עפּעלע? פון וואָס, מיט וואָס און ווי אַזוי מאַכט מען עפּל?״ אַלע לאַכן.

„ווי איז צו אונזער געלעכטער — רופט זיך בלושטיין אָן, — אַזוי איז אונזער פּנים, אַזוי זעען מיר אויס. אָבער ס׳איז גוט! דער ‚פּענדזליאַזש׳* איז שוין טיף־טיף אין דר׳ערד! ער פירט פירערליי מלחמות: אין פּוילן האָט ער געפירט אַ טאַטאַלע, אין פראַנקרייך — אַ מאָמענטאַלע, אין ענגלאַנד — אַ פאַטאַלע און אין ראַטנפאַרבאַנד — אַ קאַטאַסטראָפאַלע״.

אַלע צעלאַכן זיך.

„היטלער זוכט אַרום משה רבינוס שטעקן, — דערציילט מיט אַן איראָניש שמייכעלע דער פאַרוואַלטער, — כדי ער זאָל קענען שפּאַלטן דעם לאַמאַנש־קאַנאַל און אַריבערגיין קיין ענגלאַנד״. אַלע לאַכן.

„אונזער הילף קען נאָר קומען פון אַמעריקע, — זאָגט דוד, — אַלץ ער, רוזוועלט!״

„דיר קלאָפּסידרע, — שרייט צו אים פישעלע, — וועט שוין ניט העלפן: נישט די וועלט, נישט יענע וועלט און נישט אַפילו רוז־וועלט!״

„ס׳איז דען אַ וואונדער? — זאָגט בלושטיין — אַז היטלער האָט אומ־געבראַכט די גאַנצע וועלט, אָבער נישט אונטערוועלט״.

„בוצאַק, וואָס האָט געדינט די געסטאַפּאָ האָט מען אַרעסטירט די נאַכט — זאָגט פישעלע, — זיי האָבן אים שוין געמאַכט מיט אַ קאָפּ קלענער״.

„ווער עס נעמט ביים דייטש פליש, מוז אים אָפּגעבן די ביינער!״ — זאָגט בלושטיין, און אַלע צעשמייכלען זיך. „אָבער, ‚ער׳ איז שוין אין דר׳ערד. איך האָב געהערט, אַז היטלער אַליין האָט שוין אַפילו באַשטעלט אַן אויפ־שריפט אויף זיין מצבה און טאַקע ביי אַ ייד, ווייל ס׳זיינען צום פירער צוגעשיקט געוואָרן פאַרשיידענע אויפשריפטן, איז אים נישט געפעלן געוואָרן, האָט ער זיך געווענדעט צו אַ ייד. דער ייד האָט נישט לאַנג געטראַכט און אויפגעשריבן נאָר דריי ווערטער: שיינהייט, ריינהייט, אָפּפער״. דאָס איז היט־לערן געפעלן געוואָרן...״

„צו אַל די שוואַרץ יאָר, — פאַלט אים פישעלע כלומרשט מיט צאָרן

* געמיינט: היטלער.

אַריין אין די רייד, — ווי קען דאָס אַ ייד זאָגן וועגן אַזאַ צורר־היהודים, וועגן דעם גרעסטן מערדער אין דער וועלט־געשיכטע?!"

„קאָכט זיך ניט אַזוי, — באַרואיקט אים בלושטיין, — אויף יידיש מאַכט עס: אַ שיינע ריינע כפרה!" אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

„אוי וועט דער ,שמירער'* זיין אַ שיינע ריינע כפרה! — האָט בלושטיין צוגעגעבן, — אַלע וואָס ווילן פאַרטיליקן די יידן נעמען אַ שוואַרצן סוף!"

דער פאַרוואַלטער האָט אַ וואונק געגעבן צו בלושטיינען און זיי זיינען אַריין אין ביוראָ. דאָרט האָט ער אים געגעבן אַ טאַרבעלע „זאַמיאַטקעס". בלושטיין האָט דאָס מיטן אויגנבליק אַריינגעלייגט אין דער הויזן־קעשענע. פאַר דער מתנה האָט ער אים אָפּגעדאַנקט מיט אַ וויץ: „איר ווייסט? היטלער האָט געזאָגט: ,איך האָב די שענסטע ראַסע', טשערטשיל האָט גע־זאָגט ,איך האָב די גרעסטע קאַסע' און סטאַלין: ,איך האָב די גרעסטע מאַסע'. ווער זשע וועט זיגן?"

אַזוי איז עס שוין אויף דעם בידנעם וועלטל — די קאַסע. סטאַלין האָט פאַרראַטן די מאַסע: ער האָט אויסגעהרגעט זיינע בעס־טע גענעראַלן, זיינע בעסטע אָפיצירן, די געטרייסטע קאָמוניסטן און די צענדליקער טויזנטער פאַרשיקט אין תפיסות און אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. ער האָט נישט צוגעגרייט רוסלאַנד זי זאָל בכוח זיין צו קעמפן קעגן נאַציזם. אָן אַמעריקעס הילף וואָלט סטאַלינס גרעסטע מאַסע פאַרלענדט געוואָרן. עפּעס אַ קלייניקייט, די טעכניק וואָס דער דייטש פאַרמאָגט?!"

„איך זאָג אייך: נישט די שענסטע ראַסע, און נישט בלויז די גרעסטע קאַסע, נאָר צוזאַמען, די גרעסטע מאַסע מיט די גרעסטע קאַסע און מיט דער גרעסטער טעכניק וועט זיגן! נו, האָט מיר אַ גוטן תמיד!" האָט בלושטיין צוגעוואָרפן און איז שנעל אַרויס, ווייל עס איז געווען געפערלעך דער געגנבעטער אוצר, וואָס ער האָט באַהאַלטן אין קעשענע.

און ווען בלושטיין איז אַהיימגעקומען, האָט ער אָפּגעבאַקן אויף די פייערקעס פון דער „קאַנאַנקע"* עטלעכע מצה'לעך, פון די „זאַמיאַט־קעס". זיי זיינען געווען שוואַרץ ווי קויל. ער האָט זיי אויפגעגעסן מיט גרויס אַפּעטיט און גרויס הנאה. דאָס זאַמד האָט אים געקנאַקט אונטער די ציין און פונעם שטויב און אַש האָט אים געטריקנט אין האַלז און מויל. ער האָט זיך אָבער אַביסל געשטילט דעם הונגער. שפּעטער האָט אים געברענט אויפן האַרץ און עס האָט אים אַרויפגעשלאָגן זויערס פון מאָגן.

כדי די אַרבעטער פון „טירצוכט" זאָלן אַביסל זיך פאַרלייכטערן דעם הונגער, זיינען זיי געווען געצוואונגען צו באַגנבענען די בהמות און עופות. די אַרבעטער האָבן זיך אויך געטיילט מיט די שכנים, מיט די קלייען, זאַמיאַט־קעס, קאַרטאָפל־שאָלן, קילעריבן־שאָלן און אָפּפאַל פון ירקות. צוליב דעם

---

* שפּעט־לשון אויף פירער.

* אייזערן אויוועלע.

האָבן געבעך די בהמות און קעלבעלעך און די עופות געמוזט הונגערן. בלושטיינען ווי אַנדערע האָט די דאָזיקע שפּיז, מישטיינס געזאָגט, עטוואָס פאַרלייכטערט דעם הונגער. דערפאַר האָט ער זיך געדרייט אַרום דעם „טיר־צוכט" און באַצאָלט האָט ער פאַר דעם מיט ברענגען גוטע נייעס און שיינע געטאָ־וויצן, וואָס האָבן אין די אַרבעטער אַריינגעבלאָזן אַ נייע נשמה פון בטחון.

ליטעראַטן אין געטאָ

אין איינעם אַ פאַרנאַכט איז דער רעליגיעזער דיכטער אלתר שנור מיט זיין פרוי זלאַטע, אַריינגעקומען צו בלושטיינען אין דער „פאַרטיערניע". בלושטיין האָט זיי מכבד געווען מיט אַ מצהלע פון „זאַמיאַטקעס" וואָס איז שוואַרץ געווען ווי קויל. זיי האָבן בלושטיינען דערציילט די לעצטע נייעס פון דער אונטערערדישער ראַדיאָ, ווי אויך עטלעכע געטאָ־וויצן. זלאַטע האָט געזונגען דאָס לעצטע געטאָ־לידל פון דעם פאָלקס זינגער יאַנקעלע:

„ווען ס'איז געווען די פאָלקס־ציילונג,
איז געווען אַ טאָג אַ הייסער,
פאַרט רומקאָווסקי אויף זיין דראָשקע,
ער זעט דאָך אויס ווי אַ „קייסער".
ווען רומקאָווסקי פאָרט
לויפן מענטשן נאָך
און זיי שרייען: „מיר ווילן ברויט!"
כאַפּט דער אַלטער אַ פאַלקע
און גייט מיט זיי אַ וואַלקע
און ער שרייט:
„אַ טויט וועל איך אייך געבן ברויט!"

אַלע דריי האָבן זיך צעלאַכט און זלאַטע האָט אַ זאָג געטאָן:

— קומט, בלושטיין, לאָמיר אַלע צוגיין צו מרים אולינאָווער, לאָמיר זען וואָס זי מאַכט?

בלושטיינען איז געפעלן געוואָרן דער פאָרשלאָג. ער האָט געזאָגט:

— גוט, לאָמיר טאַקע צוגיין.

ער איז צוגעגאַנגען אין דער פאַרבעריי און איינגעפּאַקט אַ פּעקל איבערגעפאַרבטע ציכלעך און העמדער (וואָס די דייטשן האָבן דאָ אַריינגעשיקט נאָך די אויסגעקוילעטע יידן) און זיי זיינען אַלע געגאַנגען צו מרים אולינאָווער. די דיכטערין אַליין האָט זיי געעפנט די טיר.

זי האָט זיך מיט זיי אַרומגעכאַפּט און מוטערלעך אויסגעפרעגט, וואָס זיי מאַכן און וואָס עס הערט זיך. זי האָט זיי אַריינגעפירט צו זיך אין צימער (אין דער וואוינונג האָבן געוואוינט עטלעכע פאַמיליעס), וואו עס איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש מיט שטולן, צוויי בעטן, אַ שאַנק מיט ספרים און ביכער און אַנדערע קליניקייטן. די געסט האָבן זיך אַנידערגעזעצט און געשמועסט, וועגן

די לעצטע ידיעות אויפן פראָנט, וואו די דייטשן ליידן איין מפלה נאָך דער צווייטער און אַז אַצינד דערנענטערט זיך די רויטע אַרמיי צו לאָדזש.

„מיר זאָלן זיך נאָר נישט אַנטוישן אין די באַפרייער, איך האָב זייער מורא פאַר די דאָזיקע באַפרייער" — האָט מרים אָלינאָווער געזאָגט מיט אַ קול פון אינערלעכער אומרואיקייט.

„גאַנץ מזרח אייראָפּע קוקט אַצינד אויס אויף דער רויטער אַרמיי ווי אויף משיחן" — האָט בלושטיין געענטפערט און ער האָט דערווייל נייגעריק אַריינגעקוקט אין מרים אָלינאָווערס ביכל לידער, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון גלעזערנעם ספרים־שענקל. בלושטיין האָט דאָס ביכל געהאַלטן מיט דרך ארץ. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז איינס פון די געציילטע עקזעמפּליאַרן, וואָס זיינען פאַרבליבן. ער האָט אויפגעעפנט דאָס בוך און געלייענט דעם שער־בלאַט: „דער באָבעס אוצר". ער האָט איבערגעמישט אַ זייטל און ווייטער געלייענט: „דעם דאָזיקן ספר האָט אָפּגעדרוקט דער ספרים־האַנדל „האחים לעווין עפּשטיין און שותפים" אין שטאָט וואַרשע, אין יאָר ה׳תרפ״ב (1922), געדרוקט אין אַצאָל פון צוויי טויזנט שטיק, אין דעם — 50 אויף באַזונדער פּאַפּיר".

די בלעטלעך פונם בוך זיינען „איבערגעברענט", ווען מען רירט זיך צו צו זיי צעשיטן זיי זיך. בלושטיין האָט געפילט אַ ווייטיק אין האַרצן, וואָס אַזאַ אוצר ווערט פאַרלוירן. ער האָט ווייטער איבערגעמישט און געלייענט דוד פרישמאַנס הקדמה: „...איינזאַם אין דער זייט, אַ פּאָעטישער טאַלאַנט, אַזוי קערנדיק, אַזוי עכט און אַזוי יידיש; פון וואַנען האָט זיך גענומען דער דאָזיקער עכטער טאָן? — מרים אָלינאָווער, די יונגע דיכטערין נעמט אירע שטאָפן פון „דער באָבעס אוצר", איר ליבע באָבעשי האָט איר אין אירע פאַרחלומטע קינדער־יאָרן איבערגעגעבן מעשיות, ווערטלעך און פאָלקס־טראַדיציעס, אַלץ וואָס דאָס פאָלק רעדט, גלויבט און חלומט. און דאָס איז אַריינגעפאַלן אין די פאַלדן פון אַ האַרץ. דעריבער זיינען שפּעטער די לידער געוואָרן אַזוי האַרציק".

בלושטיין האָט געלייענט די לידלעך:

הבדלה וויין

טרינקען אַלע פון הבדלה,
טרינק איך אויך אַ טראָפּן וויין.
מאַכט די באָבע צערטלעך ערנסט:
„קינד לעב, זאָלסט געוואָרנט זיין.
אַז פון טרינקען פון הבדלה
קריגט אַ מיידל באַלד אַ באָרד —
אַזוי שטייט עס אָנגעשריבן
אין דעם ספרים־שענקל דאָרט."
פאַל איך אונטער מיר פון אימה,
טאַפּ איך ס׳גאָמבקעלע ביים עק:
גאָט צו דאַנק, ווייך און מיידליש,
אויסגעשפּיצט נאָר בלויז פון שרעק.

בלושטיין האָט געטראַכט: די לידער דאַרפֿן נישט קיין קאָמענטאַרן, קיין אויסטייטשונגען, מען הערט דאָ רעדן דאָס אומגעבראַכטע פֿאָלק, זיי זיינען פּשוט אַזוי ווי דאָס לעבן. ער האָט ווייטער געלייענט:

פּוטערן ברויט

ווען ס'פּוטערן־ברויט פֿאַלט אויף דער ערד מיר אַראָפּ,
דאָ נעמט זיך צעשאָקלען דער באָבעשיס קאָפּ:
„אַ סימן מיין לעבן, אַ סימן מיין קינד
דיין חתן איז ערגעץ הונגעריק אַצינד."
אָ, ווידער זען וואָלט איך דער באָבעשיס קאָפּ
זיך שאָקלען ווען ס'פּוטערן־ברויט פֿאַלט אַראָפּ.
דער באָבעשיס חנדל, אין שטערן דער קנייטש
צו הערן דעם ליבן דעם היימישן טייטש.

פֿרילינג שבתים

עס קומט פֿון גן עדן צופֿליען
אַ זיס, אַ מחיהדיק ווינטל...
הויבט אונטער די הענט פֿאַר די אויגן
בענטשט באָבעשי אונדזער געזינדל.
קום אויך אויף דעם גאַנעק
העד זיידעשי אויף זיך צו פֿעלצן —
דער ווינט האָט היינט מורא צו בלאָזן
די שבת־ליכט זאָלן נישט שמעלצן.

די מחשבות ביי בלושטיינען האָבן זיך ווייטער געצויגן: ווי הייליק ס'איז געווען דער שבת ביי אונדזערע זיידעס און באָבעס, זיי האָבן ממש געזען אַז אין שבת רוט אויך די נאַטור — זי ווערט שבתדיק. די דיכטערין מרים אולינאָווער שעפּט פֿון אונדזער פֿאָלקלאָר אַזוי ווי יעדער אמתער קינסטלער אויך אויף אַלע געביטן: אין מוזיק, אין מאָלעריי, דיכטונג אָדער פּראָזע. דאָס פֿאָלק שאַפֿט דאָס מאַראַלישסטע.

„לייגט אַוועק דאָס בוך חבר בלושטיין — האָט מרים אולינאָווער געזאָגט — קומט אַהער און לאָמיר הערן אַביסל גוטע נייעס".

בלושטיין האָט צוגעמאַכט דאָס בוך, האַלטנדיק אַ פֿינגער אינעווייניק, כדי נישט צו פֿאַרמישן וואו ער האַלט. צוגייענדיק צום טיש, האָט ער געזאָגט: „אַז דער מערבֿ־פֿראָנט האָט זיך שוין געעפֿנט, איז אַ סימן, אַז זיי דאַרטן האָבן מורא אַז די רוסן זאָלן טאַקע איינגעמען בערלין און פּראַוון גיין נאָך ווייטער. אַלצאיינס, מיר האָבן שוין דערלעבט אַ גוטע זאַך, פֿון שעה צו שעה הערן מיר גוטע פֿרישע נייעס..."

...און דער אַטענטאַט אויף היטלערן ימ"ש! — איז אים אלתר שנור אַריינגעפֿאַלן אין די רייד — איז גאַרנישט? דאָס איז איינס פֿון די פֿריידיקסטע און וויכטיקסטע נייעס".

„נו יאָ — האָט זיך בלושטיין צעקאַכט און האָט אַזש אַנידערגעלייגט

דאָס בוך אויפן טיש — דאָס איז מכת בכורות, די לעצטע מכה! די דייטשן האָבן שוין אַלע מכות: דם, צפרדע, שחין, ברד, עס האָגלט אויף זיי מיט פייער. חושך: „ס׳גאַנצע לאַנד איז איינגעהילט אין פינצטערניש צוליב לופט־שוץ. כנים: די לייז פרעסן זיי. שחין: צוליב דעם, וואָס זיי קענען נישט אויספירן די היגיענע פאַרשריפטן, ווערן זיי קרעציק. דם: זיי גייען אָפּ אין בלוט. און אַצינד איז שוין אויף זיי געקומען די לעצטע מכה: מכת בכורות! די עלטסטע, די פירערס הרגענען זיך שוין אַליין אויס! הרגענען אויס איינער דעם צווייטן!"

— „אמת, אמת!" — האָט מרים אולינאָווער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

„יידן גיבן זיך אַן עצה — האָט זלאַטע געזאָגט באַרימעריש — ס׳זיינען נישטאָ קיין ציימונגען, קיין ראַדיאָס, מען טאָר נישט הערן קיין ראַדיאָ? — שטעלן יידן איין זייער לעבן או הערן ראַדיאָ און חיים ווידאָווסקי, דער אַלגעמיינער ציוניסט, האָט טאַקע באַצאָלט מיט זיין לעבן.. אויך יאַנקעלע פון „טיערצויכט" און דער חזן דוד טאָפּל".

„איך האָב עפּעס געהערט פאַרשידענע ווערסיעס וועגן דעם — האָט זיך מרים אולינאָווער אַנגערופן נייגעריק — אָבער וואָס איז באמת געשען?"

„דער מסור סטאַנקעוויטש ימ"ש! אַ ייד — האָט בלושטיין דערציילט — האָט אָנגעוויזן דער געשטאַפּאָ, וואו עס געפינט זיך דער ראַדיאָ, האָבן די דייטשן געכאַפּט דעם חזן טאָפּל מיטן ראַדיאָ, עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן אַ שיין ביסל יידן, זיי האָבן אויך געזוכט חיים ווידאָווסקין, ער האָט אָבער זיך נישט געוואָלט איבערגעבן דער געשטאַפּאָ אַ לעבעדיקער, האָט ער זיך אַליין גענומען דאָס לעבן מיט ציאַנקאַלי.

„דאָס זיינען קדושים־גיבורים — האָט מרים אולינאָווער גערעדט מיט פּאַטאָס — זיי האָבן די גאַנצע צייט אין געטאָ איינגעשטעלט זייער לעבן און מיט דעם איבערגעבן די ידיעות האָבן זיי אַריינגעברענגט בטחון און געהאָלפן אויפהאַלטן אונדזערע נשמות; זיי האָבן אין אונדזערע טויטע גופים אַריינגע־בלאָזן נשמות!"

„אמת, אמת", האָבן אַלע צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. אַצינד זיינען זיי אַלע געזעסן פאַרטראַכטע, מיט צעבראָכענע הערצער, וועגן די גיבורים־קדושים. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מרים אולינאָווער אַרויסגענומען אַ מאַנוסקריפּט פון דער שאַנק און געזאָגט: „אַנטשולדיקט מיר, איך וויל דאָ עפּעס קאָרעגירן".

„מיט פאַרגעניגן". האָט בלושטיין געזאָגט. זי האָט זיך געזעצט ביים טיש און גענומען אַריינקוקן אין מאַנוסקריפּט.

מרים אולינאָווער האָט אַלע אירע יאָרן אָפּגעלעבט אין לאָדזש. געבוירן איז זי אין שטעטלע קזשעפּיץ, (קיעלצער וואָיעוואָדסטווע). זי איז געקומען פון אַ אַריסטאָקראַטיש, טראַדיציאָנעל־יידישער היים, איינע פון די שענסטע יידישע משפחות אין פּוילן. זי איז געווען פון מיטעלן וואוקס, אַ קיילעכדיק באַחנט פּנים, מיט איידעלע שטריכן, טונקל־ברוינע אויגן און בלאָנדע האָר. איידער ס׳איז איינגעפירט געוואָרן די געטאָ, האָט זי געטראָגן אַ שייטל. זי

האָט געפירט אַ שטרענג רעליגיעז הויז, אַ כשרע קיך און געבענטשט ליכט. זי האָט געהאַט צוויי טעכטער, פאַר דער מלחמה האָט זי געוואוינט אין איר אייגן הויז אין שענסטן צענטער פון דער שטאָט.

ווען בלושטיין איז אין פעברואַר 1940 צוריקגעקומען פון דייטשישן געפאַנגען־לאַגער קיין לאָדזש, איז ער פון די ערשטע געגאַנגען באַזוכן זיין האַרציקע חברטע מרים אולינאָווער. זי האָט שוין דעמאָלט געוואוינט אין געטאָ. (כאָטש די געטאָ איז ערשט אָפּגעשלאָסן געוואָרן דעם ערשטן מאַי, 1940, אַזוי ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט לאָדזש האָט אַ דייטש פאַרכאַפּט איר גבירישע וואוינונג).

די דיכטערין האָט זיך מיט אים דערפרייט. זי האָט אים אַריינגעבעטן אין דעם צימער, וואו זיי זיצן אַצינד, גענומען אים ביים אָרעם און איר זיסע שטימע האָט אויסגעקלונגען: „חבר בלושטיין! קומט, איז וועל אייך פאַרלייענען אַ נייע פּאָעמע „דער אלף בית", דאָס איז די שטאַרקסטע שאַפונג מיינע".

זי האָט ממש אויסגעזונגען די פּאָעמע. דאָ האָט זי אויף איר אייגנאַרטיקן אופן אויסגעדיכטעט מעשהלעך און ווערטלעך אויף יעדן אות פון „א" ביז „ת". די פּאָעמע האָט געהאַט אַ טיף־יידישן אינהאַלט. איבײנעם מיטן כיבוד, וואָס איז נאָך דעמאָלט באַשטאַנען פון אַזאַ „לוקסוס" ווי אַ געצוקערט גלאָז טיי מיט אַ טרוקן שטיקעל ברויט — האָט זי, שטייענדיק, אויף אויסווייניק פאַר אים פאָרגעלייענט אַ לידעלע פון אַכט שורות אונטערן נאָמען: „יאַשאָ", אַ נאָמען פון אַ פּויליש דינסטמיידל, וואָס האָט געראַטעוועט אַ ספר תורה און איר געבראַכט אין געטאָ אַריין.

מער ווי אַ יאָר איז ביי מרים אולינאָווער, די עקאָנאָמישע לאַגע געווען צו דערליידן. זי האָט געשטיצט די חברים שרייבער מיט וואָס זי האָט נאָר געקענט.

פון די גרויסע צרות און פּיין אין געטאָ איז בלושטיין געווען אַזוי פאַריאָגט, אַז עס איז אים אוממעגלעך געווען אַריינצוקומען צו מרים אולינאָווער. ווען ער האָט באַקומען אַרבעט נישט וויט פון דער גרויסער דיכטערין, האָט ער זיך אַרויסגעגנבעט פון דער אַרבעט און צו איר געקומען. ער האָט איר געטראָפן ליגן אין בעט, הויט און ביינער, דאָס פּנים אַ טויטן־מאַסקע. זי האָט נישט געקאָנט רירן מיט קיין אבר. דאָס איז איר געקומען פון הונגער. בלושטיינען האָט געשניטן דאָס האַרץ — און ער האָט געטראַכט: מיט וואָס קען ער איר העלפן?

כדי מרים אולינאָווער זאָל מעגן זיין אין געטאָ, האָט זי געמוזט אַרבעטן — עס האָט איר געדראָט אַרויסגעשיקט צו ווערן אויף אומצוברענגען מיט דער גאַנצער משפחה. די גרויסע יידישע דיכטערין האָט געמוזט פּלעכטן „צעפּ", פון די פאַרבלוטיקטע מלבושים, וואָס די דייטשן האָבן אַריינגעשיקט אין געטאָ פון די אויסגעהרגעטע יידן. פון דעם האָבן יידן געמוזט וועבן דיוואַנען פאַר די דייטשן. מרים אולינאָווער האָט נישט געהאַט קיין שמאַטעס. די פּראָדוקציע האָט זי אָבער געמוזט צושטעלן, אויב נישט האָט זי נישט באַקומען די זופּ, וואָס איז געווען דער גאַנצער טאָג לעבן. אַזוי ווי בלושטיין

האָט געאַרבעט אין דער פאַרבעריי, וואו מען האָט איבערגעפאַרבט די פאַר־בלוטיקטע מלבושים, האָט ער איינגעשטעלט זיין לעבן — יעדן טאָג האָט ער אַרויסגעגנבעט אַ פעקל שמאַטעס און געבראַכט צו איר, אַזוי אַרום האָט זי שוין יעדן טאָג באַקומען אַ וואַסערדיקע זופּ. נישט איינמאָל, גייענדיק איבער די גאַסן מיט אַ פעקל שמאַטעס, ווען אַ פּאָליציאַנט האָט אויף אים אָנגעשטעלט די אויגן, אַט־אַט וועט ער אים רעווידירן, האָט בלושטיין געפילט אַז דאָס האַרץ שטעלט זיך אים אָפּ. פאַר אַזאַ „פאַרברעכן" האָט מען געשיקט אין גאַז־קאַמער אַריין.

מרים אוליניאָווער איז געווען די ערן־פאַרזיצערין פון דער אונטער־ערדישער גרופּע יידישע ליטעראַטן אין לאָדזשער געטאָ (אלתר שנור איז געווען דער סעקרעטאַר, ער האָט געשריבן די פּראָטאָקאָלן). ביי מרימען אין הויז איז אויך פאָרגעקומען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און אויך אַלע זיצונ־גען. מען האָט זיך צוגעהערט צו איר וואָרט.

ווען עמיצער פון די שרייבער האָט עפּעס אָנגעשריבן, האָט ער עס פאַר איר פאָרגעלייענט. זי האָט געזאָגט איר מבינות, זי האָט אָנטייל גענומען אין די דיסקוסיעס, אַרויסגעזאָגט שאַרפע און לאָגישע געדאַנקען און שטאַרק דערמוטיקט יעדן שרייבער, ביי וועלכן זי האָט געזען טאַלאַנט. די ליטעראַטן פלעגן זיך צונויפקומען איין מאָל אין וואָך און יעדער האָט פאָרגעלייענט זיין לעצטע שאַפונג.

בלושטיין האָט אַצינד נאָך אַלץ געשלונגען די לידער פון מרים אולי־ניאָווער אין אַן איין איינציק דערשינענעם ספרל, „דער באָבעס אוצר". אין צימער איז געווען שטיל ווי אין אַן אויער. ווען מרים אוליניאָווער האָט פאַר־ענדיקט דאָס אויסבעסערן איר מאַנוסקריפּט, האָט זי אַ זאָג געטאָן: „נו, חבר בלושטיין, לייגט אַוועק דאָס בוך, זעצט זיך מיט אונז ביים טיש, איך וועל פאָרלייענען מיינס אַ נייע שאַפונג". איר פּנים האָט אויסגעדריקט: געבעט, צודרינגלעכקייט, נייגעריקייט און אומגעדולד.

בלושטיין האָט באַלד אויסגעפירט איר פאַרלאַנג.

זי: דאָ האַלט איך אין מיינע הענט פּופּציק מיינע לידער, דער ציקל הייסט „כעלמיאַדע" און זי האָט פאָרגעלייענט עטלעכע לידער. דאָס איז געווען געשריבן אין דעם זעלבן סטיל ווי „דער באָבעס אוצר", נאָר דאָ האָט זי איבערגעאַרבעט איינגעזאַמלטן פאָלקלאָר וועגן כעלם. ביי יעדן ליד האָבן אַלע געלאַכט פון די „חכמות" פון די כעלעמער. דערנאָך האָט מרים אולי־ניאָווער אַרויסגענומען פון אַ שיפלאָד אַ פעקל כתבים און געזאָגט: „דאָס איז אַ ציקל פון דרייסיק לידער אונטערן נאָמען ,מיין זיידנס אוצר' ". בלושטיין האָט איר געבעטן זי זאָל לייענען כאָטש עטלעכע לידער און אלתר שנור און זלאַטע זיינען אויך צוגעשטאַנען. זי האָט דאַן אויסגעפירט זייער בקשה. דאָס זיינען געווען מעשהלעך, ווערטלעך פון און וועגן זיידן, פּונקט ווי „דער באָבעס אוצר" וועגן און פון דער באָבען.

מרים אוליניאָווער האָט נישט געלייענט אירע לידער, נאָר ממש זיי אויסגעזונגען. זי האָט זיי אויסגעשפּילט מיט אַלע אירע רמ"ח אברים. זי האָט

אַלע אירע לידער געקענט אויף אויסנווייניק, אָבער געלייענט האָט זי פון פּאַפּיר.

אַלע דריי צוהערער זיינען באַגייסטערט געוואָרן פון די שאַפונגען. בלושטיין האָט געזאָגט מיט עקסטאַז: „חברטע אולינאָווער, איך דאַנק אייך האַרציק פאַר דעם נחת־רוח וואָס איר האָט אונז פאַרשאַפט". זי האָט געמאַכט אַ מינע וואָס האָט אויסגעדריקט: „ע, עס איז נישטאָ פון וואָס באַגייסטערט צו ווערן". און אַ זאָג געטאָן: „די דאָזיקע צוויי ציקלען לידער האָב איך נאָך אָנגעשריבן פאַר דער מלחמה. איך האָב לײדער נישט געהאַט וואו זיי אָפּצודרוקן. עטלעכע לידעלעך פון דער „כעלמיאַדע" האָב איך יאָ פאַרעפנט־לעכט אינעם „אינדזל" ביי זישע באַגישן". בלושטיין האָט עפּעס אַ צופּ געטאָן אין האַרצן: „עס זאָלן נאָר, חלילה וחס, די לידער נישט פאַרלוירן ווערן. אויב חלילה יאָ, וועט די יידישע ליטעראַטור פאַרלירן בריליאַנטן און פּערל".

מרים אולינאָווער האָט געבעטן בלושטיינען און אלתר שנורן זיי זאָלן אויך פאַרלייענען זייערע שאַפונגען.

„אַז לייענען וועל איך נאָר אייערע לידער פון ,דער באָבעס אוצר', איר מוזט עס מיר דערלויבן", האָט זיך בלושטיין געבעטן און זיין פּנים און אויגן האָבן אויסגעדריקט אַזויפיל געבעט, אַז זי האָט אויף אים רחמנות באַקומען און זי האָט געזאָגט: „איך דערלויב אייך".

אין בלושטיינען האָט זיך דערוועקט דער אַרטיסט־דעקלאַמאַטאָר. ער האָט גענומען דאָס ביכל, אויפגעמישט און האָט געזאָגט: „אַלע לידער זיינען אייגנאַרטיק. איר וואָלט געוואָלט לייענען פון אייערע כלה־לידער, אָבער איך וועל בעסער לייענען דאָס לירישע ליד, וואו מען זעט ווי אונזערע באָבעס און זיידעס האָבן מיטגענומען מיט זיך די מנהגים, וואָס מיר וויסן שוין היינט פון זיי גאָרנישט. נאָר איר חברטע אולינאָווער האָט זיי איינגעזאַמלט אין לידער". און בלושטיין האָט אָנגעהויבן לייענען:

נאָך תשעה באב

כ'בין אַ קינד געווען — דערציילט די באָבע לעב —\
אַ קליינטשיק מיידעלע\
ביגעוואוינט האָב איך אין מיין אָרעם שטעטעלע;\
תשעה באב שוין מוצאי תענית,\
ס'לויפן מאַנסבילן, ווייבער, קינדער\
יעדעס נפש מיט זיין קינד.\
לויפט מען אויף די גרויסע וואונדער\
אויף דער נאַכטלעך שוואַרצער לאַנקע,\
און מען וואַרפט צענויף די קינהס —\
און עס שלענגלט זיך אַ פלעמל,\
נאָר אַ קליינטשיקס און אַ דינעס...\
נעמט מען פרישן פעך דערגיסן

צו דעם באַרג פון קינהס, איכהס —
מאַכט זיך צווישן ערד און הימל
אַ פייערדיקער שייכות...
שטייט מען, קוקט מען אויף די וואונדער:
וואָס מיר זיינען, וואָס מיר קענען,
ווי אַזוי אין פעלד אין ריינעם
טוט דער וויסטער גלות ברענען,
ווייט אַרום האָט זיך דאָס פייער
אין די דערפער אָפּגעשלאָגן...
פון דער לאַנקע האָט אַ נאַכט־ווינט
אונז צוריק אַהיימגעטראָגן.
איבער סעדער איבער גערטנער
צו אַ ליכטיקן נייעם מאָרגן.
נישט געוואָלט אויפס יאָר מיין שטעטל
זיך מיט קינהס פריש פאַרזאָרגן.

„פון דעם דאָזיקן מנהג ווייסן מיר שוין גאָרנישט היינט. דאָס האָט דאָך די באָבע אַמאָל דערציילט פון איר קליין שטעטעלע". האָט בלושטיין געזאָגט. ער האָט איבערגעמישט אַ בלעטל און דערזען דאָס ליד וועגן קמצן. האָט ער געזאָגט: „ווי סאָציאַל און טיף־מאָראַליש אונדזערע עלטער־עלטערן האָבן אַמאָל געלעבט; אפילו נאָך דעם טויט פון קמצן איז פאַרשאָלטן דאָס אָרט וואו ער האָט געוואוינט" — ער האָט גענומען לייענען:

דעם קמצנס שטוב

צווישן וועגן ווילד פאַרוואַקסן
ווענט פאַרהויקערטע פון שאַנד
מיט געליימטע הענט צו געבן
וואוינט דער קמצן פון דעם לאַנד —
איינמאָל נאָר אין שבת־שירה
שיט ער ברויזן אין דער גאַס,
פייגל שלייפן זיך די פיסקלעך —
פיקן? — חלילה וחס!
ס'שטייט ביי אונדז אין אַלטן ספר
מיטן איינגעקנייטשן ראַנד,
אַז אַ פויגל וועט נישט פּיקן
וואו עס הערשט אַ קאַרגע האַנט...
לאַנג פאַרוואָרפן איז דאָס ספר
און דער קמצן שוין אין גרוב
מיט אַ גרויסן ברייטן בויגן
מיידן פייגל אויס די שטוב.

בלושטין האָט אויסגעזונגען די לידער מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים און ער האָט פאַרענדיקט מיט זשעסטן, ווי פייגל פליען. אַלע האָבן אים שטאַרק אַפּלאָדירט און מרים אולינאָווער האָט געזאָגט: „ווען איר, חבר בלושטיין, לייענט פאַר מיינע לידער פאַרשטיי איך זיי בעסער". „אַ שיינעם דאַנק חברטע אולינאָווער", האָט בלושטיין געזאָגט און עס איז אים געוואָרן עפּעס אַזוי גוט אויפן האַרצן און אויף דער נשמה פון די לידער און ער האָט געטראַכט: „פּונקט ווי אַ בשמים־ביקסל און אַנדערע יידישע אַנטיקן, דאַרף זיך דאָס בוך געפינען אין אַלע יידישע היימען. אין דעם בוך איז פאַראייביקט אַ שטיק יידיש לעבן פון אונדזערע קדושים און פון דעם בוך קענען יידן שעפּן כוח צו בלייבן יידן.

* * *

בלושטיינען איז געפעלן דער קאָמפּלימענט. דאָס האָט מען געזען פון דעם אויסדרוק אויף זיין פּנים. מרים אולינאָווער איז שטאַרק צו אים צוגעשטאַנען ער זאָל כאָטש פאַרלייענען איינס פון זיינע לידער. אויב נישט וועט זי זיך פילן טיף באַליידיקט.

„אויב אַזוי וויל איך אייך חלילה נישט ווי טאָן חברטע אולינאָווער. איך וועל לייענען אַ קורץ לידעלע וועגן דער טרויעריקער „שפּערע" א. נ.

צווייגן

עס טרעפט: ס'כאַפּט איינעם אַ פּוריע,
ברעכט ער צווייגן פון ביימער
און שלידערט זיי צו די ערד;
אַזוי האָבן „זיי" אָראָפּגעבראָכן,
אונדזערע קינדער פון מאַמעס הענט,
געשלידערט צו דער ערד
און צעשמעטערט!
עס טרעפט: אַמאָל היבט ווער אויף
אַן אָפּגעבראָכן צווייגל,
טראָגט זיך דערמיט אַרום
און באַדויערט עס.
ווער קען אויפהייבן אונדזערע קינדער
און זיי באַדויערן?
קיינער, קיינער, קיינער!...

בלושטיינען האָבן געשטיקט טרערן אין האַלדז. אין מרים אולינאָווערס אויגן זיינען געשטאַנען טרערן. אלתר שנור און זלאַטע האָבן שטיל געוויינט: דאָס ליד האָט זיי דערמאָנט אָן זייערע צוויי קינדער, וואָס די דייטשן האָבן ביי זיי אַוועקגעריסן אין דער „שפּערע". עטלעכע מינוט האָט געהערשט אַ טראַגיש־טרויעריקע שטילקייט. זיי האָבן נאָך געשמועסט וועגן דער „שפּערע" און ווען עס איז טונקל געוואָרן האָבן זיי זיך געזעגנט און מרים אולינאָווער האָט זיי

אַרויסבאַגלייט צו די שטיגן מיט אַ ברכה: „גאָט זאָל העלפן איר זאָלט באַלד קענען קומען מיר אָנזאָגן די בשורה, אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט".

און אַלע דריי האָבן איר אָפּגעענטפערט: „אמן!" וואָס האָט אָפּגעהילכט איבער דעם טרעפּן הויז.

* * *

בעת דער ליקווידאַציע פון לאָדזשער־געטאָ — דאָס איז געווען אין חודש אויגוסט 1944 — נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומיאָגן זיך מיט די „עס־עס" און „שופּע" (קרימינאַל פּאָליציי) איז בלושטיין אין אָוונט אַרויפגעלאָפן אין דער וואוינונג פון מרים אולינאָווער געוואויר ווערן וואָס עס הערט זיך ביי איר. האָט ער גאָר געטראָפן איר עלטערע טאָכטער וויינען אויפן הויכן קול, האלטנדיק איר פינף יאָריק יינגעלע אין די אָרעמס, טוליענדיק אים צו זיך. זי האָט געוויינט פאַרוואָס זי האָט נישט געקענט פאָרן צוזאַמען מיט איר מאַמען. זי האָט כסדר איבערגעחזרט: „מאָרגן באַלד אינדערפרי וועל איך מיך אַליין צושטעלן מיטן קינד, אפשר וועל איך זי נאָך טרעפן, מיין טייערע מאַמעשי, איך וועל זי זיכער טרעפן, מיין מאַמעשי, מיין טייערע מאַמעשי".

צומאָרגנס באַלד אינדערפרי האָט זי זיך טאַקע צוגעשטעלט מיטן קינד.

דער גאָספּאָדאַזש

שלמה פיין איז געווען דער גאָספּאָדאַזש (באַלעבאָס) איבער דער „כעמי־שער אָפּפאַל פּערווערטונג". פיין איז געווען פון מיטעלן וואוקס, אַ קיילעכ־דיקער, מיט אַ רונד געזיכט, מיט אַ פליישיקער נאָז און גרויסע שוואַרצע אויגן. ער האָט געהאַט אַ בייכל. די פיינס זיינען געווען פיר ברידער. צו זיי האָט געהערט דער שטח, וואו עס האָבן זיך געפונען די פאַרבעריי און די „כעמישע אָפּפאַל פּערווערטונג". זיי האָבן אויך געהאַט אַ גרעסערע פאַבריק אין שטאָט אין פוילישן געגנט, וואו זיי האָבן געוואוינט אין אַ שיין הויז. דאָרטן האָט מען אויסגעאַרבעט: אויל, מאַרגאַרין, ריצנאייל און זייף. דאָס האָבן די דייטשן צוגענומען באַלד ביים פאַרכאַפּן די שטאָט. פעטס איז באַלד געוואָרן אין „בעשלאַג". פון דער פאַבריק אויף מרדכי גבאיס גאַס האָבן די דייטשן אַלצדינג אַרויסגערויבט און איבערגעלאָזט די ליידיקע מויערן.

ביידע פאַבריקן האָט דער פאָטער, דער אַלטער פיין, אויפגעבויט. ער איז געווען אַ חסידישער ייד. ער איז נאָך פאַר דער מלחמה געשטאָרבן. אַצינד וואוינען דאָ אין זיין וואוינונג אַלע פיר זין מיט די ווייבער און קינדער. יעדער האָט צו צוויי שטיבן, נאָר שלמה וואוינט אונטער אַ דאַך־שטוב, וואו עס איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן דער יידישער גבור זישע ברייטבאַרד, וואָס האָט אַ סך כבוד געבראַכט זיין פאָלק, און איז אַזוי טראַגיש געשטאָרבן צוליב אַן אַנטיסעמיטיש שפּיצל. ער, שלמה פיין, האָט געהאַלטן אין איין דערציילן נסים ונפלאות פון זישע ברייטבאַרדן. זיי האָבן זיך דערצויגן אויף איין הויף, געלערנט אין איין חדר.

דעמאָלט איז נאָך זיין טאַטע נישט אַזוי רייך געווען.

די דריי ייִנגערע ברידער זיינע האָבן געענדיקט אַ פּוילישע גימנאַזיע, און שלמה האָט זיך נישט געוואָלט לערנען. ער האָט זיך געחברט מיט באַלעגאַלעס און הינט־שלעגער. ער האָט געגנבעט ביים טאַטן געלט און ער איז אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. צום סוף איז ער צוריק אַהיים געקומען און מען האָט אים חתונה געמאַכט מיט אַן איידעלער פרוי, וואָס ער האָט גראָב באַהאַנדלט און זי האָט ביי אים געהאַט אַ וויסט לעבן. קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט.

אַלע דריי ברידער האָבן אין געטאָ פאַרנומען הויכע אַמטן: איינער האָט געהערט צום ביי־ראַט (יודן־ראַט) און ער איז געווען דער קעראָווניק פון „באַקליידונגס־אַמט". איינער איז געווען קעראָווניק אין דער גאַרבעריי און איינער איז געווען קעראָווניק איבער אַ וועשעריי: די דייטשן האָבן אַהער אַריינ־געשיקט אויסצוואַשן און צו פאַרריכטן די פאַרבלוטיקטע מונדירן, שינעלן און וועש פון די סאָלדאַטן פון די פראָנטן. שלמה איז נאָך געבליבן ביי זיין ייִדישן נאָמען. די אַנדערע ברידער האָבן זיך געגעבן פּוילישע נעמען: „וולאַדעק, סטאַשעק, יאַנעק.

שלמה פיין איז דאָ געווען גאָספּאָדאַזש, כאָטש אַלצדינג האָט אַצינד גע־געהערט צום „קייסער" רומקאָווסקי, האָט ער, שלמה, זיך געפירט און געפילט דער באַלעבאָס: אי איבערן שטח, אי איבער די אַרבעטער. די ברידער האָבן אים טאַקע דאָ אַריינגעשטעלט ער זאָל אַכטונג געבן איבער דעם מאַיאָנטעק, וויל נישט אייביק וועט דאָך די מלחמה דויערן, און דאָס אַלץ וועט צוריק זיין זייערס.

שלמה פיין האָט נאָכגעקוקט יעדן אַרבעטער, ווי אַזוי ער אַרבעט, צי אַרבעט ער נישט צו־פּאַמעלעך. ער שטעכט זיי מיט די אויגן. קיינמאָל איז ער נישט צופרידן, בייזערט זיך און שרייט: „איר זענט קיין מענטשן נישט! לערנט איך ביי מיר! איך מוז אייך מאַכן פאַר מענטשן! אַזוי זיצט מען? אַזוי שטייט מען? אַזוי רעדט מען?"

נישט איין מאָל האָט ער געשלאָגן די אַרבעטער. ער האָט אונטערגעפירט דעם קעראָווניק, אַז מען זאָל באַזוכן די אַרבעטער ביים אַהיים גיין. און דאָס האָט בלושטיין געמוזט טאָן. נישט איין מאָל האָט ער זיך אויך געטשעפּעט צו בלושטיינען.

שלמה פיין האָט זיך גוט צונויפגעפּאַרט מיט שפּילקען, דער קעראָווניק פון דער פאַרבעריי. שפּילקע איז געווען אַ נידעריקער מיט אַ הויקער פון פאָרנט און פון הינטן. דערצו האָט ער אויסגעזען ווי אַ פאַרזעעניש. געקוקט האָט ער מיט פוקסענעם בליק און ווי אַ בייזער הונט.

שפּילקע האָט מיט אַ סאַדיסטישער הנאה געפּייניקט זיינע אַרבעטער. עלטערע פרויען האָט ער געשיקט דורך אַ לייטער אויף אַ דאַך מיט שווערע עמערס איבערגעפאַרבטע נאַסע וועש, דאָס צעשפּרייטן אויפן דאַך עס זאָל זיך אויסטריקענען (וועש פון די אויסגעהרגעטע ייִדן, וואָס די דייטשן האָבן דאָ אַריינגעוואָרפן און פון דעם האָבן ייִדן געמוזט וועבן דיוואַנען פאַר די דייטשן). ער יאָגט און טרייבט־אונטער ביי דער אַרבעט, אַז מען זאָל אַרויסגעבן וואָס

מער פּראָדוקציע. נאָך צען־צוועלף שעה אַרבעט, ווען אַלע חושים און אַלע אברים ציען אַהיים צו עסן ס׳ביסל זופּ, באַפעלט שפּילקע עטלעכע פּרויען זיי זאָלן בלייבן ביז צוועלף ביינאַכט אין פאַבריק אויף „על. עס. ווי.״ (לופט־שוץ־וואַכע).

בלושטיין האָט געפילט, ווי די נערוון ביי די פרויען פּלאַצן, אָבער זיי האָבן מורא געהאַט אַ וואָרט צו רעדן. האָט זיך בלושטיין אָנגערופן: „וואָס ווילט איר פון די אומגליקלעכע פרויען? לאָזט זיי גיין אַהיים אָפּקאָכן און עסן ס׳ביסל זופּ!״

האָט זיך שפּילקע אויף אים צעשריגן: „נישט אייער עסק! מישט אייך נישט אַריין! נישט געגנוג, וואָס איר פירט נישט אויס ווי געהעריק אייער דינסט, מישט איר זיך נאָך אַריין צו מיר?!״

פאַר דער מינדסטער קלייניקייט האָט דער קעראָוניק געקענט אַרויסשיקן פון געטאָ, און דאָס האָט געמיינט — צום טויט.

איין מאָל איז שפּילקע אַריינגעקומען אין דער „פאַרטיערניע״ און אַרויס־גערופן בלושטיינען, ער זאָל אויפעפענען דעם טויער. באַלד איז פון דער פאַבריק אַרויסגעפאָרן אַ יידישער באַלעגאָלע מיט אַ ראָל וואָגן מיט הויכע ווענט. שפּילקע איז צו־קליין געווען (ער איז געווען אַ גאַנץ נידעריקער) ער זאָל אַרויפשפּרינגען אויפן וואָגן קאָנטראָלירן. דער באַלעגאָלע האָט געהאַט געבראַכט אַ וואָגן קוילן פאַר דער פאַבריק. קוילן איז געווען אין „בעשלאַג״. האָט ער, שפּילקע, געהייסן בלושטיינען אַרויפקריכן אויפן וואָגן קאָנטראָלירן. דער באַלעגאָלע איז געזעסן אויפן וואָגן מיט די לייצעס אין די הענט. זיין האַרץ האָט אים געקלאַפּט פון שרעק. בלושטיין גיט אַ קוק: דער וואָגן איז ליידיק, נאָר אין איין ווינקל, טאַקע איבערן אַקס, וואו ער שטייט, ליגט צוגעדעקט אַ שטיק קויל מיט דעם באַלעגאָלעס פוטער. דאָס שטיק קויל איז אַזוי גרויס אַז דער פוטער איז עס נישט בכוח צו פאַרדעקן.

דער הויקערדיקער שפּילקע האָט געפאָרשט בלושטיינס פּנים. כאָטש בלושטיין האָט דעם באַלעגאָלע געזען צום ערשטן מאָל. דאָך האָט ער אים נישט געוואָלט „פאַרשיטן״. בלושטיין האָט געטראַכט: „אַרויסלאָזן אים אויף דער גאַס, טאָמער וועט אים אַ פּאָליציאַנט טרעפן מיט דער גנבה, וועט ער מיטן באַלעגאָלע אַרויסגעשיקט ווערן פון געטאָ אויפן טויט. ווען שפּילקע וואָלט דאָ נישט געשטאַנען, וואָלט ער אים אפשר געהייסן — שטילערהייט, קיינער זאָל נישט זען — צוריקלייגן, נאָר אַזוי ווי שפּילקע איז דאָ, וועט ער אים זיכער נישט דורכלאָזן אָן אַ שטראָף און מען קען אים דערפאַר אַרויסשיקן פון געטאָ, און מיט אים זיין גאַנצע משפּחה.

וואָס זאָל איך טאָן? — האָט בלושטיין זיך געפרעגט, — אפשר האָט שפּילקע מיט זיין פוקסישן בליק באַמערקט די גנבה, נאָר ער פּרואווט מיך אויס? אָבער דאָס איז דאָך נאָר אַן אפשר, און דאָס זיכערע איז דאָך, אַז דער באַלעגאָלע וועט גיין צום טויט מיט זיין משפּחה, אויב איך וועל אויפדעקן די גנבה. האָט בלושטיין אַ געשריי געטאָן, ווי קיינמאָל גאָרנישט: „וויאָ!״ מיט אַזאַ כוח און מיט אַזאַ זיכערקייט. ער האָט אַ שפּרונג אַראָפּ געגעבן, און

דער באַלעגאַלע האָט אַ שטאַרקן צי געטאָן די לייצעס און אַ שמיץ מיט דער בייטש, אַז מיטן אויגן־בליק איז ער געווען אויף דער גאַס. (דאָס איז געווען אַ פערד פון אויסערן געטאָ. די יידישע באַלעגאַלעס האָבן איבערגענומען די פערד־און־וועגענער אויפן „גייטראַלן פּלאַץ״ — אויפן „באַלוטער־רינג״, און צוריקגעגעבן די פּוילישע אָדער דייטשישע באַלעגאַלעס). בלושטיינען האָט נאָך דער פּאַסירונג אַ לענגערע ווײַלע דאָס האַרץ געקלאַפּט. שפּילקע האָט זיך פון דער גנבה קיינמאָל נישט דערוואוסט.

* * *

עס זיינען אָריינגעקומען לידיקע זעק פון צוקער אויסצואוואַשן. אײדער מען האָט זיי אַריינגעלאָזט אין קעסל, דער דאַמף זאָל פון די זעק אַרויסציען דעם צוקער, האָט מען די זעק אַרויפגעצויגן אין דער גאַנצער ברייט אויף האַקעס. ביים איבערדרייען די זעק אויף דער לינקער זייט, קראַצן די אַרבעטער אויס בגנבה דעם צוקער מיט לעפלען און פּאַקן אין די מיילער דעם שמוציקן צוקער: מיט האָר פון זעק, מיט שטויב, בלאָטע און זאַמד. שלמה פּיין וויל אָבער אויך אָפּלעקן פון דעם „ביין״. די אַרבעטער האָבן שוין באַוויזן פריער פון דעם צו געניסן.

דער נידעריקער רוביטשעק האָט צוגעטראָגן שלמהן די מסירה, אַז „דער ישיבה־בחור זילבערבערג האָט שוין ערגעץ באַהאַלטן אַ מאַנאַשקע צוקער״. איז שלמה פּיין אַרויפגעפאַלן אויף זילבערבערגן מיט זיין לשון: „דו באַנק־קוועטשער! אויסגעדריקטע לימענע! אויסגעוויקטער הערינג! וואַיזוסע! וואָס באַדאַרפסטו נאָך צוקער?! דו האָסט דאָך שוין נישט קיין פּיצעלע לונג אין דיר! אַ שאָד וואָס מאַכסט קאַליע די פּאָר דעקאַ ברויט, דאָס ביסל זופּ! אַ ליאַדע מינוט וועסטו דאָך פּגרן, „קלאַפּסידרע״! דער מלאך־המות האָט דיך שוין אָפּגעחתמעט! וועסט שוין באַלד אָפּגעבן די ברויטקאַרט! אין מיין פאַבריק וועסטו קיין צוקער נישט פּרעסן!״

זילבערבערג ענטפערט אים גאָרנישט. אויך די אַרבעטער שווייגן.

ווען פּיין איז אַוועקגעגאַנגען, האָבן די אַרבעטער געהאַט טענות צו רו־ביטשעקן. זיי האָבן אים געזידלט און געמאַכט מיט בלאָטע צוליב פאַר זיין מסר׳ן.

רוביטשעק האָט זיך צעוויינט און געזאָגט: „אין אַלע צרות זיינען שולדיק די אָסט־יודען, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט ווערן אויס יודען, און אים איז נישט קיין אונטערשיד צי יאָ אַיין יודע צי נישט קיין יודע״.

און עס איז אַוועק אַ שמועס וועגן יידן און נישט־יידן, און אַז יידן ליידן פון אַלע פעלקער.

* * *

שלמה פּיין האָט שוין אויסגעשמעקט יעדעס ווינקל און ער קאָן אַלץ נישט דערגיין, וואו זילבערבערגס מאַנאַשקע מיט דעם צוקער איז דאָ. און פּלוצים שטעלט ער זיך אַוועק צווישן די אַרבעטער און ער דערציילט: „אַי, האָב איך אַמאָל געהאַט צייטן! איך בין אויסגעפאָרן די גאַנצע וועלט. נישטאָ קיין לאַנד, וואָס איך האָב נישט באַזוכט. אַפילו אין אַרגענטינע בין איך געווען! איך

האָב דאָרטן געקויפט גאַנצע שיפן מיט פעטס פאַר אונזערע פאַבריקן. איך האָב פאַרזוכט די בעסטע עסנס פון אַלע פעלקער און די שענסטע נקבות פון אַלע פעלקער! איך קען רואיק שטאַרבן! אָבער איר, וואָס האָט איר געגעסן פון לעבן? דאָס בעסטע עסן האָט געהאַט רומעניע. דאָרטן איז אַמביליקסטן. און ווין האָב איך דאָרטן געטרונקען, אַזוי ווי איר וואַסער! און דו, „קלאַפּ־סידרע", — זאָגט ער צו זילבערבערגן, דעם ישיבה־בחור, — וועלכע נקבות האָסטו פאַרזוכט? און אין וועלכע לענדער ביסטו אויסגעפאָרן?"...

„הערט פאַניע פיין: אַ פערד פאָרט אויס די גאַנצע וועלט און קומט צוריק אַ פערד!" — האָט זילבערבערג אים געענטפערט, און אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

„דו וועסט שוין זען „קלאַפּסידרע", וואָס אַ פערד קען מאַכן!" — האָט פיין אים געדראָט, און ער האָט געהאַלטן וואָרט: צוויי מינוט פאַר דעם אַהיים גיין פון דער אַרבעט, זיינען פיין און שפּילקע צוגעקומען צו בלושטיינען אין דער „פאַרטיערניע". שפּילקע האָט אַ זאָג געטאָן: „פאַניע בלושטיין, אַצינד מאַכט אַ רעוויזיע!" און ביידע האָבן זיך אָוועקגעשטעלט ביי דער טיר, וואו די אַרבעטער גייען אַדורך.

בלושטיין האָט געזען, אַז עס איז שלעכט: ער קען נישט מודיע זיין קיינעם פון די אַרבעטער. באַלד האָט ער געמחט קלינגען און ער האָט נישט געוואוסט וואָס פאַר אַן עצה זיך צו געבן: „עס איז פאַרפאַלן! עס איז נישטאָ קיין צייט צו טראַכטן". בלושטיין האָט שנעל אויפגעפּראַלט די טיר, וואָס פירט צו דער גאַס. דער קעראַוואָניק שפּילקע און דער גאַספּאַדאַזש פיין זיינען געשטאַנען ביי דער טיר, וואָס פירט פון דער פאַבריק, דאָרטן וואו בלושטיין דאַרף רעווידירן. בלושטיין האָט זיך אָבער אַריינגערוקט וואָס טיפער צו זיין טיש, כדי ער זאָל זיין וואָס וויטער פון זייערע אויגן, זיי זאָלן נישט קענען זען גענוי, וואָס ער טוט. ווען די אַרבעטער זיינען אָנגעקומען און זיי האָבן געזען ביידע מחבלים, איז זיי פינצטער געוואָרן אין די אויגן. זייערע הערצער האָבן געקלאַפּט און זיינען געבליבן שטיין. בלושטיין האָט דיקטאַטאָריש אַ געשריי געטאָן: „אַלע אַהער צו מיר! רעוויזיע!"

יעדער אַרבעטער איז צו אים צוגעגאַנגען. בלושטיין איז מיט זיינע הענט אַריבערגעפאָרן זייערע מלבושים פון אויבן ביז אונטן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיינע הענט זיינען געוואָרן שלאַנגען, און די אַרבעטער האָט זיך געדאַכט, אַז עקלדיקע שרצים לויפן איבער זיי.

בלושטיין האָט ביי טייל עפּעס אָנגעטאַפּט אין די קעשענעס. ער האָט אַריינגעקוקט אין זייערע טעפּ מאַנאַשקעס, און ביי טייל געטראָפן אַביסל קאַר־טאָפל־שאָלן. ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער זעט גאָרנישט. עס איז צוגעקומען זילבערבערג. ער איז בלאַס געווען. די נשמה איז אים ממש געלעגן אויף דער נאָז. זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן זיינען אים אומרואיק געלאָפן, און אין האַרצן האָט ער תפילה געטאָן. שלמה פיין איז אַצינד געשטאַנען ווי אַ זייגער. ער האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער, אויסגעצויגן דעם קאָפּ און שוין געוואָלט זען זילבערבערגס מפּלה. ווען בלושטיין האָט אים באַזוכט און האָט

פון אים גענומען די מאַנאַשקע, האָט ער באַלד דערפילט, אַז זי איז עפּעס צו־שווער. זילבערבערג האָט געהאַלטן אין איין שעפּטשען: „אוי, מיט רחמנות! אוי, מיט רחמנות!״ בלושטיין עפנט־אויף דאָס דעקל און עס ווערט אים אַזש נישט גוט — אַ פולע מאַנאַשקע צוקער. דאָס האָט באַדאַרפט זיין ווייסער אָדער ברוינער צוקער. דאָ איז ער געווען גרוי ווי טונקעלער אַזש, אויסגעמישט מיט האָר פון זעק. בלושטיין האָט שנעל צוגעמאַכט און אַ זאָג געטאָן: „דער נאָענטסטער!״ זילבערבערג האָט פרייער אָפּגעאָטעמט און איז אַוועק. ביי די לעצטע אַרבעטער איז שוין נישט פיין און נישט שפּילקע געשטאַנען, און בלושטיין האָט זיי בכלל נישט באַזוכט.

מיט עטלעכע מינוט שפּעטער איז פיין געקומען מיט אַ געוואַלד אויף בלושטיינען: „איר רעווידירט?! איר מיינט, אַז איך ווייס נישט?! וואָס האָט זילבערבערג אַרויסגעטראָגן אין דער מאַנאַשקע?! אַ פולע מאַנאַשקע צוקער!? האַ?! איר זייט פאַראַנטוואָרטלעך! נאָך אַמאָל וועל איך אַרויסגיין אין גאַס און נאָך אייער רעוויזיע וועל איך אַלע באַזוכן, און איך וועל אייך שוין אָנ־לערנען! וואָס וועט איר טאָן, אַז פּאָליציי אויף דער גאַס וועט אים פּאַקן? איר וועט מיט אים אינאיינעם גיין אין תפיסה אריין! „טשאַרניעצקיעגאָ!״

„וואָס ווילט איר? וואָס קאָכט איר זיך אַזוי? ער האָט גאָרנישט געהאַט. וואָס ווילט איר פון אים האָבן? ער ציט קוים דעם אָטעם. ער האָט לעכער אין די לונגען. עס איז נעבעך אַ גרויס רחמנות אויף אים און אויף זיין ווייב און קינד״.

„עס איז אַ שאָד דאָס שטיקל ברויט, וואָס ער מאַכט קאַליע, דער ישיבה־בחור! — קאָכט זיך שלמה ווייטער, — ער איז שוין אַ קלאָפּסידרע!״

„פּאַניע פיין!״ — האָט אים דער קעראָווניק גערופן, און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

בלושטיין האָט געזוכט אַן עצה, ווי אַזוי זעצט מען אים אַוועק ער זאָל נישט אַזוי שפּרינגען אויף די קעפּ פון די אַרבעטער און עס זאָל קיין שלעכטס נישט געשען. און אין דעם זעלבן אָוונט האָט ער דאָס דערגרייכט.

עס איז געווען שפּעט אין אָוונט. בלושטיין איז געזעסן אין דער „פּאַרטיערניע״ און פאַרצייכנט אין זיין ספר הזכרונות די וויכטיקסטע פּאַסי־רונגען פון היינטיקן טאָג אין געטאָ. אין דעם האָט ער געהערט פון פאַבריק־הויף אַ קלאַפּן און אַן אָפּהילך, ווי מען וואָלט עפּעס געוואָרפן אין אַ בלעכענער כלי. בלושטיין איז אַרויסגעגאַנגען און ער האָט עקסטרע צוגעקלאַפּט די טיר, עס זאָל זיך הערן, אַז ער גייט.

עס איז געווען שטיל אויפן הויף. אַלע מאַגאַזינען און באַטריבן זיינען געווען פאַרבלאָמבירט. אַ פולע לבנה האָט באַלויכטן. בלושטיין איז גלייך צוגעגאַנגען צום בערגל קוילן און ער האָט געטראָפן שלמה פיין מיט אַ ברודער מיט צוויי בלעכענע עמערס אָנגעשאָטן מיט קוילן. בלושטיין האָט נאָר געזאָגט „גוטן אָוונט!״ ביידע האָבן אים געענטפערט: „אַ גוטן אָוונט אַ גוט יאָר, פּאַניע בלושטיין!״ דריי פּאָר אויגן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן, און אַלע דריי האָבן צו זיך גערעדט אָן ווערטער.

בלושטיין איז צוריק אריינגעגאנגען אין דער פארטיערניע און גע־טראכט: „אצינד האב איך אים אין די הענט. א, ער וועט שוין אצינד נישט אזוי שפרינגען איבער די קעפ פון די אומגליקלעכע ארבעטער". און אזוי איז טאקע געווען.

פיינס גנבה איז ביי בלושטיינען געבליבן א סוד.

* * *

ווען בלושטיין איז געקומען אין פאבריק אריין צו דער ארבעט, איז עס פאר די ארבעטער געווען א שטיקל ישועה.

די פרוי וואלף ארבעט דא אין באטריב ביים איבערקלויבן די קאר־טאפל־שאלן, עס זאלן זיך צווישן זיי נישט געפינען קיין שטיינדלעך אדער גלאז, אידער מען לייגט זיי אריין אין די „וועלף" (מאשינען מיט שארפע ציין, וואס מאלן צערייסן), כדי זיי זאלן זיך נישט צעברעכן די ציין. זי האט דריי קליינע קינדערלעך, מיט א קראנקן מאן. בלושטיין ווייסט, אז זי טראגט נישט איין מאל אהיים א טעפל קארטאפל־שאלן, און ער מאכט זיך נישט זען. פון דעם שאלעכץ מאכט זי לאטקעס, באבקעס און זופ. די קינדער דערהאלטן זיך ביים לעבן. זי, די פרוי וואלף, האט זיך דערצויגן אין יתומים־הויז ביי רומקאווסקין, וואו ער איז געווען פרעזידענט.

ווען דער אלטער איז דא אין רעסארט געווען אויסצוטיילן טאלאנען, האט זי געפראוווט צוגיין צו אים. זי האט אים געוואלט דערמאנען, ווער זי איז. האט ער זי מיט א געשריי אוועקגעטריבן.

בלושטיין האט אויף איר רחמנות. ער לאזט זי ארויס אינמיטן דער ארבעט, זי זאל אפנעמען די „ראציעס". אלע ארבעטער לאזט ער ארויסגיין וויפל מאל זיי ווילן און ווען זיי ווילן, אבער איר העלפט ער ספעציעל.

דער טשעכישער אסימילירטער ייד, באוער הייסט ער, דער פארטיער, וואס ארבעט דא אידער בלושטיין קומט, טוט־אן די ארבעטער געברענטע צרות. ער לאזט קיינעם נישט ארויסגיין און ער לאזט קיינעם נישט אריין אין דער „פארטיערניע" א האנט אנצאווואַרעמען זיך ביים אויוון, אדער אביסל אפרוען זיך. ער רעדט דייטש אדער טשעכיש. טאמער שטעלט ווער פון די ארבעטער ארויף זיין טעפל זופ אנצאווואַרעמען אויפן אויוון, גנבעט ער ארויס די קארטאפל.

בלושטיינען האבן אלע ליב. די ארבעטער טראגן אים אונטער א שיינעם „גוט מארגן", פונקט ווי דעם קעראווניק. נאר דער אונטערשייד איז דער: דעם קעראווניק גריסן זיי צוליב מורא, ווייל דאס לעבן זייערס ליגט אין זיין האנט, און בלושטיינען צוליב דרך־ארץ פאר זיין גוט הארץ.

אלבערסקי שיט זיך אן א טארבעלע „זאמיאטקעס" און ער לייגט דאס ארונטער אונטערן טיש, וואו בלושטיין זיצט. מוז בלושטיין ארויסלויפן אין פאבריק אויפזוכן אלבערסקין און ער זאגט צו אים אויף א גוטמוטיקן אופן: „נישט געַנוג, וואס איך לאז אייך דאס ארויסנעמען, לייגט איר עס אונטער אויף א האלבן טאג אונטער מיינע פיס? וואס וועט זיין, אז דער קעראווניק וועט דאס זען? איר ווילט מיך אומגליקלעך מאכן?"

„אוי־אוי, שוין־שוין, פאניע בלושטיין! איר זאלט מיר לעבן און געזונט זיין. איר זענט, כ׳לעבן, גערעכט. איך נעם עס שוין צוריק". און ער גייט מיט גלייך אריין און נעמט עס צו. ביים אהיים גיין ווייסט שוין בלושטיין, אז אלבערסקין טאר ער נישט באזוכן.

אין די ערשטע טעג, ווען אלבערסקי איז אהער אריינגעשיקט געווארן פון זדונסקע וואליע, האט ער פאר בלושטיינען געצויגן דאס היטל ביז צו דער ערד: „דזשען דאברי וויעלמאזשנים פאן!" און ער האט דאס געזאגט מיט הכנעה.

בלושטיינען האט דאס אויסגעזען ווי א חווק: „ווער בין איך? וואס בין איך? דער זעלבער ארבעטער וואס ער". ער האט אים אויפגעקלערט, אז דאס איז איבעריק. בלושטיין לאזט אים ארויס, ווען ער וויל נאר. היינט אינדערפרי האט אלבערסקי געדארפט נויטיק גיין אין קאאפעראטיוו, האט ער געוואלט ארויסגיין, האט אים דער פארטיער באוואר פארהאלטן:

— הערן אלבערסקי, וואו גייען זי??!

— איך מוז נויטיק גיין ארויסנעמען די „ראציע". היינט איז דער לעצטער טערמין.

— אצינד איז אינס צייט צו זיין אין פאבריק.

— מאכן זי זיך נישט זען. אלץ מוזן זי זען?

— איך בין נישט הערן בלושטיין. ביי אים קענען זי מאכן אלעס, וואס זי ווילן — איך בין קיין אסט יודע! איך האב ליב ארדנונג!

— אוי, יעקעס, מיט אייער „ארדנונג" האט איר חרוב געמאכט די וועלט!

— ווער עס האט נאר באקומען א יעקישע דערציאונג, — האט זיך דער חבר זיידע אריינגעמישט, — מעג עס זיין א פאלאק, א ייד, א טערק צי א כינעזער, איז ער שוין א יעקע נאר: זיין קאפ ארבעט נישט, זיין הארץ פילט נישט — אן אויטאמאט!

— בלושטיין איז א מענטש, אזא יאר שוין אויף מיר! — האט זיך אריינגעמישט די פרוי וואלף — ער מאכט זיך א סך זאכן נישט זען. דערפאר לעבן מיר נאך. ווען דער יעקע נאר וואלט דא א גאנצן טאג געזעסן, וואלטן מיר אלע שוין געהאט אפגעגעבן די ברויט־קארטן!... (געשטארבן).

— איר זייט אלע דומע לויטע! אויף דעם זיץ איך דא, איך זאל אייך נישט ארויסלאזן. ארדנונג מוז זיין! דיסציפלין! ווארום פארשטייט איר נישט?

— מיר פארשטייען גוט! — האט אים זיידע געענטפערט, — מען דארף נאר קענען דענקען און פילן — נישט זיין קיין אויטאמאט!

— ער געהערט צו די יידן, — האט אלבערסקי צוגעגעבן, — וואס מען האט זיי אוועקגעזעצט ביי א שיין געגרייטן טיש אין גן־עדן, און מען האט יעדן געגעבן צו לאנגע גאפלען. אליין האבן זיי נישט געקאנט אריינלייגן אין מויל אריין, נאר איינער דעם צוויטן האט באדארפט געבן אין מויל אריין. איז איידער איינער דעם צוויטן זאל העלפן, האבן זיי בעסער נישט געגעסן.

— גייט שוין, גייט, לאָזט מיך שוין אָפּ מיט אַזעלכע יידן! — האָט זיידע אויסגעשריגן, אַנוויינענדיק אויף באָוערן.

דאָ האָט זיך געעפנט די טיר און בלושטיין איז אַריינגעקומען. אַלע האָבן זיך מיט אים דערפרייט. באָוער איז אַהיים געגאַנגען, און בלושטיין האָט איבערגענומען די פּאַרטיערניע.

דער באַנקעט

צום דריטן יאָרטאָג, ווי עס איז געשאַפן געוואָרן די „כעמישע אַפּפּאַל פּערוועדטונג", האָבן די אַרבעטער פון דעם רעסאָרט איינגעאָרדנט אַ פייערונג. דאָס איז שוין געווען אין דער צייט נאָך היטלערס מפּלה ביי סטאַלינגראַד, און נאָך דעם קאַפּיטולירן פון מוסאָלינין. עס האָט זיך שוין געפילט דער אָנקום פון שלום. האָט זיך געוואָלט יום־טובן. דער בטחון האָט זיך געשטאַרקט.

די אַרבעטער האָבן צוגעגרייט לידער וועגן דעם רעסאָרט, און לכבוד דעם קעראָווניק פון רעסאָרט. בלושטיין האָט זיך געהייסן געבן אַ העפט, ווייל ער וויל עפּעס ספּעציעלעס אָנשרייבן וועגן דעם רעסאָרט. דער קעראָוו־ניק פּערסט האָט אים ספּעציעל וועגן דעם געגעבן אַ העפט, ווייל ער איז זיכער געווען, אַז ער וועט באַשרייבן זיין „גרויסקייט" און זיינע „אויפטוען" פאַר דער געטאָ, אַזוי ווי ער האָט געטראַכט וועגן זיך. בלושטיין גילט דאָך עפּעס פאַר אַ שרייבער.

עטלעכע טעג האָט בלושטיין געקלערט: וואָס צו שרייבן, פון ווען און פון וואָס הויבט מען אָן? און ער איז געקומען צום באַשלוס: „דאָס בעסטע וועט זיין צו באַשרייבן דעם רעסאָרט אַזוי ווי ער זעט אים, אַרויסברענגען דעם אמת, ווי מיאוס און ביטער ער זאָל נישט זיין. אַזוי האָבן אויך געטאָן אַלע ערלעכע און ממילא אמתע שרייבער אין זייער צייט, אַזוי האָבן אויך געטאָן די נביאים". אַזוי האָט בלושטיין באַשלאָסן.

בלושטיין האָט שוין אַ לאַנגע צייט געשריבן לידער: וועגן ליבע, וועגן דער נאַטור, וועגן זון־אונטערגאַנג און וועגן שיינע נעכט. ער האָט געקוקט מיט עקל אויף די, וואָס האָבן פאַרקויפט זייערע פּעדערס פאַר רומקאָווסקיס מלוכה. זיי האָבן געשריבן חניפה־לידער, פאַר דעם „קייסער", פאַר זיינע אַרויסהעלפער, און פאַר די קעראָווניקעס — פאַר אַ זופּ און פאַר אַ טאַלאָן. בלושטיין האָט די לידער אָנגערופן „לעק־לידער", און די געטאָ־יידן האָבן די לידער אָנגערופן „וואָזעלין" — ווייל וואָזעלין גליטשט זיך. בלושטיין האָט וועגן דעם אויפגעשריבן אַ ליד, וואָס האָט זיך אַזוי אָנגעהויבן:

„איך וועל מיינע הענט נישט איינטונקען אין שמוץ,
כ'וועל נישט טאַנצן מה־יפית טענץ,
כ'וועל פאַר קיין געלט נישט פאַרקויפן מיין גייסט —
מיין מאָגן אָנצושטאָפּן צו זעט.
ווי איך, איר שענדער!
לידער־שמירער צו דריי מאַרק".

בלושטיין האָט טאַקע אויך געשריבן לידער, אָבער ער האָט מער געהאַלטן פון פּראָזע, אָדער גאָר פון פּשוטער כראָניק וועגן געטאָ, ווייל דאָס וועט האָבן אַ גרויסן ווערט פאַר דער קולטור־געשיכטע. ווען ער איז אַהיים געקומען האָט ער זיך אָנידערגעזעצט מיט דער פען און פּאַפּיר און האָט אָנגעהויבן איבערשרייבן דעם „בעטריב 76״. פאַר בלושטיינס אויגן זיינען געשטאַנען בילדער פון דער פאַבריק. ער האָט די בילדער און כאַראַקטערן אויפגעשריבן אין פאָרם פון לידער. ער האָט געפילט אַ הנאה. ער האָט דערנאָך געלייענט די שורות אויפן הויכן קול און צוגעקלאַפּט מיט דער האַנט צום טאַקט. ער האָט אויסגעפּראַוועט דעם ריטם. דערנאָך האָט ער אַ צווייט און אַ דריט מאָל איבערגעשריבן. וואָס מער ער האָט די שאַפונג איבערגעשריבן — אַלץ מער האָט ער הנאה געהאַט. ער האָט געפילט, אַז די בילדער ווערן קלאָרער. ער האָט געפילט אַ גערדראַנג פאַר עמעצן פאַרצולייענען דאָס געשאַפענע. ער איז אַריבערגעגאַנגען צו זיינס אַ חבר, שוואַרץ איז געווען זיין נאָמען, וואָס איז געלעגן צו־בעט אויף סוכאַטן. שוואַרץ האָט אַ סך געלייענט. ער פלעגט אַמאָל אויך אויפשרייבן אַ ליד. ער האָט אויך געפירט אַ טאָג־בוך. ער איז געווען אַ מבין אויף ליטעראַטור. שוואַרץ איז פון קינדוויייז־אָן געווען אַ יתום. ער האָט זיך דערצויגן ביי זיינס אַ פעטער און ער האָט אויך אין געטאָ חתונה געהאַט מיט דעם פעטערס אַ טאָכטער. דער פעטער איז גע־שטאָרבן אין געטאָ און שוואַרץ איז געוואָרן דער באַלעבאָס. שוואַרץ האָט געאַרבעט אַלס פּרעסער אין שניידער־רעסאָרט. ווי לאַנג ער האָט געקענט עפּעס אַהיים ברענגען, איז גוט געווען; דערנאָך איז ער פאַר זיי געוואָרן אַ לאַסט, פאַר דער מומען, זיין ווייב און דעם פעטערס אַנדערע טעכטער.

בלושטיין האָט אַציינד שוואַרצן געטראָפן איינגעדרויסן אויף אַן אויסלייג־בעטל. אַן איינגעפאַלן שוואַרץ באַוואַקסן פּנים, געלע הענט, אויסגעלאָשענע אויגן. די ברוסט האָט אים געפייפט. ער האָט געהאַלטן אין איין טרינקען פון אַ פלאַש וואַסער. ער׳ט געזאָגט, אַז עס פאַרברענט אים פון דורשט: ער פילט, ווי אַלץ טריקנט אין אים.

אַרום־און־אַרום איז געווען אָנגעוואָרפן מיט מיסט. פון אַ סך שטיבן זיינען געווען אַרויסגעריסן די פענצטער, טירן, די פּאָדלאָגעס, וואָס זיינען געשטאַנען ליידיק נאָך די אַרויסגעשיקטע יידן. די חורבות האָבן שוואַרצן דערמאָנט אין טויט.

„הם, וואָס הערט זיך עפּעס נייעס, בלושטיין?״ — האָט ער געפרעגט מיט אַן אָפּגעשוואַכטע שטים — „וואָס איז דאָ פאַראַ נייעס?״

„הם, נייעס? ס׳איז דאָ זייער גוטע נייעס״ — האָט אים בלושטיין דערציילט האָפּערדיק — „די רויטע אַרמיי איז שוין נאָענט, וויטעבסק איז שוין געפאַלן! אונזערע באַפרייער גייען מיט רעש! דער מזרח־פראָנט קומט צו אונז!״

„איי, איי, די רויטע אַרמיי! סטאַלין האָט זי פאַרראַטן. ער האָט אויס־געהרגעט די בעסטע פירער פון דער רויטער אַרמיי, טאַכאַטשעווסקין און אַנדערע. ער האָט די רויטע אַרמיי נישט צוגעגרייט קעגן שונא! ווען סטאַלין

הרגעט נישט אויס די בעסטע פירער, וואָלט היטלער נישט געווען צוגענומען קיין איין שפּאַן ערד!"

„דו הערסט דאָך, אַז דער מזרח־פראָנט דערנענטערט זיך".

„איי, איי, דער מזרח־פראָנט, דער מערב־פראָנט" — האָט שוואַרץ געזאָגט מיט וויטיק — „זיי האָבן צייט, אָבער איך האָב מורא, צו אונז וועלן זיי קומען צו־שפּעט! דו הערסט, בלושטיין, צו־שפּעט! סיי סטאַלין און סיי היטלער זאָלן זיין די כפּרה פאַר אונזער מינדעסט נעגעלע, זיי זיינען די זעלבע אַנטיסעמיטן!" — האָט ער זיך צעהאוסט.

בלושטיין האָט אים געטרייסט, האָט אַרויסגענומען אַ העפט מיט איבערגעשריבענע זייטלעך און האָט פאַר אים געלייענט „בעטריב 76". בלושטיין האָט געוואָלט הערן זיין מיינונג, נעמען זיין עצה. בלושטיין האָט געלייענט מיט האַרץ און ער האָט געפילט, אַז שוואַרץ לעבט צוזאַמען מיט אים איבער די שורות. ווען ער האָט פאַרענדיקט, האָט שוואַרץ געזאָגט:

„גוט, זייער גוט! אָבער דאָ דאַרף מען אויך זען דעם שווייס און דאָס בלוט, וואָס די אַרבעטער פאַרגיסן אין דעם ‚בעטריב 76' ".

בלושטיין האָט געזען, אַז שוואַרץ איז גערעכט. ער איז אַהיים געגאַנגען און האָט זיך ווידער גענומען איבערצואַרבעטן די שאַפונג. ער האָט אַרויסגעוואָרפן שורות, ווערטער, אויף אַן אַנדער אָרט האָט ער צוגעגעבן שורות און ווערטער. אַזוי האָט ער איבער דעם געאַרבעט עטלעכע וואָכן בייטאָג און ביינאַכט, ביז ער איז צופרידן געווען.

די פייערונג איז פאַרגעקומען אין אַ מאַנטיק אָוונט, נאָך דער אַרבעט. דעם טאָג האָט קיינער פון דעם רעסאָרט נישט אָפּגענומען די זופּ, נאָר מען האָט באַשטעלט טשאָלנט, אַנשטאָט די זופּן. אַ גאַנצן טאָג האָט מען צוגעגרייט די צוויי גרויסע זאַלן פון דער לאַבאָראַטאָריע. מען האָט אויסגעשטעלט טישן אין פאָרם פון אַ „ח", געדעקט מיט ווייסע טישטוכער, אָוועקגעשטעלט בענק און אָוועקגעלייגט פאַר יעדן אַ צעטעלע, וואו ער האָט צו זיצן. דער קאָמיטעט האָט אויסגעזעצט די מענטשן לויט זייער שטאַם און כאַראַקטער: דייטשישער ייד — נעבן דייטשישע; פּוילישער ייד — נעבן פּוילישע.

עס זיינען פאַרבעטן געוואָרן פּריינט פון קעראַוואָניק: קאָמיסאַרן, קעראַוואָניקעס און הויכע באַאַמטע פון רומקאָווסקיס מלוכה. אַלע אַרבעטער זיינען געקומען אָנגעטאָן יום־טובדיק.

עס זיינען געקומען: די אינזשעניערן מיט זייערע פרויען, דער גאַספּאַדאַזש שלמה פיין, די פרויען אַרבעטערינס, די שוואַרץ־אַרבעטער, די בעלי־עגלות. נאָר דער אַדמיניסטראַטיווער קעראַוואָניק האָט געפעלט, און אינזשעניער פערסט איז פון דעם צופרידן געווען.

די פּאַני מאַרישע, אינזשעניער פערסטס ווייב, איז געזעסן אויבן־אָן מיט איר געליבטן, פאַרבער — קעראַוואָניק פון שטרוי־רעסאָרט. די זאַלן זיינען געווען העל־באַלויכטן.

דעם פּאַרזיץ האָט געפירט אינזשעניער אָרענשטיין. ער האָט אָנגעהויבן

מיט עטלעכע ליבּ־ווערטער וועגן אינזשעניער פּערסט און וועגן זיינע אויפ־טוען לטובת דער געטאָ.

פּערסט האָט אָנגעקוואָלן. ווען אָרענשטיין האָט געענדיקט, האָט מען אַפּלאָדירט. דערנאָך האָט אַ מיידל פאָרגעלייענט אַ ליד אין גראַמען וועגן קעראָווניק פּערסט:

„אונזער קעראָווניק איז גאָר אַן אַנטיק,
ביי אים האָבן די אַרבעטער גאָר גיט.
ער העלפט מיט וואָס ער קען,
ער גיט טאַלאָנען און נאָך אַ זופּ,
דערפאַר האָבן אים אַלע ליב".

און אַזוי האָט אַ צווייטער און אַ דריטער געזונגען ליבּ־געזאַנגען פאַר דעם קעראָווניק. זיי אַלע האָבן אינזינען געהאַט נאָר איין זאַך: זיי זאָלן קענען פון אים באַקומען נאָך אַ זופּ, כדי זיי זאָלן קענען די מלחמה איבערלעבן.

דער קעראָווניק האָט זיך געשמאָלצן פון נחת. ער האָט זיך אַצינד איבערצייגט וואָס פאַראַ גרויסער מענטש ער איז: „זאָלן זיי זען מיין גרויסן כבוד, די פאַרבעטענע גוטע פריינט מיינע", האָט ער געטראַכט.

נאָך די „גליצירינישע" רעדעס און לעק־לידער האָט דער פאַרזיצער אויפגערופן בלושטיינען. ער האָט געזאָגט: „אונדזער שרייבער בלושטיין וועט אַצינד פאָרלייענען עפּעס נייעס, עפּעס אייגנאַרטיקס, גלויב איך, לכבוד אונ־זער יום־טוב".

בלושטיינען האָט ס'האַרץ געקלאַפּט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט אַרויסגענומען אַ העפט פון בוזים־טאַש און איז גרייט געווען צו לייענען פון אָרט. אָבער דער פאַרזיצער האָט אים צוגעבעטן אויבן־אָן, וואו עס איז געזעסן די גאַנצע „עליטע". בלושטיין האָט מסכים געווען, כדי אַלע זאָלן אים קענען זען און הערן. ער איז צוגעגאַנגען אַ מידער, אַן אָפּגעשוואַכטער. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט. ער האָט אינגאַנצן געציטערט. עס האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. ער האָט זיך געפילט ווי אַ שליח־ציבור. באַלד האָט ער זיך דערפילט, ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף אַ בינע און אונטן שטייען מתפללים, און ער האָט אָנגעהויבן שטיל, געלאַסן מיט אַן אַריינפיר:

„זייער חשובע פריינט! איך וועל דאָ עפּעס פאָרלייענען. איך בעט אייך, אויב ווער פון אייך וועט זיך פילן געטראָפן, זאָל ער זיך נישט באַליידיקן. זאָל עס אים נישט פאַרדריסן, ווייל דאָס איז ליטעראַטור".

בלושטיין האָט באַמערקט, ווי אַן אַקטיאָר, וואָס איז אַהער פאַרבעטן געוואָרן, האָט צו אים אַ ממזרישן וואונק געטאָן מיטן אויג. דאָס האָט געהייסן: „גוט אַזוי! זאָג זיי אַריין אין זייער טאַטנס טאַטן!" בלושטיין האָט גע־טראַכט: „אַצינד האָב איך די זעלטענע געלעגנהייט צו מאַכן דעם עקספּערי־מענט פון די און פאַר די, וואָס דאָס איז געשריבן געוואָרן. איך האָב דאָ אַלעביידע: אי די באַ'עוולה'טע אי די באַ'עוולה'ער. איך וויל זען, ווי אַזוי דאָס וועט ווירקן. זעלטן קען טרעפן אַזאַ געלעגנהייט". בלושטיין האָט מיט

זיין האַלטונג מאָמענטאַל אַרויסגערופן צו זיך דרך־ארץ. עס איז שטיל געוואָרן, אַז מען האָט געהערט קלאַפּן דאָס זייגערל, וואָס איז געלעגן ביים פאָרזיצער אויפן טיש. די מענטשן האָבן אָנגעשפּיצט אַלע חושים. בלושטיין האָט אָנגעהויבן, ער האָט געלייענט מיט האַרץ. ער האָט אַריינגעבלאָזן נשמה אין יעדן וואָרט. מען קאָן זאָגן: ער האָט געלייענט מיט אַלע רמ״ח אברים:

„ליצמאַנשטאַט געטאָ „בעטריב 76״,
וואו עס ווערט געשאַפן פון מיסט:
קלייסטער, לאַס, סיראָפּ, קנאָכן־פּולווער,
טעקסטרין און ספּירט.
צוויי־פּיסיקע פערד ברענגען:
צוקער־זעק, „זאַמיאַטקעס״,
אַלטע ביינער, גאַרבעריי־פלאַקעס
און קאַרטאָפל־שאָלן —
צו צעמאָלן.
צעמענטענער דיל,
אונטער פיס וואַסער פול.
ס׳דאַמפן קעסלען,
דאַמפן, דאַמפן,
וואָלקן־דאַמף.
גאַנץ באַטריב (פאַבריק)
איינגעהילט
אין וואָלקן גיפטיקן דאַמף,
ס׳דאַמפט גיפט־געשטאַנק.

ס׳ווייען ווענט, ס׳ווײַנט סופיט,
טרערן פאַלן אויפן גוף.
ברר... שוידער.
ס׳קריכט רעוומאַטיזם פון אבר אין אבר
דאָ אין לעבעדיקן קבר.
און אין מאָגן ברענט און בראָט: הונגער, הונגער,
און מען חלומט: ברויט, ברויט, זופּ, זופּ.
אַ גאַנצן טאָג, אַ גאַנצן טאָג.
רעדער — דרייען, פּאַסן — לויפן
הין־און־צוריק, הין־און־צוריק.
מאַשינען הודזשען
דזשיזש, דזשיזש.
איינגעשרומפּן, אין צען געבויגן
ליגן אין וואַסער אויפן דיל — פרויען,
איבערקלויבן צעפוילטע קאַרטאָפל־שאָלן,
גרייטן־צו צו מאָלן.

קלויבן מיט צעפּלאָצטע הענט און פינגער
און ווייטיקן איבער זייערע צוגערויבטע
קרובים און קינדער,
קראַמפן אין אינגעווייד —
הונגער, הונגער, הונגער;
שאַרן הענט אַריין קאַרטאָפל־שאָלן אַ פולן טאָפּ:
„ס׳זאָל קיינער נישט באַמערקן, באַהיט גאָט!
וועט מען מאַכן: באַבקעס,
זופּ און לאַטקעס״.
און קינד מיט פרייד זאָגט:
„מאַמעניו, אוי, ווי גוט!
נאָך מיר גיב!״
„וואָס וועט זיין ביים אַהיים גיין,
אַז מען וועט מיך רעווידירן?״
פאַר די אויגן שוועבט:
פּאָליציי,
ניבול־פה געשריי,
מערדערישע קלעפּ,
תפיסה טשאַרניעצקיעגאָ,
קאַרצער: אַ קאַסטן —
אַכציק צענטימעטער די הויך,
זעכציק — די לענג,
פערציק — די ברייט.
רייניקן מיט די בלויזע הענט די בית הכסאס
איינשפּאַנען זיך צום פאַס,
פאָרן פון גאַס אין גאַס.
און דער סוף? אַרויסשיקן. וואו? וואוהין?
„איך בעט דיך, גאָט:
אין דעם זכות, וואָס מיינע קינדער הונגערן,
זאָל איך מיך נישט איבערפירן״...

בלושטיין האָט אָפּגעאָטעמט און ער האָט געזען, ווי די פרוי וואָלף, וואָס האָט פיר קליינע קינדער און נעמט אָפּט אַהיים קאַרטאָפל־שאָלן, האָט זיך געווישט די אויגן. ביי אייניקע אַרבעטער זיינען געשטאַנען טרערן אין די אויגן, און ביי די קאָמיסאַרן מיט די קעראַוווניקעס און די הויכע באַאַמטע האָט ער באַמערקט אַן אומצופרידנהייט. אָבער ער האָט ווייטער פאַרגעזעצט זיין לייענען:

„עס קומט אַריין דער הערן אינזשעניער:
מיט אַראָפּגעלאָזטע ברילן איבער דער נאָז,
מיט טריט וואָס זאָגן: „דאָס גייט דער באַלעבאָס״.

ער שפּיזט־דורך יעדעס ווינקל מיט די אויגן,
קוקט אויף יעדן מיט פאַרשנדיקע בליקן,
אויס מורא גייט יעדן דורך איבערן לייב אַ קעלט.
און פּלוצלונג צעשרייט ער זיך:
„מיינע אַרבעטער: די פּאָליציי זוכט,
וועלן פאַלן אויף די שפּורן
פון וואַנען עס קומען אין גאַס אַריין:
שאַבעכץ, פלאַקעס, זאַמיאַטקעס,
צו מאַכן גאַלער, גולאַזש און באַבקעס.
געדענקט, ווער מען ווער מען כאַפּן,
וועל איך גאָרנישט קענען העלפן!
וועל איך נישט העלפן!"
אַ געמורמל.
אַ געפּלוד.
אַ געפילדער".

בלושטיין האָט אָפּגעאָטעמט. ער האָט געזען ווי אייניקע אַרבעטער האָבן מורא געקראָגן, האָבן זיך געמאַכט, אַז זיי הערן נישט. זאָל דער קראָוווניק זען, אַז זיי וויסן גאָרנישט פון אַזעלכע זאַכן. ער האָט געפילט נאָך אַ שטאַר־קערע אומצופרידנקייט צווישן דער „עליטע", אָבער ער האָט איבערגעמישט עטלעכע זייטלעך און האָט ווייטער געלייענט פראַגמענטן:

„וועלף" * —
וועלף צוקן אייך,
רייבן מיט די ציין,
מאָלן, מאָלן
קאַרטאָפל־שאָלן.
שלאָוכן שפּריצן,
שפּריצן, שפּריצן,
שפּריצט און זיפּט,
שפּריצט און זיפּט,
ס'שוימט זיך — וואַסער,
ס'שוימט זיך — וואַסער,
פאַלט אין קאַסטן קראָכמאַל נאַסער.
— — — — — — — — — — — — — —
מישט, מישט, שטאָלענע האַנט,
קעסל קלייסטער,
קעסל קלייסטער.
קליינע מיל

* מאַשינען מיט שאַרפע ציין, וואָס צערייסן.

אויף עלעקטרי
מאַלט קראַכמאַל,
מאַלט, מאַלט,
ס׳שיט זיך, ס׳שיט זיך
קאַרטאָפל־מעל, קאַרטאָפל־מעל.
ס׳קאָכט אין קעסל זיך זאַמיאַטקעס.
ס׳קאָכט זיך אויס סיראָפּ,
ס׳סאָפּעט דאַמף,
ס׳דאַמפּט — גיפט־געשטאַנק.
— — — — — — — — — — —
אויף הענגער מיט האַקלעך
צוקער־זעק אַרויפגעשטאָכן,
צוגעגרייט אַרויפצוציען.
בגנבה קראַצן אַרבעטער מיט לעפלען
און פּאַקן אין די מײַלער אַרײַן.
— שוין פאַרטיק?
— גרייט!
— אַכטונג: אײנס, צווײ, דרײַ!
אַרויף! ———
— האַלט!
אין קעסל פאַלט.
ס׳ציט פאַרע אַרויס דעם צוקער.
ס׳ציט פאַרע אַרויס דעם צוקער.
ס׳דאַמפּט, ס׳דאַמפּט
גיפט־געשטאַנק.
קעסלען קאָכן פלאַקעס.
ס׳קאָכט זיך אויס לאַס.
ס׳דאַמפּט
גיפט־געשטאַנק.
גאַנץ באַטריב
אײַנגעהילט
אין וואָלקן גיפטיקן־דאַמף
ס׳דאַפּמט — גיפט־געשטאַנק.
ס׳קאָכט זיך צוקער,
ס׳זידט, ס׳בלאָזט,
ס׳שאָפּט זיך טוש.
ס׳קאָכט זיך צוקער,
ס׳זידט, ס׳בלאָזט,
ס׳קאָכט זיך ספּירט.
ס׳קאָכט זיך מיט

מענטשן שווייס און בלוט.
ס׳שאַפּט זיך ספּירט,
ספּירט! ספּירט!
— — — — — — — — — — — — — — —
דער קאָמיסאַר ציט ספּירט אין אַ פּאַס
און די אויסגעמאַרכטע, שאָטנס, וואַרפן־צו
בליקן, מיט מורא, קנאה און האַס.
„אויך אַ ייד אין דעם זעלבן גיהנום — און אַ האַר״.
„ווייל ער האָט ,פּלייצעס׳ — דערפאַר״.
מיט גרויס הנאה קוקט ער, ווי עס ווערט פול דער פּאַס,
און שמייכלט פון נחת.

אויף אַ שטיין, אָנגעלענט אין דער וואַנט,
איינגעהילט אין דאַמף
גלאָצן אויגן שוואַרצע צוויי
פון טויט געזיכט, גרוי ווי בליי.
נאָר ווער זעט זיי?
— „דאָ האָב איך מיינע לונגען אָנגעוואוירן,
דאָ וועלקט מיין פרילינג.
שוין זיינען געציילטע מיינע שעהן.
עס אָטעמען מיינע לונגען מיט גיפט,
ווי די קעסלען דאָ,
שווער, שווער״.
די צוויי שוואַרצע אויגן גלאָצן,
זעען: נאַסע, קאַלטע, פינצטערע שטיבן,
קראַנקע אויף שמוציקע געלעגערס ליגן.
חלשט ווער — איז נישטאָ מיט וואָס צו דערדרייסן.
די אַפּטייקן זיינען לער פון אַלערליי טראָפּן,
ווייל זיי האָבן נישט קיין ספּירט.
נישטאָ קיין מעדיצין, נישטאָ קיין ברויט.
קיין אויסוועג — טויט.
די צוויי שוואַרצע אויגן גלאָצן,
זעען: קעראָוניקעס און קאָמיסאַרן
אין העל־באַלויכטענע זאַלן.
ביי ווייס־געדעקטע טישן,
אונטער קלאַנגען פון מוזיק,
כלאַיעט מען ליקער,
זויפט מען ספּירט,
בעסטע מאכלים — פרעסן
און זנות זיי טרייבן!

דיינע הענט ציען זיך אויס
אין פויסטן־געבייל:
„אונזער בלוט! אונזער שוויס!
אַי, וועט מען צאָלן! באַצאָלן הייס!"

ביי די לעצטע ווערטער האָט בלושטיין אויפגעהויבן די הענט און אויפגעשטורעמט מיט געביילטע פויסטן. די קעראַזניקעס, קאָמיסאַרן און די הויכע באַאַמטע האָבן אינסטינקטיוו אַ ציטער געגעבן. בלושטיין האָט פאַרענדיקט אַן אָפּגעשוואַכטער:

„דאַמף, דאַמף!
גאַנץ באַטריב
איינגעהילט
אין וואָלקן גיפטיקן דאַמף.
ס'דאַמפט גיפט געשטאַנק".

עס איז שטיל געוועזן. בלושטיין האָט געדאַנקט די צוהערער מיט פאַרנייגן זיך, און עטלעכע סעקונדן האָבן אונטן אָפּגעהילכט שטאַרקע אַפּלאָזן. די „עליטע" האָט נישט אַפּלאָדירט, און די אַרבעטער, וואָס זיינען געזעסן אויבן נעבן דער „עליטע", האָבן מורא געהאַט צו אַפּלאָדירן. דער פאַרזיצער האָט אים פון הינטן — קיינער זאָל נישט באַמערקן — שטאַרק געדריקט די האַנט אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג. בלושטיין האָט דערפילט, ווי עס האָבן זיך קעגן אים געשטעלט שאַרפע מעסערס. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט. ער האָט געפילט אַזוי ווי דער אָטעם וואָלט זיך אים געהאַלטן ביים אָפּשטעלן. „אוי, איך האָב זיך איינגאַנצן געגעבן ביים פאַרלייענען", — האָט ער געטראַכט, — „דערפאַר האָט עס אַזוי געווירקט". ער איז צוריקגעגאַנגען אויף זיין אָרט אַן אָפּגעשוואַכטער, ער האָט זיך געוואַקלט. עס איז אים טרוקן געוועזן אין מויל און אין האַלז. די ליפּן האָבן אים געברענט. „יאָ, דאָס לעצטע ביסל כוח האָב איך אַצינד אָוועקגעגעבן". ער האָט געפילט: אויב ער וועט באַלד נישט באַקומען עפּעס צו עסן, וועט ער חלש'ן.

אַמשטאַרקסטן געטראָפן פון דעם ליד האָט זיך דער קעראַוווניק פון דעם רעסאָרט און זיין ווייב מאַרישע. ער, פּערסט, האָט נישט געקאָנט איינזיצן. ער איז אַפּירגעגאַנגען פון הינטערן טיש און האָט זיך געדרייט אַן אויפגערעגטער און אַ פאַרביטערטער. דער פאַרזיצער האָט אָבער באַלד גענומען „ראַטעווען די סיטואַציע". ער האָט אויפגערופן אַלשטיינען און יענער האָט פאַרגעזונגען אַ לעק־ליד פאַר דעם קעראַוווניק מיט אַ באַקאַנטער פאָלקסמעלאָדיע.

דערנאָך האָט דער פאַרזיצער אויפגערופן דעם אַלטן „שאַנדער", דעם פאַטער פון שלאָסער, וואָס האָט געאַרבעט אין דעם רעסאָרט. דער אַלטער האָט געגראַמט ווי אַ בדחן, האָט מען אים דאָ אַהער פאַרבעטן ער זאָל פאַרווילן. קודם־כל האָט ער באַזונגען אין גראַמען דעם קעראַוווניקס גרויסקייט און איז אָנגעפאַלן מיט חוזק אויף בלושטיינען, און ער האָט באַזונגען די שיינע „מאַרישע", דעם קעראַוווניקס ווייב, און די „ערהאַבענע געסט" — די

„עליטע". דער עולם האָט געלאַכט פון זיינע געגראַמטע וויצן, וואָס ער האָט געשאַפן אויפן אָרט, און בלושטיין האָט באַוואונדערט זיין טאַלאַנט צו גראַמען.

דערנאָך האָבן עטלעכע פון קאָמיטעט אויסגעטיילט צו קליינטשינקע גלעזעלעך ספּירט, און מען האָט אויסגעטיילט צו איין לעפל טשאָלנט, אויף וואָס די אַרבעטער האָבן געוואַרט אַ גאַנצן טאָג. אַנשטאָט דעם זופּ, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט אָפּנעמען ביי דער אַרבעט, האָבן זיי באַשטעלט טשאָלנט אין דער קיך איז נאָר אויסגעקומען ס'ביסל קאַרטאָפל און דערצו נאָך אַן ליטער וואַסער, און די געסט האָט מען אויך געמוזט אויסטיילן אויפן חשבון פון די אַרבעטערס זופּ. נאָכן ביסעלע עסן האָט זיך בלושטיין אַביסעלע בעסער גע־פילט, אָבער דאָס הארץ האָט אים נאָך מער געחלשט, ווייל ער האָט דערפילט דעם טעם פון עסן.

נאָכן איינשלינגען דעם לעפל טשאָלנט איז מען צוריק צוגעטראָטן צום לעבעדיקן וואָרט:

נעבן בלושטיינען איז געזעסן אַ „פּאָעט", וואָס מען האָט אים גערופן „וואָסערדיקער". ער האָט געשריבן וועגן אַלעם אין דער וועלט, אָבער נישט פון אמתן לעבן. האָט אים אַצינד דער פּאַרזיצער אויפגערופן. ער איז אָפּיר־געגאַנגען, ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט אויבן־אָן און ער האָט מיט אַן אַנגעשטעלטן ראָמאַנטישן טאָן פאַרגעלייענט עטלעכע לידער, וואָס האָבן אויף קיינעם קיין איינדרוק נישט געמאַכט. ביי טייל האָט דאָס אַרויסגערופן אַ חוזק. ווען ער האָט געענדיקט, האָט דער גרעסערער טייל אים אַפּלאָדירט, כדי אים נישט צו פאַרשעמען. „וואָסערדיקער" האָט געשמייכלט פון נחת. ער האָט זיך געפילט אין זיבעטן הימל.

ווען „וואָסערדיקער" האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט נעבן בלושטיינען, זיינען די קעראָוויניקעס און די קאָמיסאַרן צוגעקומען צו אים און האָבן אים געדריקט די האַנט: „מיין אַנערקענונג, הערן פּאָעט!" — האָט יעדער איינער אים געזאָגט אין פּויליש און בשעת־מעשה געקוקט בלושטיינען אין די אויגן מיט אַ מינע, וואָס האָט געזאָגט: „זע, קוק, פון אים — האַלטן מיר, פון דיר — נישט!" דער „וואָסערדיקער" האָט געשמייכלט מיט הכנעה. בלו־שטיינען האָט דאָס נאָך מער באַשטעטיקט, אַז „וואָסערדיקערס" לידער האָבן לגמרי קיין ווערט נישט.

„וואָסערדיקער" האָט זיך שפּעטער פאַר יעדן באַרימט וועגן זיין דער־פאָלג און ווי די קעראָוויניקעס און קאָמיסאַרן האָבן אים געדריקט די האַנט און אַז אויף בלושטיינען זיינען זיי בייז.

בלושטיין האָט זיך געטראַכט: „איך קום פון פאָלק און כ'שריי־אויס זיין לייד און פּיין — איך פיר־אויס אַ שליחות. און זיינע לידער זיינען שטויב, רויך".

דערנאָך האָט אַן אַריינגעשיקטער אַסימילירטער ייד, פון פּראַג, גע־זונגען אַ ליד אין גראַמען — וועגן אַלע אַרבעטער פון „בעטריב 76" און וועגן אַלע געסט. ער האָט וועגן יעדן געהאַט אַ גוט וואָרט. דער עולם האָט

צוגעזונגען דעם רעפריין, איבערחזרנדיק בלויז דעם גוט־באַקאַנטן ניגון, וואָס
ייִדן און ניט־ייִדן זינגען אויף זייערע שמחות אין פּוילן.

ווענן קאַראַוואַניק:

„דער אינזשעניער פערסט איז אַ וואוילער האַר,
ער האָט אויפגעבויט אַ פאַבריק, ווייל ער איז נישט קיין נאַר.

רעפריין:

ראַטאַ־טאַטאַטאַ־ראַטאַ־טאַטאַ,
ראַטאַ־טאַטאַטאַ־ראַטאַ־טאַטאַ!

ווענן קאַראַוואַניקס פרוי:

עס איז דאַ פאַר אַלע זייער גוט באַקאַנט:
די פאַניע מאַרישע איז די שענסטע אין לאַנד!
ראַטאַ־טאַטאַטאַ־ראַטאַ־טאַטאַ,
ראַטאַ־טאַטאַטאַ־ראַטאַ־טאַטאַ!"

וועגן די פאַרטיערן:

„וואָסערדיקער — „פּאָעט", בלושטיין — ליטעראַט.
פאַרטיער בלייבט פאַרטיער — אונזער הערן גאָד!
ראַטאַ־טאַטאַטאַ־ראַטאַ־טאַטאַ,
ראַטאַ־טאַטאַטאַ־ראַטאַ־טאַטאַ!"

דער עולם האָט צוגעפּאַטשט מיט די הענט, צוגעטופּעט מיט די פיס, צוגעקלאַפּט אין טיש אַריין און צוגעקוויטשעט. ס'איז געווען ששון ושמחה.

ווען ער האָט געענדיקט, האָט דער פאַרזיצער געגעבן ס'וואָרט דעם חבר זיידען.

דער חבר זיידע האָט זיך אויפגעשטעלט, מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס. ער האָט געגעבן אַ וואָרף מיט דער ברוינער טשופּרינע, און אויפן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ קלוגער שמייכל: „חברים!" — האָט ער אָנגעהויבן, — „איך וויל נישט לאַנג ריידן. איך וויל נאָר זאָגן: דאָס אינטערעסאַנטסטע און דאָס וויכטיקסטע פון היינטיקן יום־טוב איז געווען — לויט מיין מיינונג — דעם חבר בלושטיינס פאַרלייענען. איך דאַנק אים דערפאַר. איך ווינטש, אַז גאָר אינגיכן זאָלן מיר יום־טובן אויף דער פרייהייט צוזאַמען מיט אונזערע אַרויסגעשיקטע קרובים ביי זאַטע טישן אין אַ וועלט פון שלום, פון יושר און פון גערעכטיקייט. אַזוי ווי עס איז שוין שפּעט, שלאָג איך פאָר: זאָל די חברטע רעגינע פאַרענדיקן דעם אָוונט מיט אַ שיין ליד!"

אַלע האָבן אים אַפּלאָדירט.

דער פאַרזיצער האָט אויפגערופן די חברטע רעגינע. ער האָט זי פאַר־געשטעלט, ווי אַ מלאך, וואָס העלפט קראַנקע.

אַזוי ווי די חברטע רעגינע האָט זיך נאָר אויפגעשטעלט, האָט מען איר שטאַרק אַפּלאָדירט. זי האָט זיך פאַררויטלט און פאַרנייגט און געוויזן מיט די הענט, אַז מען זאָל אויפהערן צו אַפּלאָדירן. דער עולם האָט דאָך נאָך לאַנג אַפּלאָדירט.

„איך וועל זינגען אַ ליד פון אברהם רייזען" — האָט זי געזאָגט. זי האָט אַביסעלע נאָכגעדענקט און האָט אָנגעהויבן מיט איר לירישן אַלט:

„און זאָל ווי ווייט
נאָך זיין די צייט
פון ליבע און פון שלום,
דאָך קומען וועט
צי פרי צי שפּעט,
די צייט — עס איז קיין חלום!
איך הער דאָס ליד
פון ליבע, פריד
די מעכטיקע געזאַנגען.
און יעדן טאָן
פון ליד זאָגט־אָן:
די זון איז אויפגעגאַנגען.
עס עקט די נאַכט,
די וועלט דערוואַכט.
פול האָפענונג, לוסט און שטרעבן.
דו הערסט אין לופט
אַ שטימע רופט:
צו גליק און פרייד און לעבן".

אַלע זיינען מיטגעריסן געוואָרן. טייל האָבן מיטגעזינגען. די פּנימער האָבן האָפערדיק געשיינט. ווען זי האָט געענדיקט, האָבן זיך צעדונערט אַפּלאָזן, און מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט דער יום־טוב. אַלע זיינען זיך צעגאַנגען. נאָר דער פאַבריק־קאָמיטעט איז געבליבן אויפצורוימען, כדי אינדערפרי זאָל מען קענען נאָרמאַל צוטרעטן צו דער אַרבעט.

אויפן וועג אַהיים האָבן כמעט אַלע גערעדט וועגן בלושטיינס פאַר־לייענען „בעטריב 76", וועגן זיין דרייסטקייט אָן שום מורא אַזוי צו זאָגן דעם אמת אין די אויגן אַריין.

אַ לענגערע צייט איז די מעשה געווען דער געשפּרעך פון טאָג אין דער פאַבריק און אין דער געטאָ. אַממערסטן געטראָפן האָט זיך געפילט דער קעראַווניק פערסט. ער האָט זיך געשעמט די אויגן אויפצוהויבן. איין מאָל איז ער אַריינגעקומען צו בלושטיינען אין דער פאַרטיערניע מיט אַ זאַטשעפּ־קע: „פאַרוואָס האָט איר אַרויסגעלאָזט אַן אַרבעטער אַן מיין דערלויבעניש?" האָט ער זיך צעבייזערט. „איך האָב נישט געזען", האָט אים בלושטיין גע־ענטפערט. דאָ האָט דער קעראַווניק אויסגעלאָדנט דאָס, וואָס ער האָט אים שוין לאַנג געוואָלט זאָגן: „איך וועל אייך אַזוי מאַכן, אַז איר וועט האָבן צו ווייגען אויף אייער גאַנצן לעבן!" — האָט ער אים געדראָאַט מיטן פינגער און ער איז אַרויסגעלאָפן.

דער קעראַווניק האָט געהאַלטן זיין וואָרט: ער האָט אים אויף דער נאָענטסטער ליסטע אַרויפגעשטעלט אַרויסצושיקן אין דער גאַז־קאַמער אַריין.

קינסטלער אין געטאָ

נאָך דעם גאַנצן דערפאַלג ביים פאַרלייענען פאַר אַ גרויסן עולם זיין פּאָעמע „בעטריב 76״, האָט דער דיכטער שמחה בלושטיין, נאָך אַלץ געצווייפלט צי די שאַפונג איז גוט. ער האָט נאָך אַלץ געפילט אַ באַדערפעניש פאַרצולייענען פאַר ליטעראַטור־מבינים, צו הערן זייער מיינונג און ער האָט טאַקע אַזוי געטאָן.

באַלד נאָך דעם שליסן די געטאָ ווען בלושטיין האָט געכאַפּט אַ טאָג אַרבעט אויף „מאַרישין״ (פאַרשטאָט אין לאָדזשער געטאָ), האָט ער געהערט שפּילן אַ פידל. ער איז נאָכגעגאַנגען איר קלאַנג, וואָס האָט אים אַריינגעפירט אין אַ הויף מיט אַ גאָרטן, וואו עס האָבן זיך געפונען קרוב צוואַנציק יונגעלייט און מיידלעך מיט מוזיק־אינסטרומענטן אין די הענט. דער טאָג איז געווען אַ זוניקער. פון דעם איינשטאָקיק הילצערנעם הויז איז פון די אָפענע פענצטער און טירן אַרויסגעקומען דאָס קול פון דער פידל און אינדרויסן ביים פענצטער איז געזעסן אַ יונגערמאַן ביי אַ טיש און געשריבן נאָטן.

בלושטיין האָט דערקענט לויט זייערע אַריסטאָקראַטישע פּנימער און לויט זייערע קליידער, אַז דער גרעסטער טייל פון דער גרופּע קומט ניט פון קיין אַרבעטער־היימען.

פון דער מיט לויטער בלויען הימל האָט די זון רחבותדיק געשיינט, די ביימער און די געוויקסן זיינען געשטאַנען אין פולער בליונג, אינסעקטן האָבן געזיזעט, פאַרשיידענע זומער־פייגעלעך האָבן געפלאַטערט, וואָראָבייטשיקלעך און שוואַלבן האָבן געזונגען פון דער הנאה פון דער וועלט. דעם דאָזיקן גאָרטן דאָ מיט אַלערליי ירקות האָט די גרופּע מוזיקער איבער־געאַרבעט. די גרופּע איז דאָ געשלאָפן אין דעם הויז. זי האָט באַקומען אַ צוטייל: ברויט, קאַשע און זשעפּאַק־אייל צו קאָכן זופּן. ווייל דאָס איז געווען אַ קיבוץ, וואָס האָט געהאַט אַ „דזשיאַלקע״. (אַ צוגעטיילט שטיקל ערד). בלושטיין האָט זיך אַצינד געפילט אַ ביסל מינדערווערטיק אין זיין הלבשה: מיטן קאַלך־פאַרשפּריצטן אָנצוג און שיך. אָבער ער האָט זיך צוגעשאַרט צו דעם יונגערמאַן, וואָס איז פאַרטיפט געווען אין שרייבן נאָטן. זיין נאָמען איז געווען ירחמיאל פּיאַסקאָווסקי. ער האָט געטראָגן לאַנגע העלע הויזן און אַ ווייס העמד מיט קורצע אַרבל. ער האָט געהאַט אַ קאָפּ לאַנגע געדיכטע, שוואַרצע, צעפלאָשעטע האָר, אַ קיילעכיק פּנים, אַ הויכן רונדיקן שטערן, גרינע אויגן, וואָס האָבן געקוקט מיט חכמה. בלושטיין האָט געזען, אַז ער שרייבט נאָטן פאַר פאַרשיידענע מוזיק־אינסטרומענטן. פּיאַסקאָווסקי האָט דערפילט, אַז עס שטייט ווער נעבן אים, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך צעשמייכלט. יענער האָט אים דערלאַנגט די האַנט:

„שלום עליכם אַ ייד! מיין נאָמען איז שמחה בלושטיין!״

— און מיין נאָמען איז ירחמיאל פּיאַסקאָווסקי — האָט ער אים פעסט געדריקט די האַנט.

זיי האָבן געכאַפּט אַ קורצן שמועס, און בלושטיין איז געוואָר געוואָרן

אַז פּיאַסקאָווסקי האָט אָרגאַניזירט אַ גרופּע יונגע מוזיקער אונטערן נאָמען „סלאָנצע״ (זון), און אַז ער גרייט אַ סימפאָנישן קאָנצערט פון קלאַסישע מוזיק.

— „הייסט עס, — האָט בלושטיין געזאָגט מיט צופרידנקייט — אַז די נאַציס האָט זיך ניט איינגעגעבן צו מאַכן אונדז פאַר אויס מענטשן ?״.

— „קיינמאָל וועט זיי דאָס ניט געלונגען !״ — האָט פּיאַסקאָווסקי געענטפערט מיט זיכערקייט.

עס האָבן זיך שוין געהאַט פאַרזאַמלט איבער פערציק מענטשן מיט כלי־זמר אין די הענט. זיי האָבן אויפגעשטעלט די פּולטן. פּיאַסקאָווסקי האָט זיי צעטיילט די מוזיק. טייל האָבן געסטראָיעט די פידלען. זיי האָבן זיך געגרייט צו דער פּראָבע. די זון האָט אָנגענעם געוואָרעמט, די ביימער און געוויקסן האָבן געשמעקט. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז זיי זיינען אין געטאָ אַז ניט ווייט פון דאָגען אַרום דעם געטאָ־צוים דרייט זיך אַ באַוואָפנטע דייטשע וואַך. אין בלושטיינען האָט זיך דערוועקט דער קינסטלערישער דראַנג און ער האָט אַ פרעג געטאָן פּיאַסקאָווסקין: „ווילט איר אפשר הערן אַ שיינע אַנטי־מלחמה־רעציטאַציע ?״

— „אדרבא לאָמיר הערן — האָט אים פּיאַסקאָווסקי צוגעגעבן מוט — דאָ אין אונדזער גרופּע זיינען מיר שטענדיק גרייט צו הערן און צו זען יעדע קונסט״.

בלושטיין האָט זיך אַנידערגעשטעלט אין מיטן הויף, די גרופּע האָט אים אַרומגערינגלט אין אַ האַלב־ראָד. בלושטיין האָט זיך געפילט נישט באַקוועם אין זיין הלבשה. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און אַנאָנסירט מיט אַ קלינגענדיקן קול: „צוגן״ פון משה שולשטיין !״ ער האָט אַרויסגערוקט דעם רעכטן פוס, געמאַכט פויסטן און באַוואויגן ריטמיש מיט די הענט און מיטן גוף, אַזוי ווי די טיילן פון אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס באַוועגן די רעדער: אָנגעפּאַנגען גאַנץ פּאַמעלעך, דערנאָך וואָס־אַמאָל שנעלער און שנעלער. זיין שטים איז אויך ס׳ערשטע געווען שטיל מיט אַ סאָפּן פון לאָקאָמאָטיוו, ווען ער הייבט אָן צו פאָרן, דערנאָך וואָס אַמאָל העכער און העכער מיט אַ פייפן. מיט איין וואָרט בלושטיין האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאָרנדיקן לאָקאָמאָטיוו.

„ס׳ציען צוגן, ס׳ציען צוגן —
צום באַוויזן, צום דעריאָגן,
וואו אַ וועג, וואו אַ דאָרף
וואו אַ שטאָט, וואו אַן אָרט.
ס׳וויסן צוגן ווייסן וועגן
דאַרפן נישט ביי קיינעם פרעגן:
וואו וואו וואו וואו ?״

בלושטיין האָט רעציטירט מיט האַרץ, ער האָט מיטגעריסן די צוהערער. ער האָט פאַרענדיקט שטיל, רואיק, מיטן ריטם אַזוי ווי עס שטעלט זיך אָפּ אַ לאָקאָמאָטיוו. די גרופּע האָט אים געדאַנקט מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן פאַר זיין גוטן רעציטירן און פאַר דעם אַנטי־מלחמהדיקן ליד. זיי האָבן אים געבעטן ער זאָל זיי נאָך עפּעס געבן, האָט ער רעציטירט פראַגמענטן פון „די שחיטה־שטאָט״ פון חיים נחמן ביאַליק. ער האָט אָנגעהויבן:

„פון שטאָל און אײַזן, קאַלט און האַרט און שטום
שמיד אויס אַ האַרץ פאַר זיך בן אדם און קום!
קום אין שחיטה־שטאָט זאָלסט זען מיט דײַנע אויגן,
זאָלסט אָנטאַפּן מיט דײַנע הענט,
אויף צוימען, סלופּעס, טויערן און ווענט,
אויף שטײנער, אויף דער גאַס, אויף אַלע העלצער
דאָס שוואַרץ פאַרטרוקנט בלוט מיט די געהירן
פון דײַנע ברידערס קעפּ און העלדזער!"

די פאַרזאַמלטע האָבן געזעסן ווי אין רעציטאַטאָרס אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. טייל האָבן זיך אויך צעוויינט, טייל האָבן די בילדער אויפגעטרייסלט. בלושטיין האָט אָפּגעאָטעמט און פאַרגעזעצט מיט איראָניע און סאַרקאַזם:

„גאָט האָט דיר מיט אַ מילדער האַנט געשיקט אַ צווילינג:
אַ שחיטה מיט אַ פרילינג:
„דער גאָרטן האָט געבליט, די זון געלויכטן —
און דער שוחט האָט געשחטן
דער חלף האָט געגלאַנצט און פון דער וואונד:
האָט בלוט מיט גאָלד געפליסט..."

יעדער האָט געפילט ווי דער דיכטער וואָלט די ווערטער נאָר וואָס אויפגעשריבן וועגן זײַן לעבן פון פאַר דעם געטאָ און פונעם געטאָ. ווען ער האָט געענדיקט האָבן זיך זייערע הענט ניט געהויבן צו אַפּלאָדירן. עס איז שטיל געוועזן אַ שיינע פאַר סעקונדן און דערנאָך האָבן געדונערט אַפּלאָזן און אַלע האָבן בלושטיינען געדריקט די האַנט.

פון דעמאָלט אָן זײַנען פּיאַסקאָווסקי און בלושטיין געוואָרן צו זיך צוגע־בונדן, — זייערע נשמות האָבן זיך פאַרברידערט, פּיאַסקאָווסקי האָט צוגעשריבן מוזיק צו בלושטיינס ראָמאַנטישע לידער. פּיאַסקאָווסקי האָט די לידער פאַרגע־זונגען פאַר דאַרגאַזשאַנסקין, דער קאַנטאָר פון דער „דײַטשער־סינאַגאָגע". ער איז געוועזן אַ זקן — און אין געטאָ האָט ער פאַרלוירן די ראיה — האָט ער זיך צעוויינט און געזאָגט: „איך וויין פון פרייד, וואָס אין געטאָ ווערט געשאַפן קונסט".

ווען עס איז פאַרגעקומען דער ערשטער סימפאָנישער קאָנצערט אין געטאָ אונטער דער אָנפירונג פון פּיאַסקאָווסקי אין גרויסן זאַל פון דער שול אויף יאַנשערא גאַס, אויף מאַרישין, האָט מען צוליב דעם גרויסן עולם געמוזט אַרויסנעמען די שטילן פון זאַל. דער עולם איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ, מען איז געהאַנגען אויף די פענצטער און טירן. מען האָט געמוזט מעלדן, אַז דער קאָנצערט וועט איבערגעחזרט ווערן און הונדערטער זײַנען אַוועק פון דער קאַסע מיט גרויס עגמת נפש.

פאַר האָבן אָדער הערן ראַדיאָ איז דעם ייד געקומען טויט־שטראַף. ווען דער אָרקעסטער האָט אויפגעשפּילט, האָט דער עולם אויפגעציטערט פון עקסטאַז, פיל האָבן זיך צעוויינט.

בעתן איבעררייס האָט בלושטיין באַגריסט די מוזיקער און דעם עולם. ער האָט געזאָגט:

„כאָטש די דייטשן ווילן אונדז מאַכן פאַר אויס מענטשן דאָך האָבן מיר ניט פאַרלוירן דעם צלם אלוקים! אונדזערע קונסט־מאָלער — מאָלן, אונדזערע פּאָעטן און שריפטשטעלער — שרייבן, אונדזערע מוזיקער שאַפן און שפּילן. אונדזערע קינסטלערס שאַפונגען זיינען פון און וועגן אונדזער גרויליקן לעבן און שפּיגלען אָפּ אַ שטיק געשיכטע.

כאָטש די דייטשן מאָרדן אונדז, דאָך וואַרפן מיר ניט אָפּ די שאַפונגען פון די בעסטע קינדער פון דייטשישן פאָלק: באַך, בעטהאָווען, מאָצאַרט, וועמענס מוזיק איר האָט היינט געהערט און אַנדערע וואָס איר וועט נאָך הערן. און אַצינד וויל איך באַגריסן מיט מיין ערשט ליד, וואָס איך האָב געשאַפן אין געטאָ. דער נאָמען פון דעם ליד איז:

„ניט פאַרצווייפלען"

ס׳איז נאָר אַ דורכוויענדיקער ווינט!
ניט פאַרצווייפלען מיין קינד!

מיר זיינען אַלטע ביימער טיף און ברייט
אין דער ערד פאַרוואָרצלט
מיט גרויסע קרוינען,
וואָס באַצירן די וועלט,
שטאַרקע שטורעם־ווינטן:
קאָנען פון אונדז די בלעטער נאָר אָפּרייסן,
די צווייגן אָפּברעכן.
אָבער ניט די קרוינען!
שטאַרקע טיף פאַרוואָרצלטע ביימער
קאָנען ווינטן נישט אויסרייסן
ניט אויסוואָרצלען.
מיר זיינען ביימער אייביקע!
וואָס גיבן דער וועלט פּירות שפּייזנדיקע!
מיר וועלן אייביק זיין!

ס׳איז נאָר אַ דורכוויענדיקער ווינט
ניט פאַרצווייפלען מיין קינד!..."

בלושטיין האָט אַריינגעגעבן נשמה אין יעדן וואָרט, ער האָט דאָס ליד אויסגעזונגען מיט די רמ״ח אברים. ווי לאַנג ער האָט געלייענט האָט אין איבערגעפּאַקטן זאַל אויף אַלע פּנימער געהערשט אַ שמייכל פון גליק און בטחון. ווען ער האָט געענדיקט לייענען, איז דער עולם נאָך אַלץ פאַרחלומט געווען אין שמייכל. בלושטיין האָט געזען ווי אַ פרייד האָט באַהערשט דעם עולם, ווי ער וואָלט זיך ניט געפונען אויף דער וועלט; כדי עס זאָל ניט אויסקומען אַז ער איז עפּעס אַן אַקטיאָר וואָס וואַרט אויף אַפּלאָדיסמענטן, האָט ער

זיך שנעל אויסגעדרייט אַראָפּצוגייט פון דער בינע. ערשט אַצינד האָט זיך דער עולם אויפגעכאַפּט פון דעם גליקלעכן חלום און עס האָבן אָפּגעהילכט הונדערטקע אַפּלאָדיסמענטן לאַנגע מינוטן צייט און די שמייכלענדיקע פּנימער זיינען צוריק געוואָרן פאַרצערטע. האָט בלושטיינען ס'האַרץ ווי געטאָן פּאַרוואָס ער איז אַזוי שנעל אַראָפּ פון דער סצענע. ווען ער שטייט נאָך אַ ווייל וואָלטן די אומגליקלעכע נאָך אַביסל געווען פאַרחלומט אין גלויבן און בטחון.

ירחמיאל פּיאַסקאָווסקי איז געווען אַן אייניקל פון באַוואוסטן בעל־נדבן, אַלטער פּיאַסקאָווסקי, באַרימטער פאַבריקאַנט אין גאַנץ פּוילן, וואָס האָט אויס־געאַרבעט פּרויען־פאַטשיילעס פון ריינעם וואָל. דער קונה האָט געוואוסט: אויב עס איז דאָ דער שטעמפּל אויפן טוך: „פּיאַסקאָווסקי", איז עס טוב מאוד.

רב אַלטער פּיאַסקאָווסקי איז געווען אַ חסידישער ייד. ער האָט געלעבט אין עושר און כבוד. אַזוי ווי די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט פּוילן האָבן זיי אים אַרויסגעטריבן פון זיין מלכות אַזוי ווי ער איז געגאַנגען און געשטאַנען מיט צוואַנציק מאַרק אין טאַש.

ירחמיאל האָט זיך אַצינד געמאַכט אַ פּלאַן: אַזוי ווי די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט ער אַוועקפאָרן אין זיין זיידנס גוט אין אַ דאָרף. ער וועט זיך אויסרוען, ער וועט פאַרבעטן שרייבער, מאָלער, מוזיקער, זיי זאָלן אויף דער שויס פון דער נאַטור עסן, טרינקען און שאַפן און אויב עס וועט זיין געלט, וועט ער יעדן צוגעבן אַ ביסל טאַשן־געלט, ער זאָל לעבן אָן זאָרג.

פאַר דער מלחמה האָבן קינסטלער געהאַט אַ מקום־מיקלט אין זייער גרויסער באַקוועמער רייך־איינגעאָרדנטער היים. זיי האָבן דאָרטן געגעסן און געטרונקען און טיילמאָל אויך געשלאָפן. די מוטער האָט געוואוסט, אַז דאָס זיינען שעפערישע מענטשן אָבער ניט פּראַקטיש אין לעבן.

די משפחה פּיאַסקאָווסקי איז געקומען אין געטאָ אַריין פון די לעצטע. זיי האָבן אַלץ געגלייבט — ווי אַלע יידן — אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן אַ ליאַדע טאָג, און די דייטשן וועלן ניט דאַרזשען צו מאַכן אַ געטאָ. דערפאַר האָבן זיי זיך ניט באַמיט צו קריגן אַ לייטישע וואוינונג אין געטאָ. זיי האָבן באַקומען צוגעטיילט פון „קייסער" רומקאָווסקיס „וואוינונג־אַמט" אַ „פּאַציאַט" (אַ בוידעם־שטוב אונטערן דאַך מיט אַ קרומען סופיט). פון אַ מלכות זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין אַ לעבעדיקן קבר אַריין. זומער האָט מען דאָרטן ניט געקאָנט אָטעמען פון דער ברענענדיקער היץ. די ווענט און דאָס מעבל זיינען פול געווען מיט וואַנצן און אַנדערע אינסעקטן. ווינטער איז דאָרטן קאַלט געווען ווי אין דרויסן און מיט וואָס צו הייצן איז דאָך ניט געווען.

ס'ערשטע איז ביי זיי אַוועקגעשטאָרבן אַ וואונדערלעך־שיין פיר יאָריק יינגעלע, וואָס זיי האָבן אַדאָפּטירט פון דערמאָרדעטע עלטערן דורך די דייטשן. זיי האָבן עס ליב געהאַט ווי אַן אייגן קינד. ירחמיאלס מאַמע פלעגט שטענדיק נאָכדערציילן די חכמות פון דעם קינד. זיי האָבן זיך ניט געקאָנט שענקען דעם פאַרלוסט. אַביסל שפּעטער איז ירחמיאלס טאַטע געשטאָרבן. נאָך אַ ביסל שפּעטער צוויי דערוואַקסענע קינדער. אַלע זיינען געשטאָרבן פון הונגער. און ירחמיאל פּיאַסקאָווסקי איז קראַנק געוואָרן אויף די לונגען.

ווען עס איז אַרויס אַ גזרה, אַז אַלע אין געטאָ מוזן אַרבעטן, אויב ניט וועלן זיי אַרויסגעשיקט ווערן, האָט ירחמיאל באַקומען אַ פּאָסטן אַלס רעווידענט אין „אַלטשו־רעסאָרט", וואו די דייטשן האָבן אַריינגעוואָרפן די שיך פון די אויסגעמאָרדעטע ייִדן. דאָ האָט מען זיי צעטרענט אַרויסצונעמען דאָס, וואָס ייִדן פלעגן אַמאָל עפּעס באַהאַלטן אויף אַ שוואַרצער צייט: וואַלוטע, גאָלד אָדער בריליאַנטן און דערנאָך האָט מען די שיך איבערגעאַרבעט.

די אַרבעטער האָבן געוואָלט איבערלעבן די מלחמה, האָבן אַ טייל אַרויס־געטראָגן פון דער פאַבריק: אַ שטיקל לעדער אָדער עפּעס אַנדערש. ירחמיאל האָט זיי געמוזט באַזוכן. ער פלעגט דאָס אַנטאַפּן, אָבער ער האָט געמאַכט דעם אַנשטעל, אַז ער זעט ניט. אַנדערע רעווידענטן האָבן געמאַכט מיט די אַרויסשמוגלער חצי שלי וחצי שלך. פּיאַסקאָווסקי האָט דאָס ניט געקאָנט טאָן. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז אונטער זיין כבוד. ער האָט געהאַט זייער וויט צו גיין צו דער אַרבעט. ער האָט געוואוינט אין איין עק געטאָ און די פאַבריק איז געווען אין צווייטן עק געטאָ. אויף וואָס צו פאָרן איז ניט געווען. ער האָט זיך געניטיקט אין אַ סך רו, גוטע לופט און גוטע און פעטע שפּייז — דאָס אַלץ, וואָס עס איז אוממעגלעך געווען צו האָבן אין געטאָ. ער איז געקומען שטענדיק אין דער ריכטיקער צייט צו דער אַרבעט, כאָטש ער האָט שטענדיק געהונגערט.

פּיאַסקאָווסקי האָט געהאַט אַ כלה, וואָס האָט געשפּילט פידל אין דער גרופּע „סלאָנצע", האָט ער מיט איר חתונה געהאַט. זיי האָבן באַקומען אַ חתונה־טאַלאָן: (דער „קייסער" רומקאָווסקי האָט געגעבן אויף אַ חתונה ספּעציעלן שפּייז־צוטייל) אַ ברויט פון צוויי קילאָ, אַ האַלבן קילאָ פערד־פלייש און אַ ביסל קאַלאַניאַלקע צו קאָכן. דאָס יונגע ווייבל האָט פון דעם טאַלאָן ניט געוואָלט נהנה זיין, זי האָט פּיאַסקאָווסקין אַלצדינג אַוועקגעגעבן. זיי האָבן באַקומען אַ צימער, די אַנדערע טיר פון זיין מאַמען. ביידע האָבן געאַרבעט און די מאַמע האָט געפירט די באַלעבאַטישקייט.

פּיאַסקאָווסקי האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס ער איז צוזאַמען מיט די, וואָס ער האָט ליב. עס איז אים אָבער פון טאָג צו טאָג ערגער געוואָרן אויף די קראַנקע לונגען. זיי האָבן חתונה געהאַט אין מיטן זומער, און דעם נאָענטסטן האַרבסט האָט ער שוין געמוזט בלייבן ליגן אין בעט.

דער האַרבסט איז דעמאָלט געווען אַ נאַסער. טעג און נעכט איז די געטאָ געווען איינגעהילט אין אַ געדיכטן נעפּל. זיינען די לונגען־ליידנדיקע דערשטיקט געוואָרן און אַזוי ווי דער גרעסטער טייל יוגנט האָט געהאַט אָפענעם שווינדזוכט, זיינען זיי אין דעם האַרבסט אויסגעשטאָרבן.

אַזוי ווי בלושטיינס אַ צווייטער חבר, דער פּאָעט משה שוואַרץ, פאַר וועלכן ער האָט צום ערשטן פאַרגעלייענט זיין פּאָעמע „בעטריב 76", איז געשטאָרבן אויף די לונגען און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל גיין אים אויסמעלדן, האָט בלושטיין דאָס געטאָן. ווען בלושטיין האָט אים אין חסד של אמת אויסגעמאָלדן ביים ערשטן פענצטערל, האָט ער געהערט ביים צווייטן פענצטערל אויסרופן: „ירחמיאל פּיאַסקאָווסקי"! האָט ער שוין פאַרשטאַנען,

אַז ער איז אויך היינט געשטאָרבן. און אַזוי האָט בלושטיין פאַרלוירן זיינע צוויי בעסטע חברים אין איין טאָג. בלושטיינען איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. די קני האָבן זיך אים געבראָכן. ער האָט געפילט, אַז ער וועט אָוועקחלשן. ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אין פענצטערל און איז באַלד צו זיך געקומען.

בלושטיין האָט אפילו צו קיין איין לוויה ניט געקאָנט גיין, ווייל ער האָט געמוזט גיין צו דער אַרבעט, אויב ניט האָט אים געדראָט אַרויסגעשיקט צו ווערן פון געטאָ. ער האָט זיך אָבער דאָס ניט געקאָנט שענקען.

פרילינג: ווען ס'איז געוואָרן וואַרעמער, האָט זיך בלושטיין דערשלעפּט מיט זיינע שוואַכע כוחות צו די פּיאַסקאָווסקיס. ווען ער איז אַריינגעקומען אין דער בוידעם־שטוב, האָט ער נאָר געטראָפן די מאַמע. אַזוי ווי זי האָט אים נאָר דערזען, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. זי האָט זיך דערמאָנט אין „מילעקן", ווי זי האָט אים פאַרצויגן דעם נאָמען פון ירחמיאל. זי האָט זיך גאָרניט געקאָנט צוריקהאַלטן. זי האָט געוויינט אויפן הויכן קול. בלושטיינען האָט שוין באַנג געטאָן, וואָס ער איז געקומען.

די מאַמע איז געווען אין די פערציקער יאָרן. זי איז נאָך געווען אַ שיינע, דאָס אַריסטאָקראַטישקייט איז נאָך פאַרבליבן אויפן פּנים, כאָטש עס איז געווען פאַרצערט. זי איז געשטאַנען ביי דער ציגעלנער קיך אין ירחמיאלס שטיוול און אין זיין ווינטער־מאַנטל, אַרומגענומען מיט אַ קאַרטענעם פּאַסיק און זי האָט געמישט אַ גרויסן טאָפּ וואַסער וואו זי האָט אַריינגעטאָן עטלעכע דעקאָ צוגע־ברענט קאָרן־מעל־ערזאַץ אויף אַ טעם. דאָס האָט זי צוגעגרייט פאַר די קינדער וואָס האָבן געאַרבעט אין טעקסטיל־פאַבריק. זי איז אַלץ געשטאַנען מיטן פּנים צו דער קיך, געווישט די אויגן און די פליצעס האָבן געצויקט. בלושטיין איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביי דער טיר און ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן: זאָל ער אָוועקגיין?

ווען די מאַמע האָט זיך אַביסל באַרואיקט האָט בלושטיין צו איר געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ שולדיקן: „פרוי פּיאַסקאָווסקאָ, איך בעט אייך, זי זאָלן מיר מוחל זיין, וואָס איך בין געקומען. איך האָב ניט געוואוסט, אַז דאָס וועט אייך פאַרשאַפן אַזוי פיל צער. איך בין טאַקע געווען פון די בעסטע מילעקס חברים, אָבער איך בין דאָך אויך איינער פון אייערע בעסטע פריינד. איך האָב געמוזט קומען, ווייל איך וויל וויסן, וואָס עס הערט זיך ביי אייך".

„עס מאַכט ניט אויס — האָט זי געענטפערט מיט אַן איינגעהאַלטן געוויין — איר האָט זייער גוט געטאָן. איך האָב אויך געוואָלט וויסן, וואָס איר מאַכט. פאַרוואָס זענט איר ניט געקומען אויף מילושינס לוויה?"

„זי וויסן דאָך, פרוי פּיאַסקאָווסקאָ, אַז איך האָב געמוזט זיין ביי דער אַרבעט, אויב ניט, האָט מיך געדראָט אַרויסגעשיקט צו ווערן פון געטאָ...

— „פּאַניע בלושטיין, איז זי אַריינגעפאַלן אין די רייד — איך בין באַגאַנגען אַ גרויסן פעלער, וואָס איך האָב מיינע קינדער דערצויגן אין הומאַניטאַרן גייסט... איך האָב זיי באַדאַרפט דערציען פאַר גנבים, פאַר רויבער, פאַר מערדער, וואָלטן זיי געווען געלעבט און געהאַט פון אַלעם גוטן!"

— האָט זי גערעדט מיט ווייטיק אויפן הויכן קול. זי האָט בלושטיינען ס'האַרץ

מיטגעריסן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וואָלט אַזעלכע קינדער ניט געוואָלט האָבן, נאָר דאָס שרייען פון איר אַרויס די צרות.

ווען זי האָט זיך אויסגעשריגן, האָט זי אין אַ רואיקן טאָן געפרעגט: „וואָס מאַכט איר עפּעס פּאַניע בלושטיין? ווי גייט עס ביי אייך? שרייבט איר נאָך עפּעס?"

— יאָ, פּרוי פּיאַסקאָווסקאַ, איך האָב אָנגעשריבן אַ שיין ביסל נייע זאַכן".

די פּרוי פּיאַסקאָווסקאַ איז אויסער אַ האַרציקער מאַמע געווען אינטעליגענט און זי האָט אויך פאַרשטאַנען איר מילעקן, זי האָט אַרויסגענומען פון איר בוזעם מילעקס פאָטאָגראַפיע און געוויזן בלושטיינען. בלושטיין האָט באַטראַכט דאָס בילד: אַ זיבן־אַכט יאָריק יינגעלע מיט אַ פידל און שמיטשיק, אַ קיילעכדיק פּנימל, אַ הויכן קיילעכדיקן שטערן, אַ קאָפּ לאַנגע געקרייזלטע האָר. „שוין דעמאָלט — דערציילט די מאַמע מיט וויטיק — האָט ער אַזוי גוט געשפּילט, אַז זיין פּראָפעסאָר ביי וועמען ער האָט געלערנט האָט אים געוואָלט נעמען אויף אַ טור אויף קאָנצערטן איבערן לאַנד, נאָר איך האָב ניט דערלויבט".

די פּרוי פּיאַסקאָווסקאַ איז געווען אַ מבינטע אויף מוזיק. אַלץ וואָס מילעק האָט געשאַפן האָט ער ס'ערשטע פאַר איר פאַרגעשפּילט. זי איז געווען זיין ערשטער קריטיקער. זי האָט אים דערמוטיקט. ווען יידן האָבן געמוזט צושטעלן די דייטשן אַלע מוזיק־אינסטרומענטן, האָט זי פּונקט אַזוי גע־וויטיקט איבער דער אַוועקגעגעבענער פידל ווי מילעק.

זי האָט בלושטיינען צוגעפירט צום ווינקל וואו עס איז געשטאַנען אַ קאַסטן מיט נאָטן: „איר זעט — האָט זי געזאָגט — דאָס זיינען מילעקס געטאָ־שאַפונגען. דאָ האָט ער אויסגעוויטיקט די לײדן און פּיין פון די געטאָ־יידן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך. אין דעם לעבט מיין מילעקל, איך היט דאָס ווי אַן אויג אין קאָפּ. אפשר וועט זיך דאָס אָפּהיטן, און אַמאָל וועט ווער אויפלעבן זיינע ווערק"... — זי האָט זיך פאַרטראַכט און אַ פרעג געטאָן — איר, פּאַניע בלושטיין, טראָגט דאָך שטענדיק אייערע שאַפונגען מיט זיך האַ? אויב איר האָט עפּעס און איר ווילט פאַרלייענען בין איך גרייט צו הערן".

„איך ווייס, אַז זי זיינען אַ מבינטע אויך אויף ליטעראַטור, וועל איך הערן אינס מיינונג וועגן מיין שאַפונג „בעטריב 76", און ער האָט אַרויסגענומען דעם מאַנוסקריפּט פון בוזעם־טאַש און געפרעגט: „ווילן זי הערן?"

— „אדרבה מיט בעסטן פאַרגעניגן".

בלושטיין האָט פאַרגעלייענט די גאַנצע שאַפונג. ער האָט געלייענט מיט געפיל. דער ריטם האָט אָפּגעקלונגען. זי האָט זיך איינגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. אויב זי האָט ניט אויפגעכאַפּט אָדער פאַרשטאַנען עפּעס אַ וואָרט אָדער אַ שורה האָט זי אים אָפּגעשטעלט און געבעטן נאָך אַמאָל איבערלייענען. בלושטיין האָט געפילט, אַז זיינע ווערטער דרינגען אַריין אין איר האַרץ. ער האָט הנאה געהאַט פון לייענען. ווען ער האָט געענדיקט, האָט זי אים געדריקט די האַנט מיט בײדע הענט און געזאָגט:

„די שאַפונג האָט סיי אַ היסטאָרישן און סיי אַ קינסטלערישן ווערט. איך ווינטש אייך איר זאָלט איבערלעבן די מלחמה און איר וועט מאַכן אַ

גרויסע קאַריערע אַלס ידישער שרייבער, ווייל איר האָט אַ פּילבאַר האַרץ און אַ שיינע נשמה און דער עיקר: איר דערציילט דעם אמת, וואָס די מענטשהייט דאַרף וויסן אין אַ פּשוט מענטשלעך לשון".

בלושטיין איז טיף גערירט געוואָרן פון אירע ווערטער. עס איז אים גוט געוואָרן אויף דער נשמה. ער האָט איר געדאַנקט. ער האָט נאָך אַביסל פאַרברענגט מיט איר. ער האָט זיך שיין געזעגנט און איז געלאָפן צו דער אַרבעט. אָבער ער האָט נאָך אַלץ געצווייפלט צי די שאַפונג „בעטריב 76" איז אַ געלונגענע.

אין אַ רגע אַרום האָט ער צו זיך געזאָגט: „אויב די פרוי פּיאַסקאָווסקאַ, געפעלט אויך אַזוי שטאַרק די שאַפונג — איז גוט. איך וועל ווייטער שרייבן, און די השגחה וועט מיך זיכער באַשירמען פון טויט, כדי איך זאָל קענען דערציילן פאַר דער וועלט, וואָס איך לעב איבער און, וואָס איך זע מיט מיינע אויגן". און אַ שמייכעלע פון האָפענונג האָט אויפגעשיינט אויף בלושטיינס פּנים.

ליסטעס

דער אינזשעניער יעזשי פערסט האָט אַדאַנק דעם ספּירט באַקומען אַ גוטע וואוינונג אין אַ מאָדערנעם הויז. ער אַליין האָט אַנגעצייכנט דעם פּלאַן, ווי אַזוי מען זאָל אים די וואוינונג איבערבויען. אַזוי ווי דאָס זיינען געווען צוויי גאַר היבשע שטיבער, האָט ער געלאָזט מאַכן אַ גאַלערקע. מען האָט אים אויפגעפרישט די טירן, די פענצטער און ווענט. די וואוינונג איז געוואָרן אַזוי פיין אויסגעמאָלן, אַז ווער עס איז אַריינגעקומען, האָט געטאַפּט די ווענט, צי דאָס זיינען נישט קיין טאַפּעטן. ער האָט זיך אַזוי איינגעאָרדנט, ווי די געטאָ וואָלט געדאַרפט זיין אויף לעולם ועד. די שלאָסער, טישלער, מולירער און מאָלער זיינען געשיקט געוואָרן אויפן חשבון פון „ווירטשאַפטס-אַמט" און ער האָט מיט זיי קאָמאַנדעוועט, וואָס זיי האָבן צו טאָן. זיי האָבן נישט געטאָרט אָקעגנרעדן, ווייל ער איז דאָך געווען אַ „קעראָווניק" (אָנפירער). אַצינד האָט זיך די פאַבריק געגרענעצט מיטן הויף פון זיין וואוינונג.

אויף פרילינג האָט דער אינזשעניער באַקומען אַ גרויסע „דזשיאַלקע" (שטיק פעלד) אויף „מאַרישין". האָט ער געשיקט זיינע אַרבעטער איבערצואַרבעטן דאָס פעלד. ער האָט אויך באַקומען פון „ווירטשאַפטס-אַמט" אַן אַגראָנאָם פאַר אומבאַצאָלט — אַן עלטערער ייד מיט אַ זילבערנעם קאָפּ האָר. מען האָט פאַר אים איינגעזעצט אַלערליי ירקות, אפילו ציבעלעס אויך. דער אַגראָנאָם האָט ביי אים געאַרבעט די גאַנצע צייט. שפּעטער, ווען ער האָט אים שוין נישט באַדאַרפט, האָט ער אים געשטעלט אויף דער „ליסטע", און מען האָט אים אַרויסגעשיקט פון געטאָ אומצוברענגען.

דער אינזשעניער אַליין האָט זיך געבריימט פאַר זיין פאָטער: „מיר איז דאָך בעסער פון אַ קייסער". זיין שוואוילטאָג האָט אין בלושטיינען אויפגעקאָכט די געבליטן. ער האָט זיך דאָס גוט געגומען אין זכרון אַריין.

קיינמאל זיינען נאך די פעלדער אין געטא נישט געווען אזוי געראטן, ווי אין דעם יאר. די דייטשן האבן ארײנגעשיקט אלערליי זאמען, אפילו ציבעלעס (וואס דאס איז געווען א חלום אין די אלע יארן אין געטא זיך צו קענען דערכאפן ס׳הארץ מיט א שטיקל ציבעלע און זאלץ), און אין דעם זומער וועט אלץ זיין. יידן האבן איינגעזוצט קארטאפל־שאלן מיט ווייסע „אויגן" און עס האט זיך געוויזן, אז עס וועלן זיין קארטאפל.

פלוצלונג האט מען אנגעהויבן רעדן וועגן „ליסטעס", אז די „קערא‏ווניקעס" וועלן אויסשטעלן ליסטעס (צעטלען) ארויסצושיקן יידן פון געטא. דאס איז שוין געווען עטלעכע וואכן נאך דעם נישט־געלונגענעם אטענטאט אויף היטלערן, און די רוסן זיינען שוין געשטאנען אויף יענער זייט ווייסל, און די דייטשן האבן נאך אלץ פארלאנגט פאר די גאז־קאמערן צענדליקער טויזנטער יידן. קיין שום אמט און קיין שום „רעסארט" האט דאך נישט געוואלט זיך פאנאנדערלאזן.

די „אויסזידלונגס־קאמיסיע" האט שוין נישט געהאט וועמען איבערצו־קלייבן, האט מען די „אויסזידלונג" (ארויסשיקונג) איבערגעגעבן די רעסארטן, אז די קערא‏ווניקעס זאלן אויסשטעלן ליסטעס פון זייערע ארבעטער. און דא האט זיך געמאכט די אמתע געלעגנהייט פאר די קערא‏ווניקעס זיך נוקם־צו־זיין אין די ארבעטער, אויף וועלכע זיי האבן אן אויג געהאט.

מאנטיק גאנץ־פרי, ווען בלושטיין איז נאך געלעגן אין בעט, האט אים אויפגעוועקט א קול: „בלושטיין! בלושטיין!" ער האט זיך אויפגעכאפט און ארויסגעקוקט דורכן פענצטער. ער האט געזען א יונגן פאסט־טרעגער מיט א בריוו אין דער האנט. בלושטיין האט אויפגעעפנט דאס פענצטער: „יא! איך!" האט ער געזאגט און גענומען פון אים דעם בריוו. דער פאסט־באאמטער איז אוועק, נישט קענענדיק בלושטיינען קוקן אין די אויגן אריין. בלושטיינען האט ס׳הארץ באלד געזאגט, אז דאס איז נישט קיין גוטה בשורה. ער האט געעפנט דעם בריוו און איבערגעלייענט: „ביז מארגן זעקס אזייגער מוז ער זיך צושטעלן אין אויסזידלונגס־ארט, ארויסצופארן אויף ,ארבעט׳ אויסער דער געטא. ער קען מיטנעמען ביז פינף־און־צוואנציק קילא באגאזש". דאס הארץ האט בלושטיינען געזאגט, אז דא ווערט ער געשיקט צום טויט. עס האט פאר אים אויפגעטויכט זיין לייענען אויף דעם רעסארט־יום־טוב זיין שאפונג „בעטריב 76" און דעם קערא‏ווניקס דראאונג: „איך וועל אייך אזוי מאכן, אז איר וועט האבן צו ווינען אויף אייער גאנצן לעבן!"

בלושטיין האט שנעל ארויסגענומען די לעצטע איבערארבעטונגען פון זיינע שאפונגען. די הענט האבן זיך אים געטרייסלט. ער האט דאס קוים צונויפגע־בונדן אין איין פעקל. דאס האט ער באשלאסן איבערצולאזן אין די הענט פון דער דיכטערין רחל וואלינסקא, און צו איין קאפיע מיטצונעמען. ער האט גענומען די לעבנס־מיטל קארטן און ער איז געגאנגען אין קאאפעראטיוו ארויס־נעמען ס׳ברויט, אבער מען האט אים שוין נישט געגעבן: „די קארטן זיינען שוין בלאקירט געווארן", — האט מען אים געזאגט.

בלושטיין איז שנעל אוועקגעגאנגען צו דער דיכטערין רחל וואלינסקא. ער האט זי געטראפן אין בעט. זי איז געווען א בלאנדע אין די הויכע פערציקער

יאָרן. זי איז אויך געווען אַ געזעלשאַפטלעכע טוערין. זי האָט געהאַט אָנגע־שריבן אַ ריי לידער וועגן הונגער אין געטאָ; איין ליד אירס אונטערן נאָמען „קאַרטאָפליעס" האָט איבערגעלאָזט אַ באַזונדערן שטאַרקן איינדרוק אויפֿן לייענער. זי האָט זיך אינטערעסירט מיט דער עקאָנאָמישער לאַגע פֿון ייִדישן שרייבער אין געטאָ. בלושטיין האָט ביי איר נושא־חן געווען אי מיט זיינע שאַפונגען, אי מיט זיין פאַרלייענען ייִדישע ליטעראַטור, אי מיט זיין ערלעכקייט און מענטשלעכקייט. רחל וואָלינסקאַ האָט זיך געוווּנדעט: „וואָס עפּעס אַזוי פּרי, חבר בלושטיין? דאָס מוז זיין עפּעס נישט קיין גוטער סימן!" — האָט זי אויף אים אָנגעשטעלט אירע גרויסע בלויע אויגן און צונויפגעצויגן איר הויכן שטערן. זי איז פריער געווען אַ פול־לייביקע, אָבער אַצינד איז זי שוין געווען אויסגעדאַרט פון סטאַבילן הונגער.

„זאָגט, וואָס איז געשען?!" — האָט זי געפרעגט אַ פּאַרציטערטע. ענדלעך האָט זיך בלושטיין אָנגענומען מיט מוט: „חברטע וואָלינסקאַ, איך האָב באַקומען אַ „חתונה־קאַרט" אַרויסצופאָרן פון געטאָ..."

„איר וועט נישט פאָרן! — איז זי אים אַריינגעפאַלן אין די רייד, — „איר וועט פאָרן פון די לעצטע. מיין מאַן וועט היינט זיין ביי רומקאָווסקין וועגן באַפרייען עטלעכע חברים, וועט ער אייך אויך אין איין וועגס באַפרייען. גייט שוין צו צו מיין מאַן. דערציילט אים פון אייער אומגליק. ער געפינט זיך אַצינד אין דער קיך — נאָר באַלעמוטשעט נישט".

בלושטיין איז שנעל אַוועק צו עמנואל וואָלינסקי. ער האָט אים טאַקע געטראָפן אין דער קיך. עמנואל איז געווען אַ הויכער, אַ ברייטביניקער, ער איז געווען קורצזיכטיק און געטראָגן ברילן, דורך וועלכע ער האָט זיך אָנגע־שטרענגט צו דערקענען בלושטיינען. ער האָט דעמאָלט געטרונקען וואַסער מיט אַ גלאָז פון אַן עמער — איינס נאָך דעם צווייטן. דאָס איז געווען זיין קראַנקהייט: אַ סך וואַסער צו טרינקען, וואָס דאָס איז פאַר אים געווען סם־המות.

עמנואל איז געווען אַן עסקן, אַ גרויסער אָרגאַניזאַטאָר. ער האָט באַזאָרגט מיט אַרבעט הונדערטער חברים. ער האָט ליב געהאַט אַ טובה צו טאָן אַ מענטשן, אָן אונטערשיד צו וועלכער באַוועגונג יענער האָט געהערט. עמנואל איז געווען אַ פירער פון די לינקע פועלי־ציון. ער מיט נאָך חברים זיינען אַרעסטירט געוואָרן דורך רומקאָווסקיס פּאָליציי אויף אַ זיצונג, און איינגעזעצט געוואָרן אין דער תפיסה „טשאַרניעצקיעגאָ", פּונקט ווי עס איז אַרעסטירט געוואָרן דער קאָמיטעט פון „בונד" און פון די קאָמוניסטן, דערפאַר וויל זיי האָבן געפירט אַ טעטיקייט.

רומקאָווסקי האָט נישט געליטן קיין קעגנער. ער האָט געוואָלט האָבן נאָר זיין אייגענע באַוועגונג. דער „קייסער" רומקאָווסקי האָט ביי עמנואלן צוגענומען דעם פּאָסטן, און ער מיט זיין ווייב און קינד זיינען שיער נישט אויסגעגאַנגען פון הונגער. די חברים האָבן זיך באַמיט זיי צו העלפן. אַצינד האָט ער שוין צוריק געאַרבעט אין דער קיך פון „טעפּיך־רעסאָרט".

עמנואל האָט געשריבן „די געשיכטע פון די רעסאָרטן אין לאָדזשער־געטאָ", און האָט אויך געפירט אַ טאָגבוך. ער האָט זיך אויך געוווּנדערט,

וואָס בלושטיין איז אַצינד צו אים געקומען. ער האָט אים אויסגעהערט און גע־זאָגט: „ניין! איר חבר בלושטיין טאָרט נישט אַרויסגעשיקט ווערן! — האָט ער געזאָגט קאַטעגאָריש — וואָס האָט ר׳ יוחנן בן זכאי געבעטן בעתן חורבן ירושלים דעם רוימישן פעלדמאַרשאַל, אַספּסינוס? „לאָז פאַר אונדז איבער די שטאָט יבנה און אירע געלערנטע״. און אַזוי איז געראַטעוועט געוואָרן דער יידישער גייסט״. און ער האָט בלושטיינען גע׳עצה׳ט, ער זאָל גלייך צוגיין צום סעקרעטאַר פון דער „אונטערערדישער שרייבער־גרופּע״, און יענער זאָל זען צו טאָן וועגן דעם ענין: „זאָל ער זיך ווענדן צו דער „אויסזידלונגס־קאָמיסיע״ וועגן דעם. „די יידישע שרייבער זיינען וויכטיק״, האָט עמנואל געזאָגט, „דאָס זיינען די עדות, וואָס וועלן קענען דערציילן דער וועלט, וועגן דעם גרעסטן חורבן, וואָס דאָס יידישע פאָלק מאַכט־דורך. נאָר ירמיהו האָט געקענט אויס־קלאָגן דעם חורבן, ווייל ער האָט אים אַליין מיטגעמאַכט. זאָגט אים, אַז איך האָב געהייסן אַלצדינג טאָן, אַז דער יידישער שרייבער זאָל נישט אַרויסגעשיקט ווערן״.

בלושטיין האָט אים העפלעך געדאַנקט; ער האָט זיך מיט אים געזעגנט און איז אַוועק. אויפן וועג האָט ער אָפּגעטראָטן ביי זיך אין „רעסאָרט״. ער האָט געטראָפן דעם אינזשעניער פּערסט פאַרריכטן אַ מאַשין. נעבן אים איז געשטאַ־נען זאַנדבערג, וואָס איז געשוואָלן געווען פון הונגער. אים האָט ער אויך גע־שטעלט אויף דער ליסטע. ליגט ער הכנעהדיק נעבן פּערסטן, און ער בעט אים ער זאָל אים באַפרייען. בלושטיין האָט אַצינד זיין קראָאוויניק נישט געקענט באַגריסן, און יענער האָט אים נישט געקענט קוקן אין די אויגן אַריין. בלושטיין האָט זיך געהאַלטן שטאָלץ.

„זעט נאָר, פּאַניע אינזשינעזשיע, — האָט זאַנדבערג געזאָגט מיט אַ חניפה־טאָן, — ווי בלושטיין איז עפּעס אַזוי בייז אויף איך. ער זאָגט איך אפילו נישט קיין ,גוט מאָרגן׳. וואָס האָט ער צו איך?״

בלושטיין איז גרייט געווען דעם חונף אָנצושפּייען אַ פול פּנים, אָבער ער האָט זיך באַזיגען: „ער איז שוין אַזוי אויך געווען באַשפּיגן. עס איז געוווינט ווי צו זיינע יאָרן״. דער קראָאוויניק האָט אַלץ נישט געקענט די אויגן אויפהויבן.

בלושטיין איז צוגעגאַנגען צום סעקרעטאַר פון דער שרייבער־גרופּע. שמואל בלומענשטיין איז געווען זיין נאָמען. ער איז געווען פון נידעריקן וואוקס, אַ ברונעטער. פאַר דער מלחמה איז ער געווען קאָרעספּאָנדענט פון וואַרשעווער „היינט״. אַצינד איז ער געווען דער „קראָאוויניק״ פון רומקאָווסקיס דרוקעריי. ער און נאָך איין קראָאוויניק זיינען געווען די איינציקע צוויי, וואָס האָבן נישט אויסגעשטעלט קיין ליסטעס אַרויסצושיקן זייערע אַרבעטער. דעם צווייטן האָט מען באַלד אַליין אַרויסגעשיקט און זיין „רעסאָרט״ אויפגעלייזט. אין בלומענ־שטיינען און אין זיין דרוקעריי האָבן זיך די דייטשן נאָך געגוויטיקט. בלומענשטיין האָט בלושטיינען אויפגענומען גלייכגילטיק.

„נו, איז וואָס? — האָט ער געזאָגט, — וועט איר פאָרן״.

„וואָס הייסט? גאָט איז מיט איך! עמנואל וואָלינסקי האָט מיך צו איך געשיקט״. און ער האָט אים איבערגעגעבן עמנואלס רייד.

„גייט־צו צו אָוויטשן, דערציילט אים אַלצדינג, נאָר טוט עס גלייך", — האָט ער כמעט ווי באַפוילן.

ווען בלושטיין איז אַרויס פון בלומענשטיינס ביוראָ, האָט ער זיך שלעכט געפילט. האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אין וואַרט־צימער. פון דער דרוקעריי האָט זיך דערטראָגן אַ שווידערלעכער ריח פון טוש. עס האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פון די דרוק־מאַשינען. דערווייל איז אָנגעקומען אַ פרוי, וואָס איז אַריינגעגאַנגען צו בלומענשטיינען. עס האָט זיך געהערט אַ ווערטער־אויסטויש — פריער שטיל, דערנאָך העכער.

„איך קאָן גאָרנישט טאָן", האָט בלומענשטיין געזאָגט.

די פרוי האָט אַרויסגעבוכניעט אין אַ יאָמערלעכן געוויין: „אַז מיר האָבן זיך שוין אַרויסגעדריט פון אַזוי פיל אַרויסשיקונגען, וויל איך נישט אויף דער שוועל פון דער באַפרייאונג, אַז מען זאָל אונדז אַרויסשיקן"...

איר געוויין האָט ווייך געמאַכט זיין האַרץ און ער האָט איר געהייסן אַהיים גיין אָנשרייבן אַ בקשה צו דער „אויסזידלונגס־קאָמיסיע", און ער וועט שוין זען, אַז עס זאָל גוט זיין.

בלושטיין האָט געזען, אַז ער איז נישט דער איינציקער, וואָס קומט צו בלומענשטיינען וועגן דעם אומגליק, און ער האָט זיך באַזינען — וואָס זיצט ער דאָ? ער איז באַלד אַוועק צום פאָרזיצער פון דער שרייבער־גרופּע. אָוויטש איז געווען זיין נאָמען. אַ פאַר־מלחמה'דיקער „ייִוואָ"־קאָרעספּאָנדענט. ער פלעגט האַלטן רעפעראַטן וועגן הומאָר און פאָלקלאָר. ער איז געווען אַ דיקער, פון מיטעלן וואוקס, מיט אַ גרויסן בויך. ער האָט געאַרבעט אין רומקאָווסקיס סטאַטיסטישן אַמט. ער האָט געשריבן כראָניק און געזאַמלט פאָלקלאָר.

אָוויטש איז געווען אַ גראָבער כאַראַקטער. ער פלעגט זידלען זיין סעקרעטאַרשע אויפן העכסטן קול, און זי האָט געוויינט מיט טרערן. ער האָט געהאַט אַ פרייע האַנט צו קויפן פאַר טאַלאָנען אויף זופּן פאָלקס־לידער און פאָלקלאָר. האָט ער קיינמאָל נישט געקויפט אין די טעג, ווען עס זיינען געווען גוטע זופּן מיט קאַרטאָפל. אין יענע טעג האָט ער אַליין אָפּגענומען די זופּן פאַר זיך און זיין משפחה. דאַגעגן, ווען עס זיינען געווען וואַסערדיקע קרויט־זופּן, האָט ער יאָ געקויפט. ביי יאַנקעלען דעם פאָלקס־זינגער, האָט ער אָפּגעקויפט אַלע זיינע לידער צו פופציק פעניק אין דער צייט ווען איין צוקערל האָט געקאָסט צוויי מאַרק. אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ פּאָסטן אַלס שרייבער, האָט ער געקראָגן חוצפה און זיך גראָב באַצויגן צו קאָלעגן, וואָס האָבן אַמאָל באַדאַרפט פון אים האָבן אַ טובה. דערפאַר האָט זיך בלושטיין אַצינד געשראָקן אַריינצוגיין צו אים.

אַזוי ווי בלושטיין איז צו אים אַריינגעקומען, האָט ער אים אָנגעמאָסטן מיט אַ בייזן בליק. אָבער בלושטיין האָט אים גלייך געזאָגט, אַז עמנואל וואָלינסקי האָט אים צו אים אַהער געשיקט וועגן דעם־און־דעם, און אַז בלומענשטיין ווייסט שוין אויך וועגן דעם. אָוויטש האָט זיך געטראַכט: דאָס איז אַ גוטער פּלאַן — מען ווייסט נישט וועמען עס קען מאָרגן טרעפן דאָס אומגליק. ער האָט זיך גלייך פאַרשטענדיקט טעלעפאָניש מיטן שרייבער ליוסטרע. יענער האָט געאַרבעט

אין וואוינונגס־אַמט. ליוסטרע איז באַלד געקומען. ער האָט דערציילט, אַז זיין מאַמע האָט שוין אויך באַקומען אַ „חתונה־קאַרט" אַרויסצופאָרן פון די ערשטע. אַלע דריי זיינען געגאַנגען צו בלומענשטיינען. און נאָכן דורשמועסן זיך זיינען זיי געקומען צום אויספיר, אַז דאָס קען נאָר דערלעדיקן אַדוואָקאַט נעפּטאַלין. בלומענשטיין האָט אַרויסגענומען די ליסטע פון די פיר־און־צוואַנציק שרייבער, מענער און פרויען, צווישן זיי צווי, וואָס האָבן געשריבן אין פּויליש. זיי האָבן דאָ פיגורירט מיט זייערע נאָענטסטע קרובים: ווייבער, קינדער און עלטערן. מען האָט אויסגעשטעלט אַ ליסטע פון די אַלע שרייבער מיט זייערע נאָענטסטע קרובים און דאָס איבערגעגעבן דעם אַדוואָקאַט נעפּטאַלין אין די הענט אַריין (ער איז געווען פאַרזיצער פון דער אויסזידלונגס קאָמיסיע) צוזאַמען מיט אַ בקשה: „דאָס זיינען די לעצטע יידישע שרייבער, וואָס דאַרפן בלייבן לעבן, כדי זיי זאָלן קענען דערציילן פאַר דער וועלט וועגן דעם גרעסטן גרויל פון דער מענטשהייט". און זיי האָבן נאָך צוגעגעבן: „נאָר ירמיהו האָט געקענט אויסקלאָגן דעם חורבן, ווייל ער האָט אים אַליין מיטגעמאַכט".

אַדוואָקאַט נעפּטאַלין האָט געשטאַמט פון אַ יחוסדיקער משפּחה. ער איז געווען אַ מעצענאַט פון יידישע שרייבער און קינסטלער.

כמעט יעדן טאָג האָבן די קעראַוווניקעס געשטעלט אַ שרייבער אויף די ליסטעס אָדער אַ נאָענטן קרוב פון אַ שרייבער. ביז נעפּטאַלין האָט געקענט באַפרייען, האָט עס פאַרמעל געדויערט פיר טעג. דער „קייסער" רומקאָווסקי האָט וועגן דעם נישט געטאָרט וויסן.

(באַלד ביים שליסן די געטאָ האָט זיך געשאַפן אַ גרופּע יידישע שרייבער פון זיבן. זיי האָבן זיך געמאַכט אַ שטעמפּל: „יידישע ליטעראַטן אין לאָדזשער געטאָ". דער פאַרזיצער איז געווען דער דיכטער־קדוש, בינעם שאַיעוויטש. די גרופּע האָט באַקומען זופּן פון די „בונד"־ישע און לינקע פּועלי־ציוניסטישע קיכן. שפּעטער איז די שרייבער־גרופּע זיך צעפאַלן. אָבער קיין שום זאַך בינדט נישט אַזוי ווי די עקאָנאָמישע לאַגע. בלומענשטיין האָט אויף פּסח נייגצן הונדערט פיר־־און־פערציק פאַרגעשלאָגן, אַז ער קען באַקומען טאַלאָנען פאַר די שרייבער אויף יום־טוב, אָבער ער מוז זיך ווענדן אין נאָמען פון אַ גרופּע. איז בלושטיין געלאָפן און צונויפגעשטעלט אַ גרופּע פון צוועלף, און די טאַלאָנען זיינען טאַקע געקומען אויף יום־טוב. דאָס האָט געגעבן אַ שטויס צו אָרגאַניזירן זיך, און עס האָט זיך געשאַפן די גרופּע פון פיר־און־צוואַנציק).

יאָ, אַזוי ווי בלושטיינס קאַרטן זיינען פאַרבלאָקירט געווען, האָט ער גאָרנישט באַקומען צום לעבן, אפילו די זופּ אין רעסאָרט האָט ער נישט געטאָרט באַקומען. האָבן די אַרבעטער אים געשאַפן אַ זופּ. זיין ווייב האָט זיך מיט אים געטיילט מיטן צוגעטיילטן נעבעכדיקן שטיקל ברויט און מיט דער זופּ. צו שלאָפן אינדערהיים האָט בלושטיין זיך נישט איינגעשטעלט, ווייל די פּאָליציי האָט אים געקענט צונעמען. איז ער געשלאָפן אין איין בעט מיט יאַנקעלע דעם פאַלקס־זינגער.

דער דיקער זאַנדבערג איז שרעקלעך געשוואָלן געוואָרן פון הונגער. ער האָט זיך דערנערט נאָר מיט גראָז און האָט זיך נישט געוואָלט צושטעלן. ער איז

געקומען אין פאַבריק אַריין און דערציילט „ווי גליקלעך עס זיינען די, וואָס שטעלן זיך אַליין צו, וואָס פאַר אַ גוטע זאַכן זיי באַקומען". „גייט שטעלט אייך צו!" — האָט ער אַגיטירט. ער האָט געוואָלט עס זאָלן זיך וואָס מער צושטעלן, כדי עס זאָל וואָס גיכער פאַרפולט ווערן די געפאָדערטע צאָל קרבנות, וועט ער באַפרייט ווערן. די קראַוועניקעס האָבן געשטעלט אַ גרויסע צאָל אויף די ליסטעס, און עס האָבן זיך אַזוי פיל מענטשן צוגעשטעלט, אַז די פּאָליציי האָט גאָרנישט באַדאַרפט קיינעם נעמען פון די בעטן.

ווען מען האָט בלושטיינען געפרעגט: „וואָס הערט מען?", האָט ער געענטפערט: „ס'איז זייער גוט! אַ ליאַדע שעה ווערן מיר באַפרייט! הע־הע, די רויטע אַרמיי שטייט שוין ביי דער ווייסל!". אָבער אַביסעלע שפּעטער האָט ער זיך באַזינען: „איך נאָר מיך אַליין. וואָס גרעסער עס איז מיין געפאַר, אַלץ מער בטחונדיקער בין איך. אָבער אויף וואָס פאַר אַ גרונט?"

אַ ליטעראַרישער אָוונט מיט יתומים

בלושטיינען האָט זיין קראַוועניק געשטעלט אויף דער „ליסטע" אַרויס־געשיקט צו ווערן פון געטאָ אויף אומצובורעגנגען. דער „קייסער" רומקאָווסקי האָט אים גלייך פאַרבלאָקירט די שפּייז־קאַרטן, האָט אים דער הונגער שרעקלעך געפּייניקט. איז אים איינגעפאַלן: ער וועט צוגיין צום יתומים־הויז, וואו דער מנהיג איז געווען זיינס אַ גוטער פריינט. דאָרטן האָט ער דעם פאַריקן ווינטער געהאַט אַ ליטעראַרישן אָוונט, צוזאַמען מיט אַ פידלער. די מעשה איז אַזוי געווען: דער דערציער פונעם יתומים־הויז, מלך שוואַרץ, האָט פאַרבעטן בלושטיינען, ער זאָל געבן אַ ליטעראַרישן אָוונט, פאַר די יתומים. געזאָלט קומען האָט אויך דער רעליגיעזער דיכטער, אלתר שנור. נאָר אַזוי ווי עס איז אויסגעפאַלן אַ שבת־צו־נאַכטס און עס איז געווען אַ גרויסער פראָסט, איז ער נישט געקומען, האָט בלושטיין מיטגענומען אַ פידלער.

דער קלאָרער שניי האָט די העלע לבנה־נאַכט נאָך ווייסער געמאַכט. בלושטיין מיטן פידלער זיינען געגאַנגען אין הויכן שניי, עס זאָל זיין נענטער, וויל מיטן אויסגעטראָטענעם וועג איז געווען גאַנץ ווייט.

דער פידלער האָט געטראָגן „טרעפּעס" (האַלץ־שיך), האָט דער שניי זיך צוגעקלעפּט און עס איז אים שווער געווען אַ טריט צו שטעלן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער וועג געדויערט אַן אייביקייט: „אוי, איך וועל שוין קיינמאָל נישט צוקומען צום יתומים־הויז!" האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן און ער האָט זיך געבעטן ביי בלושטיינען, אַז זיי זאָלן בעסער צוריקגיין; איינער אַליין האָט ער שוין מורא געהאַט צוריקצוגיין. בלושטיין האָט אָבער פון דעם נישט געהאַלטן, ער האָט אים געמונטערט: „קומט, איר וועט באַקומען אַ גוט נאַכט־עסן!"

— „יאָ, יאָ, אַ נאַכט־עסן, אַ שמאַכט־עסן! — האָט ער נאָכגעשפּעט —

איך פיל, אַז כ׳שטאַרב שוין אַוועק דאָ אויפן וועג — אַזוי שטאַרק הונגערט מיך!"

„איך זאָג אייך־צו: איר וועט באַקומען עסן!"

אויסער ברייטע, באַשנייטע פעלדער, האָט מען גאָרנישט געזען. דאָס קול איז געדעמפּט געוואָרן פון דער קעלט. אַצינד האָט זיך שוין בלושטיינען אויך געדאַכט, אַז ער בלאָנדזשעט. דאָ איז אויך געווען נישט ווייט פונעם געטאָ־צוים. דער דייטש, וואָס האָט געהאַלטן וואַך ביי די דראָטן, האָט געקענט שיסן ווען נאָר עס האָט אים געגלוסט. אַלע חושים האָבן זיך ביי ביידע אָנגעשפּאַנט אויף דער דאָזיקער שרעק. ענדלעך האָבן זיי דערזען טונקעלע, נידעריקע הייזער און זיי האָבן אַביסל לייכטער אָפּגעאָטעמט. זיי האָבן אויס־געזוכט דעם נומער פון הויז און זיינען אַריינגעגאַנגען.

דער הויף איז געווען אַ גרויסער פּלאַץ, מיט אַ סך קליינע, נידעריקע הילצערנע הייזער. די פענצטער זיינען געווען פאַרהאַנגען מיט שוואַרצע ראָ־לעטן, צוליב „לופט־שוץ". זיי זיינען אַריינגעקומען אין פראָנטאָווע הויז און געטראָפן עטלעכע דערוואַקסענע ייִנגלעך. בלושטיין האָט זיך געפרעגט אויף שוואַרצן, דער מנהל. צוויי ייִנגלעך זיינען באַלד געלאָפן אים מודיע זיין, אַז צוויי געסט זיינען דאָ. שוואַרץ איז אָנגעקומען. ער האָט זיי וואַרעם באַגריסט און אַרומגענומען גוטברודערלעך. שוואַרץ איז געווען אַ הויכער, אַ ברייט־ביינער, מיט אַן איינגעבויגענער פּלייצע. דאָס איז אים געבליבן פון קוועטשן די באַנק אין ישיבה און אין בית־המדרש. ער איז געווען געקליידט אייראָ־פּעאיש. זיין פּנים האָט אַצינד אויסגעדריקט אי הנאה, אי אומרואיקייט פון די געהויבענע געסט און פון נישט קענען זיי אויפנעמען, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

שוואַרץ האָט זיי אַריינגעבעטן צו זיך אין צימער. דאָס איז געווען אין אַ צווייט הויז אויפן צווייטן שטאָק. ער האָט זיי אַרויפגעפירט און ער איז געגאַנגען אין קיך אַריין, מען זאָל זען פאַר זיי אויסצוקאָמבינירן עפּעס צו עסן.

ביי שוואַרצן אין צימער זיינען געשטאַנען אַ טיש מיט עטלעכע בענק־לעך, אַ בעט און אַ שאַנק ספרים און ביכער. דער פידלער האָט זיך שוין געפילט אַביסל צופרידענער. אָבער ער האָט נאָך אַלץ נישט געוואָלט און נישט געקענט גלויבן, אַז ער וועט באַקומען עפּעס עסן. ער האָט נאָך אַלץ גע׳־טענה׳ט צו בלושטיינען, פאַרוואָס האָט ער אים דאָ אַהער געבראַכט. בלו־שטיינען האָט שוין באַנג געטאָן דאָס גאַנצע עסק. ער האָט זיך מיט אים פאַרדרייט דעם קאָפּ. און ער האָט אים געזאָגט: „איר קענט זיין רואיק, איר וועט באַקומען עסן". שוואַרץ איז באַלד געקומען און ער האָט זיי אַריינגע־פירט אין דער קיך. מען האָט זיי געגעבן צו טעלער קאַרטאָפל־זופּ, צוגע־ריישט אויף מאַרגאַרין און צו אַ טעלערל מערן, געקאָכט אויף מאַרגאַרין. אַזאַ גוטן מאָלצייט האָבן שוין ביידע נישט געגעסן פון פאַר דער מלחמה אָן.

בלושטיין האָט אין מיטן עסן געפילט, ווי עס קומט אים צו אַ שטיק געזונט. דער פידלער איז געוואָרן מונטער: „...אַ, אַ, כ׳בין מיך מחיה!" האָט ער געהאַלטן אין איין זאָגן. בלושטיין האָט דערפילט, אַז אַצינד וועט

ער קענען ריידן און לייענען, ווייל עס איז אים שוין נישט טרוקן אין האלדז. און עס איז אים געקומען אויפן זינען: מאַשינען, רעדער, זאַוויעסעס פון טירן און טויערן מוז מען אויך אויסשמירן מיט פעטקייט, מכל־שכן אַ מענטש.

שוואַרץ האָט זיי באַלד אַריינגעפירט אין געזעלשאַפטלעכן זאַל. די ווענט זיינען געווען ליידיק, נאָר אויבנאָן איז געהאַנגען דאָס בילד פון „קייסער" מרדכי חיים רומקאָווסקי. פון אַלע פיר ווינקלען פון סופיט האָבן אַראָפּ־געלויכטן גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן. אויפן טיש, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט אַ ווייס טישטוך, איז געשטאַנען אַן עלעקטריש לעמפּל, מיט אַ בלעכענע שיין. דער טיש איז געשטאַנען אויבנאָן. אויף לאַנגע בענק זיינען געווען אויסגעזעצט די קינדער. בלושטיינען האָט דאָס געוואונדערט: פאַרוואָס זאָלן די קלענסטע נישט זיצן די ערשטע? אָבער באַלד איז ער געוואויר געוואָרן פאַרוואָס: ווען ער האָט אָנגעהויבן ריידן האָבן די קליינע זיך צעלאַכט. האָבן זיי די גרעסערע, וואָס האָבן געהאַלטן אָרדנונג, גלייך אַרויסגעטראָגן שלאָפן לייגן.

מלך שוואַרץ, האָט געעפנט דעם אָוונט. ער האָט באַגריסט די צוויי קינסטלער; ער האָט געהאַלטן בלושטיינס ערשטע ביכל לידער און ער האָט ציטירט אַ ליד און קאָמענטירט: „בלושטיין פרעגט אין זיינס אַ ליד: „...צי קען ווער מיט וועמען זיינע לידן טיילן, עס זאָל אים לייכטער ווערן?" ענטפער איך: יאָ! ווען איר, פריינט בלושטיין, זייט אין אַזאַ ביטערער צייט צו אונז געקומען זיך טיילן מיט אייער וואָרט, מיט אייערע לידן, איז אונז לייכטער, און עס איז אייך לייכטער, און מיר פילן זיך יום־טובדיק. מיר זיינען הונגעריק נאָך אַ יידיש ליטעראַריש וואָרט און מיר זיינען גרייט אייך צו הערן", האָט ער פאַרענדיקט. בלושטיין האָט רעציטירט פראַגמענטן פון „פישקע דער קרומער" און פון „מסעות בנימין השלישי", פון מענדעלע מוכר ספרים. דערנאָך האָט ער געלייענט פון זיינע געטאָ־שאַפונגען און פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס", פון שלום עליכמען. די קינדער האָבן מיטגעלעבט מיט יעדן וואָרט. געענדיקט האָט בלושטיין מיט אַ קראַנץ קינדער־לידער, פון י. ל. פרץ.

ווען ער האָט פאַרגעלייענט דאָס ליד „פרילינג קומט", וואו פרץ שילדערט, ווי די זון וואַרעמט שטאַרקער און דאָס אייז און שניי צעגייט שוין, ווי די גראָזן הייבן אָן צו שפּראָצן און די אויבסט־ביימער צו בליען, האָבן די קינדער מיטגעפיבערט מיט יעדן וואָרט. ווען בלושטיין האָט פאַרענדיקט ריטמיש יעדע פיר סטראָפעס: „פרילינג קומט! פרילינג קומט!" האָבן די קינדער צוגעטופעט מיט די פיסלעך און זיינען ממש אונטערגעשפּרונגען אויס־שרייענדיק: „פרייהייט קומט! פרייהייט קומט!"

שוואַרץ האָט דעם מוזיקער געבעטן שפּילן נאָר פריילעכע ניגונים, האָבן די קינדער מיטגעזונגען און צוגעקלאַפּט מיט די פיסלעך. דערנאָך האָט ער געשפּילט פון מאָצאַרט און שובערט, זיינען די קינדער געזעסן פאַר־חלומ'ט פון דער קלאַסישער מוזיק און שוואַרץ האָט זיך איבערצייגט, אַז ער האָט זיך אומזיסט געשראָקן, אַז די קינדער וועלן נישט פאַרשטיין קיין העכערע מוזיק.

בלושטיין האָט זיך געפילט יום־טובדיק, ער האָט באַקומען אַ נשמה יתירה. אַלע האָבן אַביסל געהאַט פאַרגעסן אין די צרות. ווען די קינדער האָבן פאַרלאַנגט פון בלושטיינען ער זאָל נאָך לייענען, האָט ער פאַרענדיקט מיט זיינס אַ שאַפונג וועגן דער לאָדזשער געטאָ. דאָס איז פאַר די יתומים געווען אַ גרויסע איבערלעבונג און זיי האָבן שטאַרק אַפּלאָדירט.

דערנאָך האָבן די קינדער אַרומגערינגלט בלושטיינען מיט העפטן און ביכער און צעטעלעך אין די הענט און זיי האָבן אים געבעטן ער זאָל אויפשרייבן זיין נאָמען.

בלושטיין האָט דאָס געטאָן מיט צופרידנקייט. צום אָוונט איז ספּעציעל געקומען פּטאַקול, דער בונדיסט. ער האָט געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין „בעטריב 76". ער האָט געהאַט גרויס הנאה פון בלושטיינס פאַרלייענען און פון דער סביבה. „אַ ליטעראַרישער אָוונט אין געטאָ איז אַ געשעעניש — האָט ער געזאָגט — ווער איך, אַן אַלטער בונדיסט, דאָס אַדורכלאָזן?!"

אַהיימגעגאַנגען זיינען אַלע דריי צוזאַמען: בלושטיין, פּטאַקול און דער פידלער. זיי זיינען געגאַנגען אויפן אויסגעטראָטענעם וועג. פון ביידע זייטן האָבן זיך געצויגן ברייט־פאַרשנייטע פעלדער. עס איז געווען נאָך ליכטיקער ווי פריער, ווייל די לבנה איז אַצינד געשטאַנען אינמיטן הימל. דער הימל איז געווען לויטער, טונקל־בלוי און אויסגעשטערנט. עס איז געווען אַ פרעסטל און דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס. זיי האָבן בכלל נישט געפילט די קעלט. דער שמועס איז געגאַנגען וועגן דעם געלונגענעם אָוונט און וועגן דער גוטער האַלטונג פון די קינדער־יתומים. זיי האָבן זיך געפילט זיכערער, אָן מורא, ווייל דער וועג איז געווען ווייט פון געטאָ־צוים. דער מוזיקער האָט געהאַלטן אין איין אַריינריידן אין בלושטיינען:

„באַמיט איך כ'זאָל נאָכאַמאָל דאָ אויפטרעטן, כדי כ'זאָל קענען האָבן אַביסל עסן. אַצינד איז מיר וואַרעם, עס גלוסט זיך מיר גאַרנישט אַהיימצוגיין שלאָפן".

שפּעטער איז צו בלושטיינען עטלעכע מאָל געקומען דער פידלער־ווירטואָז, קראַפּט, וואָס איז דאָ אַריינגעשיקט געוואָרן פון פּראָג. ער האָט אים געבעטן: „הערן בלושטיין, פאַרגעסן זי נישט אין מיר, טאָמער וועלן זי האָבן אַ ליטעראַרישן אָוונט, בעמען זי מיך מיט. איך וויל גיין שפּילן אַ גאַנצע שעה פאַר איין זופּ — האָט ער גערעדט דייטש שוין געמישט מיט יידיש — ווי לאַנג איך בין אין געטאָ, האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געגעסן צו דער זעט".

אַצינד, ווען דער הונגער האָט בלושטיינען אַזוי דאַקוטשעט, האָט ער זיך דערמאָנט אין דעם יתומים־הויז (דעם מאַלצייט האָט ער, וואָס אַן אמת, קיינמאָל נישט פאַרגעסן) און ער איז אַהינגעגאַנגען, אפשר וועט ער עפּעס קענען טועם זיין דאָרטן.

אויפן וועג האָט ער געזען ווי מען פירט אַ טראַנספּאָרט יידן צו דער באַן, אַרויסגעשיקט צו ווערן צום טויט, מיט קלומיקעס און פּעקלעך. בלושטיין האָט זיך איינגעקוקט און ער האָט געזען, אַז דאָס זיינען בלויז יונגע מענטשן: יונגע מענער און יונגע פרויען, מיידלעך און יינגלעך. דער טראַנס־

פארט איז געפירט געווארן אונטער דער וואך פון דעם „קייסער" רומקאָווסקיס פּאָליציי. און בלושטיין האָט אַ שווערן זיפץ געגעבן: „ס'איז חורבן ירושלים".
עס זיינען דאָ אין דעם טראַנספּאָרט געגאַנגען עטלעכע פון בלושטיינס באַקאַנטע: איינער דער נאַכט־וועכטער פון „בעטריב 76" און אויך זיינס אַ שכן, ר' משה דער „גוטער פירער". אַזוי האָט מען אים גערופן, ווייל אַזוי ווי די דייטשן זיינען אַריין קיין לאָדזש, האָבן זיי געכאַפּט משה'ן צוזאַמען מיט אַ סך יידן און זיי געצוואונגען צו פאַרשיטן די לופט־שוץ־גריבער, וואָס די פּויליש־פאַשיסטישע רעגירונג האָט געהייסן גראָבן, צו „קעמפן" קעגן די נאַצישע באָמבעס און גאַז. עס איז געווען אַ טרויעריקע איראָניע, מיט וואָס די פאַרעטערישע פּוילישע רעגירונג האָט געהייסן דעם פּוילישן פאָלק קעמפן: מיט שטיקלעך וואַטע, איינגעטונקען אין וואַסער און טיי־סאָדע, זיך צוהאַלטן די נאָז און ליגן אין אָפענע גריבער. ווער עס האָט נאָר געקענט, האָט ביי זיך געהאַלטן אַ שטיקל וואַטע און אַ פלעשעלע וואַסער אויסגעמישט מיט טיי־סאָדע. אַזוי־אַרום האָט די באַפעלקערונג אין פּוילן זיך נעבעך געשיצט קעגן די דייטשע באָמבעס. ווען די דייטשן זיינען אַריין, האָבן זיי געלאַכט פון דעם. דערנאָך האָבן זיי געכאַפּט די יידן, אַז זיי זאָלן פאַרשיטן די „דומע גריבער", ווי די דייטשן האָבן זיי גערופן.

דאָרטן האָבן זיי ר' משה'ן אונטערגעהאַקט די לונגען. משה איז געווען אַ סופר, די דייטשן האָבן אים געהייסן אָנטאָן דעם טלית־קטן אויפן כאַלאַט, זיי האָבן אים געצוואונגען מאַכן דאָס „פּאַסכאַ־געבעט" (אָפּריכטן דעם סדר), זינגען הלל. משה האָט זיך איינגעשפּאַרט: ניין, ער וועט ניט זינגען הלל פאַר אַזעלכע רשעים. דער דייטש האָט משה'ן געשלאָגן מיט דער ביקס. אַרום זיינען געשטאַנען פּאָליאַקן און האָבן געקייכט פון געלעכטער. איין דייטש האָט משה'ן אָפּגעשניטן די באָרד און פיאות מיט דער פּיקע, מיטשניידנדיק שטיקער פלייש. דערנאָך האָט ער אים אויפן שטערן, וואו מען לייגט דעם של־ראש, אויסגעשניטן אַ האָקן־קרייץ און דער דייטש האָט געהאַלטן אין איין רעוועז מיט כעס: „דו יודע האָסט קריג געמאַכט! טשעמבערלעין און די יודען! ענגלאַנד און די יודען האָבן קריג געמאַכט!" דער דייטש האָט אים געפרעגט: „איסט היטלער איין גוטער פירער?" משה האָט געטראַכט: וועט ער ענטפערן יאָ — וועט מען אים שלאָגן, ווייל מען וועט זאָגן, אַז ער זאָגט ליגן. זאָל ער זאָגן ניין — וועט יענער ערשט האָבן פאַרוואָס צו שלאָגן. איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק און ער האָט אים געענטפערט: „פאַר אייך איז היטלער אַ גוטער פירער". דער דייטש האָט אָנגעקוואָלן. ער האָט אים אַזש גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ געגעבן איבער דער פּלייצע: „דו האָסט רעכט יודע!" ער האָט אים אויפגעהערט צו שלאָגן און ער האָט אים אַהיימגעלאָזט.

פון דעמאָלט אָן האָט מען משה'ן גערופן: „גוטער פירער". אָבער פון אַלע גליקן האָט מען ר' משה'ן אַהיימגעבראַכט אַ צעבלוטיקטן, אַ באַוואוסטלאָזן. ער איז אָפּגעלעגן אין בעט און געהאַלטן אין איין הוסטן און שפּייען מיט בלוט. אָפילו אין דער „שפּערע" האָט זיך די דייטשן נישט איינגעגעבן ר' משה'ן צו כאַפּן און אַצינד האָט אים דער „קייסער" רומקאָווסקי פאַר־

בלאָקירט די שפּייז־קאַרטן, האָט אים דער הונגער געצוואונגען ער זאָל זיך אַליין צושטעלן. ער האָט שוין מער נישט געהאַט קיין כוח צו קעמפן מיט הונגער.

איבער די גאַסן זיינען פאַנאַנדערגעקלעפּט געוואָרן פּלאַקאַטן אויף דייטש: „אַלע מיינע יודן פון מיין געטאָ, וואָס וועלן זיך פרייוויליק צושטעלן אַרויסצופאָרן אויף אַרבעט אויסער דער געטאָ, וועל איך געבן אַ גאַנץ ברויט און אַרבעטס־קליידער. — דער עלטעסטער דער יודן אין ליצמאַנשטאַט־געטאָ, מ. ח. רומקאָווסקי". אַ סך יידן האָבן גע'טענה'ט: „וואָס? איך וועל אַדורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט?! איך וועל דעם משוגענעם שענקען אַ ברויט?" און זיי האָבן זיך טאַקע צוגעשטעלט.

משה „גוטער פירער" האָט געאַרבעט אינדערהיים. ער האָט געלפאַכטן צעפּ פון דער וועש און מלבושים פון די אויסגעקוילעטע יידן, וואָס די דייטשן האָבן אַריינגעוואָרפן פאַרן „טעפּיך־רעסאָרט", און אַצינד האָט אים זיין קעראַוניק געשטעלט אויף דער „ליסטע" אַרויסגעשיקט צו ווערן.

בלושטיין איז ווייטער געגאַנגען און ער האָט געזען, אַז די הייזער זיינען אויסגעליידיקט געוואָרן. אַביסל ווייטער האָט ער געזען, ווי גאַנצע גאַסן זיינען אויסגעליידיקט געוואָרן, אויסגעריסענע פענצטער און טירן, איינגעפאַלענע ווענט. עס ליגט צעוואָרפן: בעטגעוואַנט, מלבושים, וועש, געפעס, טעלער, שיסלען, טעפּ, לעפל, מעסער, גאָפל, טאַרבעס אויסגעשיטע וואַש־סאָדע, אויסגעשיטער זאַלץ, צעשאָטענער „קאַווע־מיסטונג" (געבערענטער פּלעווע פון גערשטן, נאָר אַזאַ „קאַווע" האָבן די דייטשן אַריינגעשיקט פאַר די יידן). אין די געטאָ־געסלעך זיינען אַרומגעלאָפן האָזן. „היתה לשמה, מרבץ לחיה — ווי איז זי געוואָרן וויסט, אַ הויעראַרט פאַר חיות" — זאָגט דער נביא צפניה, האָט בלושטיין אַרויסגעקרעכצט. — „די דייטשן שיסן אונז יידן אויס אין די וועלדער, אַנטלויפן די חיות פון דער וויסטעניש אין געטאָ אַריין, ס'איז חורבן ירושלים". בלושטיינען האָט אַזש פאַרקלעמט ביים האַרצן, ער האָט זיך צעוויינט. און ער איז ווייטער געגאַנגען.

אין יתומים־הויז אין געטאָ

ווען בלושטיין איז אַריינגעקומען אין יתומים־הויז, איז שוין געווען פאַרנאַכט. ער האָט דעם דערציער מלך שוואַרץ נישט געטראָפן. צוויי יתומים האָבן אים אויפגענומען מיט פרייד און דרך־ארץ. איינער האָט געהייסן מייזלס און דער צווייטער פרידמאַן — צוויי פאָעטן. מייזלס האָט געשריבן משלים און פרידמאַן לירישע לידער. ביידע פלעגן קומען צו בלושטיינען אים פאַרלייענען זייערע זאַכן ער זאָל זיי זאָגן מבינות. אַצינד האָבן ביידע אַרויסגענומען פון די בוזים־קעשענעס איבערגעשריבענע בלעטלעך און זיי האָבן פאַר אים פאַרגעלייענט לידער. אויף בלושטיינען האָבן די לעצטע לידער

געמאַכט מער איינדרוק ווי די פריערדיקע. ער האָט זיי דאָס געזאָגט און ער האָט צוגעגעבן, אַז דאָס איז אַ גוטער סימן.

בלושטיין האָט זיי דערציילט, אַז זיין „קעראַוואניק" האָט אים געשטעלט אויף דער „ליסטע" (אַרויסגעשיקט צו ווערן פון געטאָ, אומצובערענגען) צוליב זיין ליד „בעטריב 76", און אַז זיינע שפּיז־קאַרטן זיינען „פאַרבלאָקירט". האָבן די קינדער פאַרשטאַנען אַז בלושטיין הונגערט. זיי האָבן מיט גאַרנישט געקענט און מיט גאַרנישט געטאַרט העלפן. זיי ביידע האָבן פּונקט דעם טאָג געהיט דעם גאָרטן. די הייזער פון יתומים־אַנשטאַלט זיינען געשטאַנען אין אַ גאָרטן — דאָס איז געווען אין פאַרשטאָט, מאַרישין. דאָ האָבן פאַר דער מלחמה געוואוינט בעסער סיטואירטע פּאָלאַקן — מלוכה־באַאַמטע. די ביידע יונגיטשקע דיכטער האָבן דעם טאָג געהיט די פּרוכט־ביימער. האָבן זיי בגניבה צוגעטראָגן בלושטיינען צו עטלעכע פּרוכטן. בלושטיין האָט זיך אַביסעלע אונטערגעלענט ס'האַרץ. דורך דער צייט איז שוואַרץ אָנגעקומען. ער האָט זיך מיט בלושטיינען דערפרייט.

ער האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין צימער און ער האָט פאַר אים פאַרגעלייענט אַ רעפּאָרטאַזש, וואו ער האָט געגנוי באַשריבן דעם טאָג, די שעה און די מינוט און ווי אַזוי עס איז אויפגעהאַנגען געוואָרן דער ייד, וואָס האָט געוואָלט אַרויסטראָגן אַ פּאַסיקל לעדער פון שוסטער־רעסאָרט, וואו ער האָט געאַרבעט; און ווי אַלע אַרבעטער פון דעם רעסאָרט האָבן געמוזט קומען באַלד נאָך דער אַרבעט זיך צוקוקן צו דער עקזעקוציע, און ווי דער דייטש, דער אַמטס־לייטער, האַנס ביבאָוו ימ"ש, דער בעל־הבית פון געטאָ, האָט געהאַלטן אַ רעדע צו די פאַרזאַמלטע: „דאָס טו איך צו די, וואָס גנבע־נען דאָס אייגנטום פון דייטשן רייך. זאָל זיך יעדער פון איך גוט איינ־קריצן אין מוח, וואָס עס דערוואַרט אים, ווען ער וועט גנבענען דאָס אייגנטום פון דייטשן רייך". און שוואַרץ האָט צו געגעבן: „צוגערויבט יידיש האָב און גוט, הייסט ביי אים אייגנטום פון דייטשן רייך". האַנס ביבאָוו האָט הנאה געהאַט אויפצושטעלן אַ פונקציע תליה פאַר יעדן ייד, וואָס ער האָט אויפגע־האַנגען. בלושטיין האָט באַוואונדערט, ווי גוט דער באַריכט איז אָנגעשריבן. שוואַרץ האָט אים געוויזן מער כתבים וועגן לעבן אין געטאָ. בלושטיין האָט אים געזאָגט, ער זאָל דאָס גוט אָפּהיטן, ווייל דאָס איז מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון לאָדזשער געטאָ.

בלושטיין האָט אים אויסגעפרעגט וועגן יתומים־הויז און שוואַרץ האָט אים דערציילט: „אייגנטלעך איז אין געטאָ געווען נאָך איין יתומים־הויז, ספּעציעל פאַר די רעליגיעזע קינדער און אויך אַ „בורסע" (אַן אַנשטאַלט פאַר עלטערע יתומים, וואו זיי האָבן געלערנט מלאכות) אָבער אין מיין יתומים־הויז געפינען זיך נאָך היינט הונדערט און פופציק קינדער, יינגלעך און מיידלעך און אַ קינדער־גאָרטן פון פינף און צוואַנציק יתומים. אין דער „שפּערע", וואו עס האָבן אַממייסטן געליטן די קינדער, האָבן די דייטשן צוגענומען אַ גרויסן טייל קינדער פון די יתומים־הייזער און פון דער קינדער־

קאָלאָניע. געבליבן זיינען נאָר די קינדער, וואָס עס האָט זיך זיי איינגעגעבן אויסצובאַהאַלטן און פון זיי איז דאָס דער המשך פון מיין יתומים־הויז״.

„ווי אַזוי קומט איר צו ווערן אַ מנהל אין אַ יתומים־הויז?״ — האָט בלושטיין געפרעגט שוואַרצן.

„ווען רומקאָווסקי האָט געעפנט די קינדער־קאָלאָניע, וואו עס זיינען געווען טויזנט זעקס הונדערט יתומים, איז אים איינגעפאַלן: אַזוי ווי צווישן די יתומים זיינען דאָ קינדער פון פרומע היימען, זאָל מען פאַר זיי עפענען אַ תלמוד־תורה, און די שול־אָפּטיילונג האָט מיך אויסגעקליבן צו שאַפן די תלמוד־תורה, וואו עס האָבן געלערנט דריי הונדערט יתומים, ביז צו דער „שפּערע״. און איך בין געווען דער מנהל, און אַזוי בין איך שוין פאַרבליבן אַרבעטן ביי די יתומים. די מאַגאַזינערין פון דער קיך איז דאָ די חברטע אסתר, פון בונד, דאָס הייסט — האָט ער זיך געוויצלט — זי האַלט די שליסלען פון לעבן״.

„נו, יאָ — האָט בלושטיין צוגעגעבן — אויף אַזאַ פּאָסטן מוז מען האָבן אַ מענטש, וואָס מען קען אים געטרויען״.

„די אַדמיניסטראַטיווע לייטערין איז דאָ אַן אַלטע פריילין, וואָס איז אַסימילירט דורך און דורך. עס זיינען דאָ פאַראַן צוויי דערציערינס, אויך מיט אַסימילירטן גייסט. זיי קענען נישט קיין יידיש וואָרט, מיט וועלכע איך מוז אַ סך קעמפן, ווי אַזוי צו דערציען די קינדער. איך האָב באַלד אָנגעהויבן די קינדער לערנען ריידן, לייענען און שרייבן יידיש און העברעאיש. דאָס יתומים־הויז באַשטייט פון צוועלף קליינע הייזקעס, אין אַ טייל לעבן די יינגלעך און אין אַ טייל די מיידלעך. די עלטערע קינדער זיינען געגאַנגען צו דער אַרבעט אין די רעסאָרטן. איך האָב פאַר זיי איינגעפירט קורסן ביינאַכט. טייל לערנען גמרא. די לימודים זיינען: תנ״ך, פאַרשטייט זיך — חומש מיט רש״י, — יידישע געשיכטע, שרייבן און לייענען יידיש און העב־רעאיש. זלאַטע, די פרוי פון דעם רעליגיעזן דיכטער אלתר שנור, איז דאָ אויך אַ צייט געווען אַ לערערין״.

„ווער באַאַרבעט דאָ די ערד?״ האָט בלושטיין געפרעגט. „די קינדער טוען דאָ אַלץ אַליין: זיי באַאַרבעטן דאָס פעלד, וואָס געפינט זיך אַרום די הייזער. זיי נעמען אַליין אַראָפּ די פירות פון דיביימער. די שפּייז, וואָס רומקאָווסקי שטעלט דאָ צו, איז צו־ווייניק, — כאָטש פאַר די קלענערע יתומים גיט ער פון צייט צו צייט עפּעס מער, — העלפן מיר זיך אַרויס פון דעם שטיקל פעלד. יאָ, אַזוי איז דאָס צוגעגאַנגען ביז צו דעם איצטיקן טראַגישן מאָמענט, וואו די דייטשן האַלטן שוין ביים ליקווידירן די געטאָ״.

„יאָ, אַצינד איז שוין די ליקווידאַציע — האָט בלושטיין באַשטעטיקט — אפשר קענט איר מיר נאָך עפּעס דערציילן וועגן די יתומים און יתומים־הויז?״

שוואַרץ האָט אַ קרעכץ געטאָן און פאַרגעזעצט: „די יתומים זיינען זייער פּראַקטיש, זיי טוען אַלץ כדי זיך צו ראַטעווען. זיי האָבן געטאָן די שווערסטע אַרבעטן אין די מעטאַל־רעסאָרטן, צו האָבן אַ בעסערע זופּ, אָדער נאָך אַ

זוף. נאָך דער אַרבעט פאַרנעמען זיי זיך מיט לערנען און לייענען. עטלעכע פון זיי פירן טאָג־ביכער. איך באַמי מיך ווי ווייט מעגלעך צו פאַרגרינגערן זייער שווערע לאַגע. די גרעסערע זיינען תמיד ביי מיר און איך פיר מיט זיי תורה־שמועסן, אויך וועגן געשיכטע און ליטעראַטור. איך ווייז זיי אָן וועלכע ביכער זיי זאָלן לייענען. איך האָב פאַר זיי איינגעאָרדנט פאַרשידענע קולטור־אונטערנעמונגען. מילא, איר ווייסט דאָך אַליין וויפל נחת־רוח זיי האָבן געהאַט פון דעם ליטעראַרישן אָוונט, וואָס איר מיטן פידלער האָט אונז געגעבן. אויך די חברטע אסתר, פון בונד, טוט — נאָך איר אַרבעט אין מאַגאַזין — פריי־וויליק אַפּגעבנדיק איר ביסל פרייע צייט, פריילעך צו מאַכן די דערשלאָגענע קינדער. אויסער אַן אידעאַליסטקע, איז זי אַן אינטעלעגענטע, אַנגעלעזענע פרוי. זי האָט מיט די קינדער איינגעזונגען יידישע לידער, פאַרגעלייענט מעשהלעך פון שלום עליכמען און פון אַנדערע. זי האָט זיי אויך דערציילט וויצן און מעשהלעך...״

„איך וואָלט געוואָלט וויסן — איז אים בלושטיין אַריינגעפאַלן אין די רייד — עפּעס ספּעציעלע גוטע מעשים פון די יתומים אין דעם גיהנום — לאַדזשער געטאָ, קענט איר מיר דערציילן?״

„יאָ, ווי איר ווייסט האָט דאָך רומקאָווסקי סוף דעם ווינטער געמאַכט אַ קלענערע אויסזידלונג, בין איך ליידער אויך געווען אויף דער ליסטע. מען האָט מיר פאַרבלאָקירט די שפּייז און ברויט־קאַרטן און כ׳בין געבליבן אָן שום מיטלען צום לעבן (בלושטיין האָט זיך געטראַכט: „איך געפין זיך דאָך אַצינד אין דער זעלבער לאַגע״). כ׳בין געלאָפן און אַנגעווענדט פּראָטעקציע ביי פאַרשידענע מענטשן און כ׳האָב באַשלאָסן, אויב כ׳וועל נישט באַפרייט ווערן, וועל איך מיך צושטעלן. שטעלט איך פאַר מיין געמיט אין יענער צייט. דעמאָלט איז צו מיר געקומען אַ דעלעגאַציע פון די גרעסערע קינדער און דער ראש האָט צו מיר געזאָגט: ,הער שוואַרץ, מיר די עלטערע קינדער האָבן באַשלאָסן: טאָמער וועט מען איך נישט באַפרייען, וועלן מיר איך אויסבאַהאַלטן און יעדער איינער פון אונז וועט עפּעס אַראָפּגעבן פון זיין שפּייז פאַר איך און אַזוי וועט איר איבערלעבן די מלחמה׳. אין אַזאַ צייט, ווען יעדער ביסן דעצידירט לעבן אָדער טויט, זיינען קינדער גרייט אַליין אָוועק־צורייסן פון זיך דעם ביסן פון מויל, כדי צו ראַטעווען אַ צווייטן. דאָס איז גאָר אַ הויכע מדרגה. ניין, די געטאָ האָט זיי נישט אַנטמענטשלעכט! דער סוף איז געווען: ווען רומקאָווסקי האָט דורכגעקוקט די ליסטע און ער האָט געזען מיין נאָמען, האָט ער געזאָגט: ,אים דאַרף איך האָבן פאַר מיינע יתומים׳. און ער האָט מיך באַפרייט״.

„ווי איר ווייסט, בלושטיין, האָבן מיר דאָ אין יתומים־הויזביימער מיט פרוכטן. ווען די פּירות האָבן אָנגעהויבן צייטיק ווערן, האָבן די דערוואַק־סענע קינדער פון צווישן זיך אויסגעקליבן אַ וואַך צו היטן אין די נעכט, מען זאָל נישט גנבענען די פּירות. די נאַכט־וועכטער האָבן מיר עטלעכע מאָל אָנגעבאָטן אַביסל פרוכטן, אָבער איך האָב נישט געוואָלט, צוליב דעם טעם: ווען די קינדער וועלן זיך דערוויסן, אַז איך געניס פון די פּירות וועלן

זיי זיך זאָגן: ,אונז לערנט ער, אַז מען דאַרף נישט עסן די פּירות ביז אַלץ וועט צייטיק ווערן און מען וועט איינטיילן גלייך אויף גלייך צווישן אַלע קינדער און ער אַליין עסט זיי׳. זיינען די נאַכט־וועכטער געפאַלן אויף אַ המצאה: אין מיטן דער נאַכט ווען איך בין גוט געשלאָפן און מיין פענצטער איז געווען אָפן, האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אויפן טיש פאַרשידענע פּירות. איך האָב דערנאָך געפאַרשט ווער עס זיינען געווען די נאַכט־וועכטער אין יענער נאַכט, אָבער דאָס איז מיר קיינמאָל נישט געלונגען צו דערגיין״.

שוואַרץ האָט אָפּגעהוסט און האָט פאָרגעזעצט: „אין מיין געבוירן־טאָג האָבן מיר די יתומים איינגעאָרדנט אַן אָוונט און געגעבן אַ מתנה די העברע־אישע ענציקלאָפּעדיע ,אוצר ישראל׳. וואו זיי האָבן זי געקויפט ווייס איך נישט ביזן היינטיקן טאָג״.

„דאָס זיינען זיי אייך דאַנקבאַר — האָט בלושטיין געזאָגט — ווייל איר לעבט מיט זיי מסתמא נישט ווי אַ מנהל מיט תלמידים, נאָר ווי אַ חבר מיט חברים, אָדער ווי אַ פאָטער מיט זיינע קינדער״.

„יאָ, זיי זיינען מיין גאַנץ לעבן, אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז דער היטלעריסטישער מולך טוט זיי נעבעך פאַרצערן״, האָט שוואַרץ פאַרענדיקט טרויעריק און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זיינע אויגן.

אין צימער איז שוין געווען פינצטער. די זון האָט זיך שוין געהאַט געזעצט.

„יאָ — האָט בלושטיין געזאָגט מיט ציטער אין קול — אַצינד האַלט עס שוין ביי דער ליקווידאַציע״.

* * *

אויפן דריטן טאָג, פאַרנאַכט, איז בלושטיין געגאַנגען צום אַדוואָקאַט נעפּטאַלין, און יענער האָט אים געזאָגט אין פּויליש: „פּאַניע בלושטיין, איר זייט שוין באַפרייט, מאָרגן אינדערפרי וועלן אייערע שפּייז־קאַרטן שוין אויפ־בלאָקירט זיין, איר וועט שוין קענען אָפּנעמען ס׳ברויט און די ראַציע״.

בלושטיין האָט זיך דערפרייט און ער האָט אים געדאַנקט און ער האָט געטראַכט: די „שרייבער גרופּע״ טוט דאָך עפּעס אויף פאַר אירע מיטגלידער. בלושטיין האָט זיך שנעל געזעגנט מיט נעפּטאַלינען און עס האָט אים פּשוט געטראָגן אין זיין רעסאָרט אַריין מיט דער גוטער בשורה. אָבער עס איז שוין געווען נאָך דער אַרבעט.

אויף בלושטיינס אָרט איז געזעסן אַ דייטשער ייד. יענער האָט באַגריסט בלושטיינען און האָט זיך פאַר אים געבויגן אין דריייען. ער האָט אים געענט־פערט מיט אַ האַלב מויל און ער איז גלייך געגאַנגען צום אינזשעניער פּערסט (דער וואָס האָט אים געשטעלט אויף דער „ליסטע״ אַרויסגעשיקט צו ווערן פון געטאָ. פון דער אויסזידלונג איז קיין איינער נישט לעבן געבליבן). ביי דער טיר האָט ער געטראָפן אַרויסגיין אַ מיידל, אַן אַרבעטערין פון דער פאַבריק, אַ פאַרוויינטע, ווישנדיק זיך די אויגן. דער קעראָוווניק האָט זי אויך געשטעלט אויף דער „ליסטע״. זי האָט זיך אַביסל פאַר אים פאַרשעמט און בלושטיין האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער זעט זי נישט. ווען בלושטיין איז

אריינגעקומען אין קאַבינעט, האָט ער געטראָפן דעם אינזשעניער ווינען און ווישן זיך די אויגן מיט אַ ווייס טאַשן־טיכל. בלושטיין האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיידל האָט אים ווייך געמאַכט דאָס האַרץ: פון אַ גרויסער משפחה איז נאָר זי אַליין מיט איר קראַנקער און צעבראָכענער מוטער געבליבן לעבן און אַצינד גייט ער זי אַרויסשיקן? און ווער ווייסט וואָס זי האָט זיך אַלץ פאַר אים אַראָפגערעדט פון האַרצן און ווי זי האָט ביי אים געבעטן רחמנות אויף זיך און פאַר איר מאַמען? און ווער ווייסט וואָס פאַראַ טייערע מתנה זי האָט איר געבראַכט? „פּאַניע אינזשיניעזשע — האָט אים בלושטיין געזאָגט — כ׳בין שוין באַפרייט". דער אינזשעניער האָט אַוועקגענומען דאָס טיכל פון די אויגן און ער האָט געזאָגט: „איך בין צופרידן, אַז איר זענט באַפרייט". אין זיין טאָן איז געלעגן אויפריכטיקייט און מיטגעפיל. ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן דאָס ווייסע טיכל: „איך בעט אייך פּאַניע בלושטיין, איר זאָלט קיינעם נישט דערציילן, אַז איר האָט מיך געטראָפן אַן איינגעבראָכענעם".

ער איז געגאַנגען הין און צוריק ווישנדיק זיך די אויגן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַרויסגעוויינט: „איך האָב עס שוין ביז אַריבער" — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט איבערן האַלז — „וואָס זאָל איך טאָן? וואָס קען איך טאָן? מיין רעסאָרט וויל איך נישט צומאַכן. אַרויסשטעלן מענטשן אויף דער ליסטע מוז איך! דאָס פאַרלאַנגט מען פון מיר! איז ווען מען זאָל איך צושטעלן, די וואָס זיינען מיר אַמבויטיקסטן אויפצוהאַלטן דעם רעסאָרט? און דאָ פאַרלאַנגט מען פון מיר יעדן טאָג מער און מער מענטשן. וואָס זאָל איך טאָן?!" (אויס רעסאָרט, בין איך אויס קעראָוניק, בין איך אַ פּשוטער געטאָ־ייד — האָט דער אינזשעניער געטראַכט — אַ שטיקל שמאַטע, וואָס מען קען דערמיט טאָן וואָס מען וויל).

„איר פרעגט: וואָס זאָל איך טאָן? — האָט אים בלושטיין געענטפערט — איר זאָלט קיינעם נישט שטעלן אויף דער ליסטע!"

— „ווען מען מיך אַליין אַרויסשיקן, און איך וויל נאָך לעבן!"

— „יעדער איינער וויל לעבן. קיינער האָט אייך נישט געגעבן די רעכט איבער זיין לעבן. ביי יעדן איז זיין לעבן טייער. יעדנס לעבן איז הייליק".

דער קעראָווניק האָט געוואָלט פאַרענדיקן דעם שמועס, האָט ער — אַ געפּאַלענער ביי זיך — געזאָגט: „אַנטשולדיקט מיר, וואָס איר האָט מיך היינט געטראָפן אין אַזאַ נישט ריטערלעכער פּאָזע". און ער האָט זיך אָנידער־געזעצט אַן אָפּגעשוואַכטער אויפן טאַפּטשאַן.

בלושטיין האָט אים געענטפערט: „ביי מיר איז די פּאָזע אין וועלכע איך האָב אייך געטראָפן ביי מיין אַריינקומען גראַד יאָ ריטערלעך. מיט דעם האָט איר ביי מיר אַ סך געוואונען — דאָס באַווייזט, אַז איר האָט נאָך אַ געוויסן".

די דייטשן קענען גוט די פּסיכאָלאָגיע פון מענטש — ווען דו הונגערסט אויס דעם מענטש קענסטו אַלצדינג מאַכן מיט אים, ווייל דער ווילן צום לעבן קען דעם מענטש דערפירן צום ערגסטן. נאָר יחידים האָבן די זכיה צו דער־הויבן זיך, נישט אויסצוקויפן דאָס אייגענע לעבן פאַר דעם פּרייז פון יענעמס לעבן.

פאַרצווייפלונג

באַלד ווען בלושטיינס קאַרטן זיינען אויפבלאָקירט געוואָרן, האָט שרהלע, זיין ווייב, באַקומען אַ „חתונה־קאַרט" (אַזוי האָבן די געטאָ־יידן אָנגערופן אַן אויפפאָדערונג צוזושטעלן זיך אַרויסגעשיקט צו ווערן פון געטאָ, אויפן טויט). זיי האָבן אָבער באַשלאָסן: „ניין! — זי וועט זיך נישט צושטעלן!"

באַלד האָט אָבער רומקאָווסקיס „מלוכה" אויך פאַרבלאָקירט שרהלעס לעבנס־מיטל־קאַרטן. בלושטיין האָט זיך מיט איר געטיילט מיט זיין שטיקל ברויט און מיט זיין זופּ. אָבער איין צרה ברענגט־מיט אַ צווייטע: בלושטיין איז געקומען אין זיין רעסאָרט (פאַבריק) אַריין, צו דער אַרבעט, און ער האָט געוואָלט, ווי נאָרמאַל, אָפּנעמען צוויי טאַלאָנען אויף צוויי זופּן, אויף דעם אַרויף האָט ער באַשלאָסן צו געבן זיין ווייב איין זופּ. אָבער דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. ווי שטאַרק אַנטוישט און אויפגעצאַרנט האָט עס בלושטיינען, ווען זיין קעראָווניק האָט אים צוגעטיילט נאָר איין זופּ (די זופּ איז באַשטאַנען פון בלויז אַביסל קאָלעריבן מיט אַ סך וואַסער). בלושטיין האָט אים צוריקגעוואָרפן דעם טאַלאָן און ער האָט אים אַן אויפגעצאַרנטער געפרעגט: „הערן אינזשעניער, איר האָט מיך נאָך ווייניק געמאַכט הונגערן?! וואו זיינען מיינע זופּן, וואָס איר האָט מיר אַ גאַנצע וואָך נישט געגעבן?! האַ?!!! דאָס טוט איר מיר דערפאַר, ווייל איך קען אייך נישט חנפ'ענען?! ווייל איך זאָג אייך דעם אמת?! מיר קומט פון אייך צוויי זופּן, און דאָס פאַרלאַנג איך פון אייך!"

אין בלושטיינען האָט אויפגעפלאַמט זיין שטאָלצקייט פון אַ קעמפער. און אַן אַקציע שאַפט דאָך אַ רעאַקציע. האָט זיך דער אינזשעניער, יעזשי פּערסט, נאָך שטאַרקער צעקאָכט:

„צו ווען האָט איר די חוצפה אַזוי צו רעדן?! איך בין אייער קעראָווניק! איך וועל אייך אָנלערנען, ווי אַזוי צו מיר צו רעדן! איך וועל אייך אַרויסשיקן פון געטאָ! איר ווייסט שוין וואוהין... און שוין אַרויס פון מיין לאַבאָראַטאָריע!" — האָט ער אים געוויזן די טיר, און דאָס בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין.

בלושטיין איז אַרויסגעגאַנגען מיט געלאַסענע טריט, און מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. ער האָט נישט געוואָלט אַרויסווייזן, אַז ער האָט פּאַר אים מורא. ער איז אַריינגעגאַנגען אין דער פּאַרטיערניע, אויף זיין פּאָסטן. ער האָט נישט געקאָנט קומען צו זיך.

באַלד איז דעם אינזשעניערס בוכהאַלטער אַריינגעקומען און געהייסן בלושטיינען פאַרלאָזן דעם רעסאָרט. בלושטיין האָט אים געזאָגט: „גייט זאָגט דעם קעראָווניק, אַז ער האָט מיך דאָ נישט אַריינגעזעצט, קאָן ער מיך אויך נישט אַרויסזעצן". דער בוכהאַלטער האָט פאַרלאָזט די פּאַרטיערניע.

אין אַ צען מינוט אַרום איז אַריינגעקומען אַן אַרבעטער און מיט פאַר־צווייפלונג דערציילט:

„דער אינזשעניער האָט נאָר־וואָס אַרויסגעהאַנגען אין בעטריב אַ נייע

‚ליסטע׳, ווען ער שיקט־אַרויס פון געטאָ [אויפן טויט]. דער ערשטער פיגורירט איר, פּאַניע בלושטיין. יאָ, יאָ, צום צווייטן מאָל שטעלט ער איך שוין אויף דער ‚ליסטע׳".

בלושטיינען איז דאָס שווער געווען צו גלויבן. ער האָט געמיינט, אַז דער אינזשעניער האָט אים בלויז געסטראַשעט. אָבער ניין, ער דורשט נאָך נקמה. דאָס האָט ער באַשטעטיקט.

אַ קעראָווניק (טשיף) האָט געהאָט די מאַכט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל זיינע אַרבעטער צו שטעלן אויף דער „ליסטע". דאָס לעבן און דער טויט פון יעדן געטאָ־ייד איז געלעגן אין די הענט פון זיין קעראָווניק.

יעדע פּאָר מינוט איז אַ צווייטער אַרבעטער אַריינגעקומען און מיט וויטיק און פּאַרדרוס געוואָרנט בלושטיינען וועגן דער שלעכטער בשורה. איניקע האָבן אים געגעבן עצות: ער זאָל שוין אַריינגיין צום אינזשעניער, ער זאָל אים פאַלן צו די פיס, ער זאָל אים איבערבעטן און ער זאָל ביי אים בעטן רחמים, ער זאָל אים מוחל־זיין און אַראָפּנעמען פון דער ליסטע.

בלושטיין האָט פון דעם נישט געוואָלט הערן: „ניין, איך קאָן מיך נישט בויגן! איך וועל אים נישט אָנטאָן דעם פאַרגעניגן. לאָזט מיך צורו, ווערים!..."

אפילו דער גראָבער נפש שלמה פיין, וואָס האָט געפּייניקט די אַרבעטער און געהאַלטן אין איין צוטראָגן מסירהלעך אויף זיי צום קעראָווניק, איז אַציגד אַריינגעקומען און געזאָגט איידל, נישט אויף זיין וואָוליוגערישן אופן: „פּאַניע בלושטיין, איר זייט אַ העלד, אַ שטאָלצער מענטש. איך האָב דרך־ארץ פאַר אייך. איך וואָלט דאָס נישט געקאָנט. אָבער דאָ גייט דאָך אין אייער לעבן. בעט אים איבער..."

„גייט אייך געזונטערהייט!" — איז בלושטיין, אַן אויפגעקאָכטער, אַריינגעפאַלן אין זיינע רייד, — „איר ווילט איך זאָל מיך דערנידעריקן פאַר דעם שמייסער, פאַר דעם אָנטרייבער?! אַ, ניין! איך בין נישט שלמה פיין, דער חונף און פאַררעטער! גייט אייך צום קעראָווניק! גייט!"

שלמה פיין איז אַנטלאָפן, ווי ער וואָלט אים אָפּגעגאָסן מיט אַ פּאָמוניצע.

בלושטיין האָט באַשלאָסן: „איך וועל מיך באַהאַלטן ווי אַ לייב בעת אַ שטורעם — אויסדרויערן, אויסהאַלטן, און דערנאָך וועל איך אין אים נקמה נעמען". ער האָט גענומען די טאָרבע מיטן טעפל און לעפל מיט דעם בוך און העפט און פאַרלאָזט די פאַבריק.

* * *

איצט איז די „אויסזידלונגס־אַקציע" געלעגן אין די הענט פון דער „צווישן־רעסאָרט קאָמיסיע", וואו אין דער שפּיץ איז געשטאַנען דער אַקטיווער הויפּט עסקן פון אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וויקטאָר ווינשטאָק. ער איז געווען דער וויצע־פּאַרזיצער פון דער דאָזיקער „צווישן רעסאָרט אויסזידלונגס־קאָמיסיע". ווינשטאָק איז געווען קעראָווניק פון טישלער־רעסאָרט. די פּאַרטייען האָבן באַלד אין אָנהויב געטאָ געזען, אַז זייערע אייגענע זאָלן ווערן קעראָווניקעס, כדי זיי זאָלן באַשעפּטיקן זייערע אייגענע מענטשן. און דער גרעסטער טייל קעראָווניקעס אין די פּאַב־

ריקן און אַמטן זײַנען טאַקע געוואָרן אַרײַנגעשיקט פון די פּאַרטייען. ביז אַצינד איז די אויסזידלונגס־קאָמיסיע געלעגן אין אַנדערע הענט. האָבן די קעראָווניקעס פון די רעסאָרטן גע׳טענה׳ט: „מיר שטעלן־אויס די ליסטעס, מוזן מיר זײַן אין דער ,אויסזידלונגס־קאָמיסיע׳.״ אַצינד ווען אַ פֿאַרשטייער פון די שרײַבער און קינסטלער האָט זיך געווענדט צו דער „צווישן־רעסאָרט אויסזידלונגס־קאָמיסיע״, אַז זי זאָל באַפֿרייען זייערע מענטשן (צווישן זיי איז אויך געווען בלושטיין), האָט אים דער וויצע־פּאַרזיצער, וויקטאָר ווײַנשטאָק, געענטפֿערט: „נאָר רומקאָווסקי אַליין קאָן באַפֿרייען״.

בלושטיין איז נישט געווען אין זײַן היים. וואו ער האָט געטאָגט, האָט ער נישט געגעכטיקט. אַזוי האָט דאָס געדויערט איבער צוויי וואָכן. נישט ער און נישט זײַן ווײַב האָבן נישט באַקומען ניט קיין ברויט, נישט קיין זופּ און נישט די ראַציע. זיי האָבן געדורשט נקמה צו נעמען אין די קעראָווניקעס.

בלושטיין האָט זיך בגנבה אַרויסגעלאָזט אויף די פֿעלדער און ער האָט גענומען ירקות, וויפֿל ער האָט געקענט.

בלושטיין איז פֿון הונגער געשוואָלן געוואָרן אויפֿן גאַנצן קערפּער.

דעם לעצטן פֿרילינג האָבן אַלע קעראָווניקעס באַקומען צוגעטיילט גרויסע שטחים פֿעלדער פֿון „קייסערס״ „אַגראָנאָם־אַמט״. זיי האָבן צוגענומען זייערע געזינטסטע און קרעפּטיקסטע אַרבעטער כּלומרשט פֿאַר שותּפים, כּדי זיי זאָלן באַאַרבעטן די פֿעלדער. די דײַטשן האָבן דעם לעצטן פֿרילינג יאָ אַרײַנגעגעבן אַלערליי זאָמען, אַפֿילו ציבעלעס און קנאָבל (פֿון וועלכע די ייִדן האָבן געחלומט די אַלע יאָרן פֿון געטאָ). די דײַטשן האָבן געהאַט אויסגערעכנט, אַז זיי וועלן בשום אופֿן נישט דערלאָזן, אַז ייִדן זאָלן געניסן פֿון זייער אייגענער פּראַצע. די פֿעלדער זײַנען אַצינד געווען געראָטן מיט: מייערן, בוריקעס, ציבעלעס, קנאָבל און אַפֿילו מיט קאַרטאָפֿל (ייִדן האָבן אײַנגעזעצט קאַרטאָפֿל־שאָלן מיט ווייסע־אייגעלעך, און עס זײַנען אויסגעוואַקסן קאַרטאָפֿל). איצט, ווען די אַרבעטער האָבן שוין געקענט געניסן פֿון זייער שווערער פּראַצע (זיי האָבן אַלץ איבערגעאַרבעט מיט די הענט, אָן אַן אַקער־אײַזן און אָן מאַשינען), האָבן זיי די קעראָווניקעס די ערשטע אַרויסגעשיקט פֿון געטאָ, כּדי די געראָטענע פֿעלדער מיט כּל־טוב זאָלן פֿאַר זיי אַליין בלײַבן. די אַרבעטער האָבן אויף זיי נאָך מער געצאַרנט, געשאָלטן און געדורשט נאָך נקמה. אָבער די קעראָווניקעס האָבן אויך נישט באַוויזן צו געניסן פֿון די פֿעלדער. זיי האָבן דאָס געמוזט איבערלאָזן פֿאַר די דײַטשן, ווײַל יענע האָבן זיי אויך אַרויסגעשיקט אויפֿן טויט.

יעדער קעראָווניק האָט געוואָלט אויפֿהאַלטן זײַן רעסאָרט, עס זאָל הייסן, אַז ער איז ניצלעך פֿאַר די דײַטשן. האָט ער ס׳ערשטע אַרויסגעשיקט די ווייניקער קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער. אָבער די דײַטשן האָבן יעדן טאָג געפֿאָדערט פֿרישע טויזנטער ייִדן, האָבן די קעראָווניקעס צוגעשטעלט אַלץ נײַע און נײַע „ליסטעס״; און אַזוי ווי נישט אַלע האָבן זיך געוואָלט צושטעלן, האָבן זיי אויסגעשטעלט „ליסטעס״ מיט אַן עודף.

און דער „קייסער״ רומקאָווסקי איז געפֿאַלן אויף אַן עצה: ער האָט

מודיע געווען דורך גרויסע פּלאַקאַטן, וואָס זיינען צעקלעפּט געוואָרן איבער די גאַסן אין דריי לשונות: דייטש, פּויליש און יידיש: „צו אַלע מיינע יידן אין מיין געטאָ: איך מאַך באַקאַנט — די אַלע מיינע יידן, וואָס וועלן פרייוויליק זיך צושטעלן אַרויסצופאָרן אויף ,אַרבעט׳ אויסער מיין געטאָ, וועל איך געבן: אַ גאַנץ ברויט פון צוויי קילאָ, אַרבעטס־קליידער און טרעפּעס". אַזוי ווי דער הונגער איז געווען אין לשער און צו דעם זיינען נאָך די לעבנס־מיטל־קאַרטן פאַרבלאָקירט געוואָרן פון די, וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן אויף די „ליסטעס", האָבן אַ סך יידן געזאָגט: „וואָס? איך וועל רומקאָווסקין שענקען אַ גאַנץ ברויט?! אַ מכה! איך וועל דאָס ברויט איינשלינגען מיט איין מאָל און כ׳וועל מיך כאַטש איין מאָל אָנעסן צו־זאַט!" און זיי זיינען אַליין געלאָפן דעם מלאך־המות אין די הענט אַריין. אַזוי־אַרום האָבן זיך יעדן טאָג פרייוויליק צוגעשטעלט טראַנספּאָרטן נאָך מיט אַן עודף, און די געטאָ־פּאָליציי האָט זיך איינגעשפּאָרט אַן אַרבעט אויסצוזוכן די אויסבאַהאַלטענע פון די „ליסטעס".

בלושטיין האָט זיך און זיין ווייב געוואָלט אָפּראַטעווען פון טויט, איז ער געלאָפן צו די פּאַרטיי־טוער, זיי זאָלן אים העלפן. איין פירער פון אַן אַרבעטער־פּאַרטיי פון די קאָמוניסטן — דערפאַר האָט מען אים גערופן „רויטער" כיל — האָט בלושטיינען געפרעגט: „פאַרוואָס זאָלן מיר אייך העלפן? איר האָט עפּעס געטאָן פאַר אונדז?"

„וואָס פאַר־אַ פראַגע, צי איך האָב געטאָן פאַר אייך? — האָט בלושטיין געענטפערט תמימותדיק — איר זענט דאָך אַן אַרבעטער־פּאַרטיי, איך האָב אַ סך געטאָן פאַר די אַרבעטער: איך האָב מיר גאַנצע טעג איינגעשטעלט מיין לעבן ביי מיר אין רעסאָרט צו העלפן די אַרבעטער, זיי זאָלן קאָנען איבערלעבן די מלחמה".

אויף כילס רויטן פּנים האָט זיך צעגאָסן אַן איראָניש שמייכעלע: „איך פרעג אייך דען, וואָס איר האָט געטאָן פאַר די אַרבעטער? איך פרעג אייך: וואָס האָט איר געטאָן פאַר אונדז? פאַר דער פּאַרטיי?" — ער האָט אַ שאַרפן בליק געגעבן אין בלושטיינס אויגן, און ער האָט פאַגעזעצט מיט אַ רחמנות־טאָן: „איך קאָן נאָר זען, אַז ווען איר מיט אייער ווייב וועלן שוין זיין אין די וואַגאָנען, זאָל מען אייך ביידן געבן טרעפּעס, נאָר איר מוזט מיר לאָזן וויסן גענוי ווען איר פאָרט". — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ טאָן פון אַ בעל־טובה.

„אַזוי?! — האָט זיך בלושטיין אויפגעקאָכט, — איר וועט זיך אויך פרייוויליק אַליין צושטעלן צו די וואַגאָנען?! און אייערע מענטשן גיט איר אויך די עצה?! פפוי!" — האָט ער אים אַ שפּיי־געגעבן אין פּרצוף, און ער איז אַנטלאָפן.

כיל האָט זיך געפילט, ווי ער וואָלט אים אָפּגעגאָסן מיט אַ פאַמעשאַף.

בלושטיין האָט געטראַכט: אַ פירער און ער שטייט אַבסאָלוט נישט העכער פון יעדן דורכשניטלעכן מענטש: ער הייסט נאָר יענעם פרייוויליק זיך צושטעלן צו די וואַגאָנען. ער טראַכט, אַז ביז ס׳וועט קומען זיין ריי וועט זיך ענדיקן די מלחמה און ער וועט בלייבן לעבן.

ווען בלושטיין איז אהיים געקומען, האט ער געהערט, אז די צוויי ברידער: מלך און העגעך קאהן, פאליציי־קאמיסארן, געוועזענע חסידישע יידן (זיי האבן אויך געהאט א יינגערן ברודער, וואס איז גאר געווען א פשוטער פאליציאנט) — אז זיי האבן זיך אונטערגענומען צו העלפן דורכצופירן די „אקציע": צו ליקווידירן די געטא, מיט דער מיטהילף פון דער יידישער: פאליציי, פייערלעשער, קוימענקערער און „וויסער־גווארדיע" (מעל־טרעגער). זיי האבן געכאפט יידן פון די גאסן, איינגעזאמלט אין א גרויסע שאפע, און זיי פארלאדנט אין די וואגאנען.

עטלעכע טעג שפעטער האבן די דאזיקע ברידערלעך קאהן מיט דער פאליציי ארומגערינגלט דעם שטרוי־רעסארט, וואו עס האבן געארבעט עטלעכע טויזנט פרויען, — זיי ארויסצושיקן פון געטא (אין די דאזיקע טעג האט זיך יעדער געריסן צו זיין אין רעסארט, ווייל מען האט געמיינט, אז ביי דער ארבעט איז מען אמזיכערסטן). ווען אלע זיינען שוין געשטאנען גרייט, ארומגע־רינגלט פו יידישער פאליציי, אפצומארשירן צו די וואגאנען, איז פלוצלונג אנגעקומען א פאראדענונג, אז די אויסזידלונג איז אפגעשטעלט. די פרייד איז געווען אין לשער. יידן האבן זיך געקושט און אונטערגעטאנצט פון גרויס חדווה, און זיי האבן אריינגעטייטשט, אז מען זעט אין דעם גאר גוטע סימנים: ערשטנס, אויב מע האט שוין אויך געוואלט ארויסשיקן די ארבעטער פון שטרוי־רעסארט, איז שוין דער „מאלער" (היטלער) זיכער, אז ער וועט שוין נישט דארפן האבן קיין שטרוי־שיך, פאר זיינע זעלנער אויפן ווינטער. דאס הייסט, אז די מלחמה ענדיקט זיך שוין. און דאס וואס די אויסזידלונג איז פלוצלונג אפגעשטעלט געווארן איז א באווייז, אז די דייטשן זיינען שוין אויף גרויסע צרות, אז זיי האבן נישט דעם קאפ צו אונדז.

אלע לעבנסמיטל־קארטן זיינען געווארן אויפבלאקירט, און יידן האבן אפגענומען ס׳ברויט און די שפייז פאר דער גאנצער צייט, וואס די קארטן זיינען געווען פארבלאקירט. און אז מען האט געהאט עפעס צו עסן, איז מען געווארן ששון־ושמחה, און יידן האב באשיינפערלעך געזען, אז די באפרייאונג קומט א ליאדע מינוט.

בלושטיין מיט שרהלען האבן אפגענומען גאנצע פיר ברויט מיט דער שפייז צוטיילונג. זיי האבן זיך אונטערגעלענט ס׳הארץ, אבער פון דעם צוכאפן זיך צום געקינצלטן ברויט האבן זיי באקומען בויך־ווייטיק און שלשל. בלושטיין האט געזאגט: „ווער ווייסט, וואס די דייטשן זיינען אויסן? ס׳קאן זיין, אז זיי גיבן אונדז אצינד אביסל עסן, כדי אונדז אפצונארן, צו צעטומלען אונדזערע מוחות. ס׳קאן זיין, זיי האבן ספעציעל אפגעשטעלט די קלענערע אויסזידלונג, כדי צו ארגאניזירן א שנעלע גרויסע אויסזידלונג, פונקט ווי זיי האבן געטאן אינעם ווינטער טויזנט ניין הונדערט צוויי־און־פערציק".

מיט עטלעכע טעג פריער האט דער זשורנאליסט שמואל בלומשטיין, סעקרעטאר פון דער אונטערערדישער גרופע „יידישע ליטעראטן אין לאדזשער געטא", געטראפן אין דער גאס בלושטיינס קראוניק, אינזשעניער פערסט. ער איז צו אים צוגעשטאנען מיט א טענה: „פארוואס האט איר געשטעלט

בלושטיינען אויף דער ליסטע? בלושטיין איז אַן עדות מיט אַ טאַלאַנטירטער פּען. ער דאַרף בלייבן לעבן. ער איז נויטיק פאַר דעם יידישן פאָלק און פאַר דער מענטשהייט בכלל!״

„איר זאָלט זיך נישט אַריינמישן אין די אינערלעכע אַנגעלעגנהייטן פון מיין רעסאָרט!״ — האָט זיך פערסט צעשריגן, — „איך וועל אייך אַלע אַנלערנען! איך וועל אייך ווייזן אין אַזאַ צייט זיך צו פאַרנעמען מיט ליטעראַטור!״

פערסט האָט נישט געוואָלט, עס זאָל בלייבן לעבן אַן עדות מיט אַ פּען, וואָס קען זיינע טונקעלע מעשים אין געטאָ. עס האָט אים גוט געעגבערט אין מוח בלושטיינס פּאָעמע א. נ. „בעטריב 76״, וואָס ער האָט פאַרגעלייענט אויף דעם באַנקעט אין רעסאָרט. דאָס וואָס בלומשטיין האָט בלושטיינען אַנגערופן „עדות מיט אַ טאַלאַנטירטע פּען״ האָט עס אים אויפגעקאָכט, און ער האָט זיך געכאַפּט שלאָגן. די דורכגייער האָבן בלומשטיינען אויסגעלייזט פון קלעפּ.

נאָך דער דאָזיקער פּאַסירונג האָט בלומשטיין געזאָגט צו בלושטיינען: „איר טאָרט נישט מער אַרבעטן ביי דעם אויסוואָרף. איך וועל אייך שאַפן אַ צווייטן פּאָסטן״.

בלושטיין האָט אים געזאָגט, אַז ער קוקט שוין דאָס לאַנג אויס, פּטור צו ווערן פון דעם אַסימילאַטאָר. אָבער דער „אַרבעטס־אַמט״ איז פאַרמאַכט געוואָרן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די אויסזידלונג אויף די „ליסטעס״, און איז שוין מער נישט געעפנט געוואָרן, און בלושטיין איז געווען געצוואונגען צוריקצוגיין אין זיין רעסאָרט אַריין צו דער אַרבעט. האָט אים פערסט געוואָלט מאַכן פאַר אַ נאַכט־וועכטער. בלושטיין האָט דאָס נישט געוואָלט צוליב עטלעכע טעמים: ערשטנס, ער האָט געוואוסט וואָס עס זאָגט זיך אין דער גמרא: נישט שלאָפן איין נאַכט נעמט־צו מער כוח, ווי דריי תעניתים; און צווייטנס, ביי דעם הונגער אין געטאָ איז עס פאַר אים אַ זיכערער טויט. און דריטנס: ער האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן דעם קראָאָוניק זיין סאַדיסטישע הנאה. בלושטיין איז אַהיים געגאַנגען, ער איז מער נישט געקומען צו דער אַרבעט, און ער האָט פאַרגעזעצט זיין קאַמף מיטן קראָאָוניק.

* * *

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען יידן זיינען געשטאַנען אין דער ריי נאָך אַ ביסל קאַלעריבן ביי „יונה פּילצעס פּלאַץ״, איז אָנגעפאַרן די „שופּע״ (שוץ־פּאָליציי) און זיי געכאַפּט, ווי הינטשלעגער — הינט, און אַרויפגעפּאַקט אויף די לאַסט־אויטאָס. אָבער זיי האָבן זיי באַלד אָפּגעלאָזט (זיי האָבן געמאַכט פּראָבעס). האָבן די יידן אין דער ווידער געזען אַ גוטן סימן: „ניין, די דייטשן האָבן שוין נישט דעם קאָפּ צו אונדז״. און דערצו האָבן יידן געזען אויף די וועגן איבערן געטאָ־צוים: דאָס צוריקציען אָן שום אָרדענונג פון דייטשן מיליטער: אויף פורן זיינען געלעגן פאַרוואונדעטע זעלנער. דאָס אַנטלויפן די ציווילע דייטשן: פרויען מיט קינדער און אַלטע לייט צו פוס און אויף פורן, מיט לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר. יידן האָבן אויך געזען: מען פירט צעבראָכענע טיילן פון עראָפּלאַנען אין אויטאָס. האָבן יידן געזאָגט:

„שוין, די ישועה קומט! מיט דעם, וואָס ס'האָט זיך אָנגעהויבן, מיט דעם ענדיקט זיך!" יידן האָבן געהערט: די רויטע אַרמיי שטייט שוין אויף יענער זייט ווייסל, און אין וואַרשע איז אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע. די „קריפּאָ" (קרימינאַל־פּאָליציי) האָט זיך שוין אַרויסגעצויגן פון „רויטן הויז". די געשטאַפּאָ האָט געהאַט אויפגעלאָדנט אירע דאָקומענטן אויף עטלעכע לאַסט־וועגענער. זיי האָבן געוואַרט אויף אַ באַפעל אַפּצוציען. דאָס אַלץ האָט די יידן דערמונטערט, צוגעגעבן גלויבן און בטחון. אָבער ווען די רויטע אַרמיי איז נישט געגאַנגען ווייטער, זיינען די דייטשן צוריקגעטרעטן צו זייער נאָרמאַלער אַרבעט. און עס איז טאַקע געוועזן אַזוי ווי בלושטיין האָט פאַר־אויסגעזאָגט: פינקטלעך דריי וואָכן שפּעטער נאָך דעם אָפּשטעלן די אויסזידלונג אויף די „ליסטעס", האָט זיך אָנגעהויבן די פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון דער געטאָ.

די דייטשן האָבן אַצינד ווידער געצוואונגען די ברידער קאָהן, זיי זאָלן העלפן דורכפירן די ליקווידאַציע, און זיי האָבן געטריי אויסגעפירט די באַפעלן. נאָך דער ליקווידאַציע, האָט דער באַלעבאָס איבער דער געטאָ, דער דייטש האַנס ביבאָוו, ימח שמו, אַרויפגעפירט די צוויי ברידער קאָהן אויפן בית־עולם, אַרויסגעצויגן זיין רעוואָלווער און האָט זיי ביידע דערשאָסן. זיי האָבן געמיינט, אַז מיטן דינען די דייטשן וועלן זיי איבערלעבן די מלחמה. אָבער אַזוי האָבן די דייטשן זיי באַלוינט.

בלושטיין מיט זיין ווייב שרהלע האָבן אַצינד פעסט באַשלאָסן: ניין, זיי וועלן זיך נישט פרייוויליק צושטעלן. זיי וועלן זיך ווייטער אויסבאַהאַלטן — ווי לאַנג עס וועט נאָר מעגלעך זיין.

גבורה און קדושה

אין אַ פאַרנאַכט, אין אויגוסט, אין יאָר 1944, זיינען פלוצלינג די גאַסן אין לאָדזשער געטאָ פול געוואָרן מיט יידן. די אַפּראָוויזאַציע (די הויפּט שפּייז מאַגאַזינען) און „יונה פּילצעס" פּלאַץ, (מיט דעם נאָמען האָבן יידן גערופן דעם מאַרק פון פּרוכטן און ירקות אויפן באַלוט) זענען אומגעריכט אויפגעריסן געוואָרן. וואָס איינער האָט געקענט כאַפּן, האָט ער געכאַפּט: צי גאַנצע זעק מעל, גאַנצע זעק צוקער, גאַנצע זעק אַרבעס, גאַנצע זעק קאַרטאָפל, גאַנצע פעסער זויער קרויט, גאַנצע פעסער זויערע אוגערקעס.

די געסלעך זיינען פאַרהילכט געוואָרן פון דעם גערויש פון די קאָלערנ־דיקע פעסלעך אויף דעם שטיינערנעם ברוק; די אויסגעהונגערטע מענטשן האָבן זיך געאיילט מיט דעם טייערן אוצר מיט מורא — אַ צווייטער זאָל זיי דאָס נישט צוכאַפּן; מען האָט אויך געכאַפּט פון די פעלדער, וואָס מען האָט נאָר געקענט: בורקעס, מערן, קאַרטאָפל, וואָס האָבן געהערט צו די יודן־ראַטלער און אויך צו זייערע מקורבים: קעראָווניקעס, קאָמיסאַרן א. א. ס'איז געוואָרן אַן אַנאַרכיע. קיין פּאָליציאַנט אָדער אַ דייטש האָט מען נישט געזען

אויף דער ליכטיקער שיין; האָבן די יידן באַשיימפּערלעך געזען אַז שוין... אַז די גאולה איז שוין דאָ... אַז עס זאָל אַזוי געשען, איז אָבער פון פריער־אויס אינסצעניזירט געוואָרן פון די דייטשן.

אויף צומאָרגנס אינדערפרי, ווען יידן זיינען אַרויס פון די הייזער, האָבן זיי געזען צווייערליי פּלאַקאַטן. דער ערשטער, אויף דייטש, אַז „דאָס קליינע געטאָ געלט, מינץ פון אַלומיניום און די קלענערע באַנקנאָטן (וואָס יידן האָבן גערופן „חיימקעס" אָדער „רומקעס", ווייל זיי זענען געווען אונטערגעשריבן פון מרדכי חיים רומקאָווסקין), וועלן אויסגעטוישט ווערן אין דער „באַנק פון עלטעסטען דער יודן", אויף גרעסערע באַנקנאָטן פון פופציקער און הונדערטער געטאָ מאַרקן".

און דער צווייטער פּלאַקאַט אויף דייטש, פּויליש און יידיש, מיט אויפ־רייסנדיקע אותיות, אַז „דער אַמטס לייטער, האַנס ביבאָוו, און דאָקטאָר אָטאָ בראַטפיש (קאָמיסאַר פון דער גאַצישער פּאָליציי, אין ליצמאַנשטאַדט (לאָדזש), וועלן מאָרגן פאַרמיטאָג רעדן צו די געטאָ איינוואוינער און אַלע יודן זאָלן זייער העפלעך געבעטן צו קומען".

די יידן האָבן אַריינגעטייטשט, אַז דאָס מוז זיכער זיין עפּעס אַ גוטע נייעס.

צומאָרגנס, צו דער באַשטימטער צייט, האָבן זיך טויזנטער יידן פאַרזאַמלט אויפן גמינע פּלאַץ, און אומגעדולדיק געוואַרט. דער חבר זיידע, די חברטע רעגינע און בלושטיין זיינען אויך געקומען, אָבער זיי האָבן זיך געהאַלטן אין אַ זייט, כדי רומקאָווסקי זאָל זיי נישט זען.

פינקטלעך עלף אַזייגער איז אָנגעקומען אַ דראָשקע און עס זיינען אַרויסגעשטיגן: האַנס ביבאָוו, ד"ר אָטאָ בראַטפיש, ביידע אין ציווילע קליידער און דער „קייסער" רומקאָווסקי. אַזוי ווי די יידן האָבן דערזען דייטשן, האָט זיך די גאַנצע מאַסע געגעבן אַ וויג אויס מורא.

עס איז געשטאַנען אַ טיש מיט אַ שטול. ביבאָוו איז גלייך אַרויפגעקראָכן אויפן טיש, ער האָט זיך פאַרנייגט אויף אַ טעאַטראַלישן אופן און מיט אַ העפלעך שמייכעלע האָט ער געזאָגט: „גוטען מאָרגן". די יידן זיינען איבער־ראַשט געוואָרן. (דער דייטש שלאָגט נישט און שיסט נישט). דער דייטש האָט דאָס דערפילט און ער האָט אָנגעהויבן:

„מיינע ליבע יודן, איך וועל צו אייך רעדן ווי אייער עלטסטער: מיינע ליבע שוועסטער און ברידער! איר האָט פאַר דער ווערמאַכט געטריי געאַרבעט. אַצינד, ווען די רוסן דערנענטערן זיך, מוזן מיר ווייטער האָבן אייערע הענט, מיר זאָלן ווייטער קענען פירן קריג. דייטשלאַנד איז צעשמעטערט!"

די יידן, האַלבע מתים, פאַרפייניקטע פון הונגער, קעלט, שווערע אַרבעט און טויט שרעק, האָבן געפילט אַ זיסן טעם פון נקמה.

ביבאָוו האָט דערפילט, אַז זיין שפּיל נעמט אויס, האָט ער אויפגעהויבן זיין שטים:

איך טראָג איבער די רעסאָרטן, (פאַבריקן), די מאַשינען, די סחורות, אַלצדינג! עס קענען פאָרן די גאַנצע משפחות צוזאַמען: פון אַלטע לייט, טאַטעס

מיט מאַמעס מיט קליינע קינדער, כדי איר זאָלט אייך נישט צעשיידן; פּאַקט אַלצדינג איין, וואָס אייער הארץ גלוסט. איך פיר איבער די גאַנצע געטאָ. דאָרטן וועט איר נישט דאַרפן שטיין אין די רייען נאָך אַ ביסל זופּ. איר וועט באַקומען געגוג שפּייז און אויך האָלץ און קוילן אַליין צו קאָכן. נעמט מיט גרויסע טעפּ. מאַכט וואָס גרעסערע פּעק. איך שווער אייך ביי מיין ליבן גאָט, אַז עס וועט אייך קיין האָר פון קאָפּ נישט פעלן!" — האָט ער זיך געקלאַפּט אין הארץ אַריין און מיט אַ טאָן, ווי מען גיט אַ גוטע עצה, האָט דער דייטש פאַרגעזעצט — „אָך מיינע ליבע יודן: ווער עס וועט דאָ בלייבן דער וועט אומקומען פון די רוסישע באָמבעס, — עפּנט אויף ביינאַכט די פענצטער, וועט איר הערן ווי נאָענט דער פראָנט איז. די רוסן גייען שנעל ווי די טייוואָלאָנים! ווען די רוסן וועלן קומען וועלן זיי אייך סיי ווי טויטן, ווייל מיט אייער אַרבעט האָט איר אונדז געהאָלפן פירן קריג קעגן זיי. וואָס גיכער, וואָס גרעסערע פּעק וועלן מיר וואָס גיכער זיך קענען ראַטעווען! געדענקט, די צייט איז קורץ"!

דער דייטש האָט דערזען, אַז די יידן — האַלבע מתים, וואָס רינגלען אים אַרום אין אַ געדיכטער ראָד, קוקן אויף אים אַרויף מיט אומצוטרוי, האָט ער זיך אויפגעקאָכט און פון כעס איז אים די רויטע יוכע געקומען אין פּרצוף אַריין. מיט די חזיר־קיילערישע פויסטן האָט ער זיך געקלאַפּט אין דער ברוסט אַריין און געשריגן:

„וואָס, איר גלויבט מיר נישט?! ווען איך וואָלט אייך געוואָלט אויסראָטן, האָב איך פאַר אייך מורא?! איך וואָלט אייך אַלע גענומען אויפן פרידהאָף (בית־עולם) און אין מינוטן אייך אַלע אויסגעשאָסן ווי די הינט! איר זאָו יודן..." (דאָס האָט ער געטאָן מיט זיינע אייגענע הענט מיט די יידן פון די קליינע שטעטלעך אַרום לאָדזש).

די יידן האָבן דערפילט אַז אַצינד (אין כעס) האָט זיך פון דייטש אַרויסגעכאַפּט דער אמת און עס האָט זיי אָנגעכאַפּט אַן אימה. ביבאָוו האָט דאָס דערפילט, האָט ער זיך צעשריגן מיט אַ צווינגענדיקן טאָן:

— איר וועט פּאַקן פּעק, צי ניין?!

— „יאָ!" — האָבן געענטפערט שוואַכע שטימען מיט מורא.

— איר וועט פאָרן צו דער אַרבעט, צי ניין?!

— „יאָ".

— אַצינד זאָגט איר יאָ, אָבער דערנאָך וועט איר נישט וועלן! אַלזאָ: וועט איר פאָרן פרייוויליק צו דער אַרבעט, צי ניין?!

— „יאָ", האָבן אויסגערופן די האַלבע מתים.

— גוט! אַלע פאָרן פרייוויליק! גוט!

מיט דעם האָט ביבאָוו פאַרענדיקט און איז אַראָפּגעשפּרונגען פון טיש.

דערנאָך איז דער „קייסער" מרדכי חיים רומקאָווסקי מיט אָנשטרענגונג אַרויפגעקראָכן אויף דער שטול און פון דער שטול אויפן טיש. דאָ האָט זיך בלושטיין דערמאָנט, ווי אין דער פאַרבעריי, וואו ער האָט געאַרבעט, וואו די דייטשן האָבן אַריינגעוואָרפן די וועש און מלבושים פון די אויסגעקוילעטע יידן, איבערצופאַרבן, כדי די יידן זאָלן פון דעם אויסאַרבעטן טעפּיכער פאַר

די דייטשן, האָט מען אין אַ מלבוש געפֿונען אַן איינגעראָלט שטיקל פּאַפּיר, אַזוי ווי דינער פּאַפּיראָס. מען האָט עס אויפֿגעוויקלט אַזוי ווי אַ מזוזה, און עס איז דאָרט געווען אַזוי געשריבן: „ב״ה צו מרדכי חיים רומקאָווסקי: זייט וויסן, אַז יעדן טאָג ברענגט מען דאָ אין ריזיקע לאַסט אויטאָס הונדערטער יידישע משפּחות, פֿון לאָדזשער געטאָ און אויך פֿון אַנדערע געטאָס. מען שלאָגט, מען הרגעט. די יאָמערלעכע געשרייען זיינען אין לשער! פֿון דאַנען, פֿון גראַכאָוו, פֿירט מען זיי אַוועק אין וואַלד לאַכאָוו, ערגעץ נעבן כעלמנע, מען טוט זיי אויס אדם נאַקעט, מען זאָגט זיי, אַז מען פֿירט זיי אויסבאָדן, אָבער זיי ווערן דערשטיקט מיט גאַז. השם יתברך זאָל מרחם זיין אויף זיינע קינדער. ממני טוביה סילמאַן, גראַכאָווער רב״. דער דאָזיקער בריוו איז איבערגעגעבן געוואָרן רומקאָווסקין.

די יידן האָבן אַצינד דערוואָרט עפּעס אַ טרייסט־וואָרט פֿון רומקאָווסקין. אָבער ער האָט גאַנץ רואיק געזאָגט וואָס די דייטשן האָבן אים באַפֿוילן: „מיינע ליבע שוועסטער און ברידער! מיין געטאָ ווערט אַצינד איבערגעטראָגן, זאָלט איר זיך האַלטן צוזאַמען, כדי איר זאָלט אייך נישט צעשיידן, עס זאָלן פֿאָרן צו גאַנצע משפּחות צוזאַמען״. און ער איז לאַנגזאַם פֿאַרזיכטיק אַראָפּגעגאַנגען פֿון טיש אויף דער שטול און פֿון דער שטול אויף דער ערד. די יידן האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי צו אים.

אַלע דריי זענען צוריק אַריין אין דער דראָשקע און זיינען באַלד אַוועקגעפֿאָרן.

דער „קייסער״ האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די געטאָ ווערט אַצינד פֿולשטענדיק ליקווידירט און אַז די יידן ווערן אַוועקגעפֿירט צום טויט.

די געדיכטע ראָד מענטשן האָט זיך באַלד צעשאָטן און עס האָבן זיך געהערט פֿאַרצווייפֿלטע רייד:

— „וואָס וועט דאָ זיין? ער האָט געזאָגט אַז מיר פֿאָרן פֿרייוויליק! נאָך אַזוי פֿיל יאָרן הונגער און פּיין, בעת די באַפֿרייאונג שטייט שוין ביי דער נאָז ווילן זיי אונדז ערגעץ פֿאַרשלעפּן! ווער וועט זיך דאָס פֿרייוויליק צושטעלן? איך נישט!״

דער חבר זיידע, די חברטע רעגינע און בלושטיין האָבן זיך אויסגעמישט צווישן דער מאַסע און זיי האָבן געהאַלטן אין איין זאָגן:

„קיינער זאָל זיך פֿרייוויליק נישט צושטעלן! יעדער איינער זאָל זיך אויסבאַהאַלטן וואו ער קען, וויל יעדע שעה קענען מיר באַפֿרייט ווערן. די רויטע אַרמיי שטייט שוין ביי דער ווייסל און די דייטשן ווילן אונדז אומברענגען!״

דער עולם איז זיך צעגאַנגען. אין געטאָ האָט געהערשט אַ קאָשמאַר. דער חבר זיידע, די חברטע רעגינע און בלושטיין זיינען געגאַנגען פֿון הויז צו הויז און זיי האָבן אויפֿגעקלערט די יידן, פֿאַרוואָס זיי זאָלן זיך פֿרייוויליק נישט צושטעלן, אַרויסצופֿאָרן פֿון געטאָ.

איבער די געטאָ גאַסן זיינען שנעל אויסגעקלעפּט געוואָרן פּלאַקאַטן מיט שרייענדיקע אותיות. אויף דייטש, פּויליש און יידיש:

„שוועסטער און ברידער! איך ראָט אייך, אין אייער אייגענעם אינטערעס זיך צושטעלן צו דער באַשטימטער צייט צו די טראַנספּאָרטן, בכדי אַזױאַרום אויסצומיידן אומרו און צוואַנגס מיטלען. נאָר יענע וואָס וועלן זיך פרייוויליק צושטעלן, וועלן האָבן די מעגלעכקייט צו בלייבן צוזאַמען. דערלאָזט נישט דערצו, אַז עס זאָל זיך איבערחזרן דאָס, וואָס עס איז היינט געשען.

מרדכי חיים רומקאָווסקי
דער עלטסטער דער יודן אין ליצמאַנשטאַט־געטאָ,
ליצמאַנשטאַט־געטאָ, דעם 8טן אויגוסט, 1944

* * *

כדי די געטאָ־באַפעלקערונג זאָל גלויבן, אַז די דייטשן זיינען שוין אַצינד בעסער געוואָרן צו די יידן און אַז די דייטשן בויטיקן זיך אין זיי, האָבן זיי אַצינד אַריינגעשיקט אין געטאָ אַ סך קאַרטאָפל און אויך פלייש, און דאָס איז אויסגעטיילט געוואָרן אָן קאַרטן. דאָס דאָזיקע פאַרפירערישע מיטל האָט געהאָלפן באַרואיקן די יידן, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז ביי יעדער אַרויסשיקונג זיינען יידן ממש אויסגעגאַנגען פון הונגער, ווייל די דייטשן האָבן נישט אַריינגעשיקט קיין שום שפּייז־צוטייל. האָבן טאַקע אַ סך יידן אין דעם געזען דעם אמתן גוטן סימן. אָבער ביי די פלייש־קאָאָפּעראַטיוון זיינען געשטאַנען לאַנגע רייען, וואָס האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט, ווייל אַריינגעקראָגן האָבן אינעווייניק זיך נאָר די שטאַרקע און אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט „פּלייצעס" (פּראָטעקציע), איז דאָס פלייש אַריינגעפאַלן נאָר צו יחידים. האָבן דער חבר זיידע, די חברטע רעגינע און בלושטיין געשאַפן אַ מיליץ, וואָס האָט צוזאַמען מיט זיי געהיט די רייען ביי די פלייש־קאָאָפּעראַטיוון, כדי יעדער זאָל קענען באַקומען אַ האַלבן קילאָ פלייש.

ביים עק מלינאַרסקע און דוואָרסקע גאַס, איז געווען אַ נידעריק אַלט הילצערן הויז, מיט אַ הויכן קרומען שינדל־דאַך. דאָ איז פאַר דער מלחמה געווען אַ „מאַסאַרניע", וואָס האָט געהערט צו אַ פּאָליאַק, וואו מען האָט אויסגעאַרבעט פערד־וואורשט און מען האָט אויך פאַרקויפט פערד־פלייש. אין דעם געוועלב איז אַצינד געווען אַ פלייש־קאָאָפּעראַטיוו און עס איז געשטאַנען אַ לאַנגע רייע פון מענער און פרויען אַנצוקומען נאָך דעם האַלבן קילאָ פלייש.

דער חבר זיידע, די חברטע רעגינע און בלושטיין האָבן דאָ געהיט עס זאָל צוגיין ערלעך. פון מאָל צו מאָל האָבן זיי דאָ געמוזט קעמפן מיט אַ שטאַרקן, וואָס האָט זיך געוואָלט אַריינרייסן אויסער דער ריי. עס האָבן זיך געהערט גוואַלדן, קללות, אָבער זיי האָבן איינגעשטעלט אָרדנונג.

רומקאָווסקי איז אַצינד אַרומגעפאָרן אויף זיין דראָשקע, אָבער שוין אָן אַ לייב־וואַך, ווייל דעם „קייסערס"־פּאָליציי, פייערלעשער, קוימענקערער, די „זאָנדער", (יידישע געשטאַפּאָ־פּאָליציי) און די „וויסע־גוואַרדיע" (מעל טרעגער), זיינען שוין אַצינד געשטאַנען אין דינסט דירעקט אונטער די

דייטשן גופא. די געשטאַפּאָ האָט אָנגעפירט און בראש מיט דער „שופּע" (דויטשע שוץ־פּאָליציי) האָבן זיי אַלע געהאָלפן ליקווידירן די געטאָ.

וואו נאָר רומקאָווסקי האָט געזען אַ גרופּע יידן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אָראָפּגערעדט צו זיי פון דער דראָשקע, אָבער שוין מיט אַ געבראָכענער שטים. די יידן וואָס זיינען געשטאַנען אַרום דער ריי, האָבן אים שנעל אַרומגע־רינגלט. זיי האָבן געהאָפט פון אים צו הערן עפּעס אַ גוטע בשורה. דער אַלטער האָט זיך אויפגעשטעלט אין דער דראָשקע און גערעדט:

„מיינע ליבע שוועסטער און ברידער... מיין... כ'מיין די געטאָ, ווערט איבערגעטראָגן. ביזש אַצינד האָב איך געהאַט וואָש צו זשאָגן און איך האָב געטאָן וואָש כ'האָב געקענט. אַצינד קען איך סוין גאָרניסט העלפן. דעריבער גיב איך אייך אַ גוטע עצה איר זשאָלט אייך פּרייוויליק צוסטעלן צו גאַנצע משפּחות, כדי איר זאָלט אייך ניט צעשיידן, נאָר זיין צוזאַמען. ווער עס האָט נישט קיין שיך דעם וועל איך געבן טרעפעס..."

„ניין! — האָט אים דער חבר זיידע איבערגעריסן — פּאָלגט אים נישט! דעם פּאַרעטער! — האָט זיידע געצאַרנט — אפילו אַצינד ביי דער גסיסה פון געטאָ נאַרט ער אונדז אויך! אפילו אצינד „סלוזשעט" (דינט) ער נאָך ווי אַ הונט דעם שונא"! פּאָלגט אים נישט! ער הייסט אונדז גיין פרייוויליק צום טויט! ער — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט — ווייסט גוט, אַז די דייטשן שיקן אונדז צום טויט! ווי אַזוי האָט ישעיה הנביא גע־צאַרנט?: „איר רעגירער און אייער קלאַס האַנדלט פאַלש קעגן אייער פאָלק! איר באַעוולט די אָרעמע, די שוואַכע, די יתומים און אלמנות, איר אומריינע געוויסנס!" איר „קייסער", האָט די אָרעמסטע די ערשטע אַרויסגעשיקט צום טויט! אייערע הענט האָבן געהאָלפן פאַרגיסן דאָס אומשולדיקע בלוט פון אייערע שוועסטער און ברידער! אַצינד איז שוין די העכסטע צייט איר זאָלט אויפהערן צו זינדיקן קעגן אייער פאָלק!" — האָט זיידע צו אים געשריגן.

ווי לאַנג זיידע האָט גערעדט איז דער אַלטער געזעסן אין דער דראָשקע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. פּלוצלונג האָט דער חבר זיידע זיך געווענדעט צו דער מאַסע מיט אַ טאָן פון געבעט, רחמים און באַפעל: — יידן, קיינער פון אונדז זאָל זיך פרייוויליק נישט צושטעלן. לאָזט אייך נישט פירן צום טויט! יעדער זאָל זיך באַהאַלטן וואו ער קען! יעדע מינוט קענען מיר באַפרייט ווערן! די רויטע אַרמיי איז שוין נאָענט! „זיינע מענטשן באַהאַלטן זיך!" — האָט בלושטיין געשריגן מיט הארץ.

„לאַבוסעס! כוליגאַנעס! — האָט זיך רומקאָווסקי אַ שטעל־אויף געטאָן מיט כעס — איר בונטעוועט מיינע יודן! אַלע מיינע מענטשן פאַרן. מיין געטאָ ווערט איבערגעטראָגן!"

דו מערזאַוויעץ! דו שקרניק! — האָט די חברטע רעגינע זיך צעשריגן — דו ביסט געווען אַ פּורים־קעניג, האָסט געטראָגן אַ פּאַפּירענע קרוין. אַצינד, ווען דו ביסט שוין אַן אָפּגעשפּילטער קייסער, ווילסטו נאָך אונדז אויך שיקן צום טויט? דו האָסט שוין „סדייניקע אָפּגעטאָן, וועלן זיי דיך באַלויבענען מיטן טויט!..."

סוויג דו זונה! — האָט רומקאָווסקי זיך אויף איר געוואָרפן מיטן שטעקן. זיין פּנים איז רויט געוואָרן פון כּעס. — „מען טאָר ניט גיין קעגן מלכות!״ די מענטשן האָבן מורא געקראָגן, אָבער טייל האָבן זיך אים אַנטקעגן געשטעלט:

„צו ווּעמען הייבסטו דעם שטעקן?! וואָס מיינסטו, אַז די חברטע רעגינע געהערט צו די זונות פון דיין האַרעם? אַציגנד האָב איך דיך אין דר'ערד! ביסט שוין אַן אָפּגעשפּילטער קייסער! — אַ פּורים קעניג! אַ משוגענער!״

איינער האָט אים נאָכגעקרימט אויף זיין ליטווישן אַקצענט זיין באַליבט ווערטל: „האַ? אין פיר יאָר אַרום וועט מיין מלוכה גיין ווי אַ זשייגערל״. הא? מיין געטאָ״.

— פּאַפּירענע קרוין! — פּורים קעניג! — אָפּגעשפּילטער „קייסער!״ — משוגענער!

דער אַלטער האָט געהייסן דעם דראָשקאַזש אונטערטרייבן ס'פערדל און איז אַוועקגעפאָרן, אונטער אַ הילכיקן חוזק־געלעכטער.

* * *

די געשטאַפּאָ האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז רומקאָווסקי זאָל זיי צושטעלן די צווי בונטאָווּשטשיקעס: דעם חבר זיידן און די חברטע רעגינען. ערשט שפּעט ביינאַכט איז דער יידישער פּאָליציי, נאָך גרויסע שוועריקייטן, געלונגען זיי צו כאַפּן. דאָס האָט ביי די יידן אַרויסגערופן גרויס צאָרן און אָנגעוואָרפן אַ פּחד. די געשטאַפּאָ האָט זיי אכזריותדיק געפּייניקט.

* * *

אין אַ פאַרטאָג, ווען דער הימל האָט נאָר אָנגעהויבן צו בלויען, האָבן די תפיסה־וועכטער מיט ביקסן, אַרויסגעפירט פון די תפיסה־קאַמערן דעם חבר זיידן, מיט דער חברטע רעגינען צעשלאָגענע און צעבלוטיקטע, מיט די הענט אַרונטערגעבונדענע פון הינטן. כאָטש זיי האָבן געהאַט יסורים און ס'איז זיי שווער געווען צו גיין, האָבן זיי זיך באַמיט צו שטעלן פעסטע טריט און מיט אויפגעהויבענע קעפּ. זיי זיינען אַרויסגעקומען אויפן תפיסה־הויף, וואו עס איז פאַר זיי ספּעציעל אויפגעבויט געוואָרן אַ בשותּפותדיקע בייַע תליה. האָט זיידע אויסגעשריגן מיט זיינע לעצטע כּוחות:

„טויט דעם נאַציזם און פאַשיזם! זיין סוף קומט! דאָס יידישע פאָלק וועט אייביק לעבן! זאָל לעבן די פרייהייט און די פאַרברידערונג פון אַלע פעלקער!״

די חברטע רעגינע האָט גערעדט רואיק און שאַרף: „אונדז יידן ווּעמען טויזנטער יאָרן שחיטות און שייטערס, האָבן נישט געקענט אומברענגען ווילט איר אָפּווישן פון דער ערד? יידיש פאָלק איז אייביק! איר וועט פאַרניכטעט ווערן אין דער שריפה וואָס איר אַליין האָט אָנגעצונדן! איך זע זי קומט די צייט: ווען אַ פאָלק אויף אַ פאָלק וועט נישט הייבן קיין שווערד נאָר וועלן לעבן ווי ברידער, אין אַ וועלט פון שלום, פרייהייט און יושר. אַזוי זאָגט דער נביא — אַ ייד. — און זי האָט אויסגעשריגן מיט די לעצטע כּוחות: טויט דעם נאַציזם און פאַשיזם!...״

אַ תפיסה וועכטער איז אָנגעלאָפן און ער האָט מיט אַ פלאַסטער צוגע־

קלעפּט די מיילער פון זיידן און רעגינען. זיידן און רעגינען האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע מענטשן פון גאַר דער וועלט האָבן דערהערט זייערע לעצטע ווערטער.

איין וועכטער האָט געזאָגט צום צווייטן: די יידן באַזיצן אַ געהיימע קראַפט, וואָס עס איז שווער צו באַגרייפן: דו האָסט געהערט זייערע ווערטער? מיט וואָס פאַרא מוט, מיט וואָס פאַרא דרייסטקייט, מיט וואָס פאַרא גלויבן?!

צווי וועכטער האָבן זיידן און רעגינען אַרויפגעפירט אויף דער תליה. זיידע און רעגינע זיינען געגאַנגען מיט אויפגעהויבענע קעפּ. זיי האָבן דערזען אויף מזרח אויפגיין אַ גרויסע רויטע זון, וואָס האָט אָנגעזאָגט: די נאַכט פאַרשווינדט... עס גייט־אויף אַ נייער טאָג... און אַ פרייד איז אויפגעגאַנגען אין זייערע הערצער.

דער געשטאַפּאָ־אָפיציר האָט אויסגעלייענט: צוויי יודען קריגס־פאַר־ברעכער ווערן היגגעריכט! הייל היטלער!"

דער תליין האָט פאַרוואָרפן די פעטליעס איבער זייערע העלדזער און ער האָט אַראָפּגעלאָזט די פאַדלאָגע. די גופים זיינען געבליבן הענגען. זיי האָבן געצאַפּלט עטלעכע רגעס און האָבן זיך אויסגעצויגן שטייף.

די רויטע זון האָט געפאַרבט דעם הימל רויט, ווי אַ פּנים אָנגעגאָסן מיט גרימצאָרן, וואָס זאָגט אָן אָן אויסברוך פון נקמה...

דער פאָרטיער עידעלמאַן

בלושטיין האָט געזען, אַז עס איז פאַר אים נישטאָ קיין אָרט, וואו זיך אויסצובאַהאַלטן האָט ער געגומען דעם פּלעצאַק און איז אַוועק אין דער געביידע אויף דער לאַגעווניצקע גאַס, וואו עס איז פאַר דער מלחמה געווען די קראַנקן קאַסע, און אין דער געטאָ האָבן יידן דאָרט איינגעאָרדנט אַ שפּיטאָל; און אין ראש השנה 1942, האָבן די דייטשן אויסגעמאָרדעט די קראַנקע (בעת דער „שפּערע") און דערנאָך די געביידע פאַרוואַנדלט אין אַ שניידער־פאַבריק, וואו יידן זיינען געצווינגען געווען, אויסצואַרבעטן מונדירן און שינעלן פאַר דעם דייטשן מיליטער. אַצינד האָט מען די מאַשינען און די טישן אַרויסגעפירט און די דייטשן האָבן געזאָגט, אַז דאָס אַלעס גייט מיט מיט די יידן דאָרטן, וואו די געטאָ ווערט איבערגעטראָגן, כדי די יידן זאָלן „פאַרזעצן די אַרבעט".

אין דער געביידע זיינען אַצינד קאַשאַרירט געוואָרן, זעקס הונדערט פּריווילעגירטע־יידן, — דעם אָפּגעשפּילטן „קייסער" רומקאָווסקיס מענטשן. עס זיינען אויף דער גיך אויפגעשטעלט געוואָרן פּריטשעס צום שלאָפן, יעדער האָט זיך מיטגעברענגט בעטגעוואַנט, מען האָט אויפגעעפנט די אַמאָליקע שפּיטאַל־קיך, און מען האָט דאָ אַריינגעשיקט גענוג שפּייז: ברויט, קאַרטאָפל, פלייש, ביינער און אַנדערע זאַכן. און די פּריווילעגירטע זיינען דאָ געזעסן, געגעסן און געטרינקען, ביז דער פולשטענדיקער ליקווידאַציע פון געטאָ. בעת די דייטשע־פּאָליציי מיט דער יידישער: פּאָליציי, פייערלעשער, קוימענקערער און די „ווייסע־גוואַרדיע", (מעל טרעגער) אונטער דער אָנפירונג פון דער

געשטאַפּאָ, האָבן געכאַפּט די יידן ווי הינטשלעגער כאַפּן הינט און זיי פאַרשיקט אין דער גרעסטער טויט־פאַבריק אוישוויץ; די דאָזיקע פּריווילעגירטע זיינען שפּעטער דירעקט געשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט, אין אַ קאָנ־צענטראַציע לאַגער אַריין. זיי האָבן אָבער אויסגעמיטן די טויט־פאַבריק אוישוויץ.

ווען בלושטיין איז אַריינגעקומען אין דער געביידע פון די דאָזיקע קאַשאַרירטע, איז אים אַקעגן געקומען אַ פּאַרטיער און אים געפרעגט: „ווער זענט איר? וואָס ווילט איר דאָ?"

בלושטיין האָט מאָמענטאַל דערפילט, אַז ער איז באַגאַנגען אַ נאַרישקייט, מיט זיין קומען דאָ אַהער; און, אַז יעדעס וואָרט, וואָס ער וועט רעדן מכוח דאָ צו פאַרבלייבן וועט זיין אַרויסגעוואָרפן אויפן ווינט. באַלד איז אויסגעוואַקסן קיווע שעניצקי, מיט אַ בוכהאַלטעריע בוך אין דער האַנט, אַ פּנים דאָ זיינען געווען פאַרשריבן די נעמען פון די קאַשאַרירטע, ער איז דאָ אַצינד געווען דער דירעקטאָר. פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ טוער אין אַ ציוניסטישער אַרבעטער פאַרטיי. באַלד אין אָנהויב געטאָ, האָט אים דער „קייסער" מרדכי חיים רומקאָווסקי געמאַכט פאַר דעם דירעקטאָר איבער דעם יידישן „קליין קונסט־טעאַטער" אויף דער קראַוויעצקע גאַס. נאָך דעם ליקווידירן דאָס דאָזיקע טעאַטער, האָט ער באַקומען אַ פּאָסטן אין אַרבעטס־אַמט. זיין אַרבעט איז געווען: צו גיין איבער די רעסאָרטן און קיכן, און מאַכן „סעלעקציעס": אויסצוקלויבן די אַרבעטער, וואָס זענען אויס פיזיש קרעפטיקער און זיי שיקן צו די „ראָזביור־קעס", ד. ה. פאַנאַנדערצונעמען די געמויערטע הייזער. (די דייטשן האָבן געזוכט אין די דאָזיקע הייזער אוצרות, אָדער סחורות, וואָס יידן האָבן באַהאַלטן אויף נאָך דער מלחמה). דערפאַר האָבן די יידן געקוקט אויף שעניצקין, ווי אויף אַ געשטאַפּאָוויעץ. שעניצקי האָט געקוקט אויף בלושטיינען מיט אַ פאַרשנדיקן בליק. און פאַרביידען האָט אויפגעבליצט דאָס בילד: ווען זיי האָבן זיך באַקענט, דעם ערשטן יאָר אין געטאָ, האָט אים שעניצקי געזאָגט: „איך בין דער קולטור דירעקטאָר אין געטאָ".

האָט זיך אויף בלושטיינס פּנים באַוויזן אַ חוזק־שמייכעלע און ער האָט געזאָגט: „קולטור דירעקטאָר? איר פאַסט זיך צו זיין אַ דירעקטאָר איבער די שמיעטניקעס!"

בלושטיין האָט געזען ווי שעניצקי טראַכט זיך: „אָ, אַצינד דאַרפסטו אָנקומען צו מיר, אַצינד מוזטו מיך בעטן". אָבער בלושטיין האָט אים דאָס נישט צוליב געטאָן און אָן אויסריידן איין וואָרט האָט ער פאַרלאָזט די געביידע מיט דעם באַשלוס אַהיימצוגיין.

ווען בלושטיין איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע געסלעך האָט ער פּלוצלינג געזען ווי יידן לויפן מיט גרויס שרעק און צעטומלעניש, האָט ער אויך גענומען לויפן אַ צעטומלטער פון שרעק נישט וויסנדיק וואוהין.

„די דייטשן כאַפּן שוין ווידער!" האָט אַ לויפנדיקע פרוי זיך צעווינט און איז אַריינגעלאָפן אין נאָענטסטן געסל.

אין בלושטיינען האָט אויפגעבליצט אַ געדאַנק: אַזוי ווי צו זיין היים

איז ווייט וועט ער צולויפן צו זיין פאַבריק „רעסאָרט 76״ אויסבאַהאַלטן זיך, און ער האָט אַזוי געטאָן.

די גאַסן זיינען באַלד אויסגעשטאָרבן מען האָט נישט געזען קיין לעבעדיק נפש.

ווען בלושטיין איז צוגעקומען צום רעסאָרט, האָט אים דער פאָרטיער, עידעלמאַן, אַ ייד פון דייטשלאַנד נישט געוואָלט אַריינלאָזן. ער האָט אַצינד געאַרבעט אויף בלושטיינס פּאָסטן.

„הערן עידעלמאַן, די דייטשן כאַפּן דאָך אין די גאַסן, לאָזן זי מיך אַריין אויף עטלעכע מינוט, ביז די „אַקציע״ וועט דאָ אַריבער, ראַטעווען זי מיין לעבן״. האָט אים בלושטיין געבעטן אַ דערציטערטער.

עידעלמאַן האָט אים געענטפערט מיט אַ קול פון מיטגעפיל אין דייטש געמישט מיט יידיש:

איך קאָן נישט הערן בלושטיין, לײדער קאָן איך אינען נישט העלפן. דער אינזשעניער האָט מיר אָנגעזאָגט איך זאָל בימאַן אַריינלאָזן. זי זיינען אַן אינטעליגענטער מענטש, זי דאַרפן מיך פאַרשטיין איך מוז האַלטן דיסציפלין״.

פערסט האָט געוואוסט, אַז דער, וואָס איז דערצויגן אין דייטשלאַנד וועט יאָ האַלטן דיסציפלין, דער וועט גוט אויספירן זיינע באַפעלן.

בלושטיין האָט גוט געדענקט ווי ער האָט צענטליקער מאָל איינגעשטעלט זיין לעבן פאַר דעם נפש עידעלמאַן, מיטן ברעכן דעם דיסציפלין. אָבער ניין — האָט ער געטראַכט — איך וועל אים נישט צווינגען אַז ער זאָל מיר אויך העלפן. אויב ער פאַרשטייט אַזוי צו האַנדלען לגבי מיר זאָל עס זיין אַזוי.

דער קעראָווניק יעזשי פערסט האָט זיך דאָ קאַשאַרירט מיט די משפּחות: פון זיין צד און פון זיין ווייבס צד און אויך מיט זיינע אַרבעטער, וואָס האָבן אים אָוועקגעגעבן דאָס לעצטע שטיקל גאָלד, בריליאַנטן אָדער אויסלענדישע וואַלוטע.

ווען פערסט האָט אין נאַכט-וועכטער געשטעלט אויף דער „ליסטע״ (אַרויסצושיקן פון געטאָ אויפן טויט) און יענער איז אַרומגעלאָפן, ווי אַ פאַרסמטע מויז און געזוכט פּראָטעקציע מען זאָל אים העלפן און ער האָט נישט געקענט ביי קיינעם פּועלן, האָט ער זיך שואל עצה געווען מיט בלושטיינען: „איך האָב אַ פּאָר „קעפּ״ (בריליאַנטענע אויערינגלעך) מיין ווייבס, זאָל איך דאָס פאַרשלאָגן פערסטן, אַז ער זאָל מיך פאַר דעם אַראָפּנעמען פון דער ליסטע? וועל איך מיר חלילה מיט דעם נישט ערגער מאַכן?״

האָט אים בלושטיין געענטפערט: „ערגער קען דאָך שוין נישט זיין, פּרובירט״.

דער נאַכט וועכטער אַ בכבודיקער און תמימותדיקער מענטש, האָט געפאָלגט בלושטיינס עצה. ער איז אַריינגעגאַנגען צו פערסטן אָוועקגעלייגט די בריליאַנטענע אויערינגלעך און ער האָט אים גליך אַראָפּגענומען פון דער „ליסטע״.

פערסט און אַ סך אַנדערע קעראָווניקעס האָבן ביי דעם אומגליק איינגעזאַמלט אוצרות. די קעראָווניקעס האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן זיך קענען

ראַטעווען פון טויט דורך קאַשאַרירן זיך, ווייל אַט אַט קומט דאָך אָן די רויטע אַרמיי.

פאַר די קאַשאַרירטע, האָט די אַפּראָוויזאַציע צוגעטיילט גענוג שפּייז. דער קאָמיסאַר פון „פליישׂ-צענטראַלע", האָט פערסטן: פאַר שפּירט און ליקער צוגעשטעלט פלייש לרוב. האָבן די קאַשאַרירטע גאַנצע טעג געקאָכט געבראָטן און געבאַקן אין דער לאַבאָראַטאָריע און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען כיד המלך. ווייל ליקער און שפּריט האָט דאָך פערסטן נישט געפעלט. דאָס איז אַזוי צוגעגאַנגען קרוב פיר וואָכן, אַזוי לאַנג ווי עס האָט געדויערט די ליקווי־דאַציע פון געטאָ. די מענטשן האָבן דאָ מיטגעברענגט זייערע טייערסטע און ווערטפולסטע זאַכן, און דאָס איז טאַקע געווען די אויסרעכענונג פון די דייטשן. זיי האָבן די קאַשאַרירטע צוזאַמען מיט זייער האָב און גוטס אַוועקגע־פירט קיין אוישוויץ, נאָך דעם שטאָפּן זיי ווי גענדז פאַר דער שחיטה.

„איר געדענקט הערן עידלמאַן — האָט בלושטיין געזאָגט צום פּאָרטיער — ווען איך בין געזעסן אויף דעם אָרט, וואו איר זיצט אַצינד, האָב איך איך אַרויסגעלאָזט אין מיטן דער אַרבעט אָפּצונעמען די זופּ אין דער קיך, אָדער אויסקויפן די ראַציע אין קאָאָפּעראַטיוו, אָדער איך האָב אייך אַהיימגעלאָזט פריער פון דער אַרבעט, אָדער ווען איר זענט געקומען צו שפּעט צו דער אַרבעט, האָב איך אייך איינגעשריבן די פולע שעהן, כדי איר זאָלט נישט באַשטאָרפט ווערן: מיטן צונעמען אייער טאַלאָן, אָדער די זופּ, אָדער מיט אַרויסשיקן אייך פון געטאָ? דאָס אַלץ האָב איך געטאָן אויף מיין פּאַראַנטוואָרט־לעכקייט איך האָב כסדר איינגעשטעלט מיין לעבן".

עידלמאַן האָט זיך פאַרשעמט, אָבער ער האָט אים באַלד געענטפערט: „זי הערן בלושטיין פאַרשטייען נישט, ווייל זי זיינען אַ פּאָלנישער יודע... וואָס קאָן איך מאַכען?... דיסציפּלין... איך מוז האַלטן דיסציפּלין. דער אינזשע־ניער האָט מיר געזאָגט איך זאָל נימאַן אַריינלאָסן. נו דיסציפּלין..."

„אוי יעקע נאַר! — האָט בלושטיין צו אים געזאָגט מיט ווייטיק און מיט איראָניע — ווען איך וואָלט געווען געהאַלטן דיסציפּלין, וואָלט איר נאָך געלעבט? און נאָך אַ סך אַזעלכע ווי איר?! נאָך אַ נס, וואָס איר זענט די גאַנצע צייט נישט געווען דער פּאָרטיער נאָר איך אַ פּאָלנישער יודע — האָב איך אַ סך מענטשן געהאָלפן; איר זענט אַן אָטאָמאַט! אַ ראָבאָט! אָן אַ האַרץ, אָן אַ געפיל! דער וואָס ווערט דערצויגן אין דייטשלאַנד, דער איז אַן אָטאָמאַט!"

עידלמאַן האָט נישט געקענט די אויגן אויפהייבן. בלושטיין איז שנעל אַוועק. ער איז ערגעץ אַרויף אויף אַ בוידעם און זיך אויסבאַהאַלטן ביז די „אַקציע" איז אַ דורך אין דעם קוואַרטאַל. דערנאָך איז ער אַהיימגעגאַנגען אין גרויס שרעק. ער האָט זיך געגעבן סוואָרט: ניין איך וועל מיך נישט לאָזן כאַפּן אַזוי ווי אַ הונט, פון די דאָזיקע היצלעס.

פאַרוואָס האָסטו אונדז געשיקט צום טויט?

טאָג טעגלעך זיינען ליקווידירט געוואָרן גאַנצע קוואַרטאַלן פון געטאָ. יעדן טאָג זיינען אויסגעהאַנגען געוואָרן פּלאַקאַטן אין דריי לשונות: דייטש, פּויליש און יידיש. עס זיינען געווען אויסגערעכנט די גאַסן, וואו אַז מען וועט פון מאָרגן אָן טרעפן יידן, וועלן זיי דערשאָסן ווערן.

יעדן טאָג זיינען אַוועק טראַנספּאָרטן מיט יידן אין דעם גרעסטן פאַרניכ־טונגס־לאַגער, אוישוויץ. די יידן האָבן נישט געוואוסט, וואו אַהין מען שיקט זיי. יידן זיינען געלאָפן זיך ראַטעווען אויף אַנדערע גאַסן, אָבער די גזירה האָט זיי דעריאָגט.

בלושטיין איז געלעגן ערגעץ באַהאַלטן. ער האָט געהאַט מיט זיך זיין רוקזאַק, מיט די בויטיקסטע זאַכן. בלושטיין האָט אויך איינגעפּאַקט: טלית און תפילין, אַ סידור מיט עברי טייטש, זיינע מאַנוסקריפּטן: לידער און פּראָזע. דעם תנ"ך אין לשון קודש מיט יידיש איבערגעזעצט פון יהואש; „מסעות בנימין השלישי" פון מענדעלע מוכר ספרים; „די פאָלקסטימלעכע געשיכטן" פון י. ל. פּרץ; „טוביה דער מילכיקער" פון שלום עליכם; „מעשיות" פון ר' נחמן בראַצלאַווער; „אין שחיטה שטאָט" פון חיים נחמן ביאַליק; „אַ שטעטל" פון שלום אַש; און „דער גולם" פון ה. לייוויק; און מיט דעם רוקזאַק איז בלושטיין אַריין אין אַ חורבה, וואו די פּאַדלאָגעס, פענצטער און טירן זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן, כדי יידן זאָלן האָבן מיט וואָס אָפּצוקאָכן דאָס ביסל זופּ.

אין אַ שטוב, וואו עס איז געווען אַראָפּגעפאַלן דער סופיט, האָט זיך בלושטיין אַרויפגעדראַפּעט אויפן בוידעם. דעם רוקזאַק האָט ער צוגעדעקט מיט ליים. ער האָט פון דער „פּאַלעפּע" אַרויסגעריסן דעם ליים און ער האָט זיך אַרונטערגערוקט אונטער די ברעטער. ביים עפענונג, וואו עס איז אויסגעקומען דער קאָפּ, האָט ער אַרומגעלייגט און זיך באַוואָרנט מיט שטיקער ליים; דאָ איז ער אָפּגעלעגן עטלעכע טעג. ער האָט זיך איינגעהערט אין דעם פאָרן פון די טראַמווייען — אויף די שכנותדיקע גאַסן — אָנגעפּראָפּטע מיט יידן, וואָס זיינען געפירט געוואָרן צום טראַנספּאָרט צו די וואַגאָנען, אויף דער באַן סטאַנציע „ראַדאָגאָשטש־מאַרישין", וואָס די דייטשן האָבן ספּעציעל פאַר דעם צוועק אויפגעבויט. די רעלסן זיינען דורך אַ וועג אַרום לאָדזש, געגאַנגען צו דער הויפּט באַן סטאַנציע „לאָדזש קאַליסקי", און פון דאָרטן איז געגאַנגען אַ דירעקטע ליניע קיין אוישוויץ; דאָס אַלץ האָבן די דייטשן ספּעציעל אויפגעבויט.

* * *

שעה נאָך שעה איז די געטאָ אַלץ פּוסטער און וויסטער געוואָרן. בלושטיין האָט אויך געהערט דאָס פאָרן פון דער דראָשקע און דאָס קלאַפּן פון די פּאָדקאָוועס פון אַ לויפנדיקן פערד, וואָס האָט אָפּגעהילכט פון שטיינערנעם ברוק און די פּוסטע געסלעך. דאָ איז געפאָרן דער עס־עס הויפּט שטורם פירער, גיבטער פוקס. ער האָט געמאַכט אינספּעקציעס, צי עס געפינען זיך נאָך יידן אין די גאַסן. גיבטער פוקס, אַן אויסגעפּאַשעטער דייטש, האָט מיט זיינע אייגענע

הענט דערשאָסן צענטליקער יידן אין לאָדזשער געטאָ, חוץ אין אַנדערע ערטער. ער האָט אַצינד געמאַכט די לעצטע ליקווידאַציע פון געטאָ.

פאַרנאַכט ווען עס איז שטילער געוואָרן, איז בלושטיין אַראָפּגעקראָכן, ער האָט זיך צוגעשאַרט צו אַ פעלד נאָך אַ ביסל ירקות די נשמה צו דערהאַלטן. בלושטיין האָט זיך דערמאָנט אַז ער האָט איבערגעלאָזט אַ פולן טאָפּטשאַן מיט טויזנטער געטאָ־דאָקומענטן: פּלאַקאַטן מיטן „קייסער" רומקאָווסקיס אונטער־שריפטן און אומלעגאַלע פּלאַקאַטן קעגן רומקאָווסקין, מיט דער האַנט געשריבענע און אויף מאַשין געשריבענע. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי דעם „קייסערס" אַ פּאָליציאַנט, האָט אים אַרעסטירט ביים אַראָפּרייסן אַ פּלאַקאַט, פאַר זיין אַרכיוו און ווי אין פּאָליציי־באַצירק, האָט אים דער פּאָליציי־קאָמיסאַר געפרעגט: „וואָס וועט פון דעם אַרכיוו ווערן? וועט ער אַריינפאַלן אין די ריכטיקע הענט פון היסטאָריקער אָדער ער וועט פאַרניכטעט ווערן?"

עס איז בלושטיינען נאָך טרויעריקער געוואָרן. האָט ער פון רוקזאַק אַרויסגענומען דעם תנ"ך מיט יהואש'ס יידישער איבערזעצונג. ער האָט אים געגעבן אַן עפן־אויף און עס איז פונקט אויסגעקומען דאָס ערשטע זייטל פון „איכה". האָט ער אָנגעהויבן לייענען און עס האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן דער אַלטער איכה־ניגון, וואָס ער האָט אים געהערט פון זיין זיידן תשעה באב, אין חסידים־שטיבל, ווען ער איז געזעסן מיט די מתפללים אין די זאָקן אויף אומגעלייגטע בענק, ווען זיי האָבן געקלאָגט אויף חורבן ירושלים און זיי האָבן אים נאָכגעזאָגט פּסוק נאָך פּסוק. בלושטיין האָט געלייענט:

„וואו איז געבליבן אַליין
די שטאָט פון פאָלק
געוואָרן ווי אַן אלמנה
די פירשטין פון די אומות;
זי האָט נישט קיין טרייסטער".

בלושטיין האָט ווייטער געלייענט און ער האָט געזען אין די שורות דעם חורבן פון אַצינד:

„אַלע אירע גוטע פריינט האָבן געפעלשט אין איר
זיי זיינען אירע שונאים געוואָרן;
יהודה איז אין גלות אַוועק
אין פּיין און אין גרויס קנעכטשאַפט;
אירע קליינע קינדער זיינען אַוועק אין געפאַנגענשאַפט
פאַרויס פאַר דעם פיינט".

און בלושטיין האָט אויסגעבראָכן אין אַ שטאַרק געוויין: „דער היינטיקער חורבן איז גרעסער: היינט שיקט מען אונדז נישט בלויז צו פּיין און קנעכטשאַפט. נאָר נאָך דעם אויסקוועטשן פון אונדז די כוחות, הרגעט מען אונדז אַלע אויס: סיי זקנים, סיי דערוואַקסענע און סיי קינדער". און בלושטיין האָט ווייטער אויסגעוויינט „איכה" מיט דעם אַלטן ניגון.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז דער „קייסער" רומקאָווסקי, איינער

אַליין, געגאַנגען איבער דער גרעסטער גאַס אין געטאָ, די בזשעזשינער. די גאַס איז געווען פּוסט, אויסגעליידיקט פון אַ לעבעדיקן נפש. ער האָט שוין נישט געהאַט קיין פערד, קיין קאַטש, קיין באַלעגאַלע, קיין לייב־וואַך. ער האָט שוין נישט געטראָגן קיין אָפּיצערסקע שטיוול, ער איז שוין נישט געגאַנגען אויסגעגלייכט ווי אַ סאָלדאַט; ער האָט שוין נישט געטראָגן קיין בוקעטן בלומען אין די הענט. ער איז אַצינד געגאַנגען: איינגעהויקערט און איינגעשרומפּן, אַ צעבראָכענער גלות־ייִד, אָנגעלענט אויף אַ שטעקן. דער שטעקן און זיינע זקנישע טריט האָבן אָפּגעהילכט פון דעם שטיינערנעם ברוק אין דער טויטער געטאָ גאַס. כאָטש דאָס איז געווען אַ זוניקער הייס ברענענדיקער אויגוסט טאָג, איז דעם „קייסער" געווען קאַלט. ער האָט געטראָגן אַ שווערן ווינטער מאַנטל מיט אַן אויפגעשטעלטן קאַלנער. ער האָט זיך אַריינגעדרייט אויף דער מלינאַרסקע גאַס. דאָ איז ער אויך געווען איינער אַליין. ער האָט געוואָרפן בליקן אין די זייטיקע געסלעך. זיי זיינען אויך שוין געווען פּוסט און לער. דאָס האָט אויף אים אָנגעוואָרפן אַ פּחד. ער האָט זיך דערמאָנט: ווי ערשט נישט לאַנג האָט דאָ געווימלט מיט „זיינע" ייִדן און איצטער איז אַלץ טויט. פּלוצלינג איז לעבן אים דורכגעלאָפן אַ האָז. דער אַלטער האָט זיך דערשראָקן. אָבער ער האָט זיך באַלד באַהערשט: חיות לויפן אַרום אין מיין מלכות. עס איז ווי חורבן ירושלים. אַ וויסטעניש איז געבליבן פון מיין מלכות. איך האָב געזאָגט: „אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועט מיין געטאָ גיין ווי אַ זייגער". איך האָב געזאָגט: „איך האָב אַריינגעפירט מיינע ייִדן אין מיין געטאָ און איך וועל אַרויספירן מיינע ייִדן פון מיין געטאָ" און אַצינד?... וואָס איז געוואָרן פון מיין מלכות? וואו איז מיין פּאַליצײַ? וואו האָב איך מיינע ייִדן? איך האָב געמיינט ווען היטלער האָט איינגענומען גאַנץ אייראָפּע, אַז ער וועט אויך איינעמען גאַנץ אַפריקע און אַזיע און אַז ער וועט ייִדן אָפּגעבן ארץ־ישראל און מיך מאַכן פאַר אַ קייסער. יאָ כ'האָב געטראָגן אַ פּאַפּירענע קרוין..."

„איך האָב געטריי געאַרבעט אויף מיין אַמט. איך בין געווען דער קאַפּיטאַן וואָס האָט געפירט אַ זינקנדיקע שיף. האָב איך געהאַלטן אין איין אַריינוואַרפן מענטשן אין ים אַריין. כ'האָב געמיינט: אַז מיט מיין טייל, פון מיינע ייִדן וועל איך באַוויזן צו שווימען צום ברעג. איך האָב אַלץ געטאָן צו ראַטעווען כאָטש אַ טייל פון מיינע ייִדן. מיין געטאָ איז געווען אַן אַרבעטס־לאַגער. ווען אַלע געטאָס אין פּוילן זיינען שוין געווען ליקווידירט, האָב איך נאָך אין מיין געטאָ געהאַט מיינע הונדערט טויזנט ייִדן. ווען די רויטע אַרמיי בלייבט נישט שטיין אויף יענער זייט ווייסל, פיר איך אַרויס פון מיין געטאָ מיינע אַכציק טויזנט ייִדן".

רומקאָווסקי האָט זיך דערמאָנט: אויפן באַלוטער־פּלאַץ אין יולי 1942, ווי הימלער איז געזעסן אין אָפּענעם אויטאָ און רומקאָווסקי איז געשטאַנען הכנעה'דיק מיטן היטל אין האַנט און אין די געלע לאַטעס. דעמאָלט האָט געהאַנגען אויף אַ האָר דאָס ליקווידירן די געטאָ.

„ווי גייט עס איך דאָ?" — האָט הימלער געפרעגט. „מיר אַרבעטן און בילדן דאָ אַן אַרבעטער שטאָט", האָב איך געענטפערט.

„און ווי גייט די אַרבעט דאָ?" „כ'מיין נישט שלעכט. זי וועט נאָך האָפנט־

לעך בעסער גייך, איך טו אַלץ צו פאַרבעסערן און פאַרגרעסערן די אַרבעט. מיין מאָטאָ איז: אַרבעט, רו און אָרדנונג".

„אַרבעט ווייטער פאַר אייערע שוועסטער און ברידער אין געטאָ און דאַן וועט אייך גוט זיין", האָט הימלער מיר געזאָגט.

„נו וואָס — האָט רומקאָווסקי ווייטער געטראַכט — האָבן זיי געהאַלטן וואָרט די דייטשן? און איך האָב דען געגלויבט אין זייערע הבטחות? ווי איז מיר, אַ וויסטעניש איז געבליבן פון מיין מלכות. און אַצינד בין איך אַ צעבראָכענער זקן, אַ פאַרעטער און אַ מערדער פון מיין אייגן פאָלק! איך האָב גוט געוואוסט, אַז די דייטשן גענאַרן און איך האָב זיי געטריי געדינט. איך האָב געטריי אויסגעפירט אַלע זייערע שלעכטע גזירות. איך האָב געוואוסט, אַז איך שיק אַלע מיינע יידן צום טויט".

פון אַ וואַנט האָט צו אים אַראָפּגעשריגן אַ פּלאַקאַט: „אַכטונג! וועגן צושטעלן זיך פרייוויליק צו די טראַנספּאָרטן. אין אייגענעם אינטערעס פון דער געטאָ באַפעלקערונג ראָט איך צושטעלן זיך פרייוויליק צו די טראַנס־פּאָרטן, בכדי אַזוי אַרום אויסצומיידן צוואַנגס מאַסמיטלען. די פרייוויליקע דאַרפן זיך מעלדן אין דער צענטראַלער תּפיסה און אין זאַמלפונקט אויף קראַוויעצקע־גאַס 3 — מרדכי חיים רומקאָווסקי, דער עלטסטער פון די יידן אין ליצמאַנשטאַט. ליצמאַנשטאַט־געטאָ, דעם 13. אויגוסט 1944". דער אַלטער האָט אויפגעשוידערט און אַנטלאָפן.

פלוצלינג האָבן זיך פאַר זיינע אויגן באַוויזן די אומגעבראַכטע: קינדער, זקנים, זקנות, דערוואַקסענע, טאַטעס, מאַמעס מיט קינדער און זויג־קינדער אויף די הענט. די אַלע וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט פון געטאָ האָבן אים געדראָט מיט געבײלטע פויסטן און געשריגן: „מערדער!" די מאַמעס מיט די עופהלעך אויף די הענט האָבן צו אים געשריגן און געוויינט. זיי האָבן אים געהאַלטן אין איין פרעגן: „פאַרוואָס האָסטו אונדז נישט געזאָגט דעם אמת, וואו אַהין דו שיקסט אונז?! האָסטו אַ פאַרענטפער פאַר גאָט פאַר אונזערע פאַרשניטענע יאָרן און פאַר דעם טויט פון אונדזערע עופהלעך?"

טייל זקנים און זקנות האָבן אויף אים געקוקט שטום. פון זייערע אויגן האָט געשריגן אַ מאָנענדיקע פראַגע: „פאַרוואָס האָסטו אונדז געשיקט צום טויט?! מיר זיינען נישט געקומען צו קבר ישראל!"

ער האָט געזען דעם חבר זיידע מיט די חברטע רעגינע, ווי זיי אַגיטירן די יידן: זיי זאָלן זיך נישט צו שטעלן אַרויסגעשיקט צו ווערן פון געטאָ אויפן טויט, נאָר זאָלן זיך באַהאַלטן, ווי זיי האָבן געקעמפט מיט אים דערפאַר האָט ער זיי איבערגעגעבן די דייטשן: „יאָ זיי זיינען געפאַלן אויף קידוש השם פאַר דעם יידישן פאָלק, אָבער איך בין אַ פאַרעטער! אַ פאַרעטער וואָס האָט געטראָגן אַ פּאַפּירענע קרוין, וואָס די דייטשן האָבן פון אים געמאַכט אַ פּורים שפּיל און אַ בייטש איבער זיין פאָלק..." ער האָט געזען, ווי זיידע און רעגינע דראָען אים מיט נקמה.

דעם אַלטן איז באַפאַלן אַ שרעקלעכער פחד. אומעטום איבער דער גאַנצער גאַס האָט ער נאָר געזען מתים, וואָס שרייען צו אים, וואָס מאָנען ביי אים אַ

דין־וחשבון פאַר זייער טויט. דער פחד האָט אים געטריבן און ער איז אַריין אויף דער דוואָרסקע גאַס. אָבער די מתים זיינען פאַראויס פאַר אים געלאָפן. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט. עס האָט זיך אים גערדאַכט, אַז ער טרעט אויף מתים. דער אַלטער האָט זיך צעווײנט: „ניין, איך האָב נישט קיין פאַרענטפער פאַר גאָט. איך דאַרף גיין דאָרטן וואו איך האָב אייך געשיקט". ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פון די אומגעבראַכטע, איז ער געגאַנגען וואָס שנעלער. ער האָט זיך אַריינגעדרייט פון איין אויסגעליידיקט געסל אין אַן אַנדערן. זיינע זקנישע טריט און דער שטעקן האָבן אָפּגעהילכט אין דער שטילקייט און פוסטקייט. דער אַלטער האָט געוואָלט וואָס גיכער זיין אין דערהיים, אָבער די מתים, וואָס האָבן פון אים געפאָדערט אַ דין־וחשבון זיינען פון אים נישט אָפּגעטראָטן.

ביינאַכט ווען רומקאָווסקי האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין, זיינען פאַר אים דורכגעגאַנגען ווי אַ פילם אַלע אויסזידלונגען: ווינטער סוף ניינצן הונדערט איין און פערציק און אין אָנהייב צוויי און פערציק: אַ שטאַרקער פראָסט, הויכער שניי, ווינטן, זאַווערוכעס. קראַנקע, וואָס קענען נישט גיין, ווערן צוגעשטעלט אויף פערד און וואָגן פון מיין פּאָליציי. מיין פּאָליציי פאַרלאָדנט זיי אין די וואַגאָנען אונטער דער שמירה פון דער געסטאַפּאָ. גרופּעס צו עטלעכע הונדערט יידן, אונטער דער שמירה פון מיין פּאָליציי גייען אין דער זאַווערוכע אין הויכן שניי און ברענענדיקן פראָסט צו פינף אין אַ ריי. האַלב־־נאַקעטע, מאַמעס מיט האַלב נאַקעטע עופהלעך און קינדער, יונגע מענטשן און אַלטע לייט מיט געלע לאַטעס. יעדער איז באַהאַנגען מיט אַ טאָפּ, מיט אַ רוקזאַק. טייל זיינען געגאַנגען האַלב באָרוועס און האַלב נאַקעט. טייל האָבן אויף זיך געטראָגן צו עטלעכע מאַנטלען. דער ווינט האָט זיי געפּאַטשט, דער פראָסט האָט זיי געשטאָכן אונטער די נעגל און געצופּט די אויערן און נאָז. די מענטשן זיינען געפירט געוואָרן אין דעם שוידערלעכן ווינטער אין אָפענע קוילן־וואַגאָנען קיין כעלמנע (אין כעלמנע האָבן די דייטשן פאַרגאַזט אין אויטאָס צענדליקער טויזנטער יידן פון לאָדזשער געטאָ און אומגעגנט און זיי באַגראָבן אין די אַרומיקע וועלדער). אַ סך זיינען געפרוירן געוואָרן אויפן וועג.

פאַר זיינע אויגן זיינען אַצינד פאַרביי געגאַנגען: די אויסזידלונגען אין זומער, אין די ברענענדיקע היצן. די אויסזידלונגען פון די אַריינגעשיקטע דייטשע יידן. די „שפּערע", ווי ער איז געשטאַנען אויף אַ טיש אויפן פייערלעשער פּלאַץ און גערעדט צו די יידן: „מיינע ליבע שוועסטער און ברידער! איר ווייסט דאָך, אַז איך בין דער טאַטע פון זקנים און קינדער, אַ טאַטע פון יתומים; איר ווייסט דאָך אַז די זקנים, די קינדער און די יתומים זיינען מיין גאַנץ לעבן. אַצינד אָבער איז געקומען אַ צייט וואָס איך מוז אַוועקגעבן דאָס וואָס איז מיר אַמטייערסטן: אַלע מיינע זקנים, אַלע מיינע קינדער און אַלע מיינע יתומים. דעריבער ווענד איך זיך צו אייך איר זאָלט מיר העלפן: גיט אַוועק מיט אייער גוטן ווילן אייערע קינדער און אייערע עלטערן, זיי וועלן גענומען ווערן אויסער מיין געטאָ, אַזוי וויל דאָס מלכות און מען טאָר נישט גיין קעגן מלכות". און איך האָב געוואוסט, אַז זיי וועלן געשיקט ווערן אויפן טויט. און מיט מיין צושטי־

מונג און מיט מיין מיטהילף זיינען דעמאָלט אין דער „שפּערע", אין די עשרת ימי תשובה, אַרויסגעשיקט געוואָרן צוויי און צוואַנציק טויזנט יידן: זקנים און קינדער, קראַנקע און געזונטע יונגע מענטשן צום טויט. פאַר זיינע אויגן זיינען אַצינד דורכגעגאַנגען: די תפיסה „טשאַרניעצקיעגאָ" דער קאַרצער, די אַרעסטאַנטן. די קינדער וואָס זיינען געשמיסן געוואָרן אויף „טשאַרניעצקיעגאָ" פאַר „גנבענען", צוליבן הונגער, איין קאַרטאָפל, אָדער איין מערל, אָדער איין רעטעכל. די אַלערליי רעסאָרטן, וואו די אַרבעטער זיינען אָוועקגעפאַלן פון הונגער און שווערער אַרבעט. די לאַנגע רייען פון די הונגעריקע ביי די קאָאָפּעראַטיוון און ביי די קיכן מיט טעפּ און לעפלען אין די הענט, און די צענטליקער טויזנטער קילאָ קאַרטאָפל, וואָס ער האָט נישט געלאָזט צעטיילן, נאָר זיי געלאָזט ליגן אונטערן הימל ביז זיי זיינען געפרוירן געוואָרן און פאַרפוילט געוואָרן און קינדער און דערוואַקסענע זיינען געשוואָלן געוואָרן פון הונגער און אויסגעשטאָרבן.

און די יתומים־הייזער? אַכט הונדערט און פופציק יתומים האָב איך באַפוילן צונויפזאַמלען אויף איין פּלאַץ, אויף מאַרישין, בעת דער „שפּערע", ווייל כ'האָב מורא געהאַט זיי זאָלן זיך נישט צעלויפן און אויסבאַהאַלטן. כדי די דייטשן זאָלן מיך נישט חושד זיין אין פאַראַט — אין אויסבאַהאַלטן קינדער, האָב איך זיי אַלע געהייסן שטיין אויף איין פּלאַץ. די געסטאַפּאָ איז אונטער־געקומען און זיי אָוועקגעשיקט צום טויט. מיט דעם האָבן זיך די דייטשן ווידער אַמאָל און נאָכאַמאָל איבערצייגט ווי געטריי איך בין זיי. יאָ, איך געדענק גענוי די צאָל: אַכט הונדערט און פופציק יתומים! — האָט ער אויפגעשווידערט — דאָס האָב איך געטאָן פון פּחדנות, כ'האָב געוואָלט לעבן און הערשן. איך בין אַ פאַרעטער און אַ מערדער פון מיין אייגן פאָלק! — האָט ער אויפגעשווידערט — דאָס זעלבע האָב איך געטאָן מיטן מושב־זקנים און מיט דער סאַנאַטאָריע פון די פיר הונדערט קינדער, וואָס זיינען געוועזן אַנגעגריפן אויף די לונגען.

פאַר זיינע אויגן זיינען אַצינד אַ דורך די אַלע שיינע, יונגע מיידלעך, מיט וועלכע ער האָט געזינדיקט אין געטאָ. מיידלעך וואָס האָבן נישט געוואָלט הונגערן; עס האָבן פאַר אים אויפגעטויכט די צוויי קלאַסן, וואָס ער האָט איינ־געשטעלט אין געטאָ: אַן אויסדערוויילטע עליטע, אַ קליינע קאַסטע בעסער באַזאָרגטע, וועמען ער האָט פאַרזאָרגט מיט גוטע פּאָסטנס, מיט שפּייז צו דער זעט, מיט גוטע וואוינונגען פון אַלע באַקוועמלעכקייטן, אין דער פאַרשטאָט „מאַרישין", וואָס יידן רופן „שישקאָוויצע", וואו די שיינע נייע הייזער שטייען אין גערטנער און אין אַלייען, וואו קיין ייד וואָס ער האָט אים דאָרטן נישט געגעבן קיין וואוינרעכט טאָר נישט דעם שטח אַריבערטרעטן. ניינציק פּראָצענט יידן האָבן זיך געשטיקט אין ענגשאַפט, אין שמוץ און אין עיפּוש... יאָ, איך האָב אַלע מיינע אויסדערוויילטע געשטיצט כדי מיר זאָלן איבערלעבן און אַצינד ווערן אַלע געשיקט אויפן טויט. מיין וועג דאַרף אויך זיין דער זעלבער: „איך דאַרף גיין דאָרטן, וואו אַהין איך האָב געשיקט מיינע יידן!" האָט דער אַלטער באַשלאָסן.

רומקאָווסקי האָט זיך אין בעט געוואָרפן אין אַלע זייטן. ער האָט געזען

דורכן פענצטער, אַז דער טאָג שאַריעט זיך שוין. ער האָט געוואָלט פון זיך פאַרטרייבן די רעיונות. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן ער זאָל איינשלאָפן, וואָרים דער שלאָף איז אים געלעגן אויפן הארץ. דאָס געוויסן וואָס האָט אים געפּלאָגט האָט אים נישט געלאָזט איינשלאָפן און עס האָט אים געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער, און געקרעכצט: „יאָ כ'האָב געטראָגן אַ פּאַפּירענע קרוין... די דייטשן האָבן פון מיר געמאַכט אַ פּורים שפּיל...״

* * *

אינדערפרי איז מרדכי חיים רומקאָווסקי אויפגעשטאַנען אַ צעבראָכענער. פון נישט שלאָפן האָט אים געאיבלט, דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט, ער האָט זיך נישט געקענט קיין אָרט געפינען: נישט זיצן, נישט שטיין, נישט גיין. דאָס פרישטיק וואָס מען האָט פאַר אים אַנידערגעשטעלט אויפן טיש, איז געבליבן שטיין, ער האָט צו דעם זיך נישט צוגערירט; די אומגעבראַכטע יידן, פון אים אַרויסגעשיקטע זיינען אַלץ פון אים נישט אָפּגעטראָטן. אַביסל שפּעטער, ווען דער גאָוליטער איבער דער געטאָ, דער דייטש האַנס ביבאָוו, האָט געמאַכט אַ סעלעקציע, האָט זיך מרדכי חיים רומקאָווסקי אויך צוגעשטעלט. צווישן די אויסגעקליבענע צום טויט האָט זיך אויך געפונען זיין ברודער יוזעף (יוסף) רומקאָווסקי, וואָס איז געווען דער „געזונטהייטס-מיניסטער״ איבער דער געטאָ. די לעצטע עטלעכע וואָכן האָט יוזעף געטיילט שפּייז-טאַלאָנען, צו עטלעכע פאַרקויפטע שרייבער, וואָס זיינען געזעסן אין „סטאַטיסטישן-אַמט״, און זיי האָבן פאַר אים געשריבן די געשיכטע פון לאָדזשער געטאָ, ווי ער האָט זיי דיקטירט. די משפחה רומקאָווסקי איז פאַרשריבן געוואָרן מיט „גאָלדענע אותיות״. דער משפחה רומקאָווסקי איז געגאַנגען אין לעבן זי זאָל פאַרשריבן ווערן מיט גאָלדענע אותיות אין דער „געשיכטע פון לאָדזשער געטאָ״.

דעם אָפּגעשפּילטן „קייסער״ מרדכי חיים רומקאָווסקי האָט ביבאָוו דערווייל איבערגעלאָזט און אויך אַ ביסל קרעפּטיקערע יידן, וואָס האָבן באַדאַרפט אויסרייניקן די געטאָ. ווער קען וויסן וואָס פאַר אַ טויט די דייטשן האָבן געהאַט פאַרטראַכט פאַר רומקאָווסקין, פאַר זיין געטרייען דינען זיי?

מרדכי חיים רומקאָווסקי, אַ צעבראָכענער, אַן איינגעהויקערטער מיט אַן אויסגעבלייכט געדונצלט פּנים און אויסגעלאָשענע אויגן, האָט זיך מיט זקנישע טריט אָגעלענט אויפן שטעקן, אַרויסגערוקט פון דער ריי און מיט אַ געבראָכן קול געבעטן ביבאָוון:

„הערן אַמטס-לייטער, דערלויבן זי מיר מיטצוגיין מיט מיין ברודער״.

דער דייטש מערדער ביבאָוו האָט אים דערלויבט. ער האָט אים אויך מיטגעגעבן אַ פאַרחתמעטן בריוו.

דעם זעלבן טאָג, פאַרנאַכט, איז אַוועק אַ טראַנספּאָרט מיט דער עליטע פון דער געטאָ און מיט די לעצטע אויסבאַהאַלטענע יידן, וואָס די געסטאַפּאָ האָט אויסגעזוכט, מיט דער הילף פון דער „שופּע״ (שוץ פּאָליציי) און אויך מיט דער יידישער פּאָליציי, אירע פייערלעשער, קוימענקערער און „ווייסער גוואַרדיע״ (די טרעגער, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער אַפּראָוויזאַציע, זיי האָבן געטראָגן

מונדירן פון ווייסע לייוונטענע מעל־זעק, האָבן יידן זיי דערפאַר גערופן „ווייסע גוואַרדיע״). מיט דעם צוג איז אויך געפאָרן מרדכי חיים רומקאָווסקי, מיט זיין יונג ווייבל און זיין גאַנצער משפחה. דער דאָזיקער טראַנספּאָרט איז געגאַנגען קיין אוישוויץ — דער גרעסטער טויטן־קאָמבינאַט, וואָס די דייטשן האָבן געשאַפן. די גאַז קאַמערן און די קרעמאַטאָריעס האָבן אין יענע טעג געאַרבעט צו גאַנצע מעת לעת׳ן.

דער לעצטער וועג

אין דעמזעלבן צוג, וואו ס׳איז געפאָרן דער אָפּגעשפּילטער „קייסער״ מרדכי־חיים רומקאָווסקי מיט זיינע נאָענטסטע, איז אויך געפאָרן בלושטיין מיט זיין ווייב שרהלע. די דייטשן האָבן זיי געכאַפּט אין אַ באַהעלטעניש. ביידע זיינען געזעסן אין וואַגאָן אויף בלושטיינס רוקזאַק, אין וועלכן עס זיינען געלעגן זיינע נויטיקסטע זאַכן. אויך זיינע מאַנוסקריפּטן: לידער און דערציילונגען, און עט־לעכע ספרים און ביכער.

אין דעמזעלבן וואַגאָן איז אויך געפאָרן בלושטיינס געוועזענער „קעראָוו־ניק״, יעזשי פּערסט, מיט זיין ווייב מאַרישע, מיט דער משפחה פון זיין צד און פון איר צד; און אויך די אַלע, וואָס זיינען געווען קאַשאַרירט ביי אים אין פאַבריק „רעסאָרט 76״. פּערסט האָט דאָ מיטגעפירט דאָס גאָלד, בריליאַנטן, אויסלענדישע וואַליוטע, וואָס די יידן האָבן אים אָוועקגעגעבן, כדי ער זאָל זיי צונעמען צו דער אַרבעט, אָדער ער זאָל זיי נישט אַרויסשיקן פון געטאָ, און אויך ער זאָל זיי קאַשאַרירן אין „זיין״ פאַבריק בעת מען האָט ליקווידירט די געטאָ. פּערסט האָט אויך מיטגעפירט פלעשער שפּירט, פלעשער ליקער פון „זיין״ פאַבריק און טייערע מלבושים און וועש פאַר זיך און זיין ווייב. עס איז דאָ אויך געפאָרן דער דייטשער ייד עידלמאַן זיין פאַרטיער, וואָס ער האָט אים אויך דאָ כסדר משמש געווען.

עס איז אויך דאָ געפאָרן דער „גאָספּאָדאַזש״ איבער דער פאַבריק, שלמה פיין, אַ גראָבער נפש, וואָס האָט זיך איינגערעדט, אַז אַלצדינג איז זיין און אַלצדינג וועט בלייבן פאַר אים. ער האָט אומבארחמנותדיק געפּייניקט די אַרבעטער, אָבער אַצינד איז ער שוין אַן איינגעבויגענער, אַ צעבראָכענער. קיינער דאָ האָט נישט געוואוסט וואוהין ער פאָרט. די דייטשן האָבן געזאָגט, אַז דער טראַנספּאָרט פאָרט קיין האַמבורג אויף אַרבעט.

צו בלושטיינען האָט זיך עפּעס דערטראָגן אַ קלאַנג אַז: פון אַ שפּאַרע אין אַ לײדיקן צוג, וואָס איז צוריקגעקומען פון אַ טראַנספּאָרט אַרויסגעשיקטע יידן, האָט אַ ייד, וואָס האָט געאַרבעט אויף דער באַן־סטאַציע „ראַדאָגאָשטש־מאַרישין״ (פון וואַנען די געטאָ־יידן זיינען אָפּגעטראַנספּאָרטירט געוואָרן), אַרויס־געצויגן אַ צעטל מיט דער אויפשריפט: „מיר זיינען אָנגעקומען קיין אָש־וויענטשים!...״ (אוישוויץ). דאָס איז געווען פון זיינס אַ קרוב. זיי האָבן זיך

געהאַט אָפּגעשמועסט וועגן דעם; און דידאַזיקע ידיעה האָט זיך דערטראָגן נאָר צו יחידים.

דער רעליגיעזער דיכטער אַלתר שנור האָט זיך דאָ אויך געפונען. ער האָט געהאַט אַ פאַרבאַנדאַזשירטע האַנט אָנגעבונדן אויף אַ האַנטוך איבערן האַלדז. ער האָט דעם טלית־זאַק, וואו עס זיינען געלעגן זיין טלית־און־תפילין און אַ קרבן־מנחה־סידור מיט עברי־טייטש, און זיינע העברייאישע און יידישע כתבים נישט אַרויסגעלאָזט פון אונטערן אָרעם. אין זיין רוקזאַק האָט ער אויסער די נויטיקסטע זאַכן אויך מיטגענומען די פינף חומשים מיט עברי־טייטש, די מחזורים, אַ שולחן ערוך, אַ מדרש־תנחומא, מעשיות וועגן בעל־שם־טוב אין יידיש און דעם תניא. ער איז געזעסן פאַר׳דאגה׳ט מיט זיין שוואַרץ־חנ׳עודיקער אשת־חיל, זלאַטע, אויף איר רוקזאַק.

ווען בלושטיין האָט דערזען זיין פאַרבאַנדאַזשירטע האַנט, האָט ער געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז צוליב דעם וועלן אים די דייטשן גלייך שיקן אין אויוון אַריין.

ווען די „אַקציע" אויסצוראַמען די יידן איז געגאַנגען איבער דער געטאָ, איז אַלתר שנור געלאָפן זיך באַהאַלטן. ער איז אַרויף אויף אַ דאַך און געשפּרונגען פון איין דאַך אויפן צווייטן; ער איז געפאַלן און זיך אויסגעלינקט די לינקע האַנט.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט בלושטיין באַקומען פינף קילאָ קאַרטאָפל. ווען ער האָט אַהיים געטראָגן דעם אוצר, האָט ער אויפן וועג — שוין אויף אַן אויסגעליידיקטער גאַס פון יידן — געטראָפן אַלתר שנורן. האָט ער אויפגעעפנט דאָס זעקל און געזאָגט: „דאָ האָסטו העלפט. איך טייל מיך מיט דיר; גיי שוין אַהיים, באַק־אָפּ און עסט!" אַלתר האָט עס צוגענומען, און בלושטיין איז אַוועק אַ צופרידענער.

די אַריבער הונדערט נפשות, וואָס זיינען געווען אָנגעפּראַפּט אין דעם פּי־וואַגאָן, האָבן שטום געזוכט אַ טרייסט איינער ביים צווייטן. דורך די פענצטער־לעך, וואָס זיינען געווען דורכגעצויגן אין דער לענג און אין דער ברייט מיט שטעכל־דראָט, האָט זיך אין דעם טונקעלן וואַגאָן אַריינגעריסן אַביסעלע ליכט. דער בין־השמשות האָט אָנגעוואָרפן נאָך מער טרויער.

אַלתר שנור האָט אויסגעקרעכצט: „נו, דייטשלאַנד, דאָס לאַנד פון פּאָעטן און פילאָסאָפן, דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן און טעכניקער — געבילדעטע! נו, זעט איר, וואָס זייערע אוניווערסיטעטן האָבן געמאַכט פון מענטש? ער מאָרדעט אויפן ,ראַפינירטסטן׳, וויסנשאַפטלעכן אופן. ער פליט שוין מיט מאַשינען אין די העכסטע הויכן. איך האָב מורא, זיי וועלן נאָך שאַפן אַ באָמבע, מיט וועלכער זיי וועלן פאַרניכטן די גאַנצע מענטשהייט. אָבער זאָלן זיי עפּעס שאַפן צו ראַטעווען די מענטשהייט — דער מענטש זאָל קאָנען באַהערשן זיינע חיהשע אינסטינקטן! דער מענטש דאַרף פריער פאַר אַלעם לערנען צו זיין אַ מענטש: נישט גנבענען, נישט רויבן, נישט מאָרדן; ליב האָבן דעם צווייטן אַזוי ווי ער האָט ליב זיך אַליין מיט אַלע זיינע פעלערן. דערוויל האָט נאָך די מאָדערנע וויסנשאַפט נישט באַוויזן אויסצובעסערן די מענטשן. נאָר פאַרקערט: זיי פאַר־

וואַנדלט אין די ,ראַפינירטסטע׳ בלוט־דורשטיקסטע חיות. מתקן־זיין דעם מענטש קאָן נאָר די תורה. אָבער, גוואַלד, יידן, זייט זיך נישט מיאש! יעדע סעקונדע קאָן משיח קומען״.

„וויסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן?״ האָט אים בלושטיין געענטפערט, „ווען די גאַנצע מענטשהייט וועט שוין ראוי זיין צו לעבן לויט די מאָראַלישע געזעצן פון דער תורה, וועט די מענטשהייט גופא זיין משיח — וועט משיח שוין נישט דאַרפן קומען״.

אַלע, וואָס האָבן זיך איינגעהערט, האָבן מסכים געווען און האָבן זיך פאַרטראַכט אין די רייד.

עס האָט זיך געהערט דאָס טראַסקען פון די לויפּנדיקע רעדער אויף די שטאָלענע רעלסן. אלתר שנור האָט ווידער איבערגעריסן דאָס שוייגן:

„נו, געלויבט השם יתברך, אַז מיר האַלטן שוין אַזוי ווייט — ,הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל׳. דער, וואָס האָט אונדז ביז אַצינד געהאָלפן, וועט אונדז ווייטער העלפן!...״

„יידן, ס׳איז אַ ליגן!״, האָט בלושטיין געשריגן מיט וויטיק, „ביין! ס׳איז נישטאָ קיין שומר־ישראל! וואָלט ער יאָ געווען, וואָלט ער נישט געלאָזט אויס־הרגענען ס׳גאַנצע פאָלק, זיין ,אויסדערוויילט׳ פאָלק!...״ — האָט ער געזאָגט מיט סאַרקאַזם.

„טוב ויחיד ודומם לתשועת השם״, — גוט איז גאָט צו די, וואָס וואַרטן אויף אים — זאָגט ירמיה אין איכה״, — האָט אים אלתר שנור געענטפערט, — „און מיר, יידן, האָבן געזינדיקט״.

„מיט וואָס האָבן מיר געזינדיקט מער פון אַלע אַנדערע פעלקער?!“ — האָט בלושטיין אויפגעצאַרנט, — „מיט נישט מאָרדן? מיט נישט רויבן? מיט נישט פירן מלחמה? מיט נישט פאַרהערלעכן כלי־זין? מיט וואָס האָבן מיר קעגן אים געזינדיקט? מיט דעם, וואָס מיר האָבן די ערשטע אָנערקענט, אַז עס איז נאָר דאָ איין גאָט? — אחד?! מיט דעם, וואָס מיר האָבן אָנגענומען די תורה הקדושה? מיט דעם, וואָס מיר האָבן געגעבן דער מענטשהייט די העכסטע מאָראַלישע געזעצן — די צען געבאָט? מיט וואָס האָבן געזינדיקט די תלמידי־חכמים, אמתע צדיקים, וואָס האָבן טאָג־און־נאַכט געלערנט גאָטס תורה, געפאַסט תעניתים, געפּייניקט דעם גוף, ער זאָל נישט זינדיקן? זיי האָבן נישט געקענט קיין צורת־מטבע. זיי האָבן נישט נהנה געווען פון עולם הזה. און די דייטשן האָבן זיי די ערשטע אויף די אכזריותדיקסטע אופנים אויסגעמאָרדעט. מיט וואָס האָבן די יידן געזינדיקט?״

בלושטיין האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ווייטער געצאַרנט: „מיט וואָס האָבן געזינדיקט אונדזערע קליינע קינדערלעך, די עופ׳עלעך? מיט וואָס האָב איך געזינדיקט? פון צוועלף יאָר אָן האָב איך שווער געאַרבעט און געהונגערט. איך קאָן זאָגן מיט אַ ריין האַרץ, אַז איך האָב קיינעם נ׳ שט באַ׳עוול׳ט. פאַרקערט, אין מיין גאַנצן לעבן האָט מען מיך כסדר באַ־עוול׳ט, און כ׳האָב אַלץ פאַרשוויגן צוליב שלום. דער גרעסטער־טייל יידן אין פּוילן האָט דאָך געלעבט אין נויט

און אין דחקות, און בכבודיק געטראָגן די אָרעמקייט. דער עיקר איז בײַ זיי געווען תורה, גייסט. זיי האָבן געאָטעמט מיטן גלויבן, אַז אָט־אָט וועט די וועלט אויסגעלייזט ווערן. פאַרוואָס איז זיי געקומען אויסצומאָרדן? פאַרוואָס?! ווי פרעגט ביאַליק אין ,שחיטה־שטאָט׳: ,צי זינדיקט דען אַ שאָטן אויף דער וואַנט, אַ שאַרבן אַ צעבראָכענער, אַ טויטער וואָרעם?׳ און איך פרעג נאָך אַמאָל און נאָכאַמאָל: מיט וואָס האָבן יידן מער געזינדיקט, ווי אַלע אַנדערע פעלקער?! און נאָך פרעג איך: קאָן דען גאָט נישט מאַכן, עס זאָלן בכלל נישט זיין קיין מלחמות, אַז עס זאָלן נישט געבוירן ווערן קיין דיקטאַטאָרן, קיין פאַרפירער פון פעלקער, נאָר די וועלט זאָל זיין אַ גן־עדן? ביי אים איז דאָך אַלץ מעגלעך, די מענטשן זיינען דאָך זיינע קינדער. וועלכער ריכטיקער פאָטער וועט אַזוי אַנרייצן זיינע קינדער, אַז איינער דעם צווייטן זאָל אויסקוי־לענען?״ אַלע האָבן זיך געפילט געטראָפן.

„איך האָב נאָר איין טענה צום רבונו של עולם — האָט שמואליק סטזשיזשעווסקי געזאָגט — מיין טענה איז די: האָסטו באַ־שאַפן דעם מענטש — פאַרוואָס האָסטו אים נישט באַשאַפן מיט חכמה, מיט פאַרשטאַנד, ער זאָל וויסן, ווי אַזוי צו לעבן. נאָר דער מענטש איז אפשר דאָס נאַרישסטע, אומגליקלעכסטע, באַשעפעניש. ער מיינט, אַז ער טוט גוט, און טוט שלעכט. דער חיהשער אינסטינקט געוועלטיקט נאָך איבער אים — די ירושה פון זיינע אור־אור־עלטערן. מען זאָגט, אַז דער מענטש איז געשאַפן בצלם־אלוקים. אַ שיין פנים טוט מען אָן דעם באַשעפער. יאָ, דער מענטש איז דאָס נאַרישסטע און אומגליקלעכסטע באַשעפעניש מיט אַלע זיינע חכמות. דערפאַר האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט: ,אין חכם בחכמתו׳, ווייל אַפילו אַ חכם באַנאַרישט זיך. און וויפל חכמים געפינען זיך בכלל אויף דער וועלט? דערפאַר האָבן זיי נישט געזאָגט: ,אין איש בחכמתו׳ ווייל וועגן די אַנדערע איז אינגאַנצן נישטאָ וואָס צו רעדן וועגן ענין חכמה״.

„פאַרהאַן אַן אגדה: — האָט שמחה בלושטיין דערציילט: — ווען דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט: האָט ער זיך איינגעהילט אין אַ ווייס קלייד, וואָס האָט באַלויכטן מיט אַזאַ גרויסע ליכט, אַז מען האָט געקענט זען פון איין עק ערד ביז דער צווייטער, אָבער ער האָט דאָס דאָזיקע ליכט באַהאַלטן, ווייל ער, האָט פאַרויס געזען, אַז די מענטשן וועלן ווערן שלעכט און זינדיק און זיי וועלן אויסנוצן זייער ווייט זען שלעכטס צו טאָן. איז די קשיה: ביז וואַנען וועט דאָס דאָזיקע ליכט בלייבן באַהאַלטן? — ווען די מענטשן וועלן שוין זיין קלוג און ערלעך, דעמאָלט וועלן זיי אַליין וועלן אויסגעפונען אַזאַ ליכט. און ווען זיי וועלן שוין זיין גענוג קלוג נישט צו באַנוצן דאָס וויסן צו טאָן שלעכטס נישט אָפּצוגנאַרן, נישט צו מאָרדן, דעמאָלט וועלן זיי קענען אויסגעפינען דעם סוד״. „דעמאָלט וועט שוין משיח האָבן געקומען״. די טראַגעדיע פון די „קרוין״ פון אַלע באַשעפענישן, באַשטייט אָבער אין דעם: וואָס איביק ווערט אַ מינדערהייט געבוירן צו פרי און אַ מערהייט צו שפּעט...״ האָט בלושטיין פאַרענדיקט סאַרקאַסטיש און מיט באַדויער.

„עס איז פארהאנען ביי אונדז יידן נאך א לעגענדע, — האט צוגעווארפן שמואלעק סטושישעווסקי — אז משיח וועט קומען אויף אן אייזל. ווייסט איר פארוואס? ווייל עס ווארטן אויף אים א סך חמורים".

טייל האבן זיך צעשמייכלט פון דעם פאלקסוויץ.

„דא איז אן עולם־השקר, — האט אים אלתר שנור געענטפערט, — „דער קארידאר צום עולם־האמת. וואס מער א יִד ליידט אויף דער וועלט, אלץ בעסער איז אים אויף יענער וועלט. איך האב נישט מורא פארן טויט".

„דיך איז מקנא צו זיין. אבער ווען קאן מען שליסן שלום מיט דיין וועלט־באנעם? אין א נארמאלער צייט, ווען דער מענטש האט אויסגעלעבט זיינע יארן וואס גאט האט פאר אים באשטימט, און ער לאזט איבער נאך זיך דורות. אבער היינט ווערט דאך ס׳גאנצע יידישע פאלק אפגעווישט פונעם פנים פון דער ערד".

„אלזא, וואס בלייבט צו טאן?! — האט זיך שלמה פיין אריינגעריסן מיט צארן.

„אצינד פרעגט איר? — האט אים בלושטיין געענטפערט, — ווען מיר זיינען שוין טיף איר דעם לייבס האלדז? אין געטא איז נאך אפשר געווען אן אויסוועג; ווען מיר וואלטן געווען געקענט זיך אקעגנשטעלן מיט געווער קעגן די דייטשן און קעגן זייערע יידישע מיטהעלפער: דעם ,קייסערס׳ פאליציי, די ,זאנדער׳ [יידישע ,געסטאפא׳], די פייערלעשער, די קוימענקערער, די ,ווייסע גווארדיע׳ [די טרעגער] — אט־די אונטערוועלט! דאס אפפאל אויך אין געלע לאטעס, אינעם מגן־דוד פארם... פאלן אינדערהיים צוזאמען מיט זיי: ,תמות נפשי עם פלישתים׳! אט דאס איז די יידישע טראדיציע"...

בלושטיין האט זיך אפגעשטעלט א ווייל און האט זיך ווידער געהיצט:

„אין לאדזשער געטא האט קיין איין פארטיי נישט געוועקט דאס פאלק צום קאמף. זייער גאנצער אקטיוויטעט איז באשטאנען: פון יאגן זיך צו פארכאפן די בעסטע פאסטנס, זיי האבן באזעצט זייערע מענטשן אין די אדמיניסטראציעס און בסוד סודות אלצדינג אנגעוואנדן, אז זיי און זייערע מענטשן זאלן נישט הונגערן, דורך פארשידענע מאכינאציעס אריינבאקומען די שפייז־טאלאנען, די שפייז־פרעמיעס. זיי האבן פון פאלק פשוט דעם ביסן פון מויל ארויסגעריסן, און זיי האבן אלצדינג געטאן, אז זיי און זייערע מענטשן זאלן נישט ארויס־געשיקט ווערן פון געטא אויפן טויט. און נאך דער מלחמה וועט יעדע פארטיי אריינשרייבן אין איר געשיכטע אז, נאר זי איז די איין און איינציקע פארטיי, וואס האט געהאלפן דעם פאלק און וואס האט געקעמפט פאר יושר און גערעכ־טיקייט".

בלושטיין האט אפגעאטעמט און פארגעזעצט מיט ווייטיק:

„מנהיגים, ערלעכע מנהיגים — דאס האט אונדז געפעלט אין לאדזשער געטא. וואס איז פאלק?! ,כחומר ביד היוצר׳ — ליים אין די הענט פונעם טעפער. מיר זיינען געבליבן: כצאן בלי רועה — אזוי ווי שאף אן א פאסטוך. אלע יידישע פירער זיינען אנטלאפן, ווייל היטלער האט געזוכט זייערע קעפ; און יענע, וואס האבן נישט באוויזן צו אנטלויפן, האבן די דייטשן אויפן אכזריות־

דיקסטן אופן אומגעבראַכט. ס׳איז געבליבן אַ בלינדע מאַסע אָן פירער. און וואָס איז אַ פאָלק אָן פירערס? — פאַרבלאָנדזשעטע שאָף״.

„די דייטשן האָבן גאַנץ גוט געוואוסט, אַז רומקאָווסקי איז אַ צעדרייטער און דעגנערירט האָבן זיי אים געמאַכט פאַר דעם פיורער [פירער] איבער די לאָדזשער יידן. אַ צעדרייטער, וואָס האָט זיך אין זיין גאַנצן לעבן געיאָגט נאָך מאַכט. נו, האָט ער ביי די נאַציס דערגרייכט זיין אויסגעבענקטע קאַריערע, זיין ציל. און דאָ האָט זיך צעשפּילט זיין ווירטואָזיטעט אויף דעם געביט. ער האָט אַלצדינג נאָכגעמאַכט היטלערן: ס׳ערשטע מיטן אַרומרינגלען זיך מיט דער אונטערוועלט. עס האָט אים נאָר געפעלט אַ האַרסט וועסעל, וואָס ביי יידן קאָן נישט אָנגיין אַזאַ שפּיל. אויפן באַפעל פון די דייטשן האָט ער איינגעשטעלט אַ קליקע בלוט־זויגערס. ערשט אַצינד, ווען ,דער יודע האָט שוין ס׳זייניקע געמאַכט׳ זיינען מיר אַלע גלייך — יידן: אָט ליגט דאָרטן אין געהאַקטע צרות דער פּאָליציי־קאָמיסאַר, גאַרפינקל, פון דריטן באַצירק. זעט נאָר — עס איז פון אים געוואָרן אַ טויטע שמאַטע. ביז אייערנעכטן האָט ער נאָך עפּעס גע־קאָמאַנדעוועט. ער האָט געמיינט, אַז די וועלט איז זיינע. אָט פאַרט דאָ מיין קעראָווניק יעזשי פּערסט, וואָס האָט געשיקט אַ סך פון זיינע אַרבעטער צום טויט. אין זיין האַנט איז געלעגן זייער לעבן־און־טויט. ער האָט מיך אויך געוואָלט שיקן צום טויט, אָבער אַצינד זיינען מיר אויסגעגלייכט. אָט האָסטו דאָ פּטאַקול׳ן, דעם בונדיסט, וואָס איז די ערלעכקייט אַליין — אַ קעמפער פאַר אַ סאָציאַליסטישער וועלט און פאַר ידישער טעריטאָריעלער רעכט אויפן אָרט, וואו יידן לעבן, און אַ פלאַם־פייערדיקער חסיד פון דער יידישער שפּראַך און דער ידישער ליטעראַטור. אָט האָסטו דאָ שמואליק סטזשיזשעווסקי, דעם קאָמוניסט, אַ תמימותדיקער, אַ געוועזענער ישיבה־בחור, אַן עילוי, אַן אָנגע־שטאָפּטער מיט גמרא און מיט דער וועלט־ליטעראַטור. ער פירט דאָ מיט אַ ביבליאָטעק. ער גלויבט אין אַ קאָמוניזם לויט דעם גייסט פון אונדזערע נביאים. אָט האָסטו דאָ ווישליצקין, דעם פּועלי־ציוניסט, אַ קעמפער פאַר אַ יידיש לאַנד אין ארץ ישראל. אָט האָסטו דאָ זאַנדבערגן — דעם טעריטאָריאַליסט; ער זוכט ערגעץ אַ טעריטאָריע פאַר יידן אין דער ניט־יידישער וועלט — זיי זאָלן זיך דעבאַרעמען און שענקען ערגעץ אין אַ וויסטעניש אַ שטיקל לאַנד. אָט האָסטו דאָ די דריי שוועסטער, די מזרחיסטקעס: רבקה־חנה, חיה־שרה און מרים לאה. רעליגיעזע ציוניסטקעס. אָט האָסטו דעם אַסימילאַטאָר, עידעלמאַן, דער דייטשער יהודי. אָט האָסטו דעם משומד, סאַקאַלסקי, ער איז אַנטלאָפן פון זיין שטאַם, ער האָט מער נישט געוואָלט זיין אַ ייד. און אלתר שנור, — וויזט ער אויף אים אָן — דער טיף־רעליגיעזער ייד, ביי די אַנטיסעמיטן זיינען מיר אַלע גלייך — יידן, און יידן מוזן ביי זיי אָפּגעווישט ווערן פונעם פּנים פון דער ערד. איך גלויב, אַז ווען מיר וואָלטן געמאַכט אַן אויפשטאַנד, וואָלטן אפשר די משרתים, די שוטרים און נוגשים, געווען אַריבערגעגאַנגען אויף אונדזער זייט...״

„מען טאָר נישט פאַרגיסן קיין בלוט״, האָט אלתר געזאָגט מיט ציטער אין זיין שטים.

„לויטן ייִדישן דין און במילא לויטן מענטשלעכן דין איז: „אויב עמיצער קומט דיך טויטן, זאָלסטו אים פריער דערהרגענען. דאָס איז אַ הלכה, דאַכט זיך. און דער גרויסער תנא רבי עקיבא האָט נישט צוזאַמענגענומען זיינע תלמידים און געקעמפט קעגן די רוימער? און ביאַליק אין ‚שחיטה־שטאָט׳ שרייט אויס: ‚אַ פויסט וואו איז? וואו איז אַ גרויסער דונער, וואָס זאָל זיך אָפּרעכענען פאַר אַלע דורות?!׳ מיר, יידן אין לאָדזשער געטאָ, האָבן חלילה אונדזער טראַדיציע פון קאַמף נישט פאַרשעמט: די דייטשן האָבן אַזוי איינגעאָרדנט, אַז מיר האָבן אונדזער גאַנצן קאַמף געמוזט פירן נאָר קעגן זייערע יידישע משרתים: קעגן די שוטרים און נוגשים, קעגן רומקאָווסקין מיט זיין קליקע״.

„אין דער תורה הקדושה ווערט דערציילט, — האָט אים אלתר שנור אי־בערגעריסן, — „אַז אין מצרים זיינען אויך די שוטרים און נוגשים געווען יידן, אַזוי, אַז ניט היטלער און נישט די צייט האָט דאָס מחדש געווען. די תורה פאַרבאַרגט גאָרנישט״.

„יאָ, און דאָס איז אויך געווען אַ קאַמף קעגן די דייטשן גופא, — האָט בלושטיין פאָרגעזעצט, — ווייל קאַמף קעגן די, וואָס דינען די דייטשן, איז אַ קאַמף קעגן די דייטשן גופא. ווער געדענקט נישט דעם ערשטן זומער אין געטאָ אין 1940, ווען די הונגעריקע יידן האָבן ספּאָנטאַניש־דעמאָנסטרירט קעגן רומקאָווסקין און זיין יודענראַט? זיי האָבן געפאָדערט אַרבעט און ברויט, ווי די דייטשן זיינען אַריינגעקומען און געשאָסן אויף די דעמאָנסטראַנטן און ס׳זיינען געפאַלן קרבנות. איך שטעל מיר פאָר, אַז די אויפשטענדלער אין וואַרשעווער געטאָ האָבן פריער נישט אין יידישן פּאָליציאַנט און נישט אין יידישן שפּיצעל [מסור], וואָס האָבן געדינט די דייטשן, אַראָפּגעראַמט פון וועג. אין וואַרשעווער געטאָ האָבן יידן כאָטש דורך דער קאַנאַליזאַציע אָדער דורך לעכער פון אונטער די מויערן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די געטאָ, געקענט זיך פאַרבינדן מיט דער אַרישער זייט און אַריינקריגן אַביסל געווער, אָבער די לאָדזשער געטאָ איז דאָך געווען פולשטענדיק אָפּגעשניטן פון דער וועלט, ווייל זי איז געווען אַרומגענומען מיט דראָטן. דערפאַר האָט די דייטשע וואַך גוט געקענט זען, צי עס דערנעענ־טערט זיך נישט עמיצער צום געטאָ־צוים, און וואָס עס טוט זיך אינעווייניק אין געטאָ. און אַרום דעם געטאָ־צוים האָט מען באַזעצט אין אַלע הייזער נאָר דייטשן, און קיין קאַנאַליזאַציע פאַרמאָגט דאָך נישט אונדזער שטאָט לאָדזש. מיר האָבן אין לאָדזשער געטאָ געקעמפט גאַנצע פיר־און־צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. ערשטנס, מיטן הונגער: מיטן איינטיילן זיך די זופּ, מיטן איינטיילן זיך דאָס צוגעטיילטע געקינצלט ברויט, מיטן איינטיילן זיך די ‚ראַציע׳, וואָס איז געווען ‚ווייסנשאַפטלעך׳ אויסגערעכנט, אַז פון דעם מוז מען געשוואָלן ווערן; די אברים זאָלן אויסרינען אין אייטער און אין גרויזאַמע יסורים זאָל מען קראַפּירן. זיינען מיר געוואָרן דערפינדער: געמאַכט פון דער ‚ראַציע׳ אַזעלכע פאַרשידענע מאכלים, וואָס די פאַנטאַזיע קאָן דאָס גאָרנישט אויסטראַכטן, כדי צו קאָנען לעבן אַביסל לענגער. דאָס איז געווען אַן אויסגעקעמפּטער זיג איבערן שונא. און דאָס אויסבאַהאַלטן זיך בעת די אַרויסשיקונגען פון געטאָ איז נישט געווען קיין קאַמף מיטן בלוטיקן שונא? און די דעמאָנסטראַציעס פון די הונגע־

ריקע מאַסן אין די גאַסן קעגן רומקאָווסקיס הערשאַפט זיינען געווען אַ קליינער הערעאַיזמען? און די שטרייקן אין די רעסאָרטן און דאָס סאַבאָטאַזשירן די אַרבעט איז געווען אַ קליינער הערעאַיזם?״

„און דאָס, וואָס מיר האָבן באַוויזן איינצוהאַלטן דעם צלם אלוקים אין אַזאַ הונגער און אין אַזעלכע שווידערלעכע באַדינגונגען, איז אַ קליינער הערעאַיזם? שטעלט איך פאָר, ווען אַנדערע פעלקער קומט־אויס צו לעבן אין די שווידערלעכע באַדינגונגען — וויפל רויבערייען און וויפל מאָרדן און אפילו זעלבסט־מאָרדן עס וואָלטן פאָרגעקומען! און דער חזן, ר׳ דוד טאַפּל, פון דער חב״דער שול, וואָס האָט אַריינגעשמוגלט אַ ראַדיאָ אין געטאָ אַריין און די גאַנצע פיר און אַ האַלב יאָר, סיי בייטאָג סיי ביינאַכט, אויפגעכאַפּט די נייעס פון לאָנדאָן און פון מאָסקווע און מיט די ידיעות, וואָס ער האָט פאַרשפּרייט, האָט ער דערמוטיקט די יידן. צום סוף איז ער געפאַלן, ווי אַ זעלנער אויפן שלאַכטפעלד; די „געשטאַפּאָ׳ האָט אים מיט נאָך צוויי יידן פאַרפייניקט אין די אינקוויזיציע־קעלערן פאַר דער דאָזיקער רעוואָלוציאָנערער טאַט. און דער חבר זיידע האָט דאָך טאָג־טעגלעך געפירט אַ קאַמף קעגן דער אומגערעכטיקייט פון רומקאָווסקין מיט זיין קליקע, און אַזוי אויך די חברטע רעגינע, ביז זיי זיינען געפאַלן קרבנות דורך דער געשטאַפּאָ. אוי, חבר זיידע, אוי חברטע רעגינע! איר האָט יעדע מינוט אין אייער לעבן אָוועקגעגעבן אייער בלוט און אייער מאַרך פאַר דעם פאָלק. און איר זייט געפאַלן פאַר דעם פאָלק. און וויפל אַרבעטער האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט זיך בויגן פאַר דעם קעראָווניק, און ער האָט זיי אַרויסגעשיקט אויפן טויט? אַנדערע פעלקער אין אַזעלכע אומשטענדן וואָלטן אויך נישט געקאָנט קעמפן דירעקט קעגן די נאַציס — זיי וואָלטן אָבער קעגן זייערס אַ רומקאָווסקי און קעגן זייער אייגענער פּאָליציי אפשר אויך נישט געקעמפט, ווייל זיי זיינען צוגעוואוינט אויספירן באַפעלן פון זייער אייגענער פּאָליציי. אָבער מיר, יידן, וואָס האָבן דורך דורות געלעבט אונטערן טעראָר פון פרעמדע פעלקער האָבן נישט געקענט שלום־מאַכן מיט אַ טעראָר פון אייגענע ברידער. מיר, יידן, דולדן נישט קיין דיקטאַטור: האָבן מיר זיי אויסגע׳חוזק׳ט, אויסגעשעפּט, פּראָטעסטירט און געקעמפט. קאַמף קעגן רומקאָווסקין און זיין קליקע איז געווען אַ קאַמף קעגן די דייטשן״.

בלושטיין איז אַנטשוויגן געוואָרן. יעדער פון די צוהערער האָט זיך גע־טראַכט: אָוואַ, ער האָט „אַנטדעקט״ אַמעריקע! און דאָך האָבן זיי זיך פאַרטראַכט אין זיינע געגרעכטע רייד.

דער צוג איז געפאָרן איבער די פּוילישע פעלדער און וועלדער. עס איז אַלץ טונקעלער און טונקעלער געוואָרן. עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, און די „עס־עס״, וואָס האָבן באַוואַכט דעם פאַרנדיקן צוג, האָבן שטאַרקער געהאַלטן אַן אויג אויף די פענצטערלעך פון די וואַגאָנען, עס זאָל קיינער נישט אַרויס־שפּרינגען.

ביי די באַן־רעלסן אין אוישוויץ

צומאָרגנס, באַלד אינדערפרי — נאָך אַ גאַנצער נאַכט פאָרן — איז דער צוג אָנגעקומען קיין אוישוויץ. נאָך אידער דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיינען מיט ווילדע געשרייען אויפגעריסן געוואָרן די טירן פון די וואַגאָנען:

„אַלע אַרונטער! אַלעס איבערלאָזן! ׳ראַוס! ׳ראַוס! לאָס! לאָס!" — דאָס האָבן געשריגן די קאַנאַדער".*

בלושטיין האָט אַלץ איבערגעלאָזט, אַזוי ווי אַלע. ער האָט אָבער באַוויזן אַרויסצוציען פון רוקזאַק צוויי דינע העפטן מיט זיינע כתבים, און ער האָט זיי שנעל אַרונטערגערוקט אונטערן העמד, אונטערן אָרעם.

— זיי האָבן אונדז ווידער אָפּגענאַרט! — האָט זיך אַ פרוי צעשריגן, — אַ בראָך איז צו מיר, אַ לאַגער!

„ראַוס! ראַוס! לאָס! לאָס!" — האָבן די „קאַנאַדער" געשלאָגן די יידן מיט שטעקנס איבער די קעפּ און טייל קעפּ געשפּאָלטן, ס׳בלוט האָט גערונען. זיי האָבן אייניקע יידן אויסגעהאַקט די ציין. די „קאַנאַדער" האָבן זיך געוואָרפן אויף דעם טראַנספּאָרט יידן, ווי צעווילדעוועטע טיגער אויף אַ סטאַדע שעפּעלעך. דאָס האָט אָמערגסטן געווירקט אויף בלושטיינען פון אַלעם, וואָס ער האָט זיך צוגעזען פון די גאַנצע יאָרן, וואָס ער האָט געלעבט אונטער די נאַציס: „ווייי צו דיר, מיין יידיש פאָלק, וואָס די דייטשן האָבן פון דיר געמאַכט!" — האָט בלושטיין געוויינט.

„דער ׳קייסער׳ רומקאָווסקי איז דאָ!" — האָט איין „קאַנאַדער" אַריינגעשריגן אין וואַגאָן אַריין. דאָס איז געווען פּרויטשע קיילער.

„ניין, ער איז אין אַ צווייטן וואַגאָן", האָט ווער געענטפערט.

„אַזוי, רומקאָווסקי איז שוין דאָ?!" — האָט פּרויטשע אויסגעשריגן מיט אַזאַ פרייד, גלייך ווי עס וואָלט אים געטראָפן ס׳גרעסטע גליק, און ער איז אַוועק אים צו געפינען.

זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון דער לאָדזשער געטאָ, האָבן די „קאַנאַדער" אין יעדן טראַנספּאָרט, וואָס איז אָנגעקומען פון לאָדזשער געטאָ, געזוכט רומקאָווסקין. זיי זיינען געווען איבערצייגט, אַז ער מוז דאָ אַהער־

* „קאַנאַדער", האָט מען זיי גערופן, ווייל זיי האָבן געהאַט אַ סך צו עסן (קאַנאַדע שמ׳ט דאָך פאַר אַ לאַנד, וואָס האָט אַ סך שפּייז). דאָס עסן האָבן זיי צוגענומען פון די אָנגעקומענע טראַנספּאָרטן. די „קאַנאַדער" האָבן זיך רעקרוטירט פון דער אונטערוועלט. די דייטשן האָבן זיי אויסגעשולט און געגעבן די מאַכט איבער די יידן אין אוישוויץ. זיי זיינען אויך געווען יידן און תמיד שיכור. זיי האָבן געשלאָגן, געמאָרדעט, זיינען אַ סך ערגער געווען ווי די יידישע פּאָליציי אין די געטאָס. ווען עס זיינען דאָ אָנגעקומען די „יודענ־ראַטלער" און די יידישע פּאָליציי פון די געטאָס, האָבן די „קאַנאַדער" זיך אין זיי נוקם געווען, ווייל זיי האָבן געדינט די דייטשן און זיך שלעכט באַגאַנגען מיט די יידן. און ווען די „קאַנאַדער" האָבן שוין געהאַט ס׳זייערע אָפּגעטאָן — דער דייטש האָט זיי שוין נישט געדאַרפט, האָט ער זיי ליקווידירט.

קומען, און יעדער „קאַנאַדער" האָט געוואָלט האָבן די זכיה נקמה־צו־נעמען אין דעם „קייסער", וואָס האָט אויף אַזאַ שענדלעכן אופן פאַרראַטן זיין פאָלק.

אַלע זיינען שנעל אין איין אָטעם אַרויס פון די וואַגאָנען. בלושטיין מיט זיין פרוי שרהלע זיינען אַרויס פון די לעצטע.

די צעווילדעוועטע „קאַנאַדער" האָבן שוין געהאַט אָפּגעטאָן זייער צע־ווילדעוועטע „מלאכה" אויף די פריער־אַרויסגעגאַנגענע יידן, האָבן זיי אויסגע־מיטן זייערע מערדערלעכע קלעפּ. באַלד האָט דער קאָמענדאַנט פון די „קאַנאַדער" אויסגעשריגן באַפעלעריש: „פרויען מיט קינדער באַזונדער, און מענער באַזונדער!"

בלושטיין און שרהלע האָבן זיך צעשיידט מיט אַרומנעמען זיך און שטאַרק צודריקן זיך און מיט הייסע קושן.

אויף דער אַנדערער זייט פון די באַן־רעלסן האָט זיך געצויגן אַ טאָפּלטער צוים מיט שטעכלדראָט, אויף זשעלבערט סלופּעס. הינטערן צוים: באַראַקן און באַראַקן אָן אַ שיער, און אַרום, גאַנץ אויבן — וואַך־בודקעס מיט וועכטער און מאַשין־ביקסן. דער דראָטענער צוים איז אויך געווען עלעקטריזירט.

רומקאָווסקי איז אַרויס פון וואַגאָן אַן איינגעבויגענער, אַ צעבראָכענער גלות־ייד, אָנגעלענט אויף אַ שטעקן, מיט זקנ'ישע טריט. ער האָט געטראָגן אַ ווינטער־מאַנטל מיט די געלע לאַטעס, אויף דער לינקער ברוסט און רעכטער זייט פּלייצע, און אַ טוכן־היטל מיט אַ לאַנגן דאַשעק. ער האָט שוין בישט געטראָגן די אָפּיצערסקע שטיוול, נאָר לאַטשן. פּונקט איז בישט ווייט געשטאַנען אַן עס־עס־מאַן. דער אַלטער האָט הינטערוויילעכס אַוועקגעוואָרפן דעם שטעקן. ער האָט געהאַלטן גרייט אין האַנט די שריפט, וואָס האַנס ביבאָוו, דער אָמטס־לייטער פון לאָדזשער געטאָ, האָט אים מיטגעגעבן. רומקאָווסקי האָט געמיינט, אַז דאָס וועט אים העלפן. דער אַלטער איז צוגעגאַנגען צום עס־עס־מאַן. ער האָט זיך באַמיט צו שטיין פאַר אים גלייך ווי אַ סטרונע, אַזוי ווי אַ זעלנער פאַר אַ גענעראַל. ער האָט אים דערלאַנגט די שריפט. דער זקן, דער אָפּגעשפּילטער „קייסער", האָט זיך מיט אַלע כוחות באַמיט צו שטיין גלייך ווי אַ סאָלדאַט. דער עס־עס־מאַן האָט געלייענט די שריפט:

„דיעזער מאַן איז געוועזן... דער עלטסטער דער יודען אין ליצמאַנשטאַט געטאָ. דאָס איז מ. ח. רומקאָווסקי. ער האָט ערלעך געדינט דעם דריטן רייך. דיעזער יודע האָט געוויסענהאַפטיק דאָס זייניקע געמאַכט".

דער עס־עס־מאַן האָט זיך צעשמייכלט און אַריינגעלייגט דעם בריוו אין עק פון פאַרלייגטן אַרבל פון מונדיר און געזאָגט: „יאַ, יודע, דו וועסט זיין דער עלטעסטער דער יודען..." און איז אַוועקגעגאַנגען.

אין דעם אַלטן האָט אויף אַ סעקונדע אויפגעבליצט אַ האָפענונג. באַלד איז אונטערגעשפּרונגען אַ „קאַנאַדער" און אים געגעבן אַ זעץ מיטן שטעקן איבערן קאָפּ: „דאָס גיב איך דיר פאַר געטריי דינען אונדזערע שונאים! פאַר דעם פאַראַטן דיינע שוועסטער און ברידער!"

דער אַלטער איז צעחלש'ט געוואָרן און איז נאָך מער איינגעבויגן און געבראָכן געוואָרן.

אין געטאָ־פּאַליציאַנט איז אָנגעקומען מיטן פּאָליצייאישן היטל און מיט דער פּאָליצייאישער באַנד אויפן אָרעם. האָט אים דער קאָמענדאַנט פון די „קאַנאַדער", פּרוויטשע, מקבל־פּנים געווען. פּרוויטשע קיילער איז געווען „אַ וואוילער יונג" אויפן באַלוט אין לאָדזש, אַ מיטלוואוקסיקער, פּעסט־געבויטער, מיט ברייטע פּלייצעס. ער האָט געבראָכן אייזן מיט די הענט; אַן עמער וואַסער האָט ער געטראָגן מיט די ציין. אַז אַ שיכורער אַנטיסעמיט האָט זיך גענומען שלאָגן יידן, האָט ער אים מיט די בלויזע הענט צע׳ממית׳ט. אַז כוליגאַנעס זיינען אָנגעפאַלן אויף יידן, האָט פּרוויטשע אַליין מיט אַ הילצערנעם דראַנג אָדער מיט אַן אייזערנעם שטאַנג איינעם נאָכן אַנדערן צעשלאָגן און אַוועקגעלייגט. דאָ אין אוישוויץ איז געווען אַ הפקר־וועלט, און אַ רעכט צו לעבן און די מאַכט האָבן געהאַט די פּיזיש־שטאַרקע. פּרוויטשע האָט געהאַט אַן אָנגעברענט ברוין פּנים, מיט שוואַרצע אויגן ווי אַ ציגיינער און שוואַרצע וואָנסעלעך. ער האָט געטראָגן הויכע אָפיצירסקע געקאָוועטע שטיוול. ער האָט דעם געטאָ־פּאַליציאַנט געשלאָגן מיטן שטעקן, שרייענדיק מיט צאָרן: „רומקאָווסקין האָסטו געדינט?! דו הירישער זון! דו האָסט אַוועקגעריסן קינדער פון די מאַמעס און איבערגעגעבן די דייטשן?! און אַצינד ווילסטו דאָ זיין אַ פּאַליציאַנט?! און הערשן איבער מיר?! דו הונט!" ער האָט אים געשפּאָלטן דעם קאָפּ. ס׳בלוט האָט זיך פון אים געגאָסן. דער פּאַליציאַנט האָט געקרעכצט. פּרוויטשע האָט אים געקאָפּעט אין בויך מיט די שפּיציקע שטיוול. דער פּאַליציאַנט איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד. ער איז געשפּרונגען אויף זיין ברוסטקאַסטן: „איך מוז דיך טויטן, דו פאַררעטער! דו הינטישער זון!"

אין „קאַנאַדער" איז צוגעלאָפן און אויסגעשריגן מיט אַזאַ פרייד, גלייך ווי עס וואָלט אים געטראָפן ס׳גרעסטע גליק: „פּרוויטשע, רומקאָווסקי איז דאָ!"

פּרוויטשע האָט איבערגעריסן די „אַרבעט" און געפרעגט מיט פרייד: „טאַקע? וואו איז ער, דער חזיר׳שער ‚קייסער׳? איך האָב אים געזוכט, איז מיר אונטערגעקומען זיינס אַ משרת, אַט־דער־אַ! אָבער איך האָב אים פּאַרטיק געמאַכט: צע׳הרג׳עט די געהירן, אונטערגעהאַקט די לונגען, דאָס טרייפענע האַרץ, מיט די קישקעס, מיט די געדערים, מיטן גאַנצן געשלידער, — ער האָט אַרויפגעטראָטן מיטן געקאָוועטן שטיוול מיט טשוועקעס אויף דעם האַלדז, פעסט צוגעדריקט און געזאָגט: „שוין! ער איז שוין פאַרטיק! קום!" און זיי זיינען געלאָפן מיט גרויס שמחה.

בלושטיין האָט געזען, ווי פון אַרום הונדערט טריט איז געשטאַנען אַן עס־עס־מאַן, און ער האָט זיך רואיק צוגעקוקט צו דעם אַלעם.

פּרוויטשע קיילער איז געווען אָנגעפּרעסן ווי אַ בער. ער האָט געטראָגן אַ לייוונטענעם אַנצוג, אַזוי ווי אַ פּידזשאַמע, מיט ברייטע טונקל־בלויע און ווייסע פּאַסן, אָבער אָן קעשענעס, מיט רויטע און געלע דריי־קאַנטיקע צייכנס (רויט: „פּאָליטישער פאַרברעכער"; און געל: „יודען־פאַרברעכער"), מיט אַ נומער געשריבן מיט שוואַרצער פאַרב אויף אַ ווייס פּאַסיקל לייוונט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן בוכשטאַב A (ד. ה. Aushwitz). דער זעלבער נומער אין רויטע און געלע דריי קאַנטן איז אויך געווען אויףביידע „נאַגעוויצעס"

פון די הויזן. ער האָט געטראָגן אַ קיילעכדיק היטעלע פון די זעלבע פאַסן סחורה, און פון פאָרנט דעם זעלבן נומער מיט די רויטע און געלע ווינקלען. דאָס איז געווען די קליידונג פון אַ „קאַצעטניק" (קאָנצענטראַציע־לאַגער־ אַרעסטאַנט). אויפן לינקן אָרעם האָט ער אויך געהאַט אויסגעברענט דעם זעלבן נומער.

פּרויטשע איז צוגעלאָפן צו רומקאָווסקין און אים געגעבן אַ זעץ מיטן שטעקן איבער דער פּלייצע, זאָגנדיק איראָניש:

„אײער ,עקסעלענץ׳, דאָ האָסטו מיין ערשטן שלום־עליכם, יידישער ,קייסער׳! דו געדענקסט, ווען דו האָסט מיך אַרויסגעשיקט פון דיין געטאָ? ! אַצינד ביסטו אין מיינע הענט! דאָ האָב איך די מאַכט! דאָ בין איך קייסער!"

פּרויטשע האָט געזען, ווי אַן עס־עס־מאַן (דער וואָס האָט צוגענומען דעם בריוו פון רומקאָווסקין) קוקט זיך צו פונדערווייטן. האָט ער באַוויזן וואָס ער קאָן: האָט ער דעם זקן געשלאָגן איבערן גאַנצן גוף. עס איז דעם אַלטן געראָנען בלוט פון מויל און פון דער נאָז.

בלושטיין האָט באַקומען רחמנות אויף דעם אָפּגעשפּילטן „קייסער". ער האָט געטראַכט: די דייטשן קענען זייער גוט די מענטשלעכע פּסיכאָלאָגיע. זיי האָבן אַזוי איינגעאָרדנט, אַז יידן זאָלן נקמה נעמען אין יידן. די „קאַנאַדער", וואָס זייערע הענט זיינען איינגעטונקען אין יידיש בלוט, רעדן וועגן יושר און זיינען זיך נוקם אין די געטאָ־מושלים און געטאָ־שוטרים און נוגשים, בעת דאָ אין אוישוויץ זיינען זיי די שוטרים און די נוגשים. ס׳איז אַ טרויעריקע איראָניע פון גורל. אָך, וואָס די דייטשן קאָנען אַלץ מאַכן! ס׳איז טאַקע עפּעס ווי אין מעשהלע „חד גדיא".

ווי לאַנג פּרויטשע קיילער האָט רומקאָווסקין געשלאָגן, האָט דער אַלטער אַרויסגעקרעכצט: „סלאַגט, סלאַגט, איך האָב דאָס פאַרדינט".

„כ׳וועל דיך אַזוי לאַנג קיילן, ביז דו וועסט קראַפּירן, ביז כ׳וועל פון דיר אַרויסקיילן דיין טריפה׳נע נשמה, דו הינטישער זון!"

בלושטיין האָט געטראַכט: רומקאָווסקי דאַרף בלייבן לעבן, ווייל ער ווייסט אַ סך סודות פון זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט די דייטשן, וואָס זיינען וויכטיק פאַר דער געשיכטע, און נאָך דער מלחמה דאַרף אים אַ יידיש בית־דין משפּט׳ן.

רומקאָווסקי איז געלעגן אויף דער ערד, און פּרויטשע האָט אים געטראָטן מיט זיינע געקאָווטעטע שטיוול:

„דאָס איז פאַר דעם, וואָס דו האָסט מיך אַרויסגעשיקט פון דיין געטאָ! און פאַראַטן דיינע שוועסטער און ברידער. און פאַר דיין אויסדערוויילטער קליקע, וואָס האָט אויסגעזויגן ס׳בלוט פון די יידן! דו ביסט געקומען מיט דיין אויסדערוויילטע קליקע. ענק האָט מען געשיקט די לעצטע. אַלע וועלן גיין אין אויוון אַריין! נו, גענוג! פאַר דיר, ,קייסער׳, איז דאָ אָנגעגרייט דאָס, וואָס דו האָסט ליב — אַ האַרעם פון שיינע, הייסע, ברען־פייערדיקע מיידלעך!... נו, יאַטן, — האָט ער געגעבן אַ באַפעל צו זיינע קאָלעגן „קאַנאַדער", — פירט אים אונטער דער חופּה!"

די „קאַנאַדער" האָבן דעם אָפּגעשפּילטן „קייסער" אַהינגעטראָגן צו דער

קרעמאַטאָריע, און זיי האָבן אים לעבעדיקערהייט פאַרברענט. און זיין יונגע פרוי מיט זיין משפּחה און אַלע זיינע באַקאַנטע זיינען גלייך אַוועקגעפירט געוואָרן צו די גאַז־קאַמערן. און דאָס איז געווען דער סוף פון דעם „קייסער" פון לאָדזשער געטאָ, די צווייטע גרעסטע געטאָ אין פּוילן ער האָט געטראָגן אַ פּאַפּירענע קרוין, און האָט זיך זיין גאַנץ לעבן געיאָגט נאָך מאַכט, און ביי די נאַציס האָט ער זיין ציל דערגרייכט. און דאָס איז געווען זיין באַלוינונג פאַר זיין געטרייען דינען זיי. דער נאָמען מרדכי חיים רומקאָווסקי איז געבליבן אַ סימבאָל פאַר דעם גרעסטן טייל יודען־ראַטלער פון בימי היטלער.

עס איז כאַראַקטעריסטיש און אויך וויכטיק צו דערציילן, ווי אַזוי רומ־קאָווסקי האָט פאַרענדיקט זיין לעבן אין דער פאַנטאַזיע פון פאָלק. די יידן פון לאָדזשער געטאָ, וואָס האָבן איבערגעלעבט די מלחמה, דערציילן אַזוי: נאָך דער ליקווידאַציע פון לאָדזשער געטאָ, איז דער דייטשער באַלעבאָס איבער דער געטאָ, האַנס ביבאָוו, געקומען צו רומקאָווסקין און ער האָט צו אים אַזוי געזאָגט: „אַזוי ווי דו, אַלס עלטסטער דער יודען, האָסט ערלעך און געטריי געדינט דעם דריטן רייך, ווילן מיר דיך באַלוינען: מיר וועלן דיך שיקן קיין דאַמבראַוווקאַ, וואו מיר האָבן פאַר דיר אָנגעגרייט אַ האַרעם פון שיינע יונגע פרויען (דאַמבראַוווקאַ איז אַ דאָרף צווישן לאָדזש און פּאַביאַניץ, דאָרטן אין אַ לאַגער, האָבן געאַרבעט בלויז יונגע מיידלעך, אַריינגעשיקטע פון לאָדזשער געטאָ. זייער אַרבעט איז געווען דורכצונישטערן די מלבושים פון די אויסגע־הרג'עטע יידן און אויסצוגעפינען גאָלד, בריליאַנטן, וואַליוטע, א. אַ. וו.). רומקאָווסקי האָט זיך דערפרייט. ער איז אַהינגעפאָרן מיט ביבאָוון. אַזוי ווי ער איז אַריינגעגאַנגען אין טויער מיט אַ פרייד, האָט אים ביבאָוו הינטער־ווײַלעכס געשאָסן אין קאָפּ אַריין, און ער איז אויפן אָרט געפאַלן אַ טויטער".

פּרויטשע קיילער איז צוגעקומען צו בלושטיינען און אים געפרעגט: „זאָג נאָר, וויטישער יאַט: גאָלד, בריליאַנטן, אויסלענדישע וואַליוטע, אָדער אַ זייגערל האָסטו? גיב עס מיר, ווייל דאָרטן וועט מען ביי דיר סיי ווי אַלץ צונעמען".

„ווי האָב איך עפּעס? איך האָב גאָרנישט".

„דו, בערע מיך נישט! דו וויטישער יאַט!" — האָט ער געזאָגט וואָוילע־ריש און געקוקט בלושטיינען אין די אויגן אַריין און ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער האָט אים געזאָגט דעם אמת. — מיר דאַכט זיך, אַז איך קען דיך. יאָ, בלושטיין! — — — דו ווייסט נישט, וואָס עס איז געשען מיט מיין ווייב און די צוויי קינדער?" — האָט ער אים געפרעגט מיט האַרץ. — מיר זיינען דאָך געווען שכנים אין געטאָ".

„יאָ, ריכטיק. כ'געדענק, פּרויטשע. זיי זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט דער צווייטער ,ווישעדלעניע', אינעם ווינטער, פעברואַר 1942".

בלושטיין האָט באַמערקט טרערן אין פּרויטשעס אויגן: „זיי האָבן געהונגערט, האַ?" האָט ער געפרעגט דירנד.

„זיי האָבן געלעבט פון אונטערשטיצונג אויף 9 מאַרק אַ חודש. זיי זיינען

געווען ,זאַשילקאָווצעס', האָט מען זיי אַרויסגעשיקט מיט די ,זאַשילקאָווצעס' [רעליפּניקעס].

„איך האָב אַלצדינג געטאָן, כ'זאָל קאָנען איבערלעבן און צוריקקומען צו מיין ווייב און קינדער. כ'האָב אַלץ געמיינט, אַז אָט־אָט ענדיקט זיך די מלחמה — האָב איך שוין די האָפענונג אויך פאַרלוירן... — האָט ער געזאָגט מיט טרערן אין האַלדז. — איך האָב זיי געזוכט אין אַלע טראַנספּאָרטן, וואָס זיינען אָנגעקומען פון לאָדזש. אַך, רבונו־של־עולם, וואָס פאַר ,טייערער פאָטער' דו ביסט צו דיין פאָלק ישראל", האָט ער פאַרענדיקט סאַרקאַסטיש.

„זאָגט מיר ,פּרויטשע, וואָס וועט דאָ זיין מיט אונדז?"

„פון אונדז וועט דאָ גאָרנישט בלייבן, — האָט ער גערעדט גלייכגילטיק, — דאָ האָט מען שוין אַהערגעבּרענגט די יידן פון גאַנץ אייראָפּע, חוץ ענגלאַנד און שוועדן, אויך ציגיינער, פּאָליאַקן, האָלענדער, פראַנצויזן, אפילו דייטשן, וואָס זיינען נישט קיין נאַצים. איבער צוואַנציק פעלקער. אָבער דעם גרעסטן טייל יידן — מיליאָנען יידן און פון אַלע איז נאָר געבליבן אַש!" — האָט ער פאַרענדיקט סאַרקאַסטיש.

בלושטיין האָט אים געוויזן דעם טויער, וואו עס הענגט אַ גרויסע אויפשריפט: arbeit macht frei (אַרבעט מאַכט פריי). „וואָס איז דאָס?"

„זיי נישט קיין וויטישער! [נאַאיווער]. דאָ קומט מען אַריין דורכן טויער, און מען גייט אַרויס דורכן קוימען! דו זעסט דאָרטן? — האָט ער געוויזן אויף פיר רויט־ציגלנע הויכע פיר־עקעדיקע קוימענס, פון וועלכע עס זיינען אַרויס־געלאָפן רויטע פלאַמען פייער, אַזוי ווי פון אַ גיסעריי, בעת מען גיסט שטאָל, — דאָס איז אוישוויץ! פון דאָרטן גייט מען גלייך אין הימל אַריין!"

„די דייטשן נוצן אויס די יידן נישט נאָר ביים לעבן, נאָר אויך נאָך דעם ווי זיי האָבן זיי דערמאָרדערט: פון דאָ פון אוישוויץ ווערן כסדר אַרויסגעפירט קיין דייטשלאַנד, טויזנטער קילאָ פרויען־האָר, די דייטשן מאַכן פאַר זיך פון דעם געבעטען, שטולן און מאַטראַצן. יאָ, עס שלאָפט זיך גוט דעם „הערן פאָלק" אויף די האָר, פון די מענטשן, וואָס זיי האָבן דערמאָרדעט. פון דאַנען ווערן כסדר אַרויסגעשיקט קיין דייטשלאַנד צענטליקער טויזנטער קילאָ גאָלדענע ציין, צענטליקער טויזנטער גאָלדענע־פינגערלעך, און צענטליקער טויזנטער קדושין־רינגלעך, פאַר דייטשישע כלה מיידלעך, צענטליקער טויזנטער ציין בערשטלעך, ברילן, זייגערלעך, גאָלדענע פעדערס, מלבושים, שיכוואַרג, קינדערוועגעלעך און וואָס נישט? אַלץ וואָס מענטשן קענען געברויכן גייען אָפּ צו גאַנצע צוגן קיין דייטשלאַנד. דו דאַרפסט דאָ אָנקוקן: די הויכע בערג מיט קינדערישע שיכעלעך, בערג מיט קינדער פלעשעלעך מיט מאָמקעס, בערג מיט סמאָטשיקעס פון אונדזערע דערמאָרדעטע קינדער. זאָלסט וויסן: פון דעם מאַרך פון די ביינער און פון די פעטע־קערפּערס פון די דערמאָרדעטע יידן מאַכן די דייטשן זייף, די דייטשן האָלטן פון היגיעניע זיי דאַרפן זיך וואַשן. און די ביינער גופא ווערן דאָ צעמאָלן פון דעם מאַכט דאָס „הערן פאָלק" קינסטלעך מיסט, מיט וואָס זיי מאַכן פעט זייערע פעלדער כדי די תבואות און פרוכטן זאָלן געראָטן. דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק געניסט פון דעם רויב.

דאָ אַרבעטן די גאַז קאַמערן און די קרעמאַטאָריעס צי גאַנצע טעג און נעכט!..."

„שוין גענוג! גענוג!" האָט אים בלושטין איבערגעריסן צוהאַלטנדיק זיך מיט די הענט די אויערן.

„דייטשע דאָקטוירים פירן דאָ דורך פאַרשידענע עקספּערימענטן אויף לעבעדיקע יידישע פּרוּוען ווי אויף ים חזירימלעך, זיי גייען אויס פון שרעקליכע יסורים". האָט פּרוּיטשע קיילער, אין אים אַריינגעשריגן.

בלושטיינען האָט עס געגעבן אַ ברען אינעווייניק: איז טאַקע געווען בחינם מיין גאַנצער קאַמף? בין איך טאַקע שוין פאַרלוירן? — האָט ער זיך געפרעגט. און ער האָט געזאָגט: „די וועלט־הערשער פון פאַר דער מלחמה האָבן געשאַפן אַ גולם — היטלער'ן, ער זאָל אויסראָטן דעם קאָמוניזם. זיי האָבן אים געגעבן שפּייז, זיי האָבן אים געגעבן שטאָל, ער זאָל זיך באַוואָפענען. דאָס הייסט: זיי האָבן דעם גולם געגעבן אַ האַק אין די הענט אַריין; ס'ערשטע האָט ער אויסגע'הרג'עט די בעסטע קינדער פון זיין אייגן פאָלק, און די יידן. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן די האַק קעגן די, וואָס האָבן אים באַשאַפן, און האָט אויסגע'הרג'עט די בעסטע קינדער פון די פעלקער, וואו זיינע פיס האָבן דערגרייכט, און אונדז, יידן, ראָט ער אויס אינגאַנצן. מיר זיינען דאָך פון אייביק־אָן דער שעיר לעזאזל. ווייל מיר זיינען מאָראַלישער און פייאיקער, זיינען זיי אונדז מקנא, און קנאה ברענגט שנאה..."

„קיינער פון אונדז וועט נישט בלייבן!" — האָט אים פּרוּיטשע איבערגע־ריסן היסטעריש, — „עס וועט זיין אַ וועלט אָן יידן! קיינער וויל אונדז נישט העלפן! וואו איז ענגלאַנד? וואו איז אַמעריקע?! וואו איז פראַנקרייך?! וואו איז דאָס קאָמוניסטישע רוסלאַנד?! ס'שפּילט ביי זיי אַ ראָלע צו צעבאָמבאַרדירן די גאַזקאַמערן און די קרעמאַטאָריעס?! און די לאָקאָמאָטיוון, וואָס פירן די טראַנספּאָרטן?! קיינער וויל אונדז נישט האָבן. אַזוי איז אונדזער גורל, ווייל מיר האָבן נישט קיין אייגן לאַנד!..."

„די טערקן האָבן מיט די אַרמענער כמעט דאָס זעלבע געטאָן אין זייער אייגן לאַנד. קאָן מען אַוודאי אַזוי טאָן מיט אַ פאָלק, וואָס האָט נישט קיין אייגן לאַנד, וואָס איז נישט שטאַרק מיט די מאָדערנסטע כלי־זיין אין אַ נאָך־נישט־אויסגעלייזטער וועלט. די מענטשן־חיה האָבן מיר, יידן, געוואָלט צוימען מיטן געבן די צען געבאָט, די העכסטע מאָראַלישע געזעצן — ס'איז נאָך צו־פרי. אָבער סוף־כל־סוף וועט די וועלט אַמאָל אויסגעלייזט ווערן, ווען דער מענטשן־מין וועט עלטער ווערן, ווען עס וועט שוין נישט בלייבן קיין שפּור פון זיינע ירושה'דיקע חיה'שע אינסטינקטן. דעמאָלט וועט מקוים ווערן די נבואה פון דעם ייד ישעיה: „אַ פאָלק אויף אַ פאָלק וועט נישט הייבן קיין שווערד און די שווערדן וועלן איבערגעשמידט ווערן אויף אַקעראייזנס..."

„דו ביסט משוגע! — האָט אים פּרוּיטשע איבערגעריסן, — אַ וואַזשנע פאַנטאַזיע! און אויב עס וועט יאָ אַזוי זיין, וועט עס זיין אין אַ וועלט אָן יידן!"

„ווען וועט די וועלט זיין אויסגעלייזט? ווען די מענטשהייט וועט שוין ראוי זיין צו לעבן אויף די מאָראַלישע און עטישע געזעצן, וואָס די יידישע נביאים האָבן געגעבן, און דאָס אַלץ איז פאַרקערפּערט נאָר אין איין אייניציקן

געבאָט: ,זאָלסט ליב האָבן דעם אַנדערן אַזוי ווי זיך אַליין׳. און כאָטש מיר זאָלן חלילה פיזיש אומגעבראַכט ווערן, וועט אָבער אונדזער גייסט לעבן אין דער מענטשהייט און מיט דעם וועלן מיר לעבן. עס ווערט געזאָגט אין דער גמרא: ,גאָט האָט געוואָלט אַ טובה טאָן דעם יידישן פאָלק, האָט ער עס צעשפּרייט צווישן די פעלקער׳. אונטער די נאַציס קענען חלילה אַלע יידן אומקומען, אָבער יידן זיינען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. בעתן חורבן ירושלים האָבן יידן מסתם אויך געמיינט, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט אומקומען, אָבער...״

„דער היינטיקער חורבן איז גרעסער, ווי חורבן ירושלים!״, האָט פרויטשע געשריגן היסטעריש.

„אמת, אמת. ירמיהו הנביא, דער בעל־מקונן פון מגילת איכה, דער וואָס האָט אַליין מיטגעמאַכט דעם חורבן ירושלים, דערפאַר האָט ער אַזוי געקענט אויסקלאָגן דעם חורבן, האָט אַזוי געזאָגט: ,דער וואָס האָט געגעבן די זון פאַר אַ ליכט בייטאָג, און די לבנה און שטערן פאַר אַ ליכט ביינאַכט... אויב די דאָזיקע געזעצן וועלן אָפּגעטאָן ווערן, זאָגט גאָט, וועט אויך דער זאָמען פון ישראל אויפהערן צו זיין אַ פאָלק׳. דאָס יידישע פאָלק וועט אייביק לעבן״.
פרויטשע האָט זיך פאַרטראַכט אין די רייד און אויסגעשאָסן: „איך גיב דיר נישט קיין גראָשן פאַרן גאַנצן מענטש! ווער האָט באַשאַפן אוישוויץ? נישט אַזעלכע גראָבע יונגען ווי איך, נאָר געבילדעטע: אינזשעניערן, טעכניקער, פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים. מיטן שאַפן אוישוויץ האָט זיך דער מענטש באַמאַכט! — אַליין פאַרמשפּט! דער מענטש טויג נישט! ער איז משוגע! קיין שום אידעאַלן קענען אים נישט אויסבעסערן: נישט קריסטלעכקייט! נישט יידישקייט! נישט סאָציאַליזם! נישט קאָמוניזם! און נאָך אַנדערע ווער ווייסט זיי?! עס דאַרף באַשאַפן ווערן אַ נייער, אַ נאָרמאַלער מענטש, ער זאָל ווערט זיין צו טראָגן דעם נאָמען מענטש...״

„ניין! דער מענטשן מין איז נאָך יונג — איז אים בלושטיין אַריינגעפאַלן אין די רייד — ער וועט בעסער ווערן און וועט ווערט זיין צו טראָגן דעם נאָמען: מענטש. און דעמאָלט וועט די וועלט אויסגעלייזט ווערן״.

„אוי, כ׳מוז גיין! — האָט פרויטשע אויסגעשריגן — עס קומט אָן ד״ר מענגעלע!״ און ער איז צוגעשטאַנען צו די „קאַנאַדער״.

דר. מענגעלע איז אָנגעקומען מיט אַ סך עס־עס־לייט. די „קאַנאַדער״ מיט פרויטשע קיילער בראש האָבן מיט געשרייען און קלעפּ שנעל אויסגעשטעלט דעם טראַנספּאָרט אין צוויי רייען: איין ריי פון בלויז מענער, און די צווייטע פון פרויען און קינדער. בלושטיין האָט אַרונטערגערוקט זיינע כתבים טיפער אונטערן אָרעם. עס האָט זיך אָנגעהויבן די סעלעקציע. די רייען זיינען געגאַנגען פּאַמעלעך. בלושטיין האָט שטאַרק צוגעדריקט מיטן אָרעם זיינע כתבים, גייענדיק צו דר. מענגעלען, וואָס האָט געטראָגן אַן עס־עס־מונדיר פון טייערן וואָלענעם שטאָף, און איז געווען באַהאַנגען מיט אויסצייכענונגען און מעדאַלן. ער האָט געריכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן, כדי צו טויטן די מיקראָבן; און מיט

אַ פינגער האָט ער אָנגעוויזן די דורכגייענדיקע: „רעכטס! לינקס! רעכטס! לינקס!"

דאָס האָט געהייסן, ווער עס זאָל באַלד גיין אין אויוון אַריין און ווער עס זאָל דערווייל נאָך געפּייניקט ווערן. כמעט דער גאַנצער טראַנספּאָרט איז געשיקט געוואָרן אויף לינקס, דאָס הייסט, אין קאַלך־אויוון אַריין. פון דער אַנדערער ריי פרויען מיט קינדער האָבן די עס־עס אַוועקגעריסן די יונגע קרעפּטיקערע מאַמעס פון די קינדער, כדי זיי צו שיקן אויף שקלאַפן־אַרבעט, און די רעשט אַן אַ סעלעקציע געשיקט אין די גאַז־קאַמערן.

אין בלושטיינען האָט געברענט אַ צאָרן נקמה צו נעמען. ער האָט אָבער נישט געזען, ווי אַזוי ער קאָן דאָס טאָן. דער הימל איז געווען אַ בלויער, אַ לויטערער און די זון האָט רחבותדיק געשיינט. אין בלושטיינען האָבן אויפגעטויכט ח. נ. ביאַליקס שורות פון „אין דער שחיטה־שטאָט":

„גאָט האָט דיר מיט אַ מילדער האַנט געשענקט אַ צווילינג:
אַ שחיטה מיט אַ פרילינג:
דער גאָרטן האָט געבליט, די זון געלויכטן —
און דער שוחט האָט געשחטן....
דער חלף האָט געגלאַנצט, און פון דער וואונד
האָט בלוט מיט גאָלד געפליסט..."

און בלושטיין איז געקומען אַלץ נעענטער און נעענטער צום תליון דר. מענגעלע. פלוצלינג האָט זיין רעכטער פוס זיך אָנגעשלאָגן אין אַ שטיין, וואָס איז געלעגן אינמיטן וועג. ס'האָט אין אים אַ בליץ אויפגעגעבן אַ פּלאַן: מיט דעם שטיין וועט ער נקמה נעמען. ער האָט שנעל אויפגעהויבן דעם שטיין און איז געגאַנגען אין דער ריי. ווען ער איז צוגעקומען צום דייטש, דר. מענגעלע, האָט ער זיך פאַרמאָסטן אים דעם שטיין צו שליידערן אין פּרצוף אַריין, אָבער צוויי עס־עס, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום מענגעלען, האָבן אים אָנגעכאַפּט, אַרונטערגעדרייט די הענט, און דער שטיין איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. בלושטיין האָט מיט זיי געקעמפט, אַזוי ווי אַ האָן בעת דער שוחט האַלט אים ביי די אַרונטערגעדרייטע פליגל, פאַר דעם שעכטן. די צוויי עס־עס־מענער האָבן אים ערגעץ געפירט מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן, מיט די פינגער אויף די צינגלעך. בלושטיין האָט געשפּאַנט פאַראויס מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, צופרידנדיק זיינע מאַנוסקריפּטן, וואָס ער האָט געהאַלטן אונטערן העמד. פון לויטערן בלויען הימל האָט די זון רחבותדיק געלויכטן.

ירחמיאל בריקס

מיין קרעדאָ

עסיי

Rachmil Bryks

MY CREDO

Essay

אַרויסגעגעבן פון „ירחמיאל בריקס בוך קאָמיטעט"
מיט דער מיטהילף פון „יידישן פּ.ע.נ. קלוב", ניו יאָרק, נ. י.

ניו יאָרק 1969 תל אביב

מתנה ד״ר יוסף שוואַרץ

מיין קרעדאָ

(ווי אַזוי שרייבן וועגן חורבן)

רעדע געהאַלטן אין „פאַריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן", אין ישראל און אין „הרצל אינסטיטוט", ביי דער „יידישער אַגענטור" ניו יאָרק. פאַרעפנטלעכט אין „קאַנאַדער אַדלער" אין ענגליש אין "Arena" זשורנאַל, פון אינטערנאַציאָנאַלן פען־קלוב, לאָנדאָן, ענגלאַנד, און אין "Freeland" אין ניו יאָרק.

(ע ס י י)

עס איז שוין אַוועק אַ שטיק צייט, זינט עס זיינען דערשינען מיינע נאָוועלן: „אַ קאַץ אין געטאָ", „אויף קידוש השם", „בערעלע אין געטאָ" און דער ראָמאַן „דער ,קייסער' אין געטאָ" און אַנדערע שאַפונגען. און עס איז שוין וועגן זיי דאָ אַ ליטעראַטור: אַ סך פּאָזיטיווע רעצענזיעס, עסייען און התלהבותדיקע אָפּשאַצונגען אין בריוו פון די בעסערע לייענער און אויך פון: שרייבער, פּאָעטן, קינסטלער, רבנים, קריסטלעכע טעאָלאָגן, קולטור־טוער, סטודענטן און קינדער יידישע און נישט יידישע. די ווערק האָבן באַאיינדרוקט איבערזעצער פון אייראָפּעאישע און אָריענטאַלישע לשונות, דראַמאַטורגן, מאָלער און מוזיקער. הונדערטער סטודענטן האָבן געשריבן קאָמפּאָזיציעס פאַר אוניווערזיטעטן, רבנים האָבן געהאַלטן דרשות אין די שולן און טעמפּלען וועגן די ווערק און געלייענט קאַפּיטלעך פון „אויף קידוש השם" אין יום־כּיפּור פאַר יזכור און אויף געטאָ־אזכּרות. קאָנגרעגיישאָנס האָבן איינגעלאַדן פּראָפעסאָרן צו געבן לעקציעס וועגן די ווערק, און עס זיינען פאָרגעקומען דיסקוסיעס פון די צוהערער. אָפּשאַצונגען זיינען געשריבן געוואָרן אין אַרבע פּינות העולם. גלויב איך, אַז איך בין שוין אַצינד אויך בארעכטיקט עפּעס צו זאָגן וועגן די ווערק, ווייל כ'האָב איינגעזען, אַז נישט אַלע האָבן געגנוי פאַרשטאַנען מיין פילאָזאָפיע, ווי אַזוי צו שרייבן וועגן יידישן חורבן אונטער די נאַציס.

***

מען דאַרף שרייבן וועגן חורבן כדי די וועלט זאָל וואָס מער וויסן וועגן חורבן און זי נישט לאָזן פאַרגעסן, וואָס די דייטשן מיט דער מיטהילף פון זייערע משרתים פון אַנדערע פעלקער האָבן געטאָן מיט דעם יידישן פאָלק און אויך מיט אַנדערע פעלקער. וויזן וואָס דער נאַציזם איז בכוח צו מאַכן פון מענטש און אויך אַרויסצוברענגען דאָס פּינטעלע מענטש. (איך וויל אונטער־שטרייכן, אַז אין אונזער תקופה גייט אויך אַריין דער גייסטיק־יידישער־חורבן: דאָס אויסראָטן דעם יידישן אַלף בית, דאָס פאַרניכטן אויף אַ בלוטיק־אַכזריותדיקן אופן די יידישע: שרייבער, קינסטלער, לערער און קולטור טוער אין סאָוויעטן פאַרבאַנד אונטער סטאַלינען ימ״ש און דאָס נישט דערלויבן די יידישע און העברעאישע שפּראַך. מען האָט שטום געמאַכט אַ

פאָלק. מען האָט געשאַפן באַדינגונגען, אַז די יידן וואָס ווילן זיך אויסלעבן ווי יידן זאָלן דאָס נישט קענען). ווען קען דאָס דערגרייכט ווערן? קודם כל: עס דאַרף געשריבן ווערן בצימצום, געפּרעסט, אָן שום אָרנאַמענטיק, אָן שום באַפּוצונגען, מען טאָר זיך נישט איבערחזרן. אין פּראָזע דאַרף מען נאָך מער אָפּגעהיטן זיין פון אַן איבעריק וואָרט, ווי אין ליד. אין ליד קען מען אַמאָל איבערחזרן אַ וואָרט אָדער אַ גאַנצע שורה צוליב ריטם, אָבער אין פּראָזע אַבסאָלוט נישט;

איך האָב מיר אָראָפּגענומען אַ ביישפּיל פון רש״י. רש״י פרעגט: „פאַרוואָס שטייט אין דעם און דעם פּסוק אַ למד, אָדער אַ בית, אָדער אַ וואָוו מער?״ אָדער: „פאַרוואָס חזרט זיך איבער דאָס און דאָס וואָרט?״ און רש״י ענטפערט: „די תורה איז חוץ דעם אויסן געווען אויך דאָס און דאָס״.

אַ דערציילונג טאָר אויך נישט האָבן קיין איבעריקן עפּיזאָד, וואָס האָט נישט קיין דירעקטן שייכות צו דער סיפור המעשה.

**
*

איך האַלט, אַז די בעסטע געשריבענע רעפּאָרטן וועגן חורבן זיינען: טוביה באַזשיקאָווסקיס „צווישן פאַלנדיקע ווענט״ (וועגן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד), לייב ראַכמאַנס „אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן״ (וועגן אויסבאַהאַלטן זיך אויף דער אַרישער זייט) און מאַשאַ ראָלניקס „איך מוז דערציילן״ (וועגן ווילנער געטאָ). די אַלע ביכער האָבן די וויכטיקסטע מעלה — זיינען אמתע טאָג־ביכער געשריבן אויף דער הייסער מינוט אין מיטן גיהנום; זיי האָבן אויך געגעבן דעם מאַקסימום מיט אַ מינימום ווערטער.

יאַנקל וויערניקס רעפּאָרטאַזש „טרעבלינקע״ איז אויך אוממיטלבאַר, געשריבן פון אַן עדות, וואָס האָט דאָס אַליין דורכגעלעבט. דערפאַר איז דאָס אַזאַ אויפטרייסלענדיקער דאָקומענט פון פּיין, קדושה און גבורה פון יידישן פאָלק און די טיפסטע געפאַלנקייט פון טומאה, גזילה און ראַפינירטע־בעסטיאַליטעט פון די דייטשן און אוקראַינער;

אויך אַנאַ פראַנקס בוך איז אַן ערלעך טאָג בוך, געשריבן מיט דער נאַאיוויטעט פון אַ קינד מיט ליטעראַרישע באַגאַבטקייט, אָבער אין פאַרגלייך מיט די שוידערלעכע איבערלעבונגען פון יידישן פאָלק אונטערן נאַציזם איז דאָס אַן אידיליע;

נישט בחינם האָבן די דייטשן אויפגעכאַפּט דאָס דאָזיקע ביכל און פאַרשפּרייט אין די הונדערטער טויזנטער, ווייל עס שוואַכט אָפּ די שוידער־לעכע־אכזריות, וואָס די דייטשן מיט דער מיטהילף פון אַנדערע פעלקער, האָבן געטאָן ביים דערמאָרדן די איבער זעקס מיליאָן יידן; ניין! „טאָג בוך״ פון אַנאַ פראַנק, האָט אונז יידן קיין גרויסע טובה נישט געטאָן. אָבער עטוואָס פון דעם לעבן פון יידן אונטער די דייטשן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך די וועלט יאָ דערוואוסט פון דעם בוך;

אַן ערלעך און גוט געשריבן בוך איז אויך ח. י. גאָלדשטיינס „זיבן אין בונקער״. דער מחבר, אַליין אַ קרבן, שרייבט אויף אַ פּשוטן אופן איבער

זיינע איבערלעבונגען (אין די אונטער־ערדישע קאַנאַלן, אין דער קאַנאַליזאַציע אין וואַרשע, נאָך דעם אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ). אים איז געלונגען אַרויסצוברענגען דאָס מענטשלעכע פון די קרבנות אונטער דער נאַצישער בייטש פון די דייטשן.

דאָס אָפּגעפונענע „טאָג בוך", פון צוועלף יאָריקן דוד רוביניאָוויטש, איז אַ וויכטיקער צושטייער צום פאַרשן דעם חורבן.

פאַראַן אַן אמת טאָג בוך, פון גוטאַ טראַקענהיים, וואָס זי האָט געשריבן אין אַ קבר אויף אַ בית עולם אין אַ שטעטל אין פוילן, וואו זי איז געלעגן באַהאַלטן מיט איר קליין קינד, וואו אַן אַלטער פּאַלאַק, אַ בעטלער, — דער געוועזענער וועכטער פון בית עולם — האָט איינגעשטעלט זיין לעבן צוליב זיי און ער האָט זיך געטיילט מיט זיין אויסגעבעטלט שטיקל ברויט. די שרייבערין געפינט זיך אין ניו יאָרק, מיט דער טאָכטער. זי קען נישט געפינען אַ גואל אַרויסצוגעבן דעם ערלעכן און זייער וויכטיקן דאָקומענט;

די אַלע שרייבער, וואָס איך האָב דאָ דערמאָנט זיינען נישט אויסן געוועזן צו שאַפן קונסט דערפאַר זיינען זייערע ווערק נישט געקינצלט — נאָר עכט;

איך בין זיכער אַז עס וועלן זיך נאָך אָפּגעפינען אַזעלכע אָריגינעלע שאַפונגען.

פון דער דיכטונג: איז דאָס וויכטיקסטע, „דאָס ליד פונעם אויסגע־הרגעטן יידישן פאָלק", פון דיכטער קדוש יצחק קאַצענעלסאָן ז"ל. דאָס איז דער איכה פון חורבן שלישי. אַזוי אויך זיין, „דאָס ליד וועגן ראַדזינער";

די צוויי פּאָעמעס „לך־לך" און „פרילינג תש"ב", וואָס זיינען אָפּגעפונען געוואָרן אויפן שטח פון דער געוועזענער לאָדזשער געטאָ, פון דעם יונגן דיכטער־קדוש, ש. שאַיעוויטש, וואָס איז דערשינען אין דער „צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע", לאָדזש 1946, מיט אַן אַריינפיר און באַמערקונגען, פון פאָרשער, ד"ר נחמן בלומענטאַל. איבעם דאָזיקן ספרל זיינען אויך פאַראַן צוויי אָפּגעפונענע בריוו פון שאַיעוויטשן, זיינען דאָס אויפטרייסלענדיקע דאָקומענטן. שאַיעוויטש איז זייער שעפעריש געווען אין לאָדזשער געטאָ. לײדער זיינען זיינע ווערק פאַרלוירן געוואָרן;

די לידער: פון די דיכטער קדושים מרדכי געבירטיג, מחבר פון נאַציאָנאַלן הימן „ס'ברענט", און הירש גליק, מחבר פון דעם נאַציאָנאַלן הימן, דער פּאַרטיזאַנער מאַרש „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג", און נאָך לידער פון אַנאָנימע אומגעקומענע דיכטער, וואָס זיינען דאָרטן געווען און זיינען געשריבן געוואָרן מיט גרויס פשטות און מיט רוח הקודש; דערפאַר זיינען זיי אַריינגעוואַקסן אין פאָלק אַלס הייליקע פאָלקס לידער. די לידער אָבער, וואָס זיינען שוין ביז היינט נישט אַנגענומען געוואָרן פון פאָלק וועלן זיכער פאַרלוירן גיין.

אויך „ווילנער געטאָ" פון אברהם סוצקעווער, איז אַ גוט געשריבן בוך און „די לערערין מירע" איז זיין בעסט ליד וועגן חורבן ווייל עס איז פאָלקסמיטלעך. סוצקעווער האָט דאָך אַליין מיטגעמאַכט דעם חורבן.

אויף די חורבן־לידער פון ז. סעגאַלאָוויטש, געהערן צו די בעסטע; פון די פּאַרש־ליטעראַטור וועגן חורבן, האָבן די גרעסטע ווערט די ווערק: פון ד״ר פיליפ פרידמאַן און ד״ר מאַרק דוואָזשעצקי, ווייל אויסער זייער באַגאַבטקייט און בעלעטריסטישן סטיל, איז די גרעסטע מעלה דאָס: וואָס זיי האָבן אַליין מיטגעמאַכט דעם חורבן. אויך פּראָפ. בערל מאַרקס און ד״ר נחמן בלומענטאַלס ווערק וועגן חורבן, געהערן צו די בעסטע.

***

מיר יידן האָבן נישט די טראַדיציע פון שאַפן ראָמאַנען. מיר האָבן געשאַפן מגילות, אגדות, און אַ קייט קאָנדענסירטע דראַמאַטישע מעשהלעך, אגדות, געמישט מיט כראָניק־היסטאָרישע פאַקטן, אין לאַנגער „ראָמאַן״, — דער חומש א. אַ.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געלערנט פון די רוסישע און פּוילישע קלאַסיקער און פון דער יידישער מאָדערנער ליטעראַטור, איבערהויפּט פון אברהם רייזען, דוד עדעלשטאַט, ה. לייוויק און אַנדערע. זיי האָבן מיך געמאַכט דענקען סאָציאַל. איך האָב מיך אָבער געלערנט שרייבן ביים תנ״ך, וואָס האָט אויף מיר געהאַט דעם גרעסטן איינפלוס. איך האָב מיך אויס־געלערנט שרייבן ביי מענדעלען און ביי שלום עליכמען, אָבער דעם גרעסטן איינפלוס אויף מיין שרייבן „אויף קידוש השם״ האָבן געהאַט די מגילות, דער מדרש און די נביאים.

ח. נ. ביאַליקס און י. ח. ראַבניצקיס „די יידישע אגדות״ און „פון גלות בבל ביז רוים״, מעשיות און לעגענדעס אין דער וואונדערלעכער איבער־זעצונג פון פּאָעט ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, האָבן מיך שטאַרק באַווירקט.

מיין „אויף קידוש השם״, איז אַ מגילה. און מיין „בערעלע אין געטאָ״, איז אַ מגילה. „דאָס איז: דער יאָמער־טאָל פון יידישן קינד און זיין הערָאיש גייסטיקן און מאָראַלישן קאַמף קעגן טיראַניזם אונטער די נאַציס״. אַזוי האָט די קריטיק אָפּגעשאַצט.

אין „אַ קאַץ אין געטאָ״, אין „דער ,קייסער׳ אין געטאָ״ און אין אַנדערע בין איך אויך אונטערן איינפלוס פון תנ״ך און איבערהויפּט פון מענדעלען און שלום עליכמען. איך מיין מיט מיין הומאָר און סאַטירע, אָבער מיין הומאָר און סאַטירע איז אַ טראַגישערער און גאַליקערער; אַ שטאַרק ביטערער, וואָס דערגייט ביז האַרצרייסעניש, ביז טרערן.

יצחק באַשעוויס האָט געשריבן: „יעדעס זייטל פון ירחמיאל בריקס „אויף קידוש השם״ איז יידישע געשיכטע. וואָלט געווען פאַרבליבן פון חורבן בית המקדש אַזאַ געטרייע באַשרייבונג, ווי עס גיט אונדז בריקס, וואָלטן יידן זי געוועז געלייענט יעדן תשעה באב און פאַרגאָסן ביי איר טייכן טרערן״. „אַ קאַץ אין געטאָ״, באַזיצט אַ טראַגישן הומאָר, וואָס מען קען קיין ענלעכן נישט געפינען אין דער וועלט־ליטעראַטור״. פאַרוואָס? ווייל קיין שום אַנדער פאָלק, און קיין שום דור ביי אונז יידן, האָט נישט דורכגעמאַכט אַזאַ שוידערלעכע קאַטאַסטראָפע, ווי אונזער דור אין די נאַצישע געטאָס און

קאנצענטראציע־לאגערן, וואס מיר איז געלונגען — דורך טויזנטער ניסים — איבערצולעבן.

איך בין טאקע דער איין און איינציקער שרייבער, וואס כילט, אז מען דארף און וואג צו שרייבן וועגן חורבן שלישי מיט הומאר. ווייל איך האב געזען, אז אין די געטאס און אין די קאנצענטראציע־לאגערן, איז געווען הומאר און פאלקלאר, אפילו ביי דער טיר פון דעם גאז־קאמער האבן יידן זיך געוויצלט.

יידן האבן שטענדיק די ערגסטע גזירות געוואלט אפפטרן מיט א וויץ. זינט יידן זיינען געצוואונגען געווען אוועקצולייגן ס׳געווער איז געווארן זייער איינציק כלי־זיין, דער בייסיקער וויץ. בעת א דיספוט פון א רב מיט א גלח, האט אים דער רב באזיגט מיט איין בייסיקן וויץ.

אין די געטאס זיינען געשאפן געווארן הונדערטער וויצן און מעשהלעך. דאס זעלבע אין די קאנצענטראציע־לאגערן. ווי אזוי וויצלט זיך מיינס א העלד אין אוישוויץ — „אויף קידוש השם״? „אזוי גייט עס דא אין אוישוויץ: מען קומט אריין דורכן טויער און מען גייט ארויס דורכן קוימען״. אדער אין „א קאץ אין געטא״: ווען זאבלודאוויטשעס ווייב באקלאגט זיך פאר אים: „כאטש איך באזיץ פיר שפראכן און האב געפירט די קארעספאדענץ פון דעם גרעסטן ביורא אין לאדזש, מוז איך היינט זיין א „צוויי פיסיק פערד״ — שלעפן א וואגן ווייל איך האב נישט קיין „פלייצעס״ (פראטעקציע). ענטפערט ער איר: „פלייצעס״? מען דערציילט: ס׳האט א פרוי געבוירן א קינד. האט זי געוויינט. פרעגט זי דער דאקטאר: „וואס וויינט איר?״ האט זי אים געענטפערט: „ווי אזוי זאל איך נישט וויינען, אז איך האב געבוירן א וויסטע קאליקע: אן הענט, אן פיס און אן א קאפ?״ פרעגט זי דער דאקטאר: „פלייצעס האט עס?״ ענטפערט זי: „יא״. „נו, האט איר זיך נישט וואס צו זארגן, וועט עס האבן פון כל טוב! — קעפ, הענט און פיס זיינען איבעריק, דער עיקר זיינען פלייצעס...״

דאס איז פאלקלאר, דאס שפיגלט אפ דאס לעבן פון יענער און אויך פון דער היינטיקער צייט.

דער מדרש, די אגדה, איז סאמע פאלקלאר מיט א מאראל. דער חומש, דער גאנצער תנ״ך, דער תלמוד זיינען דורכגעפלאכטן מיט פאלקלאר.

אלע מיינע דערציילונגען זיינען געבויט אויף היסטארישע פאקטן דורכגעפלאכטן מיט פאלקלאר.

דער עיקר פון אלע עיקרים איז די פשטות (אבער מיט דעם מוז מען געבוירן ווערן), ווייל עס שטייט געשריבן: „דברי תורה כלשון בני אדם״. וואלט שלום עליכם געשאפן אין דער צייט ווען עס זיינען נאך נישט געווען קיין דרוק־מאשינען, וואלטן זיינע שאפונגען, וואס וואלטן זיך געווען אפ־געהיטן שבעל פה, פארבליבן פאלקס־מעשיות.

דער שליסל צו שלום עליכמס שאפונגען איז זיין וויג־ליד: „שלאף מיין קינד מיין טרייסט מיין שיינער״. עס זינגט זיך אזוי ווי א פאלקס־ליד. וויפל פון די וואס זינגען דאס דאזיקע ליד ווייסן ווער עס איז דער מחבר?

פונקט ווי עס ווייסט זעלטן ווער עס איז דער מחבר פון „אויפן פריפעטשיק ברענט אַ פייערל". ווי פשוט עס איז שלום עליכמס וויג־ליד, אַזוי פשוט זיינען זיינע ווערק. נאָר געציילטע פּאָעטן זיינען זוכה, אַז זייערע לידער זאָלן אַריינוואַקסן אין פאָלק, ווי פאָלקס־לידער.

דער גרויסער פּאָעט ה. לייוויק האָט אָנגעשריבן אַ ליד א. נ. „איך בין אַ די.־פּי". מען האָט דערצו צוגעשריבן מוזיק, אָפּגעדרוקט, פאַנאַנדער־געטומלט און דאָס פאָלק האָט עס נישט אָנגענומען. ווייל אין דעם ליד פעלט די גרויסע פשטות און די פאָלקסטימלעכקייט — די גנעניאַליטעט פון אַ פאָלקס־ליד.

שלום עליכמס „די גאָלדגרעבער" איז געבויט אויף אַן אַנעקדאָט. זיין „פּאַרכשופטער שניידער" איז געבויט אויף אַן אַנעקדאָט. „אויב נישט נאָך העכער" פון י. ל. פּרץ, איז געבויט אויף אַן אַנעקדאָט. אויך מיין „אַ קאַץ אין געטאָ" איז געבויט אויף אַן אַנעקדאָט. פּונקט ווי אין די „גאָלדגרעבער" ווערן אַרויסגעפירט אַלע העלדן פון תחום המושב, אַזוי ווערן אין „אַ קאַץ אין געטאָ", אַרויסגעפירט אַלע העלדן פון געטאָ, מיט זייער שטייגער לעבן; נאָר ביי שלום עליכמען, זוכן זיי דעם „אוצר", — די פעסער רענדלעך, צו קענען שטילן דעם הונגער און דאָ האָבן זיי שוין דעם „אוצר" — די קאַץ. נאָר זיי דאַרפן פאַר דעם „אוצר" איינהאַנדלען אַ ברויט.

קנוט האַמסון האָט אין זיין ראָמאַן „הונגער", געדאַרפט שילדערן דעם הונגער נאָר פון איין פּערזאָן, אָבער איך האָב מיר געשטעלט פאַר אַ ציל צו שילדערן דעם הונגער פון אַ גאַנצן געטאָ, פון אַ גאַנץ פאָלק. האָב איך דאָס געטאָן אין אַ דראַמאַטישע מעשה אַרום אַ קאַץ און מיט גאַליקן הומאָר. איך האָב איינגעזען אַז בלויז פאַקטן אַליין ווירקן נישט. און די קריטיק אין סקאַנדינאַוויען האָט טאַקע געשריבן: „דער הונגער ביי קנוט האַמסון איז בלאַס קעגן דעם הונגער אין „אַ קאַץ אין געטאָ".

טייל האָבן מיך קריטיקירט: פאַרוואָס איך שרייב אַזוי פשוט. איך האַלט, אַז מען דאַרף דעם שווערסטן געדאַנק אַרויסזאָגן אויף דעם פשוטסטן אופן כדי יעדער זאָל אים פאַרשטיין. די וואָס קענען נישט שרייבן פשוט אַזוי ווי מען רעדט, האַלטן זיך פאַר מאָדערניסטן און זיינען אַבסטראַקט אַזוי ווי די מאָדערנע מאַלעריי. מאָדעס קומען און מאָדעס גייען, עכטע ליטע־ראַטור, ריכטיקע קונסט בלייבט; פּונקט ווי פאַרטייען גייען און פאַרטייען קומען, אָבער ס'פאָלק בלייבט; די מאָדערניסטן וועלן אייביק שרייען: „דאָס פאָלק איז נישט דערוואַקסן אונז צו פאַרשטיין". — און זיי וועלן נאָר בלייבן ביים שרייען.

„שיר השירים", דאָס צונויפגעזאַמלטע בינטל פאָלקס־לידער, די גרעסטע ליריש־עראָטישע פּאָעמע פון אַלע צייטן, איז אויך געשריבן מיט גרויס פשטות (בלשון בני אָדם), לידער, וואָס זיינען פאַרשטענדלעך פאַר אַלע דורות: פאַר די פריערדיקע, פאַר די היינטיקע און קומענדיקע;

און נאָך אַ זאַך: איך האָב געפילט, אַז ווען מען דערציילט וועגן מיליאָנען שוואַכט עס אָפּ די טראַגעדיע, אַז מען דערציילט אָבער וועגן אַ

יחיד, וועגן איין משפּחה, וועגן איין קינד און עס געלונגט איבערצוגעבן זייערע ליידן, זייערע געפילן, זייער פּסיכאָלאָגיע, ווירקט עס יאָ; עס דאַרף אָבער אַזוי געשריבן ווערן, אַז דער יחיד, אָדער איינצלנע משפּחה, אָדער קינד זאָל סימבאָ־ליזירן די גאַנצע מאַסע — די מיליאָנען אומגעבראַכטע.

עס איז נישט וויכטיק אַלץ צו דערציילן. עס איז דאָ אַזעלכער. איינער פון די חורבן־שרייבער, וואָס האָט שוין אַרויסגעגעבן אַ טוץ ביכער — מסתמא וועט ער נאָך אַרויסגעבן — נאָך ווייניק וואָס ער שרייבט אַ סך נישט וויכטיקייטן, ער פאַרשטייט נישט וואָס אָפּצוקלייבן, האַלט ער זיך אין איין איבערחזרן. די ביכער זיינען מיר געוועזן אוממעגלעך איבערצולייענען, כאָטש איך לייען אַלץ וועגן חורבן. אַ באַגאַבטער דערציילער וואָלט פון דעם מאַטעריאַל געשאַפן איין אָדער צוויי ווערטפולע ביכער און נישט אָנגעגאָסן אַ ים וואַסער.

מען דאַרף אָפּקלייבן די פאַקטן, געבן דאָס וואָס איז כוללדיק, דאָס וואָס סימבאָליזירט, טעסטעלירן אַזוי ווי מען טעסטעלירט ווין; מאָלן דעם שטייגער־לעבן, די טראַכט, געבן די עטנישקייט, זייער לשון, זייער פּסיכאָ־לאָגיע, שאַפן אַ פּאַבולע, וואָס זאָל זיין דער שטאַם און דאָס אַלץ אויבן־געזאָגטע זאָל אַרויסוואַקסן פונעם שטאַם ווי צווייגן מיט צווייגעלעך און בלעטער מיט פרוכטן. עס זאָל שאַפן אַ „בוים". עס דאַרף ווערן אַ שטאַרק דראַמאַטישע מעשה, וואָס זאָל פאַרכאַפּן דעם גאַנצן מהות פון לייענער, ווייל דער מאַטעריאַל איז טראַגיש און גרויליק; עס דאַרף דעם לייענער אויפּ־טרייסלען, און גלייכצייטיק אים האַלטן אַזוי געשפּאַנט כדי ער זאָל מיט הנאה לייענען ביזן סוף. דער שרייבער טאָר זיך אָבער נישט באַנוצן מיט קיין ביליקע מיטלען, ווייל עס וועט אַרויסקומען שונד, און דאָס שטעלט דעם שרייבער פאַר אַ גרויסן נסיון. ביי „אַ קאַץ אין געטאָ" האָב איך געקענט זייער לייכט געשטרויכלט ווערן, ווייל עס איז זייער שווער צו פאַרן הומאָר מיט אומקום. ווען חס ושלום איין פּגם, ווערן פאַרשוועכט די קדושים — קומט אַרויס אַ פּאַרס. אָבער דער שרייבער מיט דעם ריכטיקן געפיל, קען דערגרייכן, טאַקע מיט דערציילן דעם אמת און אויף אַ פּשוטן אופן; ווייל ער ווייסט וואָס אָפּצוקלייבן און ווי אַזוי אויפצובויען, עס זאָל אַרויסקומען אַ ווערק.

איין יידישער דיכטער, האָט מיר געשריבן: „איך האָב דורכגעלייענט אייער בוך „אויף קידוש השם" אין איין אָטעם, עס האָט מיך אויפּ־געטרייסלט, אָבער איך האָב דאָרט געזען די מיליאָנען אומגעבראַכטע און איר שרייבט גאָר וועגן איין משפּחה. פאַרוואָס האָט איר אַזוי געטאָן?"

איך האָב מיך צעשמייכלט און געטראַכט: איך האָב מיין ציל דערגרייכט.

אַזוי האָב איך געפּראַוועט מיט מיין נאָוועלע „אויף קידוש השם", צו געבן אוישוויץ נאָר אין זיבעציק זייטן. אָבער דאָס ווערק האָב איך געשריבן און געשליפן זעקס יאָר מיט גרויסע יסורים. ביים שרייבן בין איך משנה צורה געוואָרן. איך בין אין די דאָזיקע יאָרן גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן; איך האָב מיטגעלעבט מיט יעדן העלד, דורכגעלעבט יעדעס בילד. איך האָב נאָכאַמאָל דורכגעלעבט אוישוויץ. ווען איך בין שוין יאָ אַביסל געשלאָפן, פלעג

איך מיך אויפכאַפּן מיט שרעק פון אַ חלום, אַז איך געפין זיך אין געטאָ אָדער אין אושוויץ.

ד״ר מוקדוני ז״ל האָט געשריבן אין זיין פאָרוואָרט צו דעם בוך: „איך האָב געלייענט דאָס בוך אין כתב־יד, איך בין עטלעכע נעכט נישט געשלאָפן; אָבער איך וועל שוין קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגעסן אושוויץ. דעם גאַנצן גרויל פון אוישוויץ האָט איר אין דעם בוך. איר האָט דאָ דעם גרויל פון אַ מיליאָנען מאָרד (אין זיבעציק זייטן)״.

אברהם רייזען ז״ל האָט געזאָגט: „עס איז זיך אוממעגלעך פאָרצו־שטעלן וויפל איר האָט איבערגעלעבט ביים שאַפן די נאָוועלן אויב איר מאַכט דעם לייענער אַזויפיל דורכצולעבן״.

עס קומען אויפן זינען די לעגענדעס: (איך שטרייך אונטער, אַז איך גיי זיך חלילה וחס נישט פאַרגלייכן) — ווען מען האָט ר׳ אמנונען אָפּגעהאַקט די הענט און די פיס, האָט ער אין יסורים געשאַפן דעם „ונתנה תוקף״. אָדער, אַז אין די אינקוויזיציע־קאַמערן אין שפּאַניע איז געשאַפן געוואָרן „כל נדרי״ און אויך דער ניגון. דאָס פאָלק וויל וויזן דורך לעגענדע, אַז נאָר דורך יסורים און חבלי־לידה ווערן געשאַפן ווערטפולע ווערק.

נאָר דורך פערזענלעכעליידן און יסורים קענען געשאַפן ווערן שטאַרקע ווערק, וואָס מאַכן אויפציטערן, אויפטרייסלען דאָס געוויסן, לייטערן און דערהויבן.

***

איך האָב מיר געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אַרויסצוברענגען דאָס פינטעלע מענטש. די נצוצות פון קדושה אין דער יידישער נשמה און די שבת־קודשקייט פון דער יידישער פרוי, מאַן און קינד. זייער גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פאַרן מענטש — וואָס דאָס איז העכער ווי פאַר גאָט — אויס־לייזן יענעמס לעבן באַצאָלנדיק מיטן אייגענעם לעבן; און אַזוי זיינען געגאַנגען אויף קידוש השם (בעסער אויף קידוש המענטש) דער זיידע ר׳ אהרן:

ווען די דייטשן האָבן אים באַפוילן ער זאָל צושטעלן צען יידן צום הענגען, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט און איז אַליין געגאַנגען צו דער תליה; און זיין טאָכטער דבורה לאה: ווען מען געפינט אַ תנ״כל אין אושוויץ, כדי מען זאָל נישט באַשולדיקן אַנדערע פרויען, זאָגט זי: „די ביבל געהערט מיר!״ און זי ווערט באַשטראָפט און שפּעטער פאַלט זי פון קוילן, וואָס דער דייטש, ד״ר מענגעלע שיסט אין איר אַריין, ווייל זי וויל נישט אַוועקגעבן איר קינד צו טויטן. און דאָס אייניקל רבקהלע: שטעלט זיך אַליין צו צו די דייטשן גיין אין גאַז־קאַמער, כדי אויסצולייזן אַנדערע קינדער — דריי דורות אויף קידוש השם; — בעסער: אויף קידוש המענטש.

בכדי צו וויזן, אַז עס איז נאָך נישט אַלץ פאַרלוירן פאַר אונז יידן, האָב איך אַריינגעפלאָכטן אַן אויטענטישן פאַקט: ווען דבורה לאה ווערט געפייניקט פון דער יידישער זונה, די בלאָקן־עלטעסטע פריילין פאָלאַק, ווען יענע כאַפּט זי ביים ליכט־צינדן לכבוד שבת, שטעלט זיך איין פאַר איר

אַ פּאָלאַק, אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט און ער לייזט זי אויס פון דער שטראָף. דאָס איז אַ ליכטיקער שטראַל אין פינצטערן גיהנום — אוישוויץ.

איך האָב אויך נישט געוואָלט פאַרדעקן די יידישע פאַרעטער: די פּאָליציי, מוסרים, „קאַפּאָס", שטובן דינסט, זאָנדער, יודען־ראַטלער, פּאַרטיי־פירער־פאַרעטער און אַנדערע. איך האָב געוואָלט ווייזן, וואָס נאַציזם, וואָס יעדע מין דיקטאַטור איז פעאיק צו מאַכן פון מענטש און אויף וואָס פאַר אַן אופן ער טוט דאָס. איך האָב מיך אויך באַמיט אַרויסצוברענגען דעם בטחון, דאָס נישט פאַרלירן די האָפענונג און דאָס נישט פאַרלירן דעם גלויבן אינעם מענטש, אַז דאָך וועט די וועלט אויסגעלייזט ווערן.

*****

פאַראַן שרייבער וואָס זיינען דאָרטן נישט געווען און אַפילו וואָס זיינען דאָרט יאָ געווען, וואָס באַמיען זיך מיט אַלע כוחות צו פאַרלייקענען דעם אמת. — דאָס הייסט איבערצוגעבן פאַלש די קאַטאַסטראָפע. — זיי מיינען אַזוי אַרום וועלן זיי מער פאַרהייליקן דעם חורבן. זיי באַמיען זיך אָפּצולייקענען די אוממענטשלעכע טאַטן פון דעגענערירטע יידן, לגבי זייערע ברידער און שוועסטער. דאָס איז אַ פאַרברעכן! מיט דעם פאַרשווייכן זיי די קדושים; די תורה הקדושה האָט נישט מורא געהאַט צו דערציילן, אַז ווען יידן זיינען געווען קנעכט אין מצרים, זיינען איבער זיי די שוטרים און די נוגשים אויך געווען יידן. די תורה האָט גאָרנישט פאַרבאָרגן; און די נביאים האָבן דען פאַרשוויגן די עוולות, וואָס יידן זיינען באַגאַנגען לגבי יידן? וויל איך דאָ דערמאָנען:

מיין בן עיר און מיין מורה דרך, דער קדוש יצחק קאַצענעלסאָן ז"ל, דער וואָס האָט אָנגעשריבן דעם קינת איכה, פון חורבן שלישי א. נ. „דאָס ליד פונעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק", דערציילט אין פשוטע ווערטער — בלשון בני אדם:

איך האָב פון פענצטער־שויבן אַרויסגעקוקט, געזען
די שלעגער — אַ גאָט!
איך האָב באַטראַכט די שלעגער און די געשלאָגענע
באַטראַכט —
און האָב פאַרבראָכן מיט די הענט פאַר שאַנד...
אַ שאַנד און שפּאָט׳
מען האָט די יידן, אַך מיט יידן — מיינע יידן
אומגעבראַכט.
משומדים און ערב משומדים מיט שטיוול
גלאַנציקע אויף די פיס
און אין היטלען מיטן מגן דוד, ווי אַ האָקן קרייץ זיי
אויף די קעפּ,
און מיט אַ שפּראַך, אַ פרעמדע און אַ

פאַרגרייזטע אין מויל
און גראָב און מיאוס
האָבן זיי פון די וואוינונגען געשלעפט
אונז, געשליידערט פון דער טרעפ.

יצחק קאַצענעלסאָן פאַרלייקנט נישט דעם אמת. פונקט ווי ירמיהו, אין איכה, האָט נישט מורא געהאַט צו דערציילן, אַז בעתן חורבן ירושלים, האָט אַ מאַמע געבעך, צוליב דעם שרעקלעכן הונגער איר אייגן קינד אָפּ־געבראָטן און אויפגעגעסן. און דאָס איז אַן אמתער פאַקט: יוזעפוס פלאַוויוס דערציילט דאָס אויך אין זיין „יידישע מלחמות". ער גיט אַן דעם נאָמען פון דער מאַמען און דעם נאָמען פון דאָרף, וואו זי האָט געוואוינט.

און דאָך איז איכה פאַרהייליקט געוואָרן ביי יידן אויף אַזויפיל, אַז מען לייענט יעדן תשעה באב אין מקום קדוש. און יצחק קאַצענעלסאָנס „דאָס ליד פונעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק" איז שוין אויך געוואָרן אַ טראַדיציע צו לייענען אויף אזכרות. נאָר ירמיהו האָט געקענט אויסקלאָגן דעם חורבן ירושלים ווייל ער האָט אים אַליין מיטגעמאַכט און דאָס זעלבע איז מיטן חורבן שלישי;

אַצינד קומען שרייבער אַזעלכע, וואָס זיינען דאָרטן נישט געווען און האָבן דעמאָלט אויף זייערע נחלות געלעבט ווי גאָט אין אָדעס (ווען מען האָט אין גאַז־קאַמערן, קרעמאַטאָריעס און קאַלך־אויוונס, געמאָרדעט יידן צו פיר און צוואַנציק שעה אין מעת לעת) און זיי ווילן זיך פאַראייביקן אויף דעם גרעסטן חורבן וואָס האָט געטראָפן אונזער יידיש פאָלק. זיי זאָגן: „טאַקע דערפאַר ווייל מיר זיינען דאָרטן נישט געווען, שאַפן מיר די אמתע, גרויסע, קינסטלערישע ווערק פון דעם חורבן, קונסט פאַרלאַנגט דאָך דיסטאַנץ"; זיי לוינט זיך נישט צו אָנערקענען, אַז נאָר אין מיט פון גיהנום האָבן געקענט געשאַפן ווערן גרויסע ווערק. פאַר אַ ביישפּיל קען דינען „דאָס ליד פונעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק" פון יצחק קאַצענעלסאָן ז"ל, וואָס ער האָט גע־שאַפן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער און באַגראָבן אונטער דער ערד אין פלעשער. אַזוי אויך הירש גליקס, מרדכי געבירטיגס לידער א. אַנד.; די גרעסטע מניעה איז די מענטשלעכע שוואַכקייט: קנאה און קנאה ברענגט שנאה; די געשיכטע פון יידישן פאָלק איז אַ קייט, וואָס איר יעדער רינג איז חורבן. פאַראייביקן זיך די טאַלאַנטפולע יידישע שרייבער די וואָס האָבן אַליין דורכגעמאַכט אַ חורבן. און די שרייבער, וואָס זיינען דאָרטן נישט געווען, ווילן זיך אויך פאַראייביקן דורכן חורבן. דערפאַר איז אַזוי גרויס די קנאה שנאה; און זיי רייסן זיך צו לייענען זייערע לידער אויף אזכרות, וואו די פאָליטישנס־מיטלמעסיקייטן, לאָדן זיי איין. אזכרות וואו מען פאַרשעמט די קדושים;

האָט שוין ווער געזען: אינעם תשעה באב, זאָלן יידן קלאָגן אויפן חורבן בית המקדש מיט האַלטן ספּיטשעס, אָדער פאַרלייענען לידער? מען זאָגט איכה פון בעל מקונן, וואָס האָט אַליין מיטגעמאַכט דעם חורבן;

ד"ר היינריך גרעץ, מחבר פון „געשיכטע פון יידישן פאָלק", האָט צו

ערשט אָנגעשריבן און פֿאַרעפֿנטלעכט די בענד דרײַ ביז עלף. די ערשטע צוויי בענד פֿון יהושע ביז יהודה המכבי, האָט ער ערשט אָנגעשריבן ווען ער האָט ספּעציעל וועגן דעם באַזוכט ארץ ישראל און זיך גוט באַקענט מיטן לאַנד.

ווען יהואש האָט שוין געפֿילט, — נאָך יאָרן צוגרייטן זיך — אַז ער איז שוין ראוי איבערצוזעצן דעם תנ״ך אין יידיש איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין ארץ ישראל בכדי דאָרטן זיך אײַנלעבן אין דער גאַנצער תנ״ך סביבה. קיין איינער פֿון די דיכטער, וואָס האָט נישט מיטגעמאַכט דעם חורבן אונטער די נאַציס און האָלט זיך פֿאַר דעם אמתן מקונן פֿון חורבן שלישי, האָט זיך נישט מטריח געווען נאָך דער מלחמה אַרײַנצופֿאָרן קיין פּוילן כדי כאָטש זיך אײַנצולעבן אין די מקומות פֿון די געוועזענע געטאָס און אויסשוויצס וועגן וועלכע זיי שרײַבן;

דער קלאַסיקער אברהם רייזען ז״ל האָט מיר געזאָגט: „איך האָב אַלץ געלייענט, וואָס עס איז דערשינען וועגן חורבן. איך בין קיין נעכט נישט געשלאָפֿן, מיך האָט דער חורבן צעבראָכן. עס האָט מיך געצויגן צו דער פֿעדער, אָבער איך האָב מיך נישט געוואַגט עפּעס אָנצושרײַבן, ווײַל איך בין דאָרטן נישט געווען״.

אברהם רייזען האָט געזען דעם פּוילישן דאָקומענטאַלן פֿילם, „דער לעצטער עטאַפּ״, וועגן אוישוויץ. ער איז אַזוי גערירט געוואָרן, אַז ער האָט אַזש באַקומען אַ בלוט שטורץ. דאָך האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן — נישט געשריבן. עס קאָן אויך זײַן אַז ער האָט געוואוסט, אַז די שרײַבעכצער וועגן חורבן פֿון די וועלכע זײַנען דאָרטן נישט געווען, האָבן אַזאַ ווערט, ווי אָראָפּגעפֿאַלענע בלעטער אין האַרבסט; און דאָס איז אפֿשר געווען איינע פֿון די סיבות, וואָס האָט אים צוריקגעהאַלטן פֿון שרײַבן וועגן חורבן. וואָרום אברהם רייזען איז געווען זייער קלוג. נאָר געציילטע לידער פֿון געציילטע דיכטער, וואָס זײַנען דאָרטן נישט געווען האָבן אַ ווערט.

מען האָט אין אַן אינטערוויו געפֿרעגט יצחק באַשעוויסן — דער אָנערקענטסטער שרײַבער אין אונדזער צייט — „פֿאַרוואָס שרײַבט איר נישט וועגן יידישן חורבן אונטער די נאַציס?״ האָט ער געענטפֿערט: „איך האָב נישט קיין רעכט צו שרײַבן, ווײַל איך בין דאָרטן נישט געווען״.

יאָ, אַצינד קומען שרײַבער, וואָס זײַנען דאָרטן נישט געווען, ווײַל זיי האָבן פֿאַרכאַפּט פּאָזיציעס, דיקטירן זיי: וואָס מען מעג יאָ שרײַבן און וואָס מען טאָר נישט דערציילן וועגן חורבן. זיי פֿאַרשרײַבן רעצעפּטן, ווי אַזוי צו שרײַבן. ווײַל מען נישט פֿאַרלייקענען דעם אמת, זאָגן זיי: „דאָס איז נישט קיין אהבת ישראל״. לאָזט מיך שוין אָפּ מיט אַזעלכע „אהבת ישראלניקעס״!

די ערשטע, וואָס האָט פֿאַרבראַקירט „אַ קאַץ אין געטאָ״, איז געווען „די צוקונפֿט״, צענטראַל אָרגאַן פֿון דער יידישער ליטעראַטור. דער ענטפֿער פֿון נאַציאָנאַלן דיכטער, וואָס האָט נישט צוגעלאָזט דרוקן איז געווען: „ווײַל איר שילדערט צוויי קלאַסן״. ד. ה. אונטערדריקער און אונטערדריקטע. דער „יודען ראַט״, האָט אויף דעם באַפֿעל פֿון די דײַטשן אײַנגעשטעלט פֿון אַן

ערך צען פּראָצענט יידן, אַן עליטע און די רעשט פּאַריער. פּעלשן די געשיכטע טאָר מען נישט, קען מען נישט; אויך מיט מיין „אויף קידוש השם", בין איך געלאָפן צו אַלע רעדאַקציעס און אַלע האָבן געגעבן איין ענטפער: „ס'איז צו שווידערלעך!" גלייך דאָס יידישע פּאָלק וואָלט נאָך גאָר שולדיק געווען פאַר דעם וואָס עס האָט אַזויפיל געליטן; איין רעדאַקטאָר האָט מיך אָנגעשריגן: „וואָס קדושה ברענגט איר מיר?! ברענגט מיר זנות!" „דאָס איז דאָס לעבן פון יידישן פאָלק..." האָב איך געענטפערט. „וואָס פאָלק? — איז ער אַריינגעפאַלן אין מיינע רייד — פאָלק דאָס בין איך! איך בין דאָס פאָלק!"

די נביאים זיינען געגאַנגען קעגן די פּאָליטיקער, — ווייל פּאָליטיק פאַרגוואַלדיקט דאָס געוויסן — קעגן די אויסנוצערס און אונטערדריקער. זיי האָבן נישט מאַנעוורירט מיט ווערטער. אונזערע קלאַסיקער האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די באַעוולטע. מענדעלע האָט אַראָפּגעריסן די מאַסקעס: פון די גבאים, גבירים, בעלי טאַקסיס — די כלומרשטע קהלשע פּאַרזאָרגערס; דערפאַר האָבן זיי אים גערודפט און ער איז געצוואונגען געווען צו אַנטלויפן פון בערדיטשעוו; דאָס איז דער ריכטיקער וועג פון יעדן געוויסנהאַפטן שרייבער — ביי יעדן פאָלק;

אַ סך היינטיקע שרייבער, האָבן פאַרקויפט זייערע פעדערס — האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין וואָגן און פירן די בעלי טאַקסים. זיי נעמען אָרדערס פון זייערע באַסעס, וואָס צו שרייבן. זיי שפּייזן דאָס פאָלק מיט שקר. פּאַסן זיך צו, מאַניפּולירן אַזוי מיט דער פעדער און מיט דער צונג, שפּילן אַזוי כדי דאָס פאָלק זאָל מיינען, אַז זיי זיינען זיין געוויסן שרייבן שונד פּאָרנאָגראַפיע, פּערווערזיע וועגן יידן, כדי נושא חן זיין ביי די גוים; „די יידישע ליטעראַטור דאַרף זיין: די צונג און ס'געוויסן פון אַ געיאָגט און אַ געפּייניקט פאָלק", זאָגט י. ל. פּרץ. די יידישע ליטעראַטור דאַרף אויך זיין דער המשך פון אונזערע וואָרצלען — פון תנ"ך און תלמוד.

קונסט איז נישט בלויז עסטעטיק. קונסט איז עסטעטיק און מאָראַל — איבערהויפּט יידישע קונסט; ביי אונז יידן פרעגט מען: מאַי קא משמע לן? ביי אונז יידן איז נישטאָ קיין קונסט לשם קונסט, ווייל דאָס לערנט גאָרנישט. אַ בלום איז נישט בלויז שיין פאַרן אויג, זי גיט אויך אָן אָנגענעם דופט, וואָס איז מחיה און אויך האָניק פאַר דער בין; די גריכן האָבן געהאַלטן פון שיינקייט, אָבער מיר יידן האָבן געהאַלטן און האַלטן פון שיינקייט געפּאָרט מיט מאָראַל; מיר האָבן דאָך געהאַלטן פון מוסר, זיינען דאָך אונזערע נביאים סאַמע מוסר; וואָס קען שוין אַ מענטש אויסוואַקסן אויב ער האָט גאָרנישט געלערנט מיט מוסר?

דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דאָ אַרומגערעדט האָט מיר מיין אינטואיציע דיקטירט ביים שרייבן וועגן חורבן שלישי, וואָס איך אַליין האָב מיטגעמאַכט. איך האָב נאָר געוואָלט אויפשרייבן דאָקומענטן — אויף מיין אייגענעם אופן, — וואָס זאָלן אויפטרייסלען דעם לייענער. קונסט לשם קונסט, מאָדערנע

„קונסט", אָדער כלומרשטע „קונסט" — זאָלן זיך מיט דעם שפּילן די שרייבער, וואָס שרייבן וועגן חורבן, וואָס זיינען דאָרטן נישט געווען.

איך בין זיכער, אַז מיינע ווערק זיינען נישט ריין פון פעלערן, נישט פאַראַן קיין פערפעקטע שאַפונג; אַפילו גאָטס ווערק — די וועלט, איז אויך נישט פערפעקט; אַזוי איז אויך די קרוין פון זיינע באַשעפענישן — דער מענטש.

אויב איך האָב כאָטש דערגרייכט אַ טייל פון דעם, וואָס איך האָב דאָ אַרומגערעדט — איז מיין אַרבעט נישט געווען אומזיסט ביים אויספירן מיין שליחות.

אינהאַלט

געשיכטע אין א קינסטלערישער פאָרם	5
„כעמישע אָפּפאַל פערוועדטונג" („רעסאָרט 76)	9
אין דער „פּאַרטיערניע"	14
די „גנבה"	22
אויפן מארק	28
יאַנקעלע דער פאָלקסזינגער	34
עלעקטרע אין געטאָ	40
„שפּערע"	45
אין די טעג פון פחד און קדושה	53
„זאָנדער" פאָליציי	57
חבר גוסטאַוו	61
די טעפּיך־פאַבריק	65
אין טירצוכט	84
ליטעראַטן אין געטאָ	90
דער גאָספּאָדאַזש	99
דער „באַנקעט"	107
קינסטלער אין געטאָ	120
ליסטעס	128
א ליטעראַרישער אָוונט מיט יתומים	134
אין יתומים הויז	139
פאַרצווייפלונג	145
גבורה און קדושה	151
דער פאַרטיער עידעלמאַן	158
פאַרוואָס האָסטו אונדז געשיקט צום טויט?	162
דער לעצטער וועג	169
בא די באַן רעלסן אין אוישוויץ	177
מיין קרעדאָ	186